STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01866

RIZN UN KARLIKES UNTER EYN DAKH

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ריזן און קאַרליקעס
אונטער איין דאַך

י. ראַפּאָפּאָרט

ריזן און קאַרליקעס
אונטער איין דאַך

עסייען

מעלבורן, אויסטראַליע
1969

O. Rapoport

GIANTS AND DWARFS UNDER THE SAME ROOF

Melbourne, Australia
1969

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון הערשל און אַנקע באַכראַך

E. H. GIBBS & SONS — PRINTERS — 19 NIAGARA LANE, MELBOURNE

אינהאַלט

אַריינפיר: וועט דער ייד בלייבן גאַנץ 7

געקליבענע עסייען

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דובנאָווס פערזענלעכקייט . . . 12
די ראָל פון געשיכטע אין דער נאַציאָנאַלער דערציאונג . . . 23
ש. אַנסקיס גרעסט ווערק — זיין לעבן 30
לא על הלחם לבדו יחיה האדם 41
היסטאָריאָזאָפישע בעלעטריסטיק 47
אַ טראַגיש און פּאַטעטיש בוך 56
אברהם קריבס אַ פּאָעמע 63
פון דער השכלה ביז יעקב גלאַטשטיינען 66
איז שונד אַבסאָלוט שעדלעך? 78
צוויי זענען געשטאָרבן 88
סעסיל ראָטס קאַלטבלוטיקער טויט־אורטייל 99
נ. ב. מינקאָווס דיכטונג 109
שותפים נאָר צום היזק 134
די גיפטיקע פרוכט פון זעלבסטהאַס אָדער על טהרת
הקלאַסנקאַמף 137
אַ סטימולירנדיק און דענערווירנדיק בוך 142
נאָטיצן וועגן א. גאָלאָמבס „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער” . 147
נאָטיצן פון אַ נישט־דערשריבענעם און פאַרלוירענעם בוך . 157
אַ טיף פּראָזע־בוך פון ה. לייוויק 179
צו דער פסיכאָלאָגיע פון אבערגלויבן 186
אויף שבת אַהיים 196
די טראַגעדיע פון געטאָ 207

ווידער וועגן שיילאָקן 212
אַ רעוויזיע פון אַ רעוויזיע 218
איציק מאַנגער 224
דאָס בעסטע ליד מאַנגערס 239
אַ בוך מיט זיבן מעלות 242

אין פינטל אַריין

דער פּרעמיעס־סעזאָן 251
צי דערפילט אונדזער קריטיק איר אויפגאַבע 259
אוראַלט און היפּער־מאָדערן 264
אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש 267
אַ טשעקאַווסקע ליד 273
בלינדע ענטוזיאַסטן 277
סאָציאַליסטישער רעאַליזם נישט נאָר אין דער ליטעראַטור . . 283
ווער וועט אים רעהאַביליטירן פון זיין רעהאַביליטאַציע ? . . 286
שהחינו ! 288
דאָס דאַרף מען באַגריסן 294
דער נביא פון העצערישער קאָעקזיסטענץ 297
די טראַגעדיע פון יידישן שרייבער 299
זשאַן זשאַק רוסאָ און די טאָטאַליטאַרע מלוכה 303
זשאַבאָטינסקי אין מיין לעבן 309
טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד 317
שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך 319
אין נאָמען פון הויכע פּרינציפּן 321
דיכטונג איז דעם מענטשנס אַ פּסיכישע נויטווענדיקייט . . . 322
אַ האַלבער אמת — איז אַ גאַנצער ליגן 324
אַ מעשה מיט אַ מוסר־השכל 328
„פאָלקס־ראָמאַנען" 331
נאָכוואָרט 333

אַ ר יי נ פ י ר

וועט דער ייד בלייבן גאַנץ?
(אַנשטאָט אַ פאָררעדע)

(פון אַ רעדע געהאַלטן אויפן באַנקעט אין מעלבורן
צו מיין אַלט ווערן זעכציק יאָר)

חשובע פריינד!

איך קאָן באמת נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר האָט מיר געמאַכט אַ באַנקעט לכבוד מיין אַלט ווערן זעכציק יאָר; נאָך יענער „באַרימטער" רעדע מיינער אויפן באַנקעט לכבוד מיין 35־יאָריקער ליטעראַרישער אַרבעט, האָב איך געמיינט, אַז פאַר באַנקעטן דאַרף איך שוין נישט מורא האָבן...

אמת, איך פערזענלעך האָב אין מיין רעדע נישט געקאָנט זען קיין שום באַליידיקונג פאַרן עולם, וואָס איז מיר געקומען באַערן און ער האָט דערביי אַריינגעכאַפּט אַ פעטע פאַרציע מוסר; אדרבא, לויט מיר האָב איך דעם עולם אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן צוטרוי — און במילא אויך אַכטונג — דערמיט, וואָס איך בין געווען מיט אים אָפנהאַרציק, דורך אויפדעקן פאַר אים דאָס גאַנצע האַרץ (איך האָב נישט געוואָלט פּראַקטיצירן די פיל פּראַקטיצירטע זינד פון „אחד בפה ואחד בלב"); דאָס איז דאָך אָבער לויט מיר; לויט אייך איז דאָך געווען אַנדערש: איר האָט דאָס געהאַלטן פאַר טאַקטלאָז, פאַר באַליידיקנדיק: אויף אַ באַנקעט אַ מוסר־רעדע! און נאָך וואָס פאַר אַ רעדע!!! . . .

פאַרשטיי איך טאַקע נישט פאַרוואָס איר קענט נישט נאָכקומען מיין אויפריכטיקסטן פאַרלאַנג נישט צו דאַרפן ווייטער האַלטן אַ באַנקעט־רעדע, פון וועלכער איך קאָן אַ מאָל ווידער ווייט פאַרבלאָנדזשען...

סיידן איר האָט דאָס געטאָן מיט אַ כיוון: ווייזן מיר באַשיינפערלעך דאָס, וואָס איך ווייס שוין סיי־ווי־סיי פון לאַנג: אַז איר הערט מיך ווי אין טראָק...

מיינע ליבע, ווידערשפעניקע פריינד!

עס איז אין היינטיקן יאָרצענדליק שווער פאַר אַ יידן צו באַנ־קעטעווען; עס ליגט אַזאַ לאַסט אויפן יידישן מענטשן: די לאַגע פון ישראל אין דער נעץ פון דער קאַלטער מלחמה־פּאָליטיק; די לאַגע פון די פאָר מיליאָן יידן אין רוסלאַנד און אין אירע סאַטעליטן, — אַלע דאָרטיקע יידן זענען מיינע נאָענטע, ווייל איך האָב דאָרט קיינעם נישט וואָס זאָל דורך פּערזענלעכער נאָענטקייט פאַר מיר פאַרשטעלן דעם יידישן כלל; איך זע זיי אַלע אין זייער דערנידעריקונג און אין זייער פיזישער און גייסטיקער פּיין; איך זע אַפילו כסדר יענע פרעמד־שטאַמיקע פרוי (וועגן וועמעס גורל איך האָב געלייענט), וועלכע גייט אין גלות־פאַרשיקונג, ווייל מען האָט זי געכאַפּט אין גאַס, גייענדיק פון איר קאָנסולאַט־שטעלע און מען האָט זי פאַרשיקט אין אומגליק אַריין, אין שאַנד אַריין, אָן גאָרנישט פאַר אַ טרייסט, אַפילו אָן אַ שפּראַך אין מויל, עמעצער זאָל כאָטש פאַרשטיין אַמאָל איר וויי־געשריי...

איך קאָן זי נישט און וויל זי נישט פאַרגעסן, זי — די פרעמדע אַרום און אַרום...

וועט איר מיר אפשר פרעגן וואָס זי גייט מיר אָן, אָט די אומ־באַקאַנטע, וואָס איך האָב זי קיין מאָל נישט געזען, וואָס ביז נישט לאַנג צוריק האָב איך אַפילו נישט געוווסט וועגן איר עקזיסטענץ, — זי איז דאָך נישט קיין יידישקע?

וואָלט איך אייך דערויף געקאָנט ענטפערן, אַז זי איז אַ מענטש — און במילא האָט זי אַ שייכות צו יידן — זי איז אונדזער אָדם הראשונס אַ קרובה; אָבער איך וויל אַזוי נישט ענטפערן; איך וויל ענטפערן, אַז זי איז אַ געפּייניקטע, און אין יעדן געפּייניקטן זעט דער ייד זיך; מען האָט אונדז אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז מיר זענען געוואָרן אַלערגיש צו פּיין; ווען אַן עכטער ייד (לויטן האַרץ) זעט ווי מען פּייניקט עמעצן, פילט ער מיט זיין אויסגעשאַרפטן חוש פון אַ קרבן, אַז אָט־אָט פּאַקט מען אים אויך, ווייל יעדער פּייניקער אויף דער וועלט ווענדט זיך סוף כל סוף (אויב שוין נישט ראשית כל) קעגן אים, דעם יידן, דעם געוויסן־רייצער פון דער וועלט, דעם אָפט דונערנדיקן אָבער נאָך אָפטער דעם שטום־באַרעדעוודיקן פּאָרוואורף פאַר אַלע מענטש־שענדער, מענטש־פאַררעטער...

* * *

די פראַגע, וואָס מאַטערט היינט צום מערסטן, וואָס דאַרף מאַ־

טערן היינט צום מערסטן דעם ייד ווי דעם מענטש, איז פֿאָלגנדיקע: צי וועט דער מענטש אַרויסגיין גאַנץ? צי וועט דער ייד אַרויסגיין גאַנץ?

ווי אין די דרייסיקער יאָרן, זענען אויך היינט די יידישע הימלען, ווי די הימלען פון מענטשן בכלל, פֿאַרצויגן מיט די שווערסטע וואָלקנס, נאָך אפשר שווערערע ווי דאַן, ווייל דער משחית איז היינט נישט ווייניקער געוויסנלאָז ווי דאַן, אָבער דערביי מעכטיקער ווי דאַן.

מען רעדט אַ סך וועגן דער גרויסער געפֿאַר פֿאַר דער פיזישער צוקונפֿט פון דער מענטשהייט מצד דער ה־באָמבע; אָבער מען רעדט צו ווייניק וועגן דער גרויסער גייסטיק־מאָראַלישער געפֿאַר וואָס עס דראָט דער מענטשהייט מצד דעם זיגרייכן קאָמוניזם, וואָס וויל פֿאַר־ניכטן דער עיקר נישט אַזוי דעם פיזישן מענטשן (פֿאַר דעם שרעקט ער זיך אויך נישט אָפּ...), ווי דעם מענטשן אינעם מענטשן, דעם מענטשן ווי אַ מאָראַליש־גייסטיקע באַשעפעניש.

אין מינוטן פון פֿאַרצווייפֿלונג, ווען מען פֿאַרלירט דעם גלויבן און עס נעמט זיך דאַכטן, אַז דער מענטש וועט פון דאָזיקן משחית נישט אַרויסגיין גאַנץ, האָב איך אַ געפֿיל, אַז שוין בעסער די פּער־ספּעקטיוו פון אומקום דורך אַ ה־באָמבע, ווי די שוידערלעכע פּער־ספּעקטיוו פון אַ וועלט אין וועלכער דער מענטש וועט מער נישט זיין קיין מענטש, נאָר אַ ראָבאָט, אַ גולם אין די הענט פון אַ וועלט־דיקטאַטאָר.

האָט דאָך אויך דער אייבערשטער אַמאָל־אַמאָל, אין אַ מאָמענט פון פֿאַרצווייפֿלען אין מענטשן, געבראַכט אויף אים אַ מבול (דאַן איז נאָך די ה־באָמבע נישט געווען)...

אָבער אין אַזעלכע מינוטן פון פֿאַרצווייפֿלונג, ווען מען וויל זיך נישט טרייסטן מיט ביליקן אָפּטימיזם, זוך איך טרייסט אין תנ״ך, אין דער יידישער געשיכטע, אין דער מענטשלעכער געשיכטע בכלל, ווי אויך — איך בין מודה מיין שוואַכקייט — אין מיינע אַרטיקלען פון אַמאָל, ווען איך האָב נאָך געגלייבט באמונה שלימה, אַז „דער מענטש וועט בלייבן גאַנץ״*). און איך ווייס אין אַזעלכע מאָמענטן,

---

*) אַן אַלוזיע אויף מיין לעצטן אַרטיקל אין מיין בוך „אויס־געריסענע בלעטער״ — אַן אַרטיקל, וואָס איך האָב אים פֿאַרגע־לייענט אויפֿן באַנקעט ווי אַן אַריינפֿיר צו מיין רעדע.

אַז געראכט בין איך געווען דאַן, נישט איצט, ווען דער גלויבן איז געוואָרן ביי מיר אַזוי וואַקלדיק.

דאָס געשאַפענע איז על פּי רוב שטאַרקער און גרעסער פאַרן שעפער, ווייל קען אין אַ געוויסן מאָמענט זען און זאָגן דעם אמת, אָבער אין אַ מינוט אַרום קאָן ער אים, דעם אמת, פאַרלירן, נישט זיין דערוואַקסן צו אים. און איך קלאָמער זיך אין מיין גלויבן פון אַמאָל, אין דעם גלויבן פון די נביאים, אין דעם גלויבן וואָס עס גיט די געשיכטע (באַזונדערס די יידישע), אַז מעג דער מענטש ווי לאַנג און ראַפינירט געפּייניקט ווערן, קומט תמיד אַ מאָמענט, ווען דער מענטש רייסט זיך אַרויס ווי אַן אונטערערדישער אָדער אַ פאַרשאָטענער קוואַל, און מען דערזעט אַז ער איז געבליבן גאַנץ.

צי געדענקט איר ווי פּרעה האָט געהייסן אומברענגען אַלע יידישע יינגלעך, כדי דער יידישער באַפרייער זאָל נישט קאָנען אויס־וואַקסן? און דאָך איז פון זיין אייגענעם פּאַלאַץ געקומען די ישועה, דער יידישער באַפרייער איז אויפגעהיט געוואָרן דורך פּרעהס איי־גענעם זאָמען און איז אויסגעוואָקסן אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ.

און ווען פּרעה וואָלט טאַקע געווען באַוויזן צו פאַרניכטן אַלע יידישע יינגלעך, בין איך אָפּט זיכער, אַז עס וואָלט דאַן געווען גע־בוירן געוואָרן אַ דבורה הנביאה, וואָס זי וואָלט געווען אויסגעלייזט די יידן פון מצרישן יאָך אַנשטאָט משהן...

און דאָס וואָס געשעט מיטן מענטשן אין דער געשיכטע, גע־שעט אויך מיטן ייד, וואָס איז, ווען ער געפינט זיך אויף אַ הויכער מדרגה, דער בעסטער שלימותדיקסטער מענטש.

איך וויל נישט מען זאָל מיך שלעכט פאַרשטיין: נישט אַ יעדער ייד איז דער בעסטער מענטש, אָבער דער עכטער ייד, בין איך זיכער, דערגרייכט די עכטסטע מדרגה פון מענטשלעכקייט, וואָס איז ווען דערגרייכט געוואָרן אין דער געשיכטע דורך אַ מאָסע.

און עס איז זיך נישט מעגלעך פאָרצושטעלן (סיידן די געשיכטע איז זינלאָז דורך און דורך), אַז אַזאַ גייסטיקע קראַפט ווי די וואָס איז אַקומולירט געוואָרן אינעם יידנטום, זאָל קאָנען אויסגעראָטן ווערן פולשטענדיק.

געוויס האָבן מיר נישט היינט דעם מסירת נפש פון אַמאָל — צוליב אַ סך סיבות איז אונדזער יידישער מסירת נפש אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נישט אין קיין קליינער מאָס צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אים, אין דער ליבעראַלערער צייט, אָפּט (גאָט צו דאַנקען) אויפגע־

הערט אַזוי פיל צו איבן. דאָך זענען דאָ טרייסטנדיקע סימנים, אַז מיר זענען נישט נאָר בייגעשטאַנען די נסיונות פונעם אַמאָליקן מיטל־אַלטער, נאָר אַז מיר וועלן אויך בייקומען דעם מיטלאַלטער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר קאָנען האָבן אונדזער מיינונג וועגן אַ סך מעשים פון „אירגון", אָבער נאָר בלינדע וועלן נישט זען אַז די דוב גרונערס זיינע האָבן פאַרמאָגט דעם עכטן יידישן מסירת נפש, דעם עכטן קידוש־השם־גייסט; און דאָס האָבן אויך פאַרמאָגט די געטאָ־קעמפער, און אַרטור זיגעלבוים, און די אַסימילירטע אונגאַרישע מיידל, די וווּנדערבאַרע חנה סענעש, אין וועלכער עס איז אומגעריכט, ווי אויף אַ מיסטעריעזן אופן, ווי אין אַ רעצידיוו פון דער געשיכטע, אויפגעקומען דער עכטער יידישער קידוש־השם.

און קידוש־השם איז דאָ אויך אין טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען פון יידישן לעבן, ווי דאָס איז דער לאָגיש כלומרשט נוצלאָזער קאַמף מיט אַסימילאַציע דורך עטלעכע שעה אַ וואָך יידישע שולע, פאַר וועלכער אַזוי פיל לערער און טוער זענען זיך מוסר נפש אויף אַ נישט דראַמאַטישן, אָבער פאָרט אויף אַן עכט־יידישן אופן — פאַרן פיצעלע גייסט.

* * *

איך וויל קיינעם נישט טרייסטן — און זיך אַוודאי נישט — מיט ביליקן אָפּטימיזם; אָבער נאָר ווען מען גלייבט אין דעם, אַז דער מענטש וועט אויך דאָס מאָל אַרויסגיין גאַנץ, אַז דער ייד וועט אויך דאָס מאָל אַרויסגיין גאַנץ, באַקומט דאָס לעבן, און דער קאַמף אין אים, און די ליידן אין אים, אַ זין, אַ הייליקן זין.

און אויפהיטן אין הייטיקער גרויזאַמער צייט (ווען אַ טייל יידן אַפילו באַרעכטיקן מענטש־ און יידיש־פאַרניכטונג, ווייל זייער געטש, דער דיאַלעקטישער מולך באַפעלט עס זיי) אָט דעם גלויבן איז די אויפגאַבע פון יידישן שרייבער; בלויז דאָס גיט אַ זין זיין אַרבעט, זיין וואָרט, זיינע ליידן, זיינע פרייוויליקע גרויסע און קליינע קרבנות; און אויך איך באַמי זיך דאָס צו טאָן, ווי שווער דאָס זאָל היינט נישט זיין.

איך קלאַמער זיך אין די לעצטע ברעקלעך גלויבן, איך באַמי זיך זיי צו שטאַרקן, ווייל אָן דעם איז נישט ווערט צו לעבן נישט נאָר קיין צווייטע זעכציק יאָר, נאָר אַפילו נישט קיין איין מינוט...

געקליבענע עסייען

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דובנאָווס פערזענלעכקייט

אַריינפיר

ווי עס פּאַסט פאַר אַ היסטאָריקער, האָט דובנאָוו זיין אויטאָביאָגראַפיע אויפגעבויט נישט אויף זכרונות, באַזירט אויפן זכרון, וואָס קאָן פאַרפירן, נאָר אויף טאָג־ביכער, וואָס היטן אָפּ אומגעפעלשט, אויפן הייסן מאָמענט, די פּינקטלעכקייט פון די געשעענישן און די פרישקייט פונעם רעאַגירן אויף זיי.

דובנאָוו האָט געפירט טאָג־ביכער כמעט זיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן. און ווען ער האָט באַשלאָסן צו שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָט ער זי באַזירט אויף זיינע טאָג־ביכער. און די דאָזיקע שטעלן פון די טאָג־ביכער, וואָס זענען דער פונדאַמענט פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלן וואַרשיינלעך בלייבן דובנאָווס איינציקע טאָג־בוך־שטעלן וואָס וועלן דערגיין צו די קומענדיקע דורות, ווייל אין ריגע, ווו דער גרויסער יידישער היסטאָריקער האָט זיך באַזעצט, נאָכן אַנטלויפן פון היטלערס בערלין, האָבן אים די נאַציס אָנגעיאָגט און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין גאַנצן אַרכיוו — די טאָג־ביכער פון אַ גאַנצן לעבן אַריינגערעכנט.

די פאַרבליבענע טאָג־בוך־נאָטיצן, וואָס בילדן דעם רוקנביין פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, זענען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דובנאָווס פערזענלעכקייט, וואָס איז נישט געווען אַזוי ראַציאָנאַליסטיש גלאַט און איין־ליניעדיק, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן אויפן סמך פון זיינע פּובליציסטישע ווערק. די טאָג־ביכער ווייזן אונדז, אַז מיר האָבן אין דובנאָוון געהאַט אַ רייכע, פילסטרוניקע פערזענלעכקייט, אָפּט אַפילו אַ סתירותדיקע.

ווי דובנאָוו האָט דורכגעליטן די יידישע ליידן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה! וויפל צער און צאָרן די באַטרעפנדיקע נאָטיצן

פאַרמאָגן אין זיך! און מיט וואָסער מוט ער האָט געקעמפט פאַר אַ מענטשלעך־ווירדיקן, יידישן, פּאָליטישן קאַמף קעגן די עוולות, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געטאָן יידן. מיט וואָסער שטאָלץ ער האָט דעם דאָזיקן קאַמף געפירט צווישן די יידישע פּאָליטישע טוער, קעגן די יידישע פּאָליטישע טוער! און מיט וואָסער פייער! ער איז אָפט געווען נישט קיין קאַלטער היסטאָריקער, נישט קיין פּאָליטי־קער, נאָר אַ שפּראָץ פון די נביאים.

עס קאָן זיך ענדערן מיט דער צייט די מיינונג, די אָפּשאַצונג וועגן דובנאָווס געשיכטע (סוף כל סוף יעדער דור פון אַ פאָלק שרייבט אויפסניי זיין געשיכטע, ער מוז זי רעווידירן דורך זיינע אויגן, דורך זיין וועלט־באַנעם), אָבער די אַלגעמיינע מיינונג וועגן זיין פּובליציסטישער טעטיקייט, וועגן זיין גליענדיקער ליבע צו זיין געפּייניקטן פאָלק וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן כל זמן עס וועט זיין אַ יידיש פאָלק, וואָס וועט לייענען די אויסצוגן פון זיינע טאָג־ביכער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. ווי בולט עס קומט אין זיי צום אויסדרוק זיין יידישער שטאָלץ, זיין יידישער צאָרן, זיין יידישער וויטיק, זיין גרויס יידיש האַרץ און זיין גרויסער מענטשלעכער מוט.

איך וויל אין מיינע נאָטיצן בלויז באַרירן אָט די פאַסצינירנ־דיקע טעמעס, וואָס וועלן אַמאָל דאַרפן צעאַקערט ווערן טיפער און ברייטער דורך די צוקונפטיקע דובנאָוו־ביאָגראַפן.

א. צי איז געשיכטע אַ וויסנשאַפט?...

די פראַגע צי איז געשיכטע אַ וויסנשאַפט אָדער נישט, איז נישט קיין בלויז טעאָרעטישער פּלפּול — זי האָט אַ פּראַקטישן ווערט.

די געפערלעכע משוגעת פון „וויסנשאַפטלעכן" סאָציאַליזם באַ־זירט אין גרעסטן טייל אויפן גלויבן, אַז געשיכטע איז וויסנשאַפט, וואָס אַ דאַנק איר קאָן מען פאָראויסזען געשעענישן, דעם גאַנג פון דער געשיכטע. און אויב אַ פּראָפעסאָר „ווייזט אויף" אַז די געשיכטע מוז גיין אין אַ געוויסער ריכטונג, איז אַ מצווה צו שטופן זי אין אָט דער ריכטונג, מעג דאָס אַפילו פירן צום גרעסטן חורבן: ווער וויל זיך דאָס קעגנשטעלן דעם אומפאַרמיידלעכן געשיכטלעכן גאַנג?

ש. דובנאָוו איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער „וויסנ־שאַפט" וואָס הייסט „געשיכטע" (הגם ביי אים איז דאָס נישט געווען

געבונדן מיט דער געפערלעכער משוגעת פון „דיאַלעקטישן מאַטער־יאַליזם"). איז טאַקע אינטערעסאַנט צו זען, וויפל מאָל דער גרויסער באַשרייבער און אויסטייטשער פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האַלט אַזוי שטאַרק פון דער וויסנשאַפטלעכקייט פון זיין שעפערישער פובלי־ציסטיק, פאַלט דורך אין זיין פאַראויסזען די צוקונפט. לאָמיר נעמען דעם ערשטן בעסטן ביישפיל. אָט שרייבט דובנאָוו אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע: „אויב מען וועט מיר געבן דאָס רעכט אויף עמיגראַציע (פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. — י. ר.), האָב איך בדעה מנדב צו זיין מיין ביבליאָטעק און אַרכיוו נישט דער היגער היסטאָרישער געזעלשאַפט (אין לענינגראַד. — י. ר.), וואָס איר עקזיסטענץ איז ספקדיק, נאָר דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע, פאַרן צוקונפ־טיקן יידישן אוניווערסיטעט. די ביכער און כתב־ידן וועלן דאָן גע־ראַטעוועט ווערן פון אומקום" (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.).

נו, האָט דובנאָוו מיט זיין גאַנצער היסטאָרישער „וויסנשאַפט" געקאָנט פאַראויסזען דעם אומקום פון יידישן ליטע?

דובנאָוו האָט געזען דעם יידישן חורבן אין רוסלאַנד, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען דעם יידישן חורבן אין ליטע, אין גאַנץ אייראָפּע...

מען קאָן אַמאָל פאָראויספילן דעם גאַנג פון דער געשיכטע, אָבער נישט פאָראויסזען...

אַסטראָנאָמיע איז אַ וויסנשאַפט — זי קאָן פאַראויסזען אַ לקוי־חמה מיט אַ סך יאָרן פאָראויס; אָבער געשיכטע?!

די דאָזיקע אימהדיקע סטיכיע איז בלינד נישט נאָר אין זיך, — אויך פאַר אונדז...

מיר בלאָנדזשען אין איר אין דער פינצטער; מיר קאָנען אין איר בלויז עפּעס פאָראויספילן אַמאָל דורך דער געהיימנישפולער קראַפט פון אינטואיציע, — אָבער וויסנשאַפטלעך פאַראויסזאָגן?

דובנאָוו, דער שעפער פון גלות־אויטאָנאָמיזם, רעדט אָפּט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן דעם גליק וואָס ער וואָלט געפילט, ווען ער קאָן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרברענגען אין ארץ־ישראל, אַ לאַנד, וואָס האָט פאַרן דאָזיקן אין תוך טיף־רעליגיעזן מענטשן און גליאיקן יידן געהאַט אַ שטאַרקע צוציאונגס־קראַפט. ער טרוימט אָפּט וועגן פאַרענדיקן זיין גרויסע געשיכטע פון די יידן (דערפילן דעם נדר וואָס ער האָט געגעבן אין זיין יוגנט) און דאָן, פאַרן סוף, אויס־רוען זיך גייסטיק אין לאַנד פון די אָבות. אָבער ווען עס איז געשען

אַ דרייפאַכער נס: 1) דובנאָוו, וואָס האָט זייט די 50 יאָר פון זיין לעבן כסדר מורא געהאַט פאַר אַ פריען טויט, האָט דערלעבט אַ טיפע עלטער; 2) דובנאָוו, וואָס האָט מורא געהאַט אַז זיין געשיכטע וועט בלייבן נישט דערשריבן, האָט זי דערשריבן אויף אַ העראָאישן אופן; און 3) דובנאָוו, וואָס האָט מורא געהאַט אַז ער וועט נישט קאָנען אַרויסרייסן זיך פון באַלשעוויסטישן רוסלאַנד, איז אַרויס פון דאָרט צוזאַמען מיט זיינע מאַנוסקריפּטן און זיין אַרכיוו, — דובנאָוו, באַשאָנקען מיטן דאָזיקן דרייפאַכן נס, איז געפאָרן נישט קיין ארץ־ישראל, אין לאַנד פון זיין טרוים (נישט געקוקט וואָס ער איז נישט געווען קיין פּאַרטיי־ציוניסט), נאָר קיין בערלין און ריגע, — דאָרט האָט ער געהאָפט צו ראַטעווען זיין אַרכיוו און זיין ביבליאָטעק...

ווער וועט נאָכדעם נאָך ריידן וועגן געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפט?...

ב. דובנאָוו און אונדזער נייער דור־המדבר...

שוין פערציק יאָר (מיט אַ שמיצל!) ווי אַ נייער דור המדבר שלעפּט זיך אַרום אין אידעאָלאָגישע זאַמד־וויסטענישן. דאָס איז אַ גרויסער טייל פון אונדזער דור...

דעם 8־טן אָקטאָבער, 1921, שרייבט דובנאָוו אַריין אין זיין טאָג־בוך:

„געלייענט יידישע צייטונגען, וואָס גייען אַרויס אין אַמעריקע. כ׳בין געווען איבערראַשט פון זייער גלויבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד: זיי גלויבן, אַז דאָ קומט פאָר אַן עכטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, און זיי וויסן נישט, אַז דאָס איז די געמיינסטע פון אַלע ווען־נישט־איז געוועזענע דעספּאָטיעס, ווו עס ווערן צעטראָטן אַלע רעכט פון דער פּערזענלעכקייט... אין אוניסאָן מיט זיי זינגט די בונדישע פּרעסע אין וואַרשע (דובנאָוו האָט, ווי עס זעט אויס, נישט געזען די לינקע־פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע אין וואַרשע. — י. ר.). אַ פאַרבלענדעניש, אַ פאַרטשאַדעניש נאָך דער וועלט־מלחמה".

דובנאָוו, וועלכער האָט אויסערגעוויינלעך שנעל דערזען די באַלשעוויסטישע סיסטעם דורך און דורך (צענדליקער טאָג־בוך־נאָטיצן זאָגן עדות דערויף), איז געווען איבערראַשט פונעם גלויבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד שוין אין 1921! ווי איבערראַשט וואָלט ער

שוין געווען, ווען ער קאָן שרייבן זיין טאָג־בוך אין 1940, אין 1950 אָדער אין 1960, ווען אַזויפיל יידן האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגע־הערט צו גלויבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד שוין נאָכן היטלער־סטאַלין־מלחמה־אָפּמאַך, שוין נאָך דעם מאָסקווער דאָקטוירים־בלבול, שוין נאָכן טאָטאַלן פּאָגראָם אויף יידישע אינטעלעקטועלע, יידישקייט און יידיש לשון!...

ווי וואָלטן שוין אויסגעזען די אַנטי־סאָוויעטישע שטעלן אין דובנאָווס טאָג־בוך פון אונדזער צייט — נישט פון די אָנהויב צוואַנ־ציקער, נאָר פון די אָנהויב זעכציקער?!...

וועגן דובנאָווס קלאָר־זעעריש̈ער אַנטי־סאָוויעטישקייט, אויפן סמך פון זיין טאָג־בוך, וואָלט זיך געלאָזט אַ סך, גאָר אַ סך שרייבן...

דאָס באַווייזט נישט נאָר זיין שאַרפע עטישע שפּירבאַרקייט, נאָר אויך זיין קלאָר־זעעוודיקע פּאָליטישע רייפקייט... (און אפשר נעמט זיך טאַקע פּאָליטישע רייפקייט און קלאָר־זעעוודיקייט פון עטי־שער שפּירבאַרקייט? ווייל עס איז נישט ריכטיק אַז פּאָליטיק האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מאָראַל; דאָס האָט שוין גאָר אַ סך צו טאָן דערמיט...).

ג. דובנאָוו דער מוטיקער קעמפער

דובנאָוו איז געווען נישט נאָר אַ געלערנטער, אַ היסטאָריקער, — ער איז געווען אויך אַ ראַסאָווער פּובליציסט, ד. ה. אַ געזעל־שאַפטלעכער און פּאָליטישער קעמפער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס גרויסע רוסישע יידנטום דורכגעמאַכט מאַרטירערישע ליידן. איצט, ווען מען פאַר־גלייכט זיי מיט די יידישע ליידן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערן זיי פאַרטונקלט, אָבער דאַן, אַ דור פאַר די נאַציס, איז די פּיין פון רוסישן יידנטום געווען פשוט נישט איבערצוטראָגן. און אין דובנאָווס טאָג־בוך־נאָטיצן באַקומט די דעמאָלטיקע מאַרטיראָלאָגיע פון רוסישן יידנטום אַ געוואַלדיקן אויסדרוק פון צער און צאָרן. נישט נאָר ער וויינט, נאָר ער ברילט ווי אַ פאַרוווּנדעטער לייב. אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, אין דער „פּאָליטישער באַראַטונג" (וואָס איז באַשטאַנען פון יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און יידישע דע־פּוטאַטן), וואָס האָט פּרובירט קעמפן פאַר יידישע רעכט און פאַר די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט פון די רוסישע יידן, זענען דוב־

נאָוס פאַרשלאַגן געווען די ווייט־גייענדיקסטע, די ראַדיקאַלסטע, — ער פאָדערט זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט וואָס מען קאָן נאָר, טאָקע מיטן קול קול יעקב, אָבער נישט מיט תחנונים, נאָר מיט חשיבות, מיט פאָדערונגען, מיט מאָנען די יידישע רעכט, די מענטשלעכע רעכט פון די יידן. און דובנאָוו לײדט פון דעם וואָס זיינע פאָרשלאָגן ווערן פאַרוואָסערט צוליב מורא טאָמער איז די פאָדערונג צו דרייסט, וואָס דאָס איז עלול אַרויסצורופן דעם צאָרן פונעם פריץ. און ווען דער באַרימטער אַדוואָקאַט גרוזענבערג גיט אַן אינטערוויו, וואָס איז, לויט דובנאָוון, צו זיסלעך־פּאַטריאָטיש און במילא צו קנאַפּ יידיש־ווירדיק, ענטפערט אים דובנאָוו מיט אַן אַרטיקל און פאַרריכט גרו־זענבערגס עוולה לגבי דעם יידישן פאָלק.

גרוזענבערג האָט געזאָגט אין אַן עפנטלעכער דערקלערונג: „ווען מען זאָל דאַרפן פאָרמולירן די באַציאונג פון די יידן צו דער מלחמה, וואָלט איך געווען געזאָגט: די יידן טראַכטן איצט נישט וועגן זייערע רעכט, נאָר בלויז וועגן זייערע פליכטן לגבי זייער גרויסן היימלאַנד".

דובנאָוו, וואָס גרוזענבערגס פּאַטריאָטיש־הכמעהדיקע ווערטער האָבן אָנגערירט זיינע אַ בלוט־טריפנדיקע ווונד, האָט אָנגעשריבן דערויף אַן אַרטיקל א. נ. „רעכט און פליכטן". ער האָט צווישן אַנ־דערן געשריבן, אין יענע שרעקלעכע באַדינגונגען פון מיליטערישער צענזור: „דעם פאָלק, וואָס איז צום מערסטן באַעוולהט געוואָרן אין זין פון בירגער־רעכט, עצהט מען נישט צו טראַכטן בעת אַ מלחמה, — פאַר וועלכער ער ברענגט ריזיקע קרבנות, — וועגן זיינע רעכט, וועגן יענעם פשוטן אַקט פון בירגערלעכער גערעכטיקייט, וואָס דאַרף, לויטן באַפעל פון געוויסן, קומען נאָך דער היינטיקער מלחמה, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, לכל הפחות, פון אַ הונדערט יאָר... עס וואָלט זיך געווען געשאַפן אַ פאַרשטעלונג וועגן יידן, ווי וועגן העלאָטן, וואָס אַפילו אין שלאַכט גייען זיי מיטן קין־צייכן פון אייביקער קנעכט־שאַפט".

און נאָך פריער פרעגט ער מיט בייסיקער איראָניע: „צי האָבן טאַקע די יידן באמת... עוואַקואירט פון זייערע קעפּ אַלע געדאַנקען וועגן רעכט, וועגן רעכטלאָזיקייט אין הוה און וועגן איר באַזייטיקונג אין דער צוקונפט"?

אין 1914 איז דאָס געווען אַן אַרטיקל, וואָס האָט ממש געראַ־טעוועט דעם יידישן כבוד און האָט געגעבן אויסדרוק דעם דער־

שטיקטן און שטיקנדיקן יידישן וויטאָק און די יידישע אמתע געדאַנ־
קען און שטימונגען, וואָס גרוזענבערג האָט מיט זיין דערקלערונג
(אין פּאַטריאָטישן איפּער) מה־יפותדיק געשענדעט...

נאָך אַ גרעסערן מוט ווייזט דובנאָוו אַרויס אין זיינע אַרויס־
טרעטונגען, אין וואָרט און אין שריפט, קעגן די באָלשעוויקעס, אַפילו
קעגן לעניגען בכבודו ובעצמו. עס איז שוין דאָן, אין 1917־1918,
נויטיק געווען אַ מסירת־נפשדיקע איינשטעלונג כדי, שרייבנדיק וועגן
מענדעלע מוכר ספרים (נאָך דעם לעצטנס טויט), אַ זאָג צו טאָן:
„ער (אַבראַמאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין די פינצטערע צייטן
פון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן און ער איז געשטאָרבן אין די ערשטע
טעג פון דער זעלבסטהערשאַפט פון ניקאָלאַי לענין". און דאָס איז
געדרוקט געווען אין דריטן זאַמלבוך „ספרות" (ל. יאַפּעס אויסגאַבע
אין מאָסקווע). דובנאָוו דערקלערט דאָס, וואָס אים האָט אַזאַ פראַזע
נישט פאַרשאַדט, אויפן פאָלגנדיקן אופן: „די באָלשעוויסטישע צענ־
זור האָט פשוט נישט באַמערקט אַ יידישן זאַמלבוך, און אגב האָט
נאָך דאַן נישט געהערשט דער שפּעטערדיקער פולשטענדיקער פאַר־
באָט פון פרייעם וואָרט".

דאָס איז אַ דערקלערונג פאַרוואָס דובנאָוו האָט נישט געליטן פון
זיין דרייסטער טאַט, אָבער דאָס מאַכט נישט קלענער זיין מוט, ווייל
ערשטנס האָט ער נישט געקאָנט וויסן אַז מען וועט דאָס נישט באַ־
מערקן און צווייטנס — אַפילו ביי אַ נישט פולשטענדיקן פאַרבאָט
פון פרייען וואָרט האָט דאָס פאַרגלייכן ניקאָלאַי לענינען צו ניקאָלאַי
דעם ערשטן געקאָנט האָבן פאַטאַלע פאָלגן.

*   *   *

אַן אומגעוויינלעכן מוט און מסירת־נפשדיקע טרייקייט צו זיין
אַרבעט האָט דובנאָוו אַרויסגעוויזן ביים שרייבן, ווי אויך ביים אַרויס־
פירן זיינע מאַנוסקריפּטן און טאָג־ביכער פון ראַטנפאַרבאַנד.

דובנאָוו האָט זיך באַצויגן צו זיין אַרבעט ווי צו אַ מיסיע, וואָס
דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. מען קאָן אָנקלייבן אין זיין
אויטאָביאָגראַפיע צענדליקער ציטאַטן, ווו דאָס קומט בולט צום
אויסדרוק. אַזאַ איז איך גאָר כאַראַקטעריסטישע שטעלע: „אינעם יום־
טוב פון דער תורה (שבועות), האָב איך געגומען שרייבן מיין תורה".
איז נישט קיין וווּנדער וואָס דובנאָוו האָט געהאַט אויסצושטיין אַ

שווערן אינערלעכן קאַמףביים זוכן וועגן ווי אַרויסצופֿאָרן פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנדישן גיהנום. דובנאָוו, וואָס האָט אויף דער אייגענער הויט געפּילט דעם גורל פֿון באָלשעוויסטישן מאַטעריעלן גיהנום, האָט מיט אָפֿענע אויגן אויך געזען דעם גייסטיקן אָפּגרונט פֿון באָלשעוויסטישן רעזשים, און ער האָט שרעקלעך געוואָלט אַרויספֿאָרן פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד; אָבער גלייכצייטיק האָט ער בשום אופֿן נישט געוואָלט אַרויס־פֿאָרן פֿון דאָרטן ביז ער וועט נישט דערפֿילן דעם נדר פֿון זיין לעבן (פֿאַרענדיקן די אַלגעמיינע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק) און ער האָט נישט געוואָלט אַרויספֿאָרן פֿון דאָרטן אָן דעם מאַנוסקריפּט פֿון דער געשיכטע און אָן די טאָג־ביכער. ער האָט געוווּסט אַז די טאָג־ביכער זענען טריף שבטריף, אַז פֿאַר צענדליקער שטעלן אין זיי וועט אים קומען טויט־שטראָף און פֿאַר הונדערטער — תּפֿיסה, אָבער די צו־געבונדנקייט צו זיין אַרבעט איז געווען שטאַרקער פֿון אַלע לאָגישע אַרגומענטן. פּונקט ווי ער האָט באַוווּסטזיניק איינגעשטעלט דאָס לעבן נישט אויפֿהערנדיק צו פֿאַרצייכענען זיינע באַאָבאַכטונגען און מיינונגען פֿון און וועגן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין פּעטראָגראַד און וועגן דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, הגם ביי יעדער רעוויזיע, וואָס וואָלט געפֿונען די טאָג־ביכער, איז ער זיכער געווען מיט אַ קויל, אַזוי האָט ער נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק צו לאָזן אויף הפקר און אומקום די טאָג־ביכער און ראַטעווען זיין לעבן.

דובנאָווס קאַמף פֿאַר פֿאַרענדיקן די געשיכטע און פֿאַרן אַרויס־פֿירן די טאָג־ביכער און מאַנוסקריפּטן איז זייער פּאַטעטיש און רופֿט אַרויס די גרעסטע אַכטונג צום דאָזיקן אויסערגעוויינלעכן אַרבעטער, וואָס האָט געקוקט אויף זיין אַרבעט ווי אויף אַ הייליקער עבֿודה און אויף דעם קאַבינעט, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט, ווי אויף אַ בית־מקדש־קטן (ער רופֿט טאַקע זיין אַרבעטס־אָרט מיט די נעמען „טעמפּל״, „קעליע״, „מקום־מקלט״ א. א. וו.).

אים איז געלונגען אָפּצונאַרן די ג.ק.וו.ד. און ער איז אַרויס פֿון דאָזיקן קאַמף גאַנץ און דערפֿאָלגרייך, אָבער דאָס איז געווען אַ סך צופֿאַל און אַביסל הצלחה: די געפֿאַר, אין וועלכער ער האָט זיך געשטעלט, איז אָבער געווען אַ רעאַלע. ער האָט געזאָרגט פֿאַר זיין לעבן אויף וויפֿל עס איז פֿאַרבונדן געווען מיט זיין אַרבעט (פֿון 50 יאָר אָן האָט ער זיך שוין געזאָרגט וועגן נאָענטן טויט, וואָס וועט איבעררייסן איגמיטן זיין אַרבעט), און ביים אַרויספֿירן די מאַנו־סקריפּטן און טאָג־ביכער האָט ער מיט מעשׂים באַוויזן, אַז די אַרבעט

איז אים באמת געווען וויכטיקער פאַר זיין לעבן; ער איז גרייט גע־וועזן צו גיין פאַר איר אויף קידוש השם.

ד. דובנאָוו — די סתירותפולע פערזענלעכקייט

דובנאָוו איז געווען אַ קעמפער, ווי ס׳איז באַקאַנט פון זיין פּוב־ליציסטישער אַרבעט און ווי זיין אויטאָביאָגראַפיע באַשטעטיקט דאָס אויף יעדן שריט און טריט; און אין זיין גרויסן געזעלשאַפטלעך־אידעישן קאַמף האָט ער געקאָנט זיין האַרט און שאַרף. גלייכצייטיק אָבער ווייזט אונדז זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ער איז געווען אַ מענטש פון סענטימענטן, ביז סענטימענטאַלקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַ גימנאַזיע־שילערין פון 5־טן קלאַס. אַט געפינט מען אין זיין טאָג־בוך, ווי ער באַזוכט אָדעס נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט, און פאַרלאָזנדיק דעם פּאַרק ביים ים, — אַ פּאַרק וואָס איז ביי אים פאַרבונדן מיט דערי־נערונגען, — רייסט ער אָפּ אַ צווייגעלע פון אַ קיפּאַריס, פאַרצייכנט אויף דער קאַרע די דאַטע און ער קלעפּט אַריין דאָס צווייגעלע אין טאָג־בוך־זייטל, ווו ער באַשרייבט זיין באַזוך אין אָדעסער פּאַרק.

מען טרעפט צאָלרייכע שטעלן, ווי ער באַזוכט גאַסן, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט, צי מיט פרויען, צי מיט זיין יונגער פרוי, צי ווו ער האָט אַמאָל געאַרבעט אין דער רעדאַקציע „וואָסכאָד”, און ער שפּאַצירט פאַרביי די הייזער און נעמט אויף זייער אויסערלעכקייט מיט גרויס בענקשאַפט.

און נישט נאָר דאָס. דובנאָוו, דער אַמאָליקער ראַציאָנאַליסט, וואָס איז שוין לאַנג נישט פרום אויפן טראַדיציאָנעלן אופן, ריכט אָפּ יום־נוראים־תפילות אין קאַבינעט (און נאָך די תפילות זעצט ער זיך שרייבן), און אַ פינלענדישן וואַלד פאַרוואַנדלט ער פאַר זיך אין אַ שול, ווו ער ריכט אָפּ תפילות און ער קריצט איין וועגן דעם אַ קורצע פאַרצייכענונג אין דער קאָרע פון אַ בוים, און די קאָרע נעמט ער מיט ווי אַ רעליקוויע (ווי דובנאָוו רופט עס אָן אין עקסטרעמען אָנפאַל פון סענטימענטאַליזם).

עס איז כדאי צו ציטירן כאָטש איין שטעלע אַזאַ, הגם זי איז נישט קיין בת־יחידה.

„...אין איינעם אַ סעפּטעמבער־טאָג, וואָס איז צונויפגעפאַלן מיטן יום־טוב ראש־השנה התר״ע, האָב איך ווידער, ווי מיט צוויי יאָר צוריק, אָפּגעריכט אויף מיין שטייגער אַ וואַלד־גאָטעסדינסט. דער

צפון־וואַלד (אין פינלאַנד. — י. ר.) האָט ווידער געהערט קלאַנגען: „פאַרוואָרף אונדז נישט אויף דער עלטער, ווען די כוחות אונדזערע נעמען זיך אויס — פאַרלאָז אונדז נישט!״ כ׳האָב מתפלל געווען וועגן דעם, מיר זאָל באַשערט זיין צו פאַרענדיקן דאָס הייליקע ווערק, איידער איך וועל פאַרלאָזן די וועלט. און אין אומבאַגרייפלעכן סוד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פליסטער פון די סאָסנעס און ברעזעס דער טרויעריקער טאָן פון אונדזער רעקוויעם: „דער מענטש איז ווי אַ שאָטן וואָס גייט פאַרביי, ווי אַ חלום וואָס פאַרפליט״.

„אויף דער קאָרע פון אַ ברעזע... האָב איך פאַרשריבן אויף יידיש: „דאָ האָב איך צוויי מאָל מתפלל געווען: אין ראש־השנה פון התר״סח און התר״ע, אין האַלבן טאָג, ווען די זון האָט געוואָרעמט. 3 סעפט. 1909״.

„ביז היינט האָט זיך ביי מיר אויפגעהיט אָט דאָס שטיקל קאָרע, וואָס איך האָב שפּעטער אויסגעשניטן ביים צעשיידן זיך מיט פינ־לאַנד״.

אָט די סענטימענטאַלקייט נעמט אַמאָל אָן די פאָרם שיער נישט פון מיסטיציזם, אַרויסווייזנדיק דערביי ווי טיף רעליגיעז, אין פאַנ־טעאיסטישן זין, עס איז אין תוך געווען אָט דער פּרינציפּיעלער ראַ־ציאָנאַליסט.

מען זאָגט: דער מענטש איז זיין סטיל; אויב אַזוי קאָן מען פון דובנאָווס סטיל אַרויסדרינגען, אַז ער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ווייסנשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכע קאַריערע כמעט ווי אַן אַסימילאַ־טאָר און אַ קעגנער פון יידיש, איז אין תוך געווען טיף־יידישלעך. זיין סטיל איז דורכגעאָדערט מיט פאַרגלייכן, וואָס דרינגען אַרויס פון טיפסטן יידישן אונטערבאַוווסטזיין. ווען ער דערוואַרט זיך ענד־לעך, נאָך אַ לאַנגער פיינלעכער אומזיכערקייט און נאָך לאַנגע מער־מאָליקע אַנטוישונגען, אויף אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן און ער גייט צו דער באַן, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער צוג גייט נישט יענעם טאָג, און ער מוז ווידער גיין אַהיים, וואַרטן אויפן טאָג, ווען דער צוג וועט גיין...

ביי דובנאָוון פאַרבינדט זיך דאָס מיטן יציאת־מצרים, און ער פאַרצייכנט: „איך זיץ ביי אַ פוסטן טישעלע אין קאַבינעט, אַ גייסטיק און פיזיש צעבראָכענער. פון ברעג ים־סוף בין איך ווידער אָפּגע־וואָרפן געוואָרן קיין מצרים״...

און ווען ער וואַרפט אַ בליק (אין די 17 קאַפּיטלען פון זיין

אויטאָביאָגראַפיע, געשריבן פאַרן אַרויספאָר פון רוסלאַנד) אויף זיינע 50 יאָר לעבן, דאַכט זיך אים ווי ער וואָלט באַטראַכט זיין לעבן פון ראש הפסגה, פון וועלכן משה האָט געזען כנען. „איך שטיי אויף דער שוועל פון צוגעזאָגטן לאַנד (פון פרייען מערב. — י. ר.) און דאָך בין איך אומרואיק, ביז איך וועל נישט אַריינטרעטן אַהין מיט אַלץ וואָס מיר איז טייער פון מיין גייסטיקן באַגאַזש".

אין דער אויטאָביאָגראַפיע (פאַרענדיקט אין ריגע) ווימלט און שווימלט מיט תנ"ך־פאַרגלייכן, מיט טיף־יידישע אַסאָציאַציעס, פונקט ווי זיין אונטערבאַוווסטזיין קלאַמערט זיך אין יידישן ריטואַל, וואָס הגם ער האָלט נישט פון אים און ער ריכט אים נישט אָפּ ווי געהעריק, דאָך כאַפּט ער זיך אָן אין אים, כדי צו געבן אַן אויסדרוק זיינע געפילן און פאַרלייכטערן זיך די פערזענלעכע אָדער די יידישע ליידן...

* * *

צווישן די דובנאָוו־סתירות פאַרנעמט אַ חשובן אָרט זיין אינטעלעקטועלער אַנטי־ציוניזם און זיין געפילמעסיקע צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל.

דובנאָוו, דער אַנטי־ציוניסט, האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט יידישקייט און יידן, און במילא האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן סענטימענט צו ארץ־ישראל. ער טרוימט כסדר אין זיין טאָג־בוך, ווי אַ פאַרליבטער, וועגן באַטרעטן די ערד פון אונדזער אָפּשטאַם, ווו יעדעס שטיינדעלע דערמאָנט אין תנ"ך. ער טרוימט צו פאַרענדיקן זיין גרויס היסטאָריש ווערק און נאָך האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרברענגען די לעצטע יאָרן אין ארץ־ישראל.

צווישן די דובנאָוו־סתירות פאַרנעמט אויך אַן אָרט (און נישט דאָס לעצטע אָרט) די סתירה פון זיין טרוימען וועגן לעבן אין ארץ־ישראל, און פון זיין נישט דערפילן זיין טרוים, ווען ער האָט דאָס לייכט געקאָנט טאָן נאָך זיין נסימדיקן אַרויסגיין פון סאָוויעטישן מצרים... זאָל זיין אַז דאָ האָט געווירקט אומבאַוווסטזיניק זיין פאַרלאַנג זיך צו אידענטיפיצירן מיט אונדזערע גרויסע? ער האָט זיך אומבאַוווסטזיניק סימבאָליש אידענטיפיצירט מיט משהן, וועלכער האָט געגעבן די תורה און איז געבליבן אויפן שוועל פון כנען, דרויסן פון היליקן, אויסגעבענקטן לאַנד...

נישט אומזיסט געפין איך ביי אים מערקווירדיקע שטעלן, וואָס

לאָזן צו אָט דעם געדאַנק, וואָס ווייזן אויף זיין שטאַרקן געפיל פון דערפילן אַ מיסיע. אָט אַזאַ מין שטעלע איז פאָלגנדיקע: „אָפּטמאָל פלעג איך זיך שטעלן די פראַגע...: צי טו איך ריכטיק מיט דעם, וואָס איך שרייב פאַר יידן אויף רוסיש? פאַרצייכענענדיק די וואַקסנדיקע אָפּטריניקעריי פון יידישן לאַגער צוליב קאַריערע, האָב איך גע־שריבן: „מיין מיסיע — צו זיין דער אַפּאָסטאָל פון געטשנדינער, אָפּגעפרעמדטע פון יידנטום — ווערט אַלץ שווערער. אָפּט, אונטער דער ווירקונג פון אַזעלכע בילדער אָדער דערמאָנונגען פון דרויסן, פילסטו אַ נויטוועגדיקייט צו וואַרפן אָט די מיסיע און איר כלי־זיין, די רוסישע שפּראַך, אָנהויבן שרייבן אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פאַר דער געזינטערער טייל פאָלק! איך פערזענלעך וואָלט אין דער איבערקערעניש געוועזן גענייגט אַ טיפע מאָראַלישע באַפרידיקונג, איך וואָלט זיך געוועזן פאַרבונדן מיט מיינע ליטעראַרישע אָבות, די שעפער פון גייסט זינט די ביבלישע צייטן. אָבער ווער וועט פאַסטן מייט פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסן?" (אונטערג. דורך מיר. — י. ר.)

משה איז געוועזן אַ פאַסטוך פון שאָף, געהיט פאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך...

דער נאַציאָנאַלער מיטאָס קלאַפּט שטאַרק אין דובנאָווס געמיט אויף דעם גאַנצן שטח פון דער אויטאָביאָגראַפיע...

און דאָס איז איינע פון אירע גרויסע מעלות.

די ראָל פון געשיכטע אין דער נאַציאָנאַלער דערציאונג

אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך „שלמה ר' חיימס", באַשרייבט און לאַכט אויס מענדעלע די אָפּגעריסנקייט פון די יידישע קינדער פון דער לעבעדיקער סביבה און זייער דורכגעדרונגען־זיין מיט דער ווייטער געשיכטע פון זייערע אָבות. דאָס יידישע יינגל, זאָגט מענ־דעלע, וואָס איז נאָך קיין איין מאָל נישט אַרויס פון די גרענעצן פון היימישן שטעטל, וואַנדערעוועט אין זיינע טרוימען גאַנץ פריי איבער מצרים, איבער בבל און, נאַטירלעך, איבער ארץ־ישראל. און אין די דאָזיקע ווייטע, היסטאָרישע (פאַר זיין פאָלק) לענדער, לעבט ער

מיט אַ מער פֿאַרביק לעבן, ווי אינעם היימישן שטעטל און זיין אומ־געגנט.

מענדעלע אַטאַקירט די נישט־רעאַליסטישע דערציאונג, וואָס רייסט אָפּ די קליינינקע יידן פֿון ווירקלעכן לעבן און פֿאַרוואַנדלט זיי אין טרוימער. מענדעלע דער קינסטלער פֿילט די פּאָעטישע שיינ־קייט פֿון דעם דאָזיקן טרוים־לעבן (ווי אַ ייִנגל האָט ער דאָך אַליין דורכגעלעבט די דאָזיקע שיינקייט פֿון טרוימען וועגן ווייט־היימישע לענדער), אָבער מענדעלע דער משכּיל, מענדעלע דער לערער, אַטאַ־קירט די דאָזיקע נישט־פּראַקטישע דערציאונג.

די דאָזיקע דערשיינונג אין דער יידישער דערציאונג, וואָס דער זיידע פֿון אונדזער נייער ליטעראַטור האָט באַמערקט און פֿאַרצייכנט, האָט ביאַליק באַשריבן גענויער, מיט מער פּסיכאָלאָגישער דורכ־דרינגלעכקייט און פּאָעטישער אינטענסיווקייט אין זיין נישט־פֿאַר־ענדיקטער אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג „ספיח״.

און אויך ביאַליק פֿאַרצייכנט, — אמת, פֿאַרבייגייענדיק, — די נישט פּראַקטישקייט, די נישט־רעאַלקייט פֿון אַזאַ דערשיינונג.

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּעדאַגאָגיק, קלאָרער — פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אינדיווידועלער דערציאונג, — איז די אַלט־יידישע דערציאונגס־סיסטעם געוויס נישט פּראַקטיש און נישט רעאַליסטיש. אויב אָבער מען זאָל קוקן אויף דער זאַך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון נאַציאָנאַלער פּע־דאַגאָגיק, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון נאַציאָנאַלער דערציאונג, וועט אויס־קומען מודה צו זיין, אַז אונדזער אַלטע דערציאונגס־סיסטעם איז גע־ווען זייער פּראַקטיש און רעאַליסטיש, ווייל פּראַקטיש איז דאָס, וואָס איז געווענדט אויף צו דערגרייכן אַ באַשטימטן ציל, און דער ציל פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלער דערציאונג איז געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלער.

נישט האָבנדיק קיין היימלאַנד אין דער ווירקלעכקייט, האָט אונדז די יידישע דערציאונג צוגעבונדן צום היסטאָרישן היימלאַנד; נישט האָבנדיק קיין לעבעדיקע פֿולבלוטיקע געשיכטע אין דער ווירקלעכקייט, האָט אונדז אונדזער דערציאונג אַריבערגעטראָגן און באַזעצט אין אונדזער פֿאַרגאַנגענער געשיכטע. אַזוי אַרום האָט אונדז אונדזער אומפּראַקטישע דערציאונג באַשאָנקען מיט אַלע עמאָציעס, וועלכע האָבן אונדז געפֿעלט אין דער ווירקלעכקייט און וועלכע זע־נען אַזוי וויכטיק אין נאַציאָנאַלן זינען: מיט דער עמאָציע פֿון אַן אייגן לאַנד, פֿון אַן אייגענער סביבה און אייגענע העלדן; מיט דער

עמאַציע פון קאָלעקטיווע נצחונות און אומגליקן, פון קאָלעקטיווע עקסטאַזן און אַנטוישונגען.

אין נאַציאָנאַלן זינען האָט אונדזער אַלטע, טראַדיציאָנעלע דער־ציאונג געשפּילט די גרעסטע ראָל אין אונדזער לעבן; ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז נאָר איר האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס אין צוויי טויזנט יאָר אַרום נאָכן חורבן פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, זענען מיר נאָך פעאיק צו ריידן און טרוימען וועגן נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

* * *

דאָס שטודירן געשיכטע שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַלגעמיי־נער און אין דער נאַציאָנאַלער דערציאונג. דאָס שטודירן געשיכטע ווירקט דורך די צוויי וויכטיקסטע דערציערישע עמאָציעס: דורך די עמאָציעס פון אַנטציקונג און עמפּערונג. די געשיכטע דערציט אונדז דורך מוסטערן פון העלדן, וואָס רופן אַרויס אונדזער באַוווּנדערונג, אונדזער אַנטציקונג און דעם פאַרלאַנג זיך צו גלייכן צו זיי; די געשיכ־טע דערציט אונדז אויך דורך מוסטערן פון געמיינקייט, וואָס רופן אַרויס אונדזער עקל־געפיל, אונדזער עמפּערונג און דעם פאַרלאַנג זיך אָפּ־צוגרענעצן פון זיי. נישט נאָר די איצטיקע ווירקלעכקייט ווירקט אויף אונדזער גייסטיקער אויספורעמונג (די אויספורעמונג פון אונדזערע אידעאַלן און נייגונגען), נאָר אויך די היסטאָרישע ווירקלעכקייט, ווי זי שטעלט זיך אונדז פאָר, ווי מיר באַלויכטן זי און נעמען זי אויף. און זייער אָפט שפּילט די דאָזיקע היסטאָרישע ווירקלעכקייט אַ סך אַ גרעסערע ראָל, ווי די רעאַלע ווירקלעכקייט: יענע ווירקלעכקייט, די היסטאָרישע, ווערט אונדז דאָך געגעבן אין אַ ריינער פאָרם, אָן די מוטנע צומישן פון דעם כאַאָטישן, פילפּנימדיקן, דעזאָריענטירנדיקן לעבן, און די דאָזיקע ווייטע ווירקלעכקייט, דורכבערעכנדיק זיך דורך דער פּריזמע פון דער האַלב־קינסטלערישער געשטאַלט־שאַפנדיקער איבערפאָרמירונג, ווירקט שטאַרקער, דויערנדיקער, ווי יעדע קאָנדענ־סירטע געשטאַלט.

די געשיכטע ווירקט ביים אויספורעמען דאָס לעבן פון יעדן פאָלק, אָבער ביי קיין שום פאָלק האָט די געשיכטע נישט געשפּילט אַזאַ ראָל ביים אויספורעמען זיין נאַציאָנאַלן גורל, ווי ביי אונדז, ביי וועלכע דאָס גאַנצע לעבן פלעגט דורכגיין אונטערן צייכן פון געשיכ־טע: אונדזער רעליגיע איז געשיכטע, און אונדזער געשיכטע איז רע־ליגיע. די טראַדיציאָנעלע דערציאונג ביי אונדז איז אויסשליסלעך אַ היסטאָרישע און דאָס לעבן פון אונדזער פאַנטאַזיע — איז אַ היס־

טאָרישע אָדער אַ נאַציאָנאַלע. אין דער צייט, ווען קינדער פון אַלע פעלקער פאַרשיכורן זיך מיט צויבער־מעשהלעך, פאַרכליניען זיך יידישע קינדער מיט פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון די נאַציאָנאַל־רעלי־גיעזע העלדן — פון משה רבינו ביז בר־כוכבא, פון יהודה הלוי ביזן בעל־שם. דער גרעסטער טייל פון דער רייכער יידישער פאַנטאַזיע איז אַוועק אויף צו באַצירן אונדזער נאַציאָנאַלע געשיכטע.

אַ נאָענטער מענטש, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער יידישער שטוב, וואָס האָט אָבער דערקענט און ליב באַ־קומען די רוסישע און די אייראָפּעאישע ליטעראַטורן פריער און מע־רער פאַר דער יידישער, האָט מיר איין מאָל געזאָגט:

„פון דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע בין איך פרי אַוועק; די העברעאישע און די יידישע ליטעראַטורן האָב איך ווייניק געקענט, פאַרזונקען ביז איבערן קאָפּ אין דער אייראָפּעאישער, וואָס איך האָב אומענדלעך ליב געהאַט; שרייבן לידער האָב איך אָנגעהויבן אויף רוסיש, און פונדעסטוועגן געדענק איך נישט קיין איין מינוט, אין וועלכער איך זאָל מיך האָבן אויפגעהערט צו פילן ווי אַ ייד. ווען עמעצער וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, אַז איך קאָן אַוועקגיין פון יידנ־טום כאָטש אויף איין רגע — וואָלט איך אַ קוק געטאָן אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם אָדער ווי אויף אַ שלעכטן שפּאַסמאַכער. און פאַר דעם האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס אין דער קינדהייט האָב איך איינגעזויגן אין זיך דעם יידיש־נאַציאָנאַלן עפּאָס פון „כל אגדות ישראל", אָן וועלכן די היינטיקע יונגע יידישע גענעראַציע פאַרלירט די נויטיקע — פאַר קינדער — נאַרונג פאַר דער פאַנטאַזיע, וואָס גלייכצייטיק ווירקט זי שטאַרקנדיק נאַציאָנאַל; וואָס איך האָב איינ־געזאַפּט אין זיך די געשטאַלטן פון דער „ביבל" און, דער עיקר, די געשטאַלטן פון דער רייכער גאַלעריע יידישע מאַרטירער פון בר־כוכבא און רב עקיבא ביז די מאַרטירער פון דער אינקוויזיציע. עס פלעגט טרעפן, אַז אין אַ מיטנוואָכנדיקן טאָג פלעג איך נעמען אַ „מחזור" פון יום־כפור און כ'פלעג זיך באַגיסן מיט טרערןביים לייע־נען־זינגען וועגן די עשרה הרוגי מלכות. איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך די נאַציאָנאַלע סובסטאַנץ פון דער יידישער רעליגיע און די אַרכי־נאַציאָנאַלע אָנגעלאָדנקייט פון דער יידישער געשיכטע און קיין שום זאַך איז שוין נישט בכוח אויסצוואָרצלען אין מיר די נאַציאָ־נאַלע איבערלעבונגען, וואָס זענען מיט אַזאַ שפע פאַרזייט געוואָרן אין מיר".

אויף וויפיל דער דאָזיקער נאָענטער מענטש האָט ריכטיק אָפּגע־שאַצט די ווירקונג פון דער יידישער געשיכטע און פון דער געשיכט־לעכער יידישער רעליגיע אויף זיין נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנדסקראַפט, האָב איך זיך איבערצייגט דעמאָלט, ווען איך האָב אין די זכרונות פון א. ליעסינען געפונען די זעלבע געדאַנקען. ליעסין, וועלכער איז גע־ווען שטאַרק דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, וועלכן קיין שום אידעאָלאָגישע ענדערונגען האָבן אויף קיין רגע נישט אָפּגעריסן פון זיין וועג, — דער דאָזיקער ליעסין שרייבט צו זיין אינסטינקטיווע טרייקייט צום יידנטום דער ווירקונג פון דער יידי־שער געשיכטע.

ער באַשרייבט, ווי אַזוי ער פלעגט אָפּזיצן „גאַנצע נעכט איבער אַלטע יידישע כראָניקעס, וויינענדיק איבער זיי, שווערנדיק מיט הייסע שבועות איבערן פאַרגאָסענעם בלוט פון די הייליקע מאַרטירער, אַז זיי וועלן זיין פאַר מיר אַ ביישפּיל און אַז איך וועל ברענען מיטן פאַרלאַנג איבערצולעבן דאָס זעלבע וואָס זיי...״

און ליעסין באַשרייבט ווי אַזוי דער זיידע פלעגט אים אַרונטער־נעמען אונטער זיין טלית ווען ס'פלעגט דערגיין צו די עשרה הרוגי מלכות. „דאָס זענען געווען — שרייבט ליעסין, — די שטאַרקסטע איבערלעבונגען פון מיין קינדהייט. איבערן בית־המדרש טראָגט זיך אַ רויש, ווי פון אַ סך וואַסערן — אַ ים קאָכעדיקע יידישע טרערן. און פון יעדן ווינקל הויבן זיך אויף און טראָגן זיך פאַרביי די גע־שטאַלטן פון די דאָזיקע עשרה הרוגי מלכות... און איבער מיר שטייט דער זיידע און גיסט אויף מיין קאָפּ זיינע זודיקע טרערן און איך זאַפּ זיך אָן מיט זיי...״

אין אַכט יאָר אַרום, — שרייבט ווייטער ליעסין, — פלעגט ער שוין דורכזיצן גאַנצע נעכט איבער אַנדערע ביכער... „און ווידער פלעגט אויפקומען פאַר מיר... אַ גאַנצע געשיכטע פון מאַרטירער־טום... אָבער דעמאָלט האָב איך שוין קלאָר פאַרשטאַנען, אַז ביי מיר אין דער נשמה איז דאָס נאָר אַ המשך, נאָך אַ לאַנגער הפסקה, פון יענע אַלטע יידישע כראָניקעס...״

וואָסערע אידעאָלאָגישע מעטאַמאָרפאָזעס אַ מענטש זאָל נישט דורכמאַכן אין רייפן עלטער, — דאָס, וואָס ווערט טיף פאַרזייט אין דער קינדהייט, ווערט קיינמאָל נישט אָפּגעטויט אין גאַנצן. און די טיפסטע וואָרצלען בלייבן אין דער נשמה פונעם פאַרזיי פון דער געשיכטע אין אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פּאָעטישע געשטאַלטן,

— די העלדן און שונאים פונעם פאָלק, וואָס האָבן איינמאָל אָנגעזונדן אונדזער אַנטציקונג אָדער עמפּערונג, בלייבן לעבן אויף תמיד.

כדי צו ברענגען אַ פּאַרקערטן באַווייז, וועל איך דאָ ברענגען לודוויג לואיסאָנס דערציילונג וועגן זיינע צוויי קינדהייט־איבערלעבונגען, וואָס דער דאָזיקער טיפּסטער קריטיקער פון אַסימילאַציע ברענגט אין ערשטן באַנד פון זיין אויטאָביאָגראַפיע (נאָך אַ לאַנגן לעבן אין דער גייסטיקער פרעמד, האָט ער זיך אומגעקערט צום יידנטום מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן באַוווסטזיין, — און דאָס דאָזיקע לעצטע איז דאָס שווערסטע).

„צוויי סצענעס, — שרייבט לואיסאָן, — שטייען פאַר מיין אינערלעכן בליק, און זיי סימבאָליזירן דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער גרופּע, פון וועלכער איך קום אַרויס. אָט איז איינע פון די דאָזיקע סצענעס: איך זיץ אין אַ האַלב־פאַרפינצטערטן צימער און מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק און מיינע באַקן ברענען. דאָס איז דער ווייַנאַכט־אָוונט. איך קוק אַרויס דורכן שוואַרצן גלאָז איבער דער גאַס. אַך, דאָרט, הינטער אַ נישט־פאַרהאַנגענעם פענצטער, שטייט אַ ווייַנאַכט־בוים מיט ליכט. איך קער שנעל אָפּ מיינע אויגן אין אַ זייט. איך וויל נישט איבערלעבן קיין הנאה, כל זמן זי איז נישט מיין אייגענע. און ענדלעך קלינגט דאָס גלעקל. די טירן עפענען זיך און דאָרט — אין גאַסטצימער — שטייט מיין אייגענער ווייַנאַכט־בוים אין זיין בלאַנקנדיקער שיינקייט און אַרום אים — די מתנות פון מיינע עלטערן, פון מיין זיידן און פון מיין באָבען... און די מוטער מיינע נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט און פירט מיך צו צום טיש און איך פיל זיך ווי איינער, וואָס גייט אַריין אין אַ צויבערלאַנד.

„און אָט איז די צווייטע סצענע: מיין באָבע האָט געהאַט אַ געוווינהייט צו באַזוכן די שול — צום הייליקן אָנדענק פון איר מאַן — אין די עיקרדיקע יידישע יום־טובים — „ראש השנה" און „יום כפור". און איינמאָל... האָט מען מיך גענומען אַהין, כדי צו ווייזן מיר די שול. די שול איז געווען אַ גרויסע און אַ פּרעכטיקע; דער גרויסער זיבנערעריקער לייכטער איז געווען פון גלאַנציקן זילבער. דער רב, דער חזן און אַ גרויסע צאָל דאַוונער — אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין... ווייסע, זיידענע טליתים און האָבן געטראָגן אויף די קעפּ ווייסע היטעלעך...

„די שיינקייט פון דער דאָזיקער סצענע איז געווען וווּנדערלעך און פייערלעך. און דערנאָך האָט אויפגעלויכטן דאָס ערשטע שטערנדל און דער גרויסער טאָג איז פאַרגאַנגען...

„צוויי סצענעס. אָבער די ערשטע איז געווען היימיש דעם האַרצן פון קינד, וואָס איך בין געווען; די צווייטע האָט אַביסל געשראָקן, אָבער זי איז געווען באַצויבערנדיק און פרעמד".

אָט האָט איר אַ בילדלעכן אונטערשייד צווישן דער אַלטער און נייער יידישער דערציאונג. די סצענע אין שול איז פאַר ליעסינען אַ נאָענטע אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג נישט נאָר אין רעליגיעזן, נאָר אויך אין נאַציאָנאַלן זינען; און ווי עס זאָלן זיך נישט האָבן געענדערט אידעאָלאָגיש די דאָזיקע ליעסינס — זייער עמאָציאָנעלע איניקייט מיט זייער פאָלק איז אויף קיין איין מינוט נישט איבערגעריסן געוואָרן. פאַר די לואיסאָנס אָבער איז די דאָזיקע סצענע אין שול געווען פרעמד, ווייל זי האָט זיך אַריינגעריסן אין זייערע ווייַנאַכט־איבערלעבונגען ווי עפּעס פרעמדס, ווי עפּעס פייערלעך־פאַרניכטנדיקס. דאָס איז געווען עפּעס אַ רעליגיעז־פייערלעכע איבערלעבונג פון אינדיווידועלע יידע־באָבעס, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַלע איבערלעבונג פון אַן אייגן פאָלק. און די לואיסאָנס פלעגן אַוועקגיין און גייען אַוועק. אויב זיי קערן זיך אַמאָל אום, איז נאָר אויף אַ שווערן אומוועג פון פאַרבלאָנדזשעטע קינדער.

סיי ליעסין, סיי לואיסאָן דערמאָנען זיך וועגן דער סצענע אין שול, אָבער ליעסין באַווייזט מיט דער דאָזיקער סצענע פאַרוואָס ער איז פאַרבליבן אין דער ספערע פון נאַציאָנאַלן לעבן, בעת לואיסאָן באַווייזט מיט דער דאָזיקער סצענע, פאַרוואָס ער האָט זיך געפונען אויפן ראַנד פון פולן נאַציאָנאַלן טויט.

* * *

אויך פאַר די פעלקער, וואָס וווינען נאָרמאַל אין זייערע היימלענדער, איז נישט גענוג אַ רעאַלע פּראַקטישע דערציאונג, — זיי נויטיקן זיך אויך אין אַ היסטאָרישער באַגייסטערונג און אַ הייליקער עמפּערונג; אונדז אָבער יידן, איז אַוודאי און אַוודאי ווייניק בלויז אַ רעאַלע פּראַקטישע דערציאונג. די רעאַליסטישסטע, פּראַקטישסטע דערציאונג פאַר אונדז, — דאָס איז אַ ווירקזאַמע היסטאָרישע דערציאונג.

ש. אַנסקיס גרעסט ווערק — זיין לעבן

אַנסקי איז כמעט ווי פאַרגעסן.

דאָס איז דער גורל פון דער מערהייט שרייבער אומעטום, פערציק יאָר נאָך זייער טויט, בפרט ביי אונדז, ווו מען האָט נישט אָפּט קיין צו גוטן זכרון אַפילו פאַר די לעבעדיקע.

ליטעראַריש איז אַנסקין נישט שווער געווען צו פאַרגעסן פערציק יאָר נאָך זיין טויט, ווייל קיין גרויסע ליטעראַרישע ווערק האָט ער נישט געשאַפן; אמת, זיין „דיבוק" איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און ער דיבוקט נאָך אַפילו היינט אויך פון צייט צו צייט, אָבער דעם „דיבוק" האָבן גרויס געמאַכט די פאָרשטעלונגען פון די „ווילנער" און, נאָך מער, פון „הבימה". דאָס זענען אין אונדזער טעאַטער־געשיכטע געווען צוויי אומפאַרגעסלעכע הויך־פונקטן און אין זייער זכות איז אַנסקיס טעאַטער־שטיק באַשערט געווען אַ לענגער לעבן ווי זיינע אַלע אַנדערע בעלעטריסטישע ווערק.

און דאָך האָט אַנסקי פאַרדינט אַ לענגער לעבן אין זכרון פון פאָלק, ווייל זיין גרעסט און שענסט ווערק איז געווען זיין לעבן, וואָס האָט אין איר צווייטער העלפט געברענט מיט אַ הייליקער ליבע צום יידישן פאָלק.

אמת, דאָס איז נישט געווען קיין גלייכמאָסיקער ליבע־פלאַם; געווען צייטן ווען ער האָט זיך שיער נישט אויסגעלאָשן; זיין ליבע איז פול געווען מיט אַפּטריביקייט, שיער נישט מיטן גרעסטן פאַרראַט — מיט שמד־כוונות, — אָבער דאָך האָט זי זיך כסדר צוריקגעקערט צום מקור מיט אַזאַ ריינקייט, מיט אַזאַ התלהבות, אַז עס איז נישט מעגלעך נישט מוחל זיין דעם דאָזיקן גרויסן ליבהאָבער זיינע מאָמענט־וואַקלעניש.

אין מיין אַרבעט „דער פאַרבלאָנדזשעטער פאָלקסטימלער" (אין מיין בוך „העלדן און קרבנות פון דער איבערגאַנגס־צייט") האָב איך געגוויער גערעדט וועגן הויכפּונקט פון פאַראַט פון דאָזיקן גרויסן פאָלקסטימלער, און דעריבער וועט אפשר זיין כדאי גלייך אין אָנהייב פון מיין דאָזיקן עסיי צו ווייזן ווי גרויס עס איז דער מהלך פון אַנסקיס גרייט זיין אויף פאַרראַט, אין אַ מאָמענט פון פערזענלעכער פאַרצווייפלונג, פון טיפן עמאָציאָנעלן קריזיס, און אַנסקיס טיף־איינגעבוירענע פאַרוואָרצלטקייט אינעם באָדן פון פאָלקסטימלעכער יידישקייט.

* * *

מיין איצטיקער עסיי וועגן אַנסקין איז פאַרטראַכט געוואָרן אין אַ מאָמענט, ווען איך האָב געלייענט ביי אַ ישראל־זשורנאַליסט אַ פאָרוווּרף דער „הבימה״, פאַרוואָס זי האָט געשטעלט אַ פּיעסע פון אַ פרעמדן רעפּערטואַר, ד״ה אַנסקיס „דיבוק״.

איך האָב זיך דערפילט ווי מיינע אור־אָבות, ווען מען פלעגט געפינען נאָענט פון זייער שטאָט אַ דערמאָרדעטן: די פאָרשטייער פון דער שטאָט פלעגן אַרויסגיין צום מת, דורכמאַכן די צערעמאָניע פון דער „עגלה ערופה״ און פלעגן זאָגן „ידינו לא שפכו את הדם הזה״ (אונדזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט). דער גאַנצער קאָלעקטיוו פלעגט פילן אַ חוב אויסצוקויפן די זינד.

אַנסקי איז טאַקע אַמאָל געווען אָפּגעפרעמדט, אָבער קיינמאָל נישט קיין פרעמדער; און אָט דער אָפּגעפרעמדטער איז געוואָרן דער אייגנסטער, דער נאָענטסטער, דער שלימותדיקסטער בעל־תשובה אין נאַציאָנאַלן זין.

עס איז טאַקע באַקאַנט דער צינישער יידישער קאָמענטאַר צום מאמר חז״ל: „דאָרט ווו בעלי תשובה שטייען קאָנען קיין צדיקים גמורים נישט איינשטיין״, אָבער בנוגע אַנסקין איז דער מאמר חז״ל גילטיק אָן צינישן קאָמענטאַר.

מיר האָבן אַ סך בעלי תשובה, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו אונדז פון דער פרעמד, אָבער קיינער פון זיי קאָן זיך נישט גלייכן צו אַנסקין. אמת, קיינער פון זיי איז נישט גרייט געווען אַוועקצוגיין אַזוי ווייט ווי ער, און במילא האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט דורכצומאַכן אַזאַ אומקער־וועג ווי ער.

אין זיין בוך „חורבן גאַליציע, פּוילן, בוקאָווינע״, אַ בוך וואָס איז דאָס ערשטע אין דער ריזיקער סעריע חורבן־ביכער וועגן אומקום פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, באַשרייבט אַנסקי זיין באַזוך אין סאַדיגורע, אין רבינס הויף, אין רבינס שול:

„...מיין בליק איז געפאַלן אויף דער מזרח־וואַנט — און איך בין פאַרציטערט געוואָרן פון דעם וואָס איך האָב דערזען. דער רייכער אָרנאַמענט אַרום ארון־קודש מיט די לוחות איבער אים איז געבליבן אומבאַרירט. נאָר אין מיטן, אין פּוסטן ארון־קודש, איז אַריינגעשטעלט אַ גרויסע איקאָנע...

„צלם בהיכל״! האָט אַ בליץ געטאָן ביי מיר אין געדאַנק. און

דאָס האָט מיך מער איבערראַשט ווי אַלע פּאָגראָמען, וואָס איך האָב געזען. אין האַרצן האָט זיך דערוועקט עפּעס אַן אוראַלט געפיל, אַן אָפּקלאַנג פון חורבן־בית־המקדש. איך בין געשטאַנען און נישט גע־קאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון משונהדיקן בילד. איך האָב געפילט אַז דאָ איז פאַרגעקומען אַ מוראַדיקע גאָט־לעסטערונג. (אונטערגע־שטראָכן דורך מיר — י. ר.), אַ פאַרשוועכונג פוןביידע רעליגיעס. אַ ברוטאַלע האַנט פון אַ צעווילדעוועטן סאָלדאַט האָט דאָ געמאַכט איבער גאָט די זעלבע 'ראַספּראַווע' ווי איבער מענטשן"...

ווי טיף אַ מענטש ווי אַנסקי, נישט קיין גלויביקער אין גע־ווײַנלעכן זינען פון וואָרט, האָט געמוזט זײַן פאַראַנקערט אין יידישער פאָלקסטימלעכקייט, אויב אַן איקאָנע אין אַ פּאָגראָמירטן ארון־קודש איז פאַר אים געווען איבערראַשנדיקער (איך מיין, אַז דאָ האָט אַנסקי נישט גענוצט דאָס ריכטיקסטע וואָרט פאַר זײַן געפיל; אַנסקי איז בכלל נישט געווען אַזוי שפּירבאַר אויף דער קוואַליטעט פון ווערטער; עס האָט אים געפעלט דער חוש פאַרן וואָרט, ווי אַלע נישט גרויסע שרײַבער) ווי אַלע מוראַדיקע פּאָגראָמען אין גאַליציע; דאָס האָט זיך בײַ אים אַסאָציאירט מיט „אַן אָפּקלאַנג פון חורבן בית־המקדש". מיטן שרעקלעכן נאַציאָנאַלן „צלם בהיכל".

זאָגן אויף אַזאַ שרײַבער אַז ער איז אַ פרעמדער, איז אפשר נישט קיין קלענערע „ראַספּראַווע" איבער אַ יידישן שרײַבער, ווי יענעם „צעווילדעוועטן סאָלדאַטס" „ראַספּראַווע" איבער גאָט...

* * *

ש אַנסקי האָט גייסטיק דורכגעמאַכט אַ פולן קרייז.

צוערשט איז ער, אין גייסט פון דער צייט, געווען אַ משכיל. אָבער, אין הסכם מיט זײַן נאַטור, — מיטן גאַנצן ברען פון זײַן נשמה. ער האָט נישט נאָר געשטרעבט צו בילדונג, צו וויסן, נאָר ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז די השכלה וועט מאַכן פון דער וועלט אַ גן־עדן. אין זײַן ראָמאַן „פּיאָנערן", אַ ראָמאַן וועגן דער השכלה־רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, אין יידישן שטעטל, ווו ער שילדערט מיט ברוטאַלן רעאַליזם דעם קאַמף צווישן דער ליכט פון דער השכלה און דער פינצטערניש פון דער רעליגיעז־פאַנאַטישער יידישער וועלט, טראַכט זיך העלד מערקין: „עס איז שוין נישט ווײַט די צייט! אַלע מענטשן וועלן אָנפאַנגען קלאָר און פאַרנונפטיק צו דענקען, זיי וועלן אָפּוואַרפן אַלע אָבערגלויבנס, די רעליגיעזע און די

וועלטלעכע, וועלן זיך פאַרנעמען מיט נוצלעכע און געזונטע אַר־בעטן, זיי וועלן איינשטעלן צווישן זיך חברישע באַציאונגען פון קעגנ־זייטיקן צוטרוי און פאַרשטיין זיך. און עס וועט נישט זיין קיין אונטער־שייד צווישן יידן און אַנדערע פעלקער, צווישן מיוחסים און פּראָסטע, צווישן שטאַרקע און שוואַכע. אַלע וועלן זיין גלייך און אַלע וועלן זיין ברידער״.

אָט דאָס איז געווען אַנסקיס גלויבן, וועלכער האָט אים געפירט צוערשט צו זיין ערשטן גאַנג אין יידישן פאָלק און דערנאָך צו זיין גאַנג אין רוסישן פאָלק, אַ גאַנג, פון וועלכן ער האָט זיך קוים צוריק־געקערט צו זיין שורש, צו זיין יידישער פאָלקסטימלעריי, ווו ער האָט, נאָך לאַנגע גייסטיקע בלאָנדזשענישן און וואַנדערונגען, געפונען זיין גייסטיקע רו און דערפילונג.

פונקט ווי מערקין, זיין העלד פון פרימיטיוון ראָמאַן „פּיאָנערן״, האָט אַנסקי געטרוימט אַלע טרוימען פון דער השכלה, פון די גוישע און יידישע פאָלקסטימלער, די טרוימען פון אַ „באחרית הימים״; אָבער אָנשטאָט דעם אַלעם איז געקומען צוערשט די לערע פון די 80־קער יאָרן, דאַן פון 1905, דערנאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַנסקי ווערט אַלץ מער סקעפּטיש געשטימט צו זיינע נאַאיווע קינדהייט־טרוימען, ער דערנענטערט זיך אַלץ מער צו זיין שטאַם, ער דערנענטערט זיך אַפילו צום יידישן רעליגיעזן וועלט־באַנעם פון זיין עמאָציאָנעל־נאַציאָנאַלער זייט.

אין איינער פון אַנסקיס נאָוועלעס, „דער הונגעריקער״, דער־ציילט אַן אָפּגעפּרעמדטער יידישער יונגערמאַן: „מיר האָבן זיך פּלוצ־לונג דערמאָנט מיינע פריע קינדער־יאָרן. פאַר די אויגן זענען מיר פאַרביי מיט דערשטוינלעכער קלאָרקייט דעמאָלטיקע בילדער: איך זע זיך אין דער פאַמיליע־סביבה, אין חדר, אין בית־המדרש. וויפל וואַרעמקייט און היימישקייט איז אין דעם אַלעם געווען! אין מיר וואַקסט אַ דריקנדיק באַוווסטזיין פון מיין איינזאַמקייט און היימלאָזי־קייט... אומגעריכט פאַלט מיר איין, אַז אַלע מיינע פריינד און חברים, איסאַקאָוו, אַנושקאַ, ראַגאָוו — זענען מיר פרעמדע, ווייטע, איבעריק, און איך בין פאַר זיי אַן איבעריקער... איך פיל, אַז די קראַנקע וועשין מיט די הונגעריקע קינדער זענען מיר קיין שאָד נישט... עס איז מיר אַ רחמנות געווען אויף זיך אַליין. כ׳האָב דערפילט אַ שמערצלעכן הונגער אין מאָגן. אַן ענלעך געפיל האָב איך געפילט אין דער נשמה, אויך זי איז ביי מיר אויסגעהונגערט נאָך אַ ליבן און נאָענטן, נאָך

צערטלעכקייט און היימלעכקייט... איך וויין און ווייס אַליין נישט, װעלכער הונגער, דער פיזישער צי דער גייסטיקער, פאַרשאַפט מיר איצט מער ליידן".

אַט דער גייסטיקער הונגער האָט זיכער געטריבן אַנסקין צוריק צו די אייגענע.

*
* *

אַנסקי איז לויט זיין גאַנצן מהות, לויט זיינע פסיכישע אייגנ־שאַפטן, געווען אַ געבוירענער פאָלקסטימלער. אָנגעהויבן האָט ער מיט יידישער פאָלקסטימלעריי, דערנאָך איז ער אַוועק צו די רוסן, און דאַן ווידער צו די יידן.

אייגנטלעך איז די יידישע פאָלקסטימלעריי געווען באַאיינפלוסט פון דער רוסישער. אין וואָס איז דען באַשטאַנען די רוסישע פאָלקס־טימלעריי? דער קראַנקער געוויסן פון דער פילבאַרער רוסישער יוגנט, באַזונדערס פון דעם פריווילעגירטן פריציש־געבילדעטן קלאַס, האָט זיי געטריבן צו די פיזיש און גייסטיק פאַרוואָרלאָזטע רוסישע מאַסן. די דאָזיקע סענסיטיווע יוגנט האָט געוואָלט בילדן די וויסנ־לאָזע, אַגיטירן זיי צום ווידערשטאַנד קעגן די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן זיי, זיי האָבן געוואָלט ברענגען הילף און טרייסט.

דאָס זעלבע האָבן געטאָן אויך די יידישע פאָלקסטימלער — די משכּילישע יוגנט: זיי זענען געגאַנגען אין פאָלק אַגיטירן פאַר השכּלה, קעגן פאַנאַטיזם, זיי האָבן געוואָלט אַוועקפירן די פאָלקס־אינטעלי־גענץ, די ישיבה־בחורים, אויף אַנדערע וועגן, צו דער ליכט פון דער השכּלה און במילא, ווי זיי האָבן געגלויבט, צו אַ בעסערער צוקונפט פאַרן פאָלק, צום סאָציאַליזם, — ווי דאָס ווערט אויף אַ נישט־קינסטלערישן, פרימיטיוו־ליטעראַרישן אופן געוויזן אין אַנסקיס „פיאָנערן".

אָבער גאַנץ יונג איז אַנסקי אַוועק מיטן שטראָם פון רוסישן פאָלקסטימלערטום. ער איז אַוועק צו די טיפענישן פון רוסישן פאָלק, צו די דאָנבאַס־שאַכטיאָרן, צום פויערטום. ער האָט געלעבט און געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען און זיי געלערנט, אויפגעקלערט.

ווי אַלץ וואָס אַנסקי האָט געטאָן, האָט ער אויך דאָס געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן, מיט לייב און לעבן, און, — ווי שוין אָנגעמערקט אויבן, — ער איז שיער נישט דערטרונקען געוואָרן אין ים פון

רוסישן פאָלק, ווען ער האָט פאַרלוירן אין פּערזענלעכן לעבן זיין גלייכגעוויכט.

ער האָט זיך אַזוי איינגעלעבט מיטן דאָזיקן פאָלק, אַז אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט נישט געזען פאַר זיך פּערזענלעך קיין שום אויסוועג (צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע), האָט ער ערנסט געטראַכט צו פאַרזינקען אין רוסישן ים. עס האָט זיך אים געוואָלט אָפּווישן יעדע גרענעץ, יעדן צוים צווישן זיך און די רוסישע מאַסן.

אגב, די דאָזיקע שטימונג איז, ווייזט אויס, געווען נישט אַנסקיס קיין פּערזענלעכע, — אויך אַנדערע יידישע פאָלקסטימלער־משכילים האָבן געהאַט אַזעלכע שטימונגען, ווי ס׳איז צו זען אין אַנסקיס „פּיאָנערן״, וואָס איז קינסטלעריש, ווי אויבן געזאָגט, ביז גאָר שוואַך, כמעט אַן עסטעטישן ווערט, אָבער ווי אַ כראָניק איז דאָס אַן אינטע־רעסאַנטער מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע און אויך פאַר אַנסקיס ביאָגראַפיע.

פאַרביטערט פון שווערן קאַמף מיט די פרומע פאַנאַטיקער (די משכילים זענען דאָרט אויך פאַנאַטיקער — פאַנאַטישע אַפּיקורסים) נעמען אַנדערע פון זיי ריידן וועגן שמדן זיך.

דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דער געשיכטלעכער וועג פון דער השכלה. אין דייטשלאַנד האָט זי געפירט צו אַ מאַסן־שמד; אין רוס־לאַנד — צו געדאַנקען וועגן שמד (הגם עס האָבן נישט געפעלט אויך שמד־פאַלן).

ווען אַנסקי האָט זיך נאַציאָנאַל אומגעקערט אויפן דרך־הישר, האָט ער מיטגעבראַכט פון זיין פאַרבלאָנדזשעטקייט געוווּנענע דער־פאַרונגען, וואָס האָבן געבראַכט פרוכט אונדזער לעבן און אונדזער ליטעראַטור.

פונקט ווי ער האָט פריער געוואָלט צוזאַמענגיסן זיך מיטן רו־סישן ים, באַזייטיקן די לעצטע מחיצה צווישן זיך און זיין אַדאָפּטירטן פאָלק, פונקט ווי ער האָט זיך פאַרטיפט אין רוסישן פאָלקלאָר, אין רוסישן פאָלקס־שאַפן, אַזוי האָט ער איצט מיט ליבע פון אַ צוריק־געקערטן זון זיך פאַרטיפט אין יידישן פאָלקס־שאַפן. ער האָט כמעט ווי אָפּגעווישט יעדע גרענעץ צווישן זיך און די יידישע מאַסן. אין זיין „חורבן גאַליציע, פּוילן, בוקאָווינע״, דאָס ערשטע ווערק פון אונדזער נייער חורבן־ליטעראַטור (דער יידישער חורבן־אייראָפּע האָט זיך אימהדיק פאַרענדיקט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, — אָנגע־הויבן האָט ער זיך אין דער ערשטער), געפינט מען אַן אַ שיעור

רירנדיקע באַווייזן ווי טיף אַנסקי, דער יידישער פאָלקסטימלער, איז געווען פאַרוואָרצלט אין יידישן געמיט, אין יידישן פאָלק.

און דאָס קומט נישט פלוצלונג.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ש. דובנאָוו: „אָבער שוין דאַן (ד.ה. אין 1906. — י. ר.) האָב איך באַמערקט אַז אין אַנסקיס נשמה קומט פאָר אַ קאַמף צווישן יידישן רעוואָלוציאָניזם און דעם רוסישן...; אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער אַריינגעטראָטן אין אונדזער פאָלקס־פּאַרטיי. און שפּעטער איז ער צוגעשטאַנען צום ציוניזם". (און נאָך שפּעטער האָט אַנסקי געהאָלפן אַגיטירן פאַר דעם געדאַנק און דער טאָט פון זשאַבאָטינסקיס יידישן לעגיאָן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה).

אין יענער צייט, ווען וועלכער דובנאָוו דערציילט און דערמאָנט אַנסקיס אינערלעכן קאַמף צווישן יידישלעכקייט און פאַרגוויישטקייט, האָט דער גרויסער ייד דובנאָוו געהאַט פאַרגעוואָרפן (אין זיין באַרימטן אַרטיקל „די לערעס פון די שרעקלעכע טעג") די יידישע רע־וואָלוציאָנערן, אַז זיי פירן אַ קאַמף נישט אונטער דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָן און אַז זיי שטעלן די קלאַסן־פּאָליטיק העכער פאַר דער נאַציאָנאַלער; דאַן האָט אַנסקי מיט אים פּאָלעמיזירט, אָבער שפּעטער איז אַנסקי געוואָרן ביז גאָר נאַציאָנאַל געשטימט.

צווישן אַנסקיס ווערק איז דאָ אַ בוך מיט דערינערונגען וועגן גרויסע יידישע און נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן. דאָרט איז דאָ אַן עסיי מיט דערינערונגען וועגן גרויסן יידיש־רוסישן סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי. דערציילט דאָרט אַנסקי ווי אַנטאָקאָלסקי האָט איינמאָל געזאָגט צו אים מיט פאַרביטערונג: „וויפל איך האָב געאַרבעט פאַר דער רוסישער קולטור... הערט מען מיך נישט אויף רודף צו זיין, ווי אַ יידן און ווי אַ מענטשן... איר וועט זען, איר וועט אויך באַקומען דעם זעלבן לוין פאַר אייער אַרבעט אין דער רוסישער ליטעראַטור (איך האָב דאַן אַרויסגעלאָזט אַ בוך אין רוסיש „די רוסישע פאָלקס־ליטעראַטור").

און ווי ריכטיק אַנטאָקאָלסקי האָט פאָראויסגעזאָגט: ווען אַנסקי בלייבט ביי דער רוסישער ליטעראַטור — וואָס וואָלט ער געווען און געוואָרן ?

אין יידיש האָט מען אים אויך שנעל פאַרגעסן, אָבער זיין אָרט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז געזיכערט. מען

וועט נישט קאָנען אַרויסטרייבן פון דאָרט נישט זיין „דיבוק", אַוודאי נישט זיינע חורבן־ביכער און זיינע שיינע אַרבעטן וועגן יידישן פאָלקלאָר, — זיין קרוין־שאַפונג, — און אַפילו נישט אַ סך פון זיינע פשוטע רירנדיקע דערציילונגען און עסייען אויף יידישע טעמעס.

* * *

ש. אַנסקיס ליטעראַרישע פּראָדוקציע איז איכותדיק נישט פון גרויסן פאַרנעם, אָבער דאָך איז זי פאַרשיידנאַרטיק און זי האָט געוויסע זכותים.

זיין באַרימטסטע שאַפונג איז זיין „דיבוק". ווען מען גייט צו צו אַט דעם ווערק מיט דער נאָרמאַלסטער ליטעראַרישער מאָס — מיט דער מאָס פון געשמאַק, איז זי פאַר מענטשן מיט אַ פיינעם געשמאַק אַ גאַנץ מיטלמעסיקע דראַמע, וואָס אָפּערירט אָנשטאָט מיט פּראָבלעמען, מיט פאָלקלאָר; אָנשטאָט מיט דראַמאַטישעליידנשאַפטן — מיט סענטימענטאַלקייטן אין אַ פאָלקסטימלעכן סאָוס. אָבער דער „דיבוק" האָט דעראָבערט — אַ דאַנק די טעאַטראַלע באַאַרבעטונגען זיינע — אַ גרויסן אָרט אין אונדזער קולטורעלן לעבן אין משך פון כמעט אַ צוויי יאָרצענדליקער; ער האָט גערירט אפשר הונדערטער טויזנטער יידישע הערצער און ער איז געוואָרן אויב נישט ווי אַ מין נאַציאָנאַלע רעליקוויע, איז ווי אַ פאָלקסטימלעכע.

מיר דאַכט זיך אַמאָל, אַז דער „דיבוק" איז אין אַ געוויסן זין ענלעך צו די נאַציאָנאַלע הימנען: האָט שוין עמיצער אַמאָל געמשפּט אַ נאַציאָנאַלן הימן לויט זיין דיכטערישן ווערט? דער פייער, וואָס מיליאָנען הערצער בלאָזן אַריין אין כמעט אַלע דיכטעריש־פלאַכע נאַציאָנאַלע הימנען, רייניקט פאַר אונדזער געפיל זייער דיכטערישן פסלות און זיי ווערן גרויס מיט דער גרויסקייט פון פאָלקס הייליקן ציטער, ווען עס זינגט זיי. זיי שטראַלן אויס מער ווי זיי פאַרמאָגן, — דאָס שטראַלן זיי אויס די געפיל־אינוועסטיציעס וואָס דאָס פאָלק האָט אינוועסטירט אין זיי.

דאָס זעלבע איז מיטן „דיבוק". ער איז נישט קיין גרויסע דראַמע, אָבער אַחוץ דער מעלה פון פאָלקסטימלעכקייט, האָבן זיך מיט אים באַגייסטערט הונדערטער טויזנטער הערצער; די אינסצעניזאַציעס זיינע פון דער „ווילנער טרופּע" און פון „הבימה" האָבן אים

דערהויבן צו הויכער קונסט. דער „דיבוק" איז געוואָרן אַ מין פאָלקס־טימלעך היילקטום און ער איז פאַרבונדן מיט זיין מחבר — נישט אָפּצורייסן.

ליטעראַריש צום שוואַכסטן איז, ווי שוין געזאָגט אויבן, זיין ראָמאַן „פּיאָנערן", — אַ ווערק וואָס איז כמעט כולו פּראָפּאַגאַנדע און כראָניק און כמעט אינגאַנצן נישט קיין קונסט. דאָס בוך איז געשריבן מיט קלישעס. אָבער אַפילו אין דאָזיקן בוך בליצט דורך אַנסקיס אידעלע מענטשלעכקייט, וואָס ברעכט דורך די סכעמע פון ווייס־שוואַרץ, און פרומע יידענעס זענען ביי אים אַמאָל מענטשלעך און די קעמפער פאַר ליכט — אוממענטשלעך.

זיין בוך דערינערונגען וועגן יידן און גוים איז פיין. זיינע דערינערונגען, למשל, וועגן זשאַרזש קלעמאַנסאָ זענען מייסטערהאַפט. אויך זיינע סקיצן וועגן רוסישע „גרים" זענען פשוט, אָבער פיין, טיף־מענטשלעך. דאָס זעלבע איז מיט אַ סך אַנדערע סקיצן און דערינערונגען זיינע. מען ווערט נישט אַדאַנק דעם קיין גרויסער שרייבער, אַ פיינער, אַ סימפּאַטישער שרייבער — יאָ.

אַנסקי האָט געשאַפן אַ ריי רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געזונגען. איין ליד, „די שבועה", איז אַפילו געוואָרן דער הימן פון „בונד", הגם אַנסקי איז קיינמאָל קיין בונדיסט נישט געווען.

ס׳האָט אים אַ גאַנצן לעבן געצויגן צום פאָלק און דעם פאָלק האָט געצויגן צו אים און צו זיינע ווערק. דאָס איז געווען אַ קעגנזייטיקע צוציאונג פון דער פאָלקסטימלעכער סטיכיע מיטן אידעאַלן פאָלקסטימלער.

אַנסקי איז געווען דער זאַמלער פון פאָלקס־לעגענדעס, פון עטנאָגראַפישע חפצים; מיט דער ערשטער עטנאָגראַפישער עקספּעדיציע איבערן פוילישן יידנלאַנד האָט אַנסקי אָנגעפירט; די ערשטע גרינט־לעכע טעאָרעטישע אַרבעט וועגן יידישן פאָלקלאָר האָט אַנסקי גע־געבן. פרץ האָט געשאַפן הערלעכע פאָלקסטימלעכע דערציילונגען זיך באַנוצנדיק מיט אַנסקיס פאָלקלאָר־זאַמלונגען (אָבער עס איז גענוג צו פאַרגלייכן פרצעס פּראָזע־דערציילונג „די דין־תורה מיטן ווינט" מיט אַנסקיס פערז־ווערסיע פון דער זעלבער פאָלקס־דערציי־לונג, כדי צו זען ווו עס איז די באַפליגלטע דיכטונג און ווו — די אומבאַפליגלטע פּראָזע).

אַנסקי איז נישט פעאיק געווען צו דערהויבן דעם געליבטן פאָלקטסימלעכן עלעמענט צו שעפערישקייט, אָבער ער האָט געהאַט אַ טיפע פסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש דערפאַר. און דעריבער איז נישט קיין וווּנדער וואָס די בעסטע פון אַנסקיס שריפטן איז די שריפט „דער יידישער פאָלקסגייסט און זיין שאַפן”. לויט דער איינשטימיקער מיינונג פון אַלע, וואָס קענען זיין ווערק, איז דאָס די בעסטע ליטעראַרישע אַרבעט אַנסקיס. זיין אויסטייטש פון די יידישע פאָלקלאָר־אוצרות איז אי טיף, אי קינסטלעריש־שיין.

דער גרונט־געדאַנק פון דאָזיקן ווערק: „די פיזישע קראַפט איז נישט די קראַפט וואָס איז מנצח”. „דאָס איז דער גרונטגעדאַנק — זאָגט אַנסקי — פון די נביאים, פון דער אגדתא, פון יידישן פאָלקלאָר. דער פיזיש שטאַרקערער ווערט באַזיגט, וואָרעם ער איז גייסטיק שוואַכער”.

דאָס איז אָבער נישט נאָר ביי די נביאים; אַפילו אין אוראַלטן תנ"ך־פאָלקלאָר, וואָס גרענעצט מיט יידישער מיטאָלאָגיע, זיגט מען נישט מיט פיזישער גבורה, נאָר מיט גייסט. שמשון זיגט נישט מיט זייע מוסקולן, נאָר מיט זיין נזירות; שערט מען אים אָפּ די האָר פון אַ נזיר, ווערט ער ווי אַ געוויינלעכער מענטש, ווייל גאָטס גייסט טוט זיך אָפּ פון אים. און גדעון צעלאָזט זיין גרויסע אַרמיי און זיגט נאָר מיט 300 קריגערס, וואָס קניען נישט ביים וואַסער טרינקען, ד.ה. מיט אַ הייפל מענטשן וואָס זענען שטאַרק נישט מיט זייער צאָל, נישט מיט זייער פיזישער גבורה, נאָר מיט זייער גלויבן אין גאָט, מיט זייער טרייקייט צו אים.

ווי שיין און טיף אַנסקי האָט אויסגעטייטשט דאָס יידישע פאָלקסשאַפן! דאָס איז דאָס גרעסטע וואָס אַנסקי האָט געגעבן ווי אַ שרייבער.

מיר איז באַשערט געווען דער טיפער גייסטיקער פאַרגעניגן צו הערן אין ביאַליסטאָק אַנסקיס אַ לעקציע וועגן יידישן פאָלקלאָר. דאָס האָט געמוזט זיין אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, אפשר אין 1919, — ער האָט אויסגעזען זייער שלעכט און פאַרעלטערט; אָבער ער האָט גערעדט ווי אַ דיכטער, ווי עס קאָן ריידן נאָר אַ רעדנער אַ פאַרליבטער אין זיין טעמע. דאָס איז געווען אַ רעפעראַט וועגן יוסף די לא רינהס דערציילונג, ווי ער נעמט אָפּ ביים מלאך המות דעם חלף, אָבער ער לאָזט זיך איבעררײדן און גיט עס אים אָפּ צוריק. דער טויט האָט געקאָנט זיין באַזיגט, אָבער ער איז געבליבן דער זיגער...

דער רעפּעראַט איז געווען אַן אומפּאַרגעסלעכע איבערלעבונג. דאָס איז געווען אַ ליד וועגן דער הערשאַפט פון ברוטאַלן טויט, וואָס אַ מענטש מיט גייסטיקער גבורה האָט אים באַזיגט, אָבער ביים שוועל פון ענדגילטיקן נצחון איז ער שוואַך געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויס ליד, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק, ווי אין אַלע גרויסע לידער, ווי אין יעדער עכטער דיכטונג, דאָס פּערזענלעכע אינעם אַלגעמיינעם, — אַנסקיס האַרץ האָט געפילט דעם טויט און זיין ציטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דיכטונג, — אָבער אין אַזאַ, צו וועלכער ער האָט זיך אין שריפטלעכן וואָרט קיינמאָל נישט דערהויבן...

* * *

אַנסקין, דעם פּאָליטישן און שריפטשטעלערישן פאָלקסטימלער, האָט תמיד געצויגן צום פאָלק און צום פאָלקסטימלעכן שאַפן. ער האָט זיך געטוליעט צום רוסישן פאָלק, זיך פאַרטיפט אין זיין שאַפן און געשריבן וועגן אים; ער האָט אין די יאָרן פון זיין לעבן אין פראַנק־רייך זיך פאַרטיפט אין פראַנצויזישן פאָלקלאָר און געשריבן וועגן אים. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַן תנאים צום יידישן פאָלק, איז ער נישט צופעליק געוואָרן איינער פון די גרעסטע זאַמלער און אויסטייטשער פון יידישן פאָלקלאָר און פון זיין גייסט.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיין פאַרטיפן זיך אין רוסישן און פראַנצויזישן פאָלקלאָר האָט אַ סך מיטגעווירקט צו אַנסקיס פאַר־זינקען אין יידישן פאָלקסשאַפן. זיין נאַטירלעכע נייגונג צום פאָלקס־שאַפן איז באַוווסטזיניקער געוואָרן דורך זיין כסדרדיקן אינספּירירן זיך מיט פרעמדן פאָלקסשאַפן. דער „דיבוק" איז פאַקטיש אויך מער אַ פאָלקלאָר־באַאַרבעטונג ווי אַ דראַמאַטיש ווערק.

אַנסקיס לעבן און שאַפן איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ פערפעקטן פאָלקסטימלער.

זיין לעבן איז געווען זיין גרעסטע שאַפונג.

לא על הלחם לבד יחיה האדם...*)

(נישט קיין פאַרענטפערונג — אַן אויפקלערונג)

מען פרעגט מיך גאַנץ פריינטלעך: „איר גיט אַרויס אַ יידיש בוך? אין שאַנכיי? אין איצטיקער צייט?" און עס איז מיר שווער פעסטצושטעלן: וואָס איז דאָ מער אין די דאָזיקע פראַגן, — פאַרוווּנדערונג אָדער פאַרוואורף?

ביי די איידעלערע פרעגער דאָמינירט די פאַרוווּנדערונג: אַ מאָדנע עקשנות! אין שאַנכיי, מלחמה־צייט, אַ ביכל אויף יידיש און דערצו נאָך וועגן דיכטונג?!!!

ביי די פּראָסטערע חי־וקימס דאָמינירט דער פאַרוואורף: שוין נישט געפונען קיין בילכערעס אויף וואָס אויסצוגעבן געלט? מילא, עסן, אַ דירה, אַ מלבוש, — אָבער אויף משוגעתן, קאַפּריזן?

אָבער אין לעצטן סך־הכל קוקן ביידע מינים פרעגערס אויף אַרויסגעבן דאָ אַ יידיש בוך, ווי אויף אַ זאַך אַן אומנוציטיקע, וואָס אָן דעם וואָלט אויך נישט געוואָרן קיין לאָך אין הימל.

און דערין מוז מען זיי געבן רעכט: קיין לאָך אין הימל וואָלט אָן דעם יידישן ביכל נישט געוואָרן. אָבער צי דען נאָר אָן דעם יידישן ביכל? דער הימל האָט בכלל אַ גאַנץ גוטע נאַטור: וואָס עס זאָל נישט געשען, ווערט נישט אין אים קיין לאָך. מען האָט שוין געזען, אַז מענטשן זענען געבליבן אָן עסן, אָן דירות און מיט זייער נאַקעטקייט אַרויס, און גאָרנישט — הימל איז געבליבן הימל: אַמאָל בלוי־זוניק, אַמאָל גרוי־פאַרוואָלקנט, אָבער אָן סכנות, ער האָט דאָס אויסגעהאַלטן, דער הימל...

אויב מען זאָל אורטיילן וועגן דער נויטווענדיקייט פון זאַכן לויט דער לאָך, וואָס זייער פעלן מאַכט אין הימל, וועלן מיר שיין אויסקוקן. מיר האָבן עפּעס נענטערס מיט וואָס זיך צו רעכענען: מיט אונדזערע מענטשלעכע באַדערפענישן. און וועגן אונדז איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן: „לא על הלחם לבד יחיה האדם", „נישט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענטש".

---

*) אָט דער עסיי איז געדרוקט געווען ווי אַ הקדמה צו מיין שאַנכייער אויסגאַבע פון מיין „מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע אויפגאַבע".

אָבער דער מענטש האָט אַ מאָדנע טבע: ער דערמאָנט זיך נאָך אַמאָל, אַז אויך יענער דאַרף אָנזעטיקן דעם מאָגן, צודעקן די נאַקעט־קייט, שלאָפן אונטער אַ דאַך, — אָבער ער איז תמיד געניגט צו פאַרגעסן, אַז דער מענטש האָט אויך אַ נשמה און אַז אויך פאַר איר מוז מען זאָרגן, אַז אויך איר מוז מען צוּוואַרפן אַ שטיקל הילף...

דאָס איז פאַרשטענדלעך: געדענקענדיק צו גוט דעם אייגענעם גוף, דערמאָנט מען זיך נאָך אַמאָל וועגן צווייטנס, אָבער ווי אַזוי קאָן מען האָבן טענות פאַרן פאַרגעסן יענעמס נשמה צו אַזאַ, וואָס פאַר־געסט צו אָפט וועגן דער אייגענער?

דאָס הייסט: די נשמה לאָזט נישט אין זיך פאַרגעסן, זי מאָנט אויף אויף פאַרשיידענע אומוועגן, זי מאָנט אויף דאָס איריקע אויף אַ פאַרקריפּלטן אופן — דער „לא על הלחם לבד יחיה האָדם״ בלייבט געזעצט (ווייל דאָס איז אַ דיקטאַט פון לעבן גופא), אָבער די נשמה־פאַרגעסער ווייסן נישט פון וואַנען דאָס שטאַמט. אויב מען גייט אַזוי אָפט אויף פוסטע קינאָ־בילדער, אויב מען שפּילט אַזוי פיל אין קאָרטן, אויב מען פאַרנעמט זיך אַזוי פיל מיט פערד־געיעגן, איז דאָס דער־פאַר, ווייל מיטן עסן און שלאָפן אַליין קאָן דער מענטש נישט זיין באַפרידיקט, — עפּעס מאָנט אויך די נשמה אָדער אירע פאַרטוישטע רעשטלעך. דער מענטש מוז האָבן ברויט און גייסט אָדער ברויט און פאַרשטעלונגען, ווי אַן ערזאַץ פאַר גייסט. אָבער קענענדיק און אָנערקענענדיק בלויז דעם גוף, נעמט מען אָן, אַז די פאַרשטעלונגען זענען אויך בלויז אַ גופיקער ענין. און הגם דער דאָזיקער גייסט־ערזאַץ איז טאַקע שטאַרק אַראָפּגעצויגן צום גוף און כמעט ווי פאַר־גופיקט, דאָך איז ער אַ גייסטיקע באַדערפעניש און אַ גייסטיקע באַ־פרידיקונג.

דער גייסט איז דאָ און ער מוז באַפרידיקט ווערן און ער ווערט באַפרידיקט. די פראַגע איז בלויז ווי ווייט ער איז פאַרמאָרעט און קאָן נאָך האָבן אַ נאָרמאַלן אַפּעטיט.

און איך האָב נאָך אַ נאָרמאַלן אַפּעטיט, — ניין, איך האָב אַ וועלפישן אַפּעטיט נאָך דעם געצוווּנגענעם הונגערן אין ראַטנפאַר־באַנד.

איך האָב אַ הונגער נאָך גייסט און ער האָט פונקט אַזאַ רעכט באַפרידיקט צו ווערן, ווי דער הונגער פון מיין גוף.

און עס שרעקט מיך נישט דאָס שרעקן מיך מיט „אַזאַ צייט״.

ווען די אָנהענגער פון לאָזן דאָס אַרויסגעבן יידישע ביכער אויף אַנ־דערע צייטן וואָלטן אַליין גאָרנישט געטאָן, ווי נאָר געזעסן מיט אַש אויפן קאָפּ און מיט וועלט־צער אין האַרצן, וואָלט איך געפילט אַ באַדערפעניש צו איבערצייגן זיי אין דער ריכטיקייט פון מיין טאָן, אָבער איצט? פאַרוואָס זאָל מען מעגן מאַכן בעלער און אַרויסגעבן ביכער זאָל מען נישט טאָרן? צי טאַקע בלויז דערפאַר, ווייל נאָך אַ באַל בענקען טויזנטער און נאָך אַ יידיש ביכל צענדליקער אָדער הונדערטער?

און חוצדעם — איך האָב דעם זעלבן גייסטיקן הונגער געשפּירט און געחלשט אים צו באַפרידיקן אין ערגערע פּערזענלעכע באַדינ־גונגען, ווי אין שאַנכיי.

דאָס איז געווען אויפן וועג פון וואַרשע קיין קאָוועל. די צע־ווונדיקטע פיס האָבן קוים געשלעפּט זיך, געדראָט יעדע מינוט מיט ענדגילטיקער דעמיסיע; דער פאַרהונגערטער גוף האָט שוין גאָרנישט געפילט, — ער האָט בלויז געהאַט איין פאַרלאַנג: נישט הערן מער דאָס מאָנאָטאָנע זשומען פון די ריזיקע רויב־פויגלען, וואָס האָבן זייט 12־10 טעג אָן אויפהער געקרייזט איבערן אומגליקלעכן פּוילן, אַזוי פאַרמיאוסט זענען זיי געווען מיט זייער חלשותדיקן זשומען, מיט זייער פרעכער מאָרדגיריקייט; און אָט דאַן — איך שעם זיך נישט צו דערציילן — האָב איך זיך דערמאָנט, נישט צום ערשטן מאָל, אָן נישט־דערלייענטע ביכער, אָן נישט־פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן, און ס'האָט זיך אַזוי פאַרשמעקט נאָכן שרייב־טיש, נאָך דעם שאַרפן גענוס פון אַ באַגריפענעם סובטעלן געדאַנק, נאָך דער זיסער אַנטשפּאַנונג פון אַ געלונגען־פיקסירטן געדאַנק. ס'האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט האָבן ביי זיך אַ בוך און לייגן זיך אָט־אָ־דאָ נעבן קליינעם, דאַרן בוימל און לייענען, לייענען ביז איך וועל זיך אַרויסגנבענען פון דער ממשלה פון דאָזיקן פרעכן, פּוסטן זשומען, ביז איך וועל פאַרפליען אין דער ממשלה פון דאָס איינציק־וויכטיקע, איינציק־ווירקלעכע, פון דאָס איינציק־דויערהאַפטע. און דער פאַרלאַנג איז שטאַרק און איך שעם זיך, וואָס איך בין אַרויסגעלאָפן פון מיין שטוב, פון מיין שטאָט נישט נאָר אָן עסן, נאָר אויך אָן אַ בוך, — ווי אַזוי לאָזט מען זיך אין אַזאַ וועג אָן דעם טרייסטן, קלוגסטן, טרייסטנדיקסטן חבר — דעם בוך? און אָט ליג איך שוין ביים בוימל און שעפּ פון מיין זכרון לידער פון היינע און ביאַליק, פון געטע און מאַנגער. און איך האָב נישט נאָר באַפרידיקט מיין הונגער, נאָר אויך זיך דערפילט שטאַר־

קער אַפּילו פיזיש אַ דאַנק דעם צוריקגעוווּנענעם דרך־ארץ צו זיך אַליין.

איז מיך שרעקט איר מיט „אַזאַ צייט״? איך האָב אין יענער צייט נישט מותּר געווען אויף אַ שטיקל גייסטיקער סעודה, וועל איך דאָס היינט טאָן?

אָבער שאַ — כ׳וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד: איך בין דאָס שולדיק נישט נאָר זיך, ווי אַ מענטשן, נאָר אויך זיך, ווי אַ יידן.

ווען מיר, יידן, וואָלטן טאַקע געלעבט לויט דער דאָזיקער פילאָ־זאָפיע פון „אין אַזאַ צייט״ וואָלטן מיר שוין מיט טויזנט יאָר צוריק געווען געבליבן ביי גאָרנישט. וואָרום, מ׳שטיינס געזאָגט, ווען און ווי לאַנג האָבן מיר דאָס געהאַט בעסערע צייטן, נאָרמאַלע, רואיקע, וואָס מען מעג זיך אין זיי יאָ פאַרגינען אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי די שוואַרצע פינטעלעך?

בעת יענער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל ליגט שוין אויף דער ערד, לכל הפּחות פאַר אונדז, מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן, פלעג איך ליגן גאַנצע נעכט און מתפּלל זיין, אַז ביאַליק זאָל געפינען אין זיך כּוח, ווי נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם, אַ הונדערט־פאַכן כּוח ווי דאַן, און זאָל שאַפן דאָס גרויסע ווערק פון אונדזער פּיין און חורבן. און ווען עמעץ וואָלט מיר געווען געפרעגט: „אין אַזאַ צייט״ איז טאַקע נישטאָ קיין בילכערס אויף וואָס צו בעטן?, וואָלט איך אים געווען געענטפערט: „ניין!״ ווען עס וועט פאַרגיין דער איך אים געווען געענטפערט: „ניין!״ ווען עס וועט פאַרגיין דער שטורעם און דאָס ביסל געראַטעוועטע יידן וועט אַרויסגיין פון די ווינקלען און עס וועט געשאַפן ווערן אַן אָביעקטיווע מעגלעכקייט פון ווייטער לעבן, וועט דאָס דאָזיקע שארית הפּליטה האָבן, אַ דאַנק די גרויסע און קליינע ביאַליקס, אַ באָדן אויף וועלכן צו שטעלן זיך בויען. אָבער ווען מען וועט „אין אַזעלכע צייטן״ נישט שאַפן, טאָ וואָס וועלן טאָן די דאָזיקע געבליבענע? אָנהויבן אָן אַ באָדן אונטער די פיס?

און דאָס איז געווען די רעטונג פון יידן: מיר האָבן תּמיד גייסטיק געשאַפן, אַפילו „אין אַזעלכע צייטן״. אויף אונדזערע וואַנדער־וועגן פלעגן מיר תּמיד פאַרזייען זוימען פון גייסטיקן לעבן. אַ בין פליט נאָך האָניק און באַפרוכפּערט אויף איר וועג בלומען און בוימער; אַ ייד לויפט פון פּאָגראָמען און אָט באַפרוכפּערט ער אַ פאַרוואָרלאָזטן יידישן ישוב, אָט לאָזט ער וואָרצלען פאַר אַ נייעם ישוב.

און אויך דער יידישער שרייבער טראָגט נישט נאָר דעם יידישן גורל, נאָר אויך דעם יידישן ווילן צום לעבן, די עקשנותדיקע יידישע פּרוכפּערדיקייט — די פיזישע, ווי די גייסטיקע.

ער טראָגט עס אין זיך אינסטינקטיוו און ער גיט דערויף — און דאַרף געבן! — זיין באַוווסטזיניקן הסכם.

* * *

אַלע געדענקען מיר נאָך איינעם פון די שענסטע עפּיזאָדן פון דער סאַמע נייסטער וועלט־געשיכטע — די טשעלוסקין־עפּאָפּייע. אויף אַן אייז־קריע האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק מענטשן פון אַ פאַראומגליקטער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע אין אַרקטישן ים. פון פאַראומגליקטן טשעלוסקין־שיף האָבן זיי געראַטעוועט אַביסל זאַכן און עסן און — דעם ווילן צו לעבן.

אַ גאַנצע וועלט האָט אויסגעשטרעקט צו זיי רעטונגס־הענט. אַ גאַנצע וועלט האָט נאָכגעפאָלגט די טאָפּלטע אַקציע פון דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער עפּאָפּייע: די רעטונגס־אַקציע פון דער דרויסנדיקער וועלט און דעם קאַמף פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן אויף דער אייז־קריע.

די טשעלוסקין־לייט זענען געראַטעוועט געוואָרן. אָבער ווער האָט זיי געראַטעוועט? פון אויבן אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז די אויסערלעכע וועלט, אָבער אין דער אמתן האָבן זיך די טשעלוסקין־לייט אַליין געראַטעוועט.

אויב די דאָזיקע עפּאָפּייע איז אַזוי באַגייסטערנדיק, איז נישט אַזוי צוליב דער פיבערדיקער רעטונגס־אַקציע פון דרויסן, ווי צוליב דעם לעבנסווילן און דער לעבנספעולקייט אויף דער אייז־קריע.

מענטשן האָבן זיך אַזוי לאַנג געפונען אויג אויף אויג מיטן טויט און נישט נאָר זיי האָבן געוואָלט לעבן — דאָס איז דאָך אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַזוי געוויינלעך, כמעט ווי באַנאַל, — נאָר זיי האָבן געוואָלט לעבן מיט אַ פול מענטשלעך לעבן, מיט אַ בכבודיק מענטשלעך לעבן. די דאָזיקע מענטשן האָבן גערופן הילף, געוואַרט אויף הילף, אָבער וואַרטנדיק האָבן זיי אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו לעבן: זיי האָבן יעדן טאָג גימנאַסטיקירט און יעדן טאָג געפירט ווייטער זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. עס איז אין זיי נישט אויפגעקומען די ציבישע פראַגע: צוואָס צוגרייטן פאַרן

מלאך המות אַן אויסגימנאַסטיקירטן קערפּער? צוואָס צוגרייטן פאַר די וויסטע אייז־פעלדער איבערן ים־אַפּגרונט וויסנשאַפטלעכע נאַ־טיצן? און אויב עס איז אין זיי אויפגעקומען די דאָזיקע צינישע פראַגע (דאָס איז דאָך אַזוי מענטשלעך!), האָבן זיי זי אונטערדריקט, באַזיגט.

ווען נישט די דאָזיקע מענטשלעכע דיסציפּלין, וואָלט די אוי־סערלעכע רעטונג טאָקע סײַ־ווי געקומען, אָבער עס וואָלט נישט גע־ווען וועמען צו ראַטעווען, — יעדפאַלס וואָלט זי נישט געטראָפן די, פאַר וועלכע עס איז ווערט געווען צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זיי צו ראַטעווען.

די טשעליוסקין־לײַט האָבן מעגלעך געמאַכט זייער אייגענע רע־טונג, און זיי זענען ווערט געווען געראַטעוועט צו ווערן.

איז דען אָבער דער יידישער געשיכטלעכער וועג נישט קיין פּערמאַנענטע טשעליוסקין־עפּאָפּייע? מיר פלעגן רופן כסדר נאָך הילף, אָבער מיר פלעגן זיך תמיד ראַטעווען אַליין דורך דער מענטש־לעכער דיסציפּלין אונדזערער, דורך נישט פאַרגעסן אין די צייטן פון גרעסטער פיזישער נויט אויך די נויטן און דעם כבוד פון דער נשמה. מיר האָבן כסדר געלעבט אויף אייז־קריעס, וואָס אָט־אָט, דאַכט זיך, וועלן זיי צעשמעלצן אונטער אונדזערע פיס, אָבער מיר פלעגן לעבן אויף זיי מיט אַ פול מענטשלעך לעבן.

און אויב מיר וועלן אָפּהיטן אונדזער דאָזיקע טראַדיציע — די טראַדיציע פון פולער יידישער אויסלעבונג — גייסטיקער פונקט ווי פיזישער — וועלן מיר נישט אומקומען. ווען עס וועט קומען די רעטונג, וועט זי געפינען וועמען צו ראַטעווען, און עפּעס, וואָס איז ווערט געראַטעוועט צו ווערן.

דער יידישער שרייבער וויל — און דאַרף — צוליב זיין מענטשלעכער און יידישער נאַטור ממשיך זיין אויך אין דער דאָזי־קער תקופה און אַפילו אין דער שאַנכייער סביבה די טשעליוסקין־טראַדיציע פון יידישן פאָלק. מיר ווילן דאָ פאַרזייען זוימען פון גייסט, וועלכער זאָל דערנערן אי אונדז, אי אייך, וועלכער זאָל צוגעבן אַפילו אונדזער פּליטימשן לעבן די נויטיקע פולקייט, די נויטיקע חשיבות.

מיר ווילן, אַז די רעטונג, וואָס וועט קומען, זאָל האָבן וועמען צו ראַטעווען, און עס זאָל זיין צוליב וואָס צו ראַטעווען.

היסטאָריאָזאָפישע בעלעטריסטיק

(נאָטיצן וועגן „המהפכה האשכנזית")

ק. כצנלסון: „המהפכה האשכנזית". הוצאת „אנך". תל־אביב, 1964. 256 זייטן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען פון זעלבן מחבר אַ ביכל א"נ „דער קריזיס פון מאָדערנעם העברעאיש". זענען אין יענעם ביכל דאָ זייט ביי זייט מיט אומפּראַקטישע ראַדי־קאַלע פאָרשלאָגן, גאַנץ פיינע, מיושבדיקע קריטישע באַמערקונגען וועגן די שוואַכקייטן פון מאָדערנעם העברעאיש, וועגן זיין קינסטלעכ־קייט, וועגן קולטור־חורבן אין ישראל, ספּעציעל ביים יונגן דור, צוליבן אָפּרייסן אים פון דער יידישער שפּראַך, ד.ה. פון אוממיטל־באַרן קולטור־המשך — פון דער יידישער גלות־שעפערישקייט.

אָבער זייט ביי זייט מיט אַ מיושבדיקן קריטישן אַנאַליז, טראָגט זיך דער מחבר איבער דערווירקלעכקייט אין אַ פייערדיקן רייטוואָגן פון אומגעצאָמטער פאַנטאַזיע — מען דאַרף יידיש איינס־צוויי אַריינ־פירן אין ישראל ווי אַ מלוכה־שפּראַך. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך פּראַקטיש און פּסיכאָלאָגיש אָן אַ פאַטאַלן אויפרייס, — דאָס איז שוין נישט דעם מחברס באַבעס דאגה; ווי אַזוי קאָן מען אין משך פון צוויי־דריי דורות צוויי מאָל מאַכן אַ שפּראַך־רעוואָלוציע אין אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע ישראל געפינט זיך סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך?

ווען מען אָפּערירט מיטן כשוף־שטעקעלע פון פאַנטאַזיע — איז אַלץ מעגלעך... יעדנפאַלס אין קיניגרייך פון וואָרט...

הגם מען איז מסכים געווען מיט אַ סך אויספירן פון מחבר, איז אָבער דער הויפּט־איינדרוק געווען, אַז דער מחבר אַרבעט דער עיקר מיט פאַנטאַזיע — מיט ראַדיקאַלער פאַנטאַזיע, וואָלט איך געזאָגט: ער שטעלט זיך אַ ציל, ער איבערצייגט זיך אין זיין ריכטיקייט און ער נעמט גיין צו אים, איבער די שורות פון זיין בוך, נישט אָפּווייכנדיק נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס.

* * *

די הויפט־טעזיסן פון ק. כצנלסונס פריש בוך זענען פאָלגנדיקע:

א) מערסטנטיילס פעלקער לעבן אין דער דימענסיע פון שטח, אָבער דאָס פאָלק ישראל — אין דער דימענסיע פון צייט. די יידן זענען דער עיקר נישט קיין שטח־דעראָבערער נאָר צייט־דעראָבערער, זיי שטרעבן צו לעבן אומענדלעך, עד סוף כל הדורות;

ב) יידן זענען נישט קיין איינהייטלעך פאָלק — זיי זענען תמיד געווען אַ קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער; און אַזוי איז אויך היינט. אַמאָל איז געווען אַ שנאה צווישן פאַרשידענע שבטים — צווישן יהודה און בנימין, למשל, דערנאָך צווישן מלכות יהודה און מלכות ישראל; דערנאָך צווישן די יידן פון דייטשלאַנד (די אשכנזים) און די יידן פון שפּאַניע (די ספרדים), פון נאָענטן מזרח (די מזרח עדה׳ס).

אויפגעשטעלט די טעזיסן, לאָזט דער מחבר אין גאַנג דעם פייערדיקן רייטוואָגן פון זיין פאַנטאַזיע, קלייבנדיק באַווייזן פאַר זיינע טעזיסן אויף רעכטס און אויף לינקס, ווו עס דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיי. אַ ראיה אויף דער פיל־פעלקערדיקייט פון פאָלק ישראל איז אויך דאָס אַרויסטרייבן הגרן און ישמעאלן פון אברהם אָבינוס געצעלט אין מדבר אַריין (?!?! — י. ר.)

אמת, פון מיטאָלאָגיע קאָן מען אפשר אַ סך לערנען, ווי דאָס באַמיען זיך אויפצווייזן מאָדערנע פסיכאָלאָגן, אָבער כצנלסון באַנוצט זיך אין זיין היסטאָריאָזאָפיע מיט מיטאָלאָגישע פּרטים ווי זיי וואָלטן געווען אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן, און ער גייט אויף זיי ווי אויף אַן אייזערנער בריק...

כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר איז פאַרן מחברס געדאַנקען־גאַנג דאָס קאַפּיטל „קהל עמים בארץ כנען" („אַ גרופּע פעלקער אין לאַנד כנען").

נאָך אַ פּלפּול־ און דרוש־אַנאַליז פון די ווערטער „שופט" און „שבט", געפינט דער מחבר אַ גלייכעניש צווישן דעם דערטרינקען די שיף „אַלטלנה" און צווישן יואב בן צרויהס טויטן אבנרן אין חברון, ווהין ער האָט אים פאַרנאַרט דורך ספּעציעלע שליחים. אַזוי אַרום ווערט פאַרקניפּט די איינהייט צווישן אַמאָליקע אינטריגעס און די היינטיקע, און דאָס איז אַ פעסטער באַווייז, אַז דאָס יידישע פאָלק איז היינט פונקט אַזוי געשפּאָלטן ווי אַמאָל — היינט קומט ווידער פאַר די זעלבע מלחמה ווי אַמאָל צווישן אַ בית שאול און אַ בית דוד. (דער מחבר האָט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז דאָס וואָס בן־גוריון הייסט

דוד — איז אַ בולטער באַוויז... אָבער אָן דעם פּרט איז אויך אַלץ קלאָר...).

און פון דאָזיקן פּונקט מאַכט דער מחבר אַ מייסטערהאַפטן שפּרונג און דערקלערט, אַז די אָנפירער פון די באַוואָפנטע אָרגאַני־זאַציעס זענען פּאַקטיש געווען ישראל־מלכים, וואָס האָבן געווירקט אין 20טן יאָרהונדערט. זיי האָבן געפירט זייער מיליטער קעגן אויס־ערלעכע שונאים, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי געוואָלט באַזייטיקן די אינערלעכע קעגנער וואָס זענען געשטאַנען ווי אַ שטרויכלונג אויף זייער וועג צום טראָן...

און דאָ גיט דער מחבר נאָך אַ שפּרונג אויף צוריק און דער־קלערט, אַז דער אָנהויב פון קיניגן איבער די היינטיקע יידן האָט שוין געמאַכט זשאַבאָטינסקי, — ער איז געווען קיסר איבערן בית״ר־מיליטער. דער מחבר זעט קלאָרע מאָנאַרכיסטישע סימנים אין זשאַ־באָטינסקיס אויפפיר, אָבער (נאָך אַ שפּרונג!) אים האָט געפעלט „די קראַפט און דער פאַרשטאַנד וואָס זענען נויטיק צו פאַראייניקן דע־מאָקראַטיע און מאָנאַרכיזם. און דער עיקר: ער האָט נישט געקאָנט אויסנוצן די גרויסע מאָנאַרכיסטישע מעגלעכקייטן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים, כדי צו שטורעמען מיט באַוואָפנטע כוחות ארץ־ישראל און זי עפענען פאַר אַ יידישער מאַסן־אימיגראַציע שוין אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן״. (אונטערגעשטראָכן דורך מיר — י. ר.).

ווי געפעלט אייך אַזאַ שפּילעוודיקע היסטאָריאָזאָפיע? ווי לייכט עס איז געווען צו שטורעמען פון פוילן מיט געווער אָנהויב דרייסיקער יאָרן די ענגלישע פּאַלעסטינע און מען האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל זשאַבאָטינסקין האָט געפעלט מאָנאַרכיסטישער מוט!

עס בלייבט נאָר גוט אויסצורייבן די אויגן און איבערלייענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אויבן ציטירטע שורות — און אַ קוועטש טאָן מיט די אַקסלען. (דאָס מוז זיין אַ שלעכטער וויץ...).

אָבער צו אָפּט מוז מען דאָס טאָן ביים לייענען אָט דאָס בוך..

* * *

אַלץ אין דאָזיקן בוך איז מאָדנע; אָבער איינער פון די סאַמע מאָדנע טעזיסן זיינע איז דער טעזיס וועגן אוגאַנדע.

עס זענען ביז היינט דאָ פאַרשידענע מיינונגען וועגן אוגאַנדע: צי מען האָט זי געדאַרפט אָננעמען, צי נישט.

אָבער אַזאַ מיינונג וועגן דעם אוגאַנדאַ־טעות, ווי מען געפינט אין כצנלסונס בוך, האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געזען.

ערשטנס, זענען נישט אַלע אַזוי זיכער, צי ענגלאַנד, וואָס האָט אונדז פאָרגעלייגט אוגאַנדע, וואָלט טאַקע געהאַלטן וואָרט און גע־געבן. פון דעם ווי אַזוי ענגלאַנד האָט אויסגעפירט די באַלפור־דעקלאַראַציע, קאָן מען נישט זיין אַזוי זיכער דעריין. וויפל האָט גע־פעלט אַז פון דער גאַנצער באַלפור־דעקלאַראַציע זאָל זיך אויסלאָזן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע?

צווייטנס, פון וואַנעט נעמט ק. כצנלסון די זיכערקייט, אַז מיר האָבן פאַרזאַמט די געלעגנהייט „אויפצושטעלן אַ גרויסע אשכנזישע ציוויליזאַציע אין אַפריקע, אָדער אין אַן אַנדער נייעם קאָנטינענט און אַריבערפירן אַהין מיליאָנען אשכנזים פון די סכנה־געביטן? אַפילו די וואָס טענהן אַז אוגאַנדע, און אַפריקע בכלל, זענען נישט געקומען אין באַטראַכט אַלס רעטונגס־אָרט פאַר די מאַסן אשכנזים, קאָנען נישט אָפּלייקענען אַז אַזעלכע מעגלעכקייטן זענען געווען אין אַנדערע ערטער. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך תמיד אָפּגערופן אויף יעדן פאָרשלאָג פון אַ געמיינזאַמער קאָנסטרוקטיווער אַקציע (למשל: עמנואל נחס רוף צו קאָלאָניזירן אַ שטח אין אַמעריקע? — י. ר.), וואָס אַנדערע פעלקער האָבן אים פאָרגעשלאָגן. דער אוגאַנדע־פאָר־שלאָג איז געווען דער סאַמע קאָנסטרוקטיווער וואָס איז אונדז פאָר־געלייגט געוואָרן אין דער נייער צייט, מיר אָבער האָבן אים אָפּגע־וואָרפן. מען קאָן זאָגן, אַז אָט דאָס אָפּוואַרפן איז געווען די איינציקע געשעעניש אין דער געשיכטע, דורך וועלכער די יידן האָבן פאַרשאַפט דעם וועלט־שלום אַ דירעקטן שאָדן, זיי האָבן אָפּגעשוואַכט די בויענ־דיקע כוחות, געשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם און האָבן דערמוטיקט אַן אומגליק וואָס זיי אַליין זענען געווען זיינע אומגליקלעכסטע קר־בנות". (זייט 216).

וואָס אין דעם זאָץ איז אַלץ דאָ!

אויב מען האָט אין וועלכן אָרט עס זאָל נישט זיין געקאָנט אַזוי לייכט אַריבערפירן מיליאָנען אשכנזישע יידן, טאָ פאַרוואָס האָט מען (לויט כצנלסונס אייגענע ווערטער) אין משך פון 66 יאָר, פון 1882 ביז 1948 אַריבערגעפירט קיין ישראל בלויז 400 טויזנט? אין ענין קלימאַט, מיין איך, האָט ארץ־ישראל געקאָנט קאָנקורירן מיט אוגאַנ־דע; אין ענין פרעמדקייט — אַוודאי; חאָס ווידער שייך דעם מעכ־

טיקסטן פאַקטאָר פון סענטימענט, — אַ פאַקטאָר וואָס איז גאָרנישט מעגלעך אָפּצושאַצן ביי אַזעלכע זאַכן, האָט קיין שום אָרט אין דער וועלט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט ארץ־ישראל. און פונדעסטוועגן...

און צווייטנס — ס'איז דען געווען ביי יידן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פעאיק געווען אַריבערצופירן מיליאָנען יידן קיין אַפריקע? און אַז עס פעלט די פסיכישע צוגעגרייטקייט, איז דאָס אויך אַ רעאַ־לער שטער־פאַקטאָר. און דער פסיכישער שטער, צוליב וועלכע סיבות עס זאָל נישט זיין, איז געווען גרויס סיי בנוגע ארץ־ישראל און אַוודאי און אַוודאי בנוגע אוגאַנדע אָדער אַנדערע „נייע קאָנטינענטן" (מיט וועלכע כצנלסון שיט פון אַרבל...).

מען קאָן דאַכט זיך זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז די געוויינלע־כע צרות פון יידן אין איראָפּע סוף נײַנצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וואָלטן קיין מאַסן־עמיגראַציע אין אַ קרקע בתולה נישט דערמוטיקט. און דער בעסטער באַוויז — ארץ־ישראל, וואָס האָט אויף איר זייט געהאַט אי אַ באַלפור־דעקלאַראַציע, אי דעם מעכטיקן שטויס־כוח פון סענטימענט, אי אַ שטיקל אייגענע, גאַנץ גרויסע אויי־טאָנאָמיע.

געוויס וואָלט געווען גוט ווען מיליאָנען יידן וואָלטן געווען פאַר־לאָזט איראָפּע און זיך באַזעצט אין אוגאַנדע (הגם וואָס וואָלט היינט געווען, ווען אַפריקע ווערט באַלעבאָס איבער זיך? צי וואָלט אַפריקע האַנאָרירט ענגלאַנדס געשאַנק?); אָבער אַזאַ צוגאַנג צו געשיכטע האָט מען אין דייטשלאַנד פון פאַר היטלערן באַצייכנט מיטן איראָנישן אויסדרוק: „ווי אַזוי דער קליינער מאָריץ זעט די וועלט־געשיכטע"...

מען זאָל זיך באַנוצן כסדר מיט אַזאַ לאָגיק ביים שרייבן גע־שיכטע, ווי עס נוצט זי כצנלסון, ווערט אַ גאַנץ ערנסטע זאַך דער וויץ וועגן משה רבינו, פאַרוואָס ער האָט געפירט די יידן קיין כנען און נישט קיין אויסטראַליע אָדער אין נאָך בעסערע ערטער. און אויב כצנלסון זאָגט, אַז „די יידן האָבן דירעקט געבראַכט שאָדן דעם וועלט־שלום" צוליב נישט אָננעמען דעם אוגאַנדע־פאָרשלאַג, קאָן מען מיט מער רעכט זאָגן, אַז די יידן האָבן געבראַכט אומגליק אויף דער וועלט דורך דעם, וואָס זיי עקזיסטירן בכלל אָדער וואָס יידן האָבן געשאַפן דעם קריסטנטום. און אַנטיסעמיטן זאָגן דאָס טאַקע...

אויב דאָס נישט אָננעמען דעם אוגאַנדע־פאָרשלאַג האָט גע־שטאַרקט אויף דער וועלט דעם אַנטיסעמיטיזם, שטאַרקט אים נאָך

מער ק. כצנלסון מיט אַזעלכע „געדאַנקען". לויט אים קומט אויס, אַז מען דאַרף האָבן טענות צום יידישן פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ...

* * *

דאָס בוך כצנלסונס איז פול נישט נאָר מיט פאַנטאַסטישע „געדאַנקען" און ווילדע שפרונגען, נאָר מיט אַן אַ שיעור משונהדיקע מיינונגען.

אָפּטמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט קיין בוך, נאָר אַ מין משה־קאַפּויערדיקע ענציקלאָפּעדיע וועגן דער יידישער געשיכטע, ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָבער באַרירן אַלץ וואָס כצנלסון באַרירט איז אי נישט מעגלעך און אי נישט נויטיק. ווייל איך נאָר, צום סוף פון מיינע באַטיצן וועגן זיין בוך, זיך אָפּשטעלן אויף דער טייל בוך, וואָס באַרעכטיקט זיין נאָמען.

אַז מען לייענט איבער דאָס גאַנצע בוך, בלייבט אַ פּריקרער טעם אין אונדזער גאַנצן געמיט. און ווען מען זוכט אַ וואָרט־אויסדרוק פאַרן דאָזיקן געפיל, מוז מען זיך זאָגן: דאָס, וואָס דער ייד איז פאַרן אַנטיסעמיט, ד.ה. די פאַרקערפּערונג פונעם טייוול, איז דער ספרדי פאַר כצנלסונען.

עס דאַכט זיך אָפּטמאָל ביים לייענען דאָס בוך, אַז אַלע צרות פון ישראל און פון גאַנצן יידישן פאָלק איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט לגבי דער פאַרשווערונג פון די ספרדים (און בכלל פון די מזרח־עדהס), צו פאַגראַמירן און אַרויסטרייבן די אשכנזים פון ישראל.

כצנלסון דערציילט וועגן אינטריגעס פון עפּעס אַ ספרדי אַ פּראָפעסאָר שוראַקי (פון אַלזשיר), וואָס איז געווען אַ בעל־יועץ ביי בן־גוריונען און איז צוליב אַן אינטריגע באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט.

איז דאָס אַ זאַך, וואָס טרעפט גאַנץ אָפט. אָבער הערט נאָר ווי דאָס ווערט פאַרגרעסערט ווען מיר קוקן דערויף דורך כצנלסונס מעכטיקן פאַרגרעסער־גלאָז.

„קומט אויס, אַז פּראָפ. שוראַקי האָט געוואָלט באַזייטיקן בן־גוריונען און פאַרכאַפּן זיין פּאָסטן, ווי אַן ערשטער טריט צום אַלגעמיינעם גירוש פון די אשכנזים פון מדינת ישראל". (זייט 200). ווי אַזוי אַ ספרדישער פּראָפעסאָר קאָן באַזייטיקן דעם פּרעמיער־מיניס־

טער פון אַ דעמאָקראַטישער מלוכה און פאַרנעמען זיין אָרט, איז שווער צו פאַרשטיין, אָבער איך פאַרזיכער מיינע לייענער, אַז דאָס איז דער אומשולדיקסטער בלבול אויף אַ ספרדי אין דאָזיקן בוך...

כצנלסון צאָרנט אויף דער ממש אַנטיסעמיטישער שנאה פון די ספרדים צו די אשכנזים. ער ברענגט „באַווייזן" פאַר דער דאָזיקער שנאה, וואָס נעמט אַן דעם כאַראַקטער פון עקסטרעמען ראַסן־האַס, און גענאָסיד־פאַרלאַנג.

אין שייכות מיטן באַזייטיקן פראָף. שוראַקי פון זיין אַמט ווי אַ יועץ ביי בן־גוריונען (כדי צו באַזייטיקן וואָס שנעלער די אָפּגעשטאַנענקייט פון די ספרדיש־מזרחשע עדהס), „האָבן די גבאים פון ספרד — לויט כצנלסונען — געפונען אַן אויסרייד פאַר אַ גרויל־פראָפּאַגאַנדע קעגן די אשכנזים אין סטיל פון געבעלס און שטרייכער".

„זייער גאַנצער אינטערעס באַשטייט אין שנאה צו די אשכנזים און זייער באַגער איז צו זען אונדזער פולשטענדיקן חורבן". (ז. 101).

איינער פון די שלאָגנדיקסטע באַווייזן, לויט כצנלסונען, זענען די אָפּטע ספרדישע אויסרופן: „אַ שאָד וואָס היטלער האָט נישט פאַרענדיקט מיט אייך אַלע", אָדער „אַ שאָד וואָס איכמאַן האָט נישט געאַרבעט קיין איבערשעהן". (ז. 158).

אָבער די גאַנצע מי פון ק. כצנלסון צו באַווייזן דערמיט די ספעציפישע שנאה פון די ספרדים וואָס האָפן אויף אַן איבערחזרונג פון אַ היטלער־אומגליק אויף די אשכנזים אין ישראל (און אין דאָזיקן אומגליק ווילן זיי אָנטיילנעמען, לויט כצנלסונען, זיי קוקן אויס די אויגן אויף אים), איז פסוידאָ־היסטאָרישער פּאַראַויסזען פון אַ בלינדן, וואָס זעט נישט ממש וואָס עס טוט זיך ביי אים אונטער דער נאָז.

געוויס, קללות ווי די אויבן געבראַכטע זענען שרעקלעך, אָבער זיי זענען פשוט אַ פּראָדוקט פון גראָב־יונגישקייט און יחידישער פאַרביטערטקייט, נישט דווקא קיין רעזולטאַט פון אַ ראַסן־האַס צווישן צוויי פעלקער, וואָס דויערט פון אייביק אָן און וועט דויערן „עד סוף כל הדורות" (ווי כצנלסון האָט ליב צו זאָגן). און איך האָב די זעלבע שרעקלעכע ווערטער געהערט אין שאַנכיי מצד דייטשישע יידן אויף פּוילישע (צוויי גרופּעס אשכנזים), און כ׳האָב זיי אין מעלבורן געהערט סיי לגבי זיך גופא פון קאָמוניסטן (אשכנזים!) און סיי פון „אינטעלעקטועלע" יידן (אשכנזים!) לגבי אַנדערע אשכנזים. סיבות

זענען געווען די פאַרשידנסטע; אַרבעטער זענען נישט צופרידן גע־
ווען מיט אַ פאַבריקאַנט, פאַבריקאַנטן זענען נישט צופרידן געווען
מיט אַרבעטער; קאָמוניסטן זענען נישט צופרידן געווען מיט קעמפע־
רישע אַנטי־קאָמוניסטן א.אַז.וו.

און מען האָט געקאָנט פאָראויסזען, אַז אין מאָמענט פון כעס,
ווען די גראַביונגישקייט (נישט דווקא די ספרדישע) צעיוכעט זיך,
וועט מען שוין נישט קאָנען באַנוצן זיך מיט סתם אַ קללה פון אַמאָל,
פון פאַרן חורבן, נאָר די יידישע יוכע וועט פליסן אין די זעלבע
קאַנאַלן, ווי די גוישע יוכע, — אין דאָזיקן פאַל איז נישטאָ קיין
רעגרעס, מען בלייבט אויף דעם העכסטן שפּיץ פון דער אַנטוויקלונג:
צו די גאַז־אויוונס!

ווי טרויעריק דאָס זאָל נישט זיין פאַרן מענטשן, קאָן מען דאָס
נישט פאַרשרייבן אויף דער קאָנטע פון אַ ראַסן־טעאָריע, אַז דאָס קאָ־
נען נאָר די ספרדים, וואָס חלומען צו זען אשכנזיש בלוט און טאָקע
וואָס מער.

וואָלט אָט די אויסטייטשונג כצנלסונס געווען ריכטיק אַפילו נאָר
אויף 10 פּראָצענט, וואָלט געווען אַ בראָך צו אונדזער שיינעם חלום
פון אַ ישראל פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר אַן איינהייטלעכן פאָלק, און
בכלל פאַר אַן ארץ־ישראל...

אָבער כצנלסון גלויבט אַזוי שטאַרק אין זיינע ריזיקע שאַטנס,
וואָס ער שאַפט זיי אַליין, דורך באַוועגן זיך אינעם חושך צווישן
זיינע כימערעס אין דער גרעסטער פּאַניק, אַז ער שרייט ממש מיט
באַנומענע קולות, אַז ער וועט נישט דערלאָזן די ספרדים זאָלן פאַר־
ענדיקן היטלערס אַרבעט, אַז ער מיט די אַנדערע אשכנזים וועלן
בעסער פאַרניכטן ישראל איידער דערלאָזן די ספרדים זיי אַרויס־
טרייבן (אַליין, צי מיט דער הילף פון אַראַבישע שותפים) און פאַר־
ניכטן. און כדי דאָס צו דערמעגלעכן, גיט ער אַ פּלאַן צו שאַפן אַ
ריינבלוטיקע אשכנזישע פּאַרטיי, אין וועלכער די ספרדים און מזרח־
עדהס בכלל זאָלן קיין דריסת הרגל נישט האָבן. די אשכנזישע פּאַרטיי
וועט זיין אַן עם לבדד ישכון, אי כדי אויסצומיידן דעם גורל, וואָס
די ספרדים חלומען וועגן אים פאַר די אשכנזים, אי כדי איינצוהאַלטן
די העגעמאָניע איבער די אָפּגעשטאַנענע ספרדים.

כצנלסון איז לחלוטין קעגן אַ „מיזוג גלויות״, ד.ה. אַ צוזאַמענ־
שמעלצונג פון די יידישע גלותן — ער איז פאַר אַ יידיש־אשכנזישן
„אַפּאַרטהייד״.

מען דאַרף און מען מעג האָפן, אַז כצנלסונען וועט זיין פּלאַן נישט געלינגען, ווייל אויב, חס ושלום, יאָ, וועט אים אויך געלינגען זיינע ריזיקע כימערע־שאָטנס זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכ־קייט...

און אַזאַ סוף, מיינע שונאים, האָבן מיר אַוודאי נישט פאַרדינט... אומקומען פון יידן־הענט? זאָל דאָס קיינער נישט דערלעבן...

* * *

ק. כצנלסון איז אַ פאַנטאַזיאַר פון גאַר אַ גרויסן קאַליבער. ביי אים איז נישטאָ קיין שום שווערס. ביי אים שפּילט קיין ראָלע נישט אַ זאַג צו טאָן, אַז מען האָט געדאַרפט נעמען אוגאַנדע און שאַפן אַ גרויסע יידיש־אשכנזישע ציוויליזאַציע און דערנאָך וואָלטן מיר ארץ־ישראל סיי ווי באַקומען...

* * *

אַ מענטש מיט טאַלאַנט, אַ גוטער שרייבער, אָבער פון איין זייט איז ער אַ קעגנזאַץ צו די כנענים, און פון דער צווייטער איז ער פונקט אַזוי זינלאָז ראַדיקאַל ווי די כנענים...

ווען די סאָציאָלאָגיע און די פּסיכאָלאָגיע וואָלטן נישט געווען אַזוי אָנפאַנגעריש ווי זיי זענען, וואָלט נויטיק געווען אַ סטודיע, כדי קלאָר צו מאַכן וואָס עס איז געשען מיטן יידישן מוח אויפן אָנהויב־וועג פון אומאָפּהענגיקן מלוכה־לעבן, וואָס האָט דערפירט צו עפּעס אַ משונהדיקן קורצשלוס אין דער פּסיכיק פון אַזוי פיל פעאיקע יונגעלייט אין ישראל, און האָט אַזוי פאַרקריפּלט זייער אויפנעמען און זייער אורטיילן...

אָבער היות ווי מיר קאָנען דאָס נישט אויספאָרשן ביי דער הייני־טיקער מדרגה פון דער פלאַכער טיפן־פּסיכאָלאָגיע און פון דער פלאַ־כער טיפן־סאָציאָלאָגיע, בלייבט אונדז נאָר צונויפלייגן די הענט אין תפילה־צושטאַנד און בעטן ביי די גוטע כוחות פון דער געשיכטע, זיי זאָלן אונדז נישט באַשטראָפן אַזוי שטרענג פאַר אונדזער אַרויס־רייסן ביי איר אַ ביסל זעלבשטענדיקייט, — מיר זאָלן נישט באַצאָלן דערפאַר מיט פאַרלירן אינגאַנצן דעם שכל, ווי דאָס הויבט זיך אָן צו דאַכטן אַמאָל ביים לייענען געוויסע אַרטיקלען אין דער כנענישער פּרעסע (און אין אַנדערע זשורנאַלן און צייטונגען), און ביים לייענען אַזעלכע ביכער, ווי ק. כצנלסונס „המהפכה האשכנזית"...

אַ טראַגיש און פּאַטעטיש בוך

ק. כצנלסון: „משבר העברית המודרנית", הוצאת „אנך", תל־אביב, תש"ך, 1960, 107 זייטן).

כצנלסונס „משבר העברית המודרנית" („קריזיס פון מאָדערנעם העברעאיש") איז אַ טראַגיש און פּאַטעטיש בוך.

דאָס אויפלעבן העברעאיש ווי אַ שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן געברויך איז געווען אַ הערןאישע אָנשטרענגונג אין פולסטן און עכטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט; דאָס איז געווען אַן אַקט פון ווילן און גלויבן, וואָס איז אָן אַ גלייכן אין דער געשיכטע. דאָס וועלן נישט לייקענען אַפילו די, וואָס זענען געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון אָט דער אָנשטרענגונג, וואָס האָבן זי באַטראַכט נישט נאָר פאַר אומנויטיק, נאָר אַפילו שעדלעך פאַר די קולטור־אינטערעסן פון פאָלק.

און אָט קומט צו גיין אַן עקסטרעמער ציוניסט, אַ שרייבער, וואָס האָט צוואַנציק יאָר געשריבן העברעאיש, און דערקלערט אַז אָט די אָנשטרענגונג, אָט דער העכסטער אַקט פון גלויבן איז געווען אַ פאַטאַלער טעות; און ער לייגט פאָר נישט מער און נישט ווייניקער — מען זאָל אין ישראל צוריקדרייען דאָס רעדל פון דער געשיכטע, — מען זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם נצחון פון העברעאיש און מען זאָל זיך אומקערן צוריק צו יידיש ווי אַ שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן געברויך, ווי אַ שפּראַך פון דער שעפערישער קולטור אונדזערער.

ק. כצנלסון לייגט פאָר דער יידישער מדינה זיך אָפּצוזאָגן פון איר נצחון און טאָן דאָס, צו וואָס עס איז נויטיק דער העכסטער מוט: זיך מודה זיין אין אייגענעם טעות און פאַרריכטן די עוולה, וואָס מען איז באַגאַנגען לגבי דער צוקונפט פון יידישן פאָלק דורך באַעוולהן דאָס יידישע לשון.

* * *

די הויפּט־קאַפּיטלען פון דאָזיקן ביכל זענען פאָלגנדיקע: 1) דאָס פאָלק ישראל און זיינע שפּראַכן; 2) די וואָרצלען פון מאָדערנעם העברעאיש; 3) יידיש און מאָדערנער העברעאיש אין מדינת ישראל; 4) אַראַביש, ענגליש און יידיש ווי יורשים פון מאָדערנעם העברע־

איש; 5) די קראַפט פון יידיש; 6) דער צוריקקער צו יידיש; 7) די סאַברעס אין אַ פּאַסטקע.

אין אַט די 7 קאַפּיטלען (פון די 8 אין בוך) זענען נישט אַלע געדאַנקען ניי; אַ סך פון זיי זענען שוין אָפט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך פאַרשיידענע שרייבער אָבער קיינער האָט זיי נישט פאַרבונדן אין אַ גאַנצקייט אַזוי ווי כצנלסון און קיינער האָט פון זיי נישט געמאַכט אַזעלכע ראַדיקאַלע אויספירן, ווי ער.

סיי די געוואַגטקייט פון זיינע געדאַנקען, סיי די פאָרם וואָס ער האָט זיי געגעבן, מאַכן זיין בוך פאַר אַ ממש רעוואָלוציאָנערן דאָקומענט אין אונדזער פובליציסטיק, וואָס זינדיקט נישט די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער נישט מיט געוואַגטקייט און נישט מיט שעפערישקייט.

און עס וואָלט געווען מער ווי יושרדיק, אַז אָט דער רוף פאַר יידיש זאָל קאָנען דערגייין צום יידיש-לייענער נישט נאָר אין דער פאָרם פון אַ קורצן איבערזיכט, נאָר טאָקע אין דער פאָרם פון אַ פולער איבערזעצונג.

* * *

כ'וועל בעל כרחי קורץ איבערגעבן ק. כצנלסונס געדאַנקען-גאַנג אין זיינע עקירדיקע פונקטן.

העברעאיש איז שטאַרק נאָר ווי אַ שפּראַך פון רעליגיעזן געמיט, — אין טאָג-טעגלעכן לעבן איז זי שוואַך. נאָכן אומקום פון בית ראשון האָט זי זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַראַמעאיש, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אי די שפּראַך פון טאָג-טעגלעכן געברויך, אי די שפּראַך פון יידישן שאַפן; אין דער צייט פון דער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניע האָט אַראַביש אָדער פאַרנומען דאָס אָרט פון העברעאיש, אָדער זי האָט געשפּייזט העברעאיש מיט אירע שפּראַך-פאָרמען; אין דער תקופה פון מזרח-אייראָפּע, איז די שפּראַך פון טאָג-טעגלעכן לעבן און די שפּראַך פון דער גרויסער יידישער ליטעראַטור געוואָרן יידיש. וואָס האָט געהאָלפן העברעאיש דורך אירע שפּראַך-פאָרמען, זי האָט געזויגן פון איר גייסטיקע חיונה.

דער פּרווו אויפצולעבן העברעאיש ווי אַ שפּראַך פון טעגלעכן געברויך איז געמאַכט געוואָרן דורך לעקסיקאָגראַפן און פּאָליטישע טוער אויף אַ קינסטלעכן אופן, אַ זאַך וואָס איז נישט גינסטיק פאַרן עכטן שאַפן, וואָס קומט פון די אומבאַוווסטזיניקע טיפענישן.

דאָס קענען דעם מאָדערנעם העברעאיש איז גוט דאָן, — האַלט כצנלסון, — ווען מען קען אויך יידיש און אויך אַנדערע שפּראַכן, ווי ענגליש, רוסיש און דייטש, ווייל העברעאיש איבערזעצט, כדי זיך אַרויסצוהעלפן אין איר אָרעמקייט, פון די דאָזיקע אַלע שפּראַכן, זי נעמט איבער זייערע שפּראַך־פאָרמען. נאָר דער וואָס קען די דאָזיקע איבערגעזעצטע זאַצן צוריק איבערזעצן אין זייערע שפּראַכן, קאָן פאַרשטיין וואָס ער לייענט אין מאָדערנעם העברעאיש. כצנלסון ברענגט, למשל, אַזאַ זאַץ: „מסתובב עם בחורה״. אויב דער לייענער קען נישט דעם יידישן אויסדרוק, „ער דרייט זיך אַרום מיט אַ מיידל״, וועט ער דעם מאָדערנעם העברעאישן זאַץ נישט פאַרשטיין. און אָט דער זאַץ איז נישט קיין בן־יחיד.

„די ווערטער, — זאָגט כצנלסון, — וואָס ווערן אַריינגעבראַכט פון ענגליש אין העברעאיש דורך אַ ווערטלעכער איבערזעצונג זענען אַזוי פיל (און נישט נאָר פון ענגליש, — אויך ביי איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן) און אַזוי וויכטיק אַז אין אַ געוויסער צאָל יאָרן אַרום וועט מען דאַרפן גוט קענען ענגליש, ווי אַן עיקרדיקער תנאי צו פאַרשטיין דעם מאָדערנעם העברעאיש״.

אָן דעם קענען ענגליש, יידיש, רוסיש און דייטש וועט מען, — לויט כצנלסונען, — נישט קאָנען פאַרשטיין קיין העברעאישע איבערזעצונגען פון די דאָזיקע שפּראַכן.

בנוגע די מזרח־עדות, (צוליב וועלכע מען האָט כלומרשט איינגעפירט העברעאיש, ווייל זיי קאָנען דאָך נישט קיין יידיש) זאָגט כצנלסון אַזוי: „די מזרח־יידן באַנוצן זיך מיט איר (מיט דער העברעאישער שפּראַך. — י. ר.) ווי מיט אַן עספּעראַנטאָ אין זייערע באַציאונגען מיט די אשכנזים, ווי מיט אַ טעכנישער שפּראַך. זייער אינטימע שפּראַך איז אַראַביש און נאָכן הערן די נייעס אויף העברעאיש דורכן „קול ישראל״ שטעלט ער אָן דעם ראַדיאָ אויף די סטאַנציעס פון באַגדאַד און קאַיראָ כדי הנאה צו האָבן פון דער מזרחדיקער מוזיק. נאָר יידיש קאָן אָפּרייסן דעם ספרדיש־מזרחדיקן ייד פון די מזרח־השפּעות... נאָר זי קאָן באַווייזן דעם ווונדער... אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון אינסטינקט און געפיל און דאָרט דורכפירן אַן טיפע ענדערונג... ביז זי וועט נישט נעמען זויגן פון יידיש וועט זייער געפילס־לעבן זיין צוגעבונדן צו אַראַבישע ווירקונגען און דעריבער וועט זי פאַר קיין פאַל זיך נישט קאָנען אויסגלייכן מיטן אשכנזישן יידנטום״.

כצנלסון לייקנט אַז העברעאיש הערשט אין ישראל און די פרעמדע שפּראַכן וועלן אין גיכן פאַרשווינדן. ער האַלט אַז דאָס פאַרקערטע איז ריכטיק. „וואָס מער מיר דרינגען אַריין אין דער טיפעניש, ווערט אַלץ שוואַכער די הערשאַפט פון העברעאיש און עס שטאַרקט זיך די השפעה פון אַנדערע שפּראַכן, דער עיקר פון ייִדיש". „די גערעדטע העברעאישע שפּראַך איז אין איר עיקרדיקן טייל אַ זשאַרגאָן פון ייִדיש, גערעדט מיט העברעאישע ווערטער". אין גע־רעדטן העברעאיש „האָבן די ישראלים נאָר די העברעאישע ווערטער, אָבער דער גייסט וואָס באַלעבט די ווערטער פעלט אונדז אין גאַנצן. דעם דאָזיקן גייסט וואָס באַלעבט אַ שפּראַך האָבן אונדז נישט געקאָנט געבן קיין שום שפּראַך־קענער און לעקסיקאָגראַפן אין דער וועלט. מיר שטייען פאַר דער ברירה פון זוכן מליצות פון תנ"ך אָדער באַ־נוצן העברעאישע ווערטער אין גייסט פון אַן אַנדער שפּראַך". און דאָ, — האַלט כצנלסון, — מוזן מיר זיך ווענדן צו ייִדיש, וואָס פאַר־מאָגט אַ מעכטיקן שפּראַך־כוח אין וואָכעדיקע ענינים.

אינעם אינטערעסאַנטן און דרייסטן קאַפּיטל „אַראַביש, ענגליש און ייִדיש ווי יורשים פון מאָדערנעם העברעאיש" האַלט כצנלסון אַז דער מאָדערנער העברעאיש האָט עטלעכע מעגלעכע יורשים: ערשטנס אַראַביש (צו וועלכער עס ציט די כנענישע עלעמענטן און די מזרח־דיקע ייִדן); צווייטנס ענגליש, צו וועלכער עס ציט די ענגליש־רעדנ־דיקע ייִדן אין דער וועלט, ווי אויך אַ טייל פון יונגן דור, וואָס זעט אין ענגליש מער מעגלעכקייטן (ווי יעל דיין מיט איר בוך) און ייִדיש, וואָס הערשט אין גייסט איבערן מאָדערנעם העברעאיש.

כצנלסון לאַכט אויס דעם פּוסטן חלום, אַז דורכן צוריקקער אויף דער ערד, וווּ עס איז געשטאַנען דער ערשטער בית־המקדש, האָבן מיר זיך אויך צוריקגעקערט צו דער שפּראַך פון פאַר 2500 יאָר. ער האַלט אַז נישט נאָר איז דאָס נישט געשען, נאָר דאָס קאָן נישט געשען. און דעריבער האָט ער איך דרייפאַכן לאָזונג, מיט וועלכן ער פאַרענדיקט זיין פאַרטיפטן, סטימולירנדיקן קאַפּיטל: „מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו דערווירקלעכקייט. מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו דער המשכדיקייט. מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו ייִדיש".

* * *

„מיר דאַרפן זיך צוריקקערן צו ייִדיש, — זאָגט כצנלסון, — ווויסנדיק פון אָנהויב אָן אַז דער דאָזיקער צוריקקער וועט זיין אַ

לאַנגזאַמער, אַ שטופּנווייזער. מיר קאָנען נישט ענדערן מיט איין מאָל וואָס עס איז פאַרדרייט און פאַרקרימט געוואָרן אין משך פון צוויי דורות... מען דאַרף איינפירן דעם לימוד פון יידיש אין די פאָלקס־און מיטל־שולן... מען דאַרף מאַכן עטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע טריט, וואָס זאָלן פאַרוואַנדלען ישראל אין אַ צענטער פון יידישער קולטור אין דער וועלט. די דאָזיקע טריט וועלן אונדז ברענגען גרויס נוצן און וועלן ענדערן אונדזער לאַגע ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע. מיט איין מאָל וועט געזיכערט ווערן דער בונד צווישן די סאַבּרעס און זייערע עלטערן, ווייל נישטאָ קיין בונד סיידן דורך דער שפּראַך, און מיט איין מאָל וועט געזיכערט ווערן דער בונד צווישן אונדז און די תפוצות"...

כצנלסון גלויבט אַז ביסלעכווייז וועלן די רעכט פון יידיש אין ישראל אַלץ מער אויסגעברייטערט ווערן, און אין אַ 50־60 יאָר אַרום נאָכן אָנהייב פון יידיש־רענעסאַנס אין ישראל וועט מען אין ישראל איינאָרדענען אַ פאָלקס־רעפערענדום וואָס וועט באַשליסן וועגן יידיש אַלס איינציקע אָפיציעלע שפּראַך פון דער מדינה.

יידיש, — האַלט מיט רעכט כצנלסון, —וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים גרויסן יידישן קבוץ פון מזרח־אייראָפּע, קאָן היינט, נאָכן חורבן פון מזרח־אייראָפּע, נישט עקזיסטירן אַפילו אין יידישן ניו־יאָרק, נאָר אין דעם זעלבשטענדיקן ישראל. דעריבער מוז געשאַפן ווערן אַ נעאָ־יידישיזם וואָס ווייסט, אַז דער יידיש־טרוים צו ווערן צוריק אַ לעבעדיקע מאַסן־שפּראַך קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך פאַרבינדן זיין אידעאַל מיט ציוניזם און ישראל־פּאַטריאָטיזם. דער נעאָ־יידישיזם מוז קולטורעל דעראָבערן ישראל. ער דאַרף פון איין זייט ענדערן זיין שטעלונג צו מדינת ישראל און פון דער צווייטער דאַרף ער פירן אַ קולטור־קאַמף פאַר דעראָבערן די הערצער פון די סאַבּרעס, וועלכע האָבן צומייסטנס געליטן פונעם באַזייטיקן יידיש פון יידישן לעבן אין ישראל.

* * *

„דער מענטש, — זאָגט כצנלסון, — איז די שפּראַך און די שפּראַך איז דער מענטש... די עלטערן האָבן גערעדט און געטראַכט אין אַ מעכטיקער שפּראַך און דעריבער זענען זיי גרויס, אָבער די

שפּראַך פון די קינדער איז קליין און דעריבער זענען זיי אַליין אויך קליין. אַלע פּרוּוון אויפצוהאַדעווען אַ סאַברישן פירער־דור, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף זיך אַליין, זענען דורכגעפאַלן און אין יעדער זאַך שפּאַרט זיך דער סאַברע אָן אויף זיין פאָטער וואָס רעדט יידיש, פונקט ווי דעם סאַברעס שפּראַך, דאָס מאָדערנע העברעאיש, שפּאַרט זיך אָן אויף יידיש".

דאָס זאָגט כצנלסון אין אָנהייב פון זיין לעצטן קאַפּיטל פון בוך, וואָס טראָגט דעם פיל־זאָגנדיקן נאָמען „די סאַברעס אין אַ פאַסטקע".

כצנלסון גלויבט נישט אַז דער שפּראַך־אָרימער סאַברע זאָל אַרויסבררענגען גרויסע פירער און שרייבער. דער סאַברע איז, לויט כצנלסונען, אַ טראַגישער מענטש. באַשטימט פאַר אַ צענטראַלן אָרט אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל און אין דער געשיכטע פון דער וועלט, פאַרמאָגט ער אַ הינקענדיקע, פּראָווינציעלע שפּראַך, וואָס שניידט איר אָפּ פון דער גאַנצער וועלט: פון דער יידישער רעליגיע־זער פאַרגאַנגענהייט, פון די יידישע תפוצות און פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער וועלט. ער געפינט זיך אין אַ שפּראַך־פאַסטקע, וואָס מיט דער צייט וועט זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַסטקע פאַר יע־דער זאַך.

צום סאַברע ווינקען, זאָגט כצנלסון, צוויי אויסוועגן פון דער פאַסטקע: איין אויסוועג — אַ כנענישער — קריכט צו אַראַביש, און דער צווייטער — צו ענגליש. אָבער אַראַביש באַדייט אומקום און ענגליש באַדייט קנעכטשאַפט. אָבער דורך אומקערן זיך צו יידיש וועט דער סאַברע איבערנעמען די פירערשאַפט אין דער יידישער וועלט.

„דער סאַברע דאַרף מאַכן אַ שפּראַך־רעוויזיע", — זאָגט כצנלסון. „דאָס אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך איז געווען נישט מער ווי אַ סאַמע העזהדיקער און ספקדיקער עקספּערימענט... מען דאַרף אונטערזוכן דעם דאָזיקן עקספּערימענט און פעסטשטעלן צי ער איז געלונגען אָדער דורכגעפאַלן. און קודם כל דאַרף דאָס אונ־טערזוכן דער סאַברע, וואָס אויף אים איז דער עקספּערימענט גע־מאַכט געוואָרן".

כצנלסון זאָגט ווייטער, אַז די שפּראַך־פראַגע איז אין ישראל „טאַבו" — מען טאָר זי נישט אָנרירן. דאַרפן די סאַברעס גופא שאַפן

אַ קרייז מענטשן וואָס זאָלן לערנען יידיש און זיך פאַרטיפן אין דער שפּראַך. שוין צוליב דעם אַליין וואָס יידיש פאַרבינדט צוזאַמען די העברעאישע ווערטער. אַ סאַברע — רופט אויס כצנלסון — וואָס קען קיין יידיש נישט, איז אַן עם הארץ, אויב ער האָט אַפילו דעם טיטול „פּראָפעסאָר", ווייל זיין שפּראַך איז אַ געמיש פון העברעאישע ווערטער און יידיש־גייסט". דאָס אַנטדעקן פונסניי דורך די סאַברעס יידיש וועט זיי ברענגען אַ ישראלשן רענעסאַנס. „די טאַטעס פון די סאַברעס האָבן געמאַכט בליען די וויסטענישן פונעם לאַנד, אָבער אויף די סאַברעס ליגט די אויפגאַבע צו מאַכן בליען אַן אַנדער וויס־טעניש: די נשמה־וויסטעניש אין די באַציאונגען צווישן ישראל און די תפוצות".

* * *

איך האָב נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט דעם רייכן געדאַנקען־גאַנג פון כצנלסונען אין געביט פון דער שפּראַכן־פּראַגע, וואָס דאָס איז דער עיקר פון זיין בוך; איך וואָלט דעריבער אַפילו נישט באַ־רירן די אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דער יידישער רעליגיע און וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל הגם כצנלסון פאַרבינדט זיי אומדירעקט מיט זיין הויפּט־פּראַגע, זענען זיי דאָך נישט דער עיקר. און ווען עס איז דאָ ווייניק פּלאַץ פאַרן עיקר, מוזן די זייטיקע זאַכן, ווי אינטערעסאַנט זיי זאָלן נישט זיין, אָפּטרעטן אין אַ זייט.

אגב האָב איך נאָך אַ שטיקל האָפענונג, אַז כצנלסונס בוך וועט פאַרט איבערגעזעצט ווערן אין יידיש און די יידיש־לייענער וועלן באַקומען דאָס בוך וואָס געהערט זיי מיט פולער רעכט, ווייל אויב די דאָזיקע האָפענונג זאָל נישט מקוים ווערן, וועט דאָס זיין דער בעסטער באַווייז (אַ שרעקלעכער באַווייז) ווי שלעכט עס האַלט שוין מיט אונדזער קולטורעלער בלוט־צירקולאַציע: אַפילו אַ קליין ביכל, וואָס יידישע מענטשן דאַרפן עס אויפכאַפּן ווי אַן אבן טוב (ווייל דאָס איז אַ בשורה דירעקט פאַר זיי), ווערט פאַרנאַכלעסיקט. קיין איין יידיש־ליבהאָבער קימערט זיך נישט וועגן דעם...

אברהם קריבס אַ פּאָעמע

א. קריב: ליטע — מיין היימלאַנד. פאַרלאַג מנורה, תל־אביב, 1962.

אין איינעם פון די לעצטע נומערן „די גאָלדענע קייט" (נומ. 42) האָב איך געליי‏ענט א. קריבס שיינע עסיי „ליטע — מיין היימלאַנד". די עסיי האָט געמאַכט אויף מיר אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. די שטימונג, וואָס די עסיי האָט אַרויסגערופן אין מיר, האָט מיך וואָכן־לאַנג באַגלייט, הגם איך האָב נישט געקאָנט געפינען פאַר איר — פאַר דער שטימונג — קיין וואָרטאויסדרוק.

ווען איך האָב באַקומען פון פאַרלאַג „מנורה", תל־אביב, א. קריבס עסיי אין בוכפאָרעם (אין העברעאישן אָריגינאַל מיט אַ ייִדישער זייט־ביי־זייט־איבערזעצונג פון אליעזר רובינשטיין) האָב איך זיך ממש דערפרייט. אַ ליטעראַריש ווערק אין אַ זשורנאַל איז ווי אַ בילד אָן אַ ראַם — מעג דאָס בילד זיין ווי גוט, פעלט אים עפּעס. אַ ראַם קאָן אַ שלעכט בילד נישט בעסער מאַכן; אָבער אויב אַ בילד איז גוט, קאָן אַ ראַם אַ סך בולטער מאַכן זיין שיינקייט.

איך האָב דאָס קליינע ביכעלע איבערגעליי‏ענט דריי מאָל און מיט יעדן מאָל לייענען איז מיר אַלץ קלערער געוואָרן וואָס פאַר אַ עסייאיסטישער פּערל עס איז צוגעקומען אונדזער ליטעראַטור, — ממש אַ פּאָעמע אין פּראָזע!

לויט אברהם קריבס בילדלעכן אויסדרוק, איז דאָס ליטווישע ייִדנטום נישט געווען קיין בלום, נאָר אַ פרוכט, ד"ה עס האָט נישט געגלאַנצט מיט דרויסנדיקער שיינקייט, נאָר מיט אינעווייניקסטער זיסקייט און נערעוודיקייט. און דאָס איז אויך זיין עסיי וועגן ליטווישן ייִדנטום: די שיינע שפּראַך פון עסיי האָט עפּעס אַ מאָדנע אייגנשאַפט: זי וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, זי איז נישט בלימלדיק־אויגנרייסעריש, — אָבער זי אַנטפּלעקט די פּנימיותדיקע שיינקייט פון עסייס אָביעקט. די שיינקייט פונעם סטיל איז נישט קיין ציל, נאָר אַ מיטל אויסצוטיילן די אינעווייניקסטע שיינקייט און טיפקייט פון דער טעמע.

דאָס איז איינע פון די שענסטע עסייען וועגן ייִדישן גייסט אין זייַן ליטווישן אויסמעסט; דאָס איז אַ שטילער — אַ ליטווישער —

הימען פאַר איין זייט פון גייסטיקן יידנלאַנד, וואָס האָט דערגרייכט זיין קלימאַקס אין דער מוסר־באַוועגונג.

די מוסר־באַוועגונג איז אפשר די ריינסטע אַנטוויקלונגס־ליניע פון גייסטיקן יידנטום — פון די נביאים איבערן תלמוד און חסידות. נאָך מער: גראָד אין אָט דעם פונקט — פון מוסר — דערנענטערט זיך די חסידות־באַוועגונג צום „טרוקענעם" אַנטיחסידישן ליטווישן יידנטום. גראָד אין דאָזיקן פונקט זעט מען בולט די קירבות צווישן דער מוסר־באַוועגונג און חסידות, — דאָס הייסט צווישן פויליש־וואָלינישן און דעם ליטווישן יידנטום. דאָרט, ווו חסידות דערנענטערט זיך צו דער מוסר־שיטה, איז זי, די חסידות־באַוועגונג, צום רירנדיקסטן, צום מענטשלעכסטן — און במילא צום געטלעכסטן, צום יידישסטן.

אַ רביצין פון אַ חסידישן רבי פּוצט זיך אויס צו גיין צום רב אַ דין־תורה האָבן מיט איר דינסט; זעט זי ווי דער רבי הייבט אָן אָרויפציען זיין שבתדיקע קאַפּאָטע. זאָגט זי צו אים: איך דאַרף נישט דו זאָלסט מיטגיין צום רב, איך וועל זיך אַליין קאָנען אויסטענהן מיט אים. ענטפערט דער רבי: איך גיי־מיט צו טענהן נישט פאַר דיר (דו וועסט אַליין קאָנען באַשטיין דיין שטעטל); איך גיי־מיט זיך אויס־צוטענהן פאַר דער דינסט, וואָס וועט אַליין זיך נישט קאָנען אַן עצה געבן מיט דיר.

ווען ר׳ ישראל סאַלאַנטער זינגט נישט קיין זמירות נאָכן פרייטיק־צונאַכטיקן־עסן, כדי די דינסט, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט ביים גרייטן שבת, זאָל קאָנען גיין פריער שלאָפן; ווען ר׳ ישראל וואַשט די הענט צום עסן נישט מיט קיין פולער קוואָרט, ווי דער דין איז, ווייל ער האָט געזען ווי די דינסט שלעפּט פון ווייטן ברונעם דאָס וואַסער און ער וויל נישט פרום זיין (ווי ער האָט דערקלערט דעם באַלעבאָס, וואָס האָט אים מכניס אורח געווען) אויף דער דינסטס חשבון, קאָן מען דען דערקלערן ווער עס איז דער חסידישער רבי און ווער דער ליטווישער מוסרניק? דאָ געפינען זיי זיך אויף אַ געמיינזאַמען תנכיש־נביאישן באָדן, דאָ טרעפן זיך צונויף צוויי לייב־לעכע ברידער, וועלכע גייען פון צוויי ריכטונגען צו אַ געמיינזאַמען באָדן, וואָס געהער זיי ביידע בירושה, וואָס זיי טראָגן אים אין בלוט פון די וווייטסטע דורות אָן.

ווי פּשוט עס זענען די מיטלען פון אברהם קריב ביים מאָלן דאָס פּנימיותדיקע בילד פון ליטווישן יידנטום מיט זיין קרויגשאַפּונג —

דער מוסר־שיטה, און ווי שיין עס קומט אַרויס דאָס בילד, ממש דער־שיטערנדיק אין זיין פשוטקייט, ווי יעדע עכטע גייסטיקע גרויסקייט.

אברהם קריב איז בכלל אַ גוטער שרייבער, אָבער אין דעם־אָ עסיי דערפילן מיר מיט אַ ציטער אין דער נשמה דעם דיכטער אין אים, דעם ליטווישן דיכטער אין זיין גאַנצער צניעותדיקער, פּרוכטי־קער קינסטלערישקייט.

דאָס בילד פון ליטווישן ייד און ליטווישער יידישקייט קומט אַרויס גאַנץ און בולט סיי אין דער דרויסנדיקער דימענסיע, סיי אין דער אינעווייניקסטער דימענסיע. אמת, אַ גרויסער טייל פון דאָזיקן בילד קאָן פּאַסן (און פּאַסט טאַקע) פאַרן ייד און יידישקייט בכלל; אָבער דאָך איז דאָ אין ליטווישן יידן עפּעס אַזוינס וואָס טיילט אים אויס ווי אַ טיפּ ייד, מיט אַן אייגענעם דרך אין יידישקייט, מיט אַן אייגענעם קנייטש, מיט אַן אייגענעם טאָן.

צום בולטסטן און שענסטן קומט עס צום אויסדרוק אין א. קריבס דינעם אַנאַליז פונעם אונטערשייד צווישן מתנגדות (אָדער לאָמיר זאָגן מוסר־יידישקייט) און חסידות. דער קורצער אַנאַליז איז ממש מייס־טעריש. אויב חסידות איז פאַר אברהם קריב „אַ וועלט פון נשמה־שיכרות", איז די מוסר־באַוועגונג פאַר אים „אַ וועלט פון נשמה־ניכטערקייט".

„די גרויסע מינוט פון חסידות" איז, לויט א. קריבס פאָרמולי־רונג, „ווען ער פאַרגעסט זיך" (אין עקסטאַז פון זיין רבינס תורה, פון פאַרזינקען אין אַ ציבור, פון רויש פון חסידישן טאַנץ א.אַז.וו.); „די גרויסע מינוט פון מוסרניק" איז לויט א. קריבס אַנטפּלעקנדיקער פאָרמולירונג, „ווען ער געפינט זיך" (דורך אַ חשבון־צדק מיט זיין געוויסן, דורך אינטעלעקטועלן קאָנטאַקט מיט דער געטלעכער תורה, דורך אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט, אויב מיר זאָלן באַנוצן אַן אויסדרוק פון גרויסן יידישן „ליטוואַק" — שפּינאָזע).

ביידע, — האַלט א. קריב, — דער חסיד ווי דער מוסרניק, „זענען געגאַנגען מיטן וועג וואָס פירט צו גאָט", אָבער די וועגן זייערע האָבן געפירט אין פאַרקערטע ריכטונגען (הגם צו איין ציל, נאָר מיט פאַרשיידענע מיטלען און וועגן).

אָט דער אַנאַליז (וואָס פאַרמאָגט נאָך אַ דיכטערישע פּערל, פון וואַרפן אַ קלאָר ליכט אויפן חסידס פאַרזינקען אין דער חסידישער מאַסע און צוזאַמען מיט איר אינעם רבין, בעת דער מתנגד, דער

מוסרניק, בלייבט אויך אין דער מאַסע אַ יחיד, וואָס פּאַלט נישט אַרונטער דעם רבי־היפּנאָז) איז דער קירצסטער (פון אַלע פאָרמולירטע אונטערשיידן צווישן חסיד און מתנגד־מוסרניק), אָבער אויך דער קלאָרסטער און ווירקעוודיקסטער, ווייל דאָס איז אַן אַנאַליז פון דער טיפסטער גייסטיקער דערקענטעניש אין דער פאָרעם פון קפיצת־הדרכדיקן דיכטערישן אויסדרוק!

פון דער השכלה ביז יעקב גלאַטשטיינען

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע איז — יעקב גלאַטשטיין.

געבוירן אין לובלין, פּוילן, האָט ער יונגערהייט עמיגרירט קיין אַמעריקע. איין מאָל זענען צו גלאַנץ־לעיעלעסן, — אַ צווייטן אָנגעזעענעם פאָרשטייער פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, — דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין ניו־יאָרק איז דאָ אַ סטודענט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט שרייבן יידישע געדיכטן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג און צווישן דעם דאָזיקן סטודענט, וועלכער האָט געהייסן יעקב גלאַטשטיין, און לעיעלעסן האָט זיך פאַרקניפּט אַ פריינטשאַפט, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ טיפע שפּור אין דער יידישער דיכטונג. די דאָזיקע צוויי אינטעליגענטע, געבילדעטע און טאַלאַנטירטע יונגע מענטשן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַריינצוברענגען אין אונדזער דיכטונג די מאָדערניסטישע שטרעמונגען אין איראָפּעס און אַמעריקעס פּאָעטישן שאַפן. זיי האָבן געגרינדעט דעם באַרימטן קאַמפס־אָרגאַן פאַר זייער טעאָרעטישן געדאַנק און פאַר זייער עקספּערימענטאַלן ליד — „אינזיך״, לויט וועמעס נאָמען די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אָנגערופן „אינזיכיסטן״ (אינטראָספּעקטיוויסטן).

די דאָזיקע פּאָעטישע גרופּע האָט אַרויסגערופן אַ סך טומל אין אונדזער ליטעראַטור, זי האָט געגעבן מער שטרוי, ווי פּאָעטישע קערנער, אָבער אויך אין פּאָזיטיוון זין איז זי נישט געווען אומפּרוכטבאַר: זי האָט באַרייכערט די יידישע דיכטונג מיט נייע פאָרמען, זי האָט מיט שעפערישער העזה באַרייכערט די יידישע שפּראַך

מיט בילדלעכע מעגלעכקייטן און זי האָט — און דאָס איז דער עיקר — געגעבן דער יידישער ליטעראַטור עטלעכע דיכטער, בראש מיט גלאַטשטיינען און לעיעלעסן.

היות ווי זיי ביידע זענען באמת באַשאָנקען מיט פּאָעטישן טאַ־לאַנט און זיי זענען נאָר טיילווייז געפאַנגען געווען ביי די נייע טע־אָריעס און די העזהדיקע עקספּערימענטן, האָבן זיי גלייכצייטיק גע־שאַפן אויך עכטע דיכטונג, אַמאָל נישט געקוקט אויף זייער טעאָריע, און אַמאָל אַפילו קעגן איר.

דאָ איז נישט דאָס אָרט (און אָן מאַטעריאַלן איז בכלל נישטאָ קיין מעגלעכקייט) אָפּצושטעלן זיך גענויער אויף דער טעאָריע און פּראַקטיק פון די „אינזיכיסטן" (שוין דער בלויזער נאָמען ווייזט אויף זייער נאָענטקייט צום פראַנצויזישן סוררעאַליזם: דער פאַרלאַנג אַוועקצוגיין פון דער אויסערלעכער רעאַליטעט און אינטעלעקטועלער פאַרשטענדלעכקייט און זיך איבערענטפערן דער אינערלעכער דער־פאַרונג, די פּסיכישע אַסאָציאַציעס), אָבער פאַרבייגייענדיק איז איג־טערעסאַנט צו באַמערקן, אַז גראָד אָט די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיסטן־אינטראָספּעקטיוויסטן זענען די בולטסטע פאַרשטייער פון אינטעלעק־טואַליזם אין אונדזער פּאָעזיע. ביידע זענען זיי פּרעכטיקע פּובלי־ציסטן, אַזאַרט־פּאָלעמיקער. און דער געדאַנק איז זייער אַרבעטס־געצייג אַ סך אָפטער, ווי די פּסיכאָלאָגיע, און דער באַוווסטזיין — ווי דער אונטערבאַוווסטזיין.

גלאַטשטיין איז אין די לעצטע יאָרן איבערגעגאַנגען צו בעלעט־ריסטישער פּראָזע און שוין זיין ערשט פּראָזע־בוך „ווען יאָש איז געפאָרן" (אַ באַשרייבונג פון אַ נסיעה קיין פוילן) פאַרמאָגט, לויט מיין מיינונג, אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט לעבעדיקער, לעבנספּעאיקער דיכטונג, ווי זיינע אַפילו בעסטע געדיכטן*). זיין בוך איז דאָס בוך פון אַ מייסטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט עפּעס נייס, לויט דער אינערלעכער און אויסערלעכער שרייב־מאַניער, אין דער יידישער ליטעראַטור, און דאָס דאָזיקע נייע איז נישט דאָס נייע פון אַ טעאָ־רעטישער עקספּערימענטאַלער רעטאָרטע, נאָר פון אַ לעבעדיקער שאַפונג.

---

*) דאָס איז געשריבן געוואָרן אין שאַנכיי, ווען איך האָב נאָך נישט געקענט זיינע לידער, געזאַמלט אין די „געדענקלידער" און „שטראַלנדיקע יידן".

אָבער נישט גלאַטשטיינס ליטעראַרישע ביאָגראַפיע איז די הויפּט־טעמע פון דאָזיקן אַרטיקל, נאָר זיין אידעאָלאָגישע מעטאַ־מאָרפאָזע, וואָס האָט נישט נאָר געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין יידישן עפנטלעכן געדאַנק, נאָר זי גופא איז ווייט נישט קיין אינדיווידועלער קאַפּריז פון אַן עקסטראַוואַגאַנטן דיכטער; זי איז גיכער אַ סימפּטאָ־מאַטישע דערשיינונג פון אונדזער גיזעלשאַפטלעכן געדאַנק, די לעצ־טע בלאַט (דערווייל) אין דער פילפאַרביקער געשיכטע פון אידעאָ־לאָגישע שטרעמונגען פון אונדזער לעבן פאַרן לעצטן יאָרהונדערט.

* * *

אין פאַרגלייך מיט דער איינטאָניקער גייסטיקייט פון יידישן לעבן אין משך פון יאָרהונדערטער, — זינט דעם חורבן פון שפּאַ־נישן גייסטיק־פילקאָליריקן צענטער ביז דער השכלה־באַוועגונג, — גלאַנצט דאָס לעצטע יאָרהונדערט פון יידישן לעבן מיט זיין פיל־קאָליריקער געשיכטע פון אידעאישע באַוועגונגען.

מיט דער השכלה־באַוועגונג מאַכט דאָס יידנטום אַ שאַרפן קער פון אינערטער המשכדיקייט ביז שעפערישקייט פון נייער התחלה. דאָס יידנטום איז אַראָפּ פון אויסגעטראָטענעם וועג און גענומען פּי־בערדיק זוכן אַ נייעם וועג, וואַרפנדיק זיך, — אָפטמאָל הילפלאָז, — אויף בלינדע וועגן, אָבער תמיד מיטן געזונטן אומרו פון אַזאַ, וואָס זוכט אַן אויסוועג, וואָס וויל געזינטער ווערן, וואָס רייסט זיך ערגעץ־וווהין מיטן געזונטן אינסטינקט. אַט דאָס גייסטיקע טראַגישע וואַרפן זיך אין אַלע זייטן איז טאַקע אַ סימן פון פאַרבלאָנדזשעטקייט, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ סימן פון אַ געזונטן לעבנס־אינסטינקט, וואָס שפּירט זיין בלאָנדזשעניש און וויל נישט שלום מאַכן מיט איר. דאָס דאָזיקע לעצטע יאָרהונדערט פון דער יידישער געשיכטע קען באַ־צייכנט ווערן אַלס יאָרהונדערט פון גרויסער גייסטיקער צעמישעניש און פון טראַגיש־שעפערישע גייסטיקע בלאָנדזשענישן, זוכענישן און געפינסן.

אויף דער שוועל פון דאָזיקן יאָרהונדערט שטייט די השכלה, וואָס האָט זיך באַוועגט מיט דריי שטראָמען: מיט אַ באַוווסטזיניק־אַסימילאַטאָרישן; מיט אַן אומבאַוווסטזיניק־אַסימילאַטאָרישן און מיט אַן אומבאַוווסטזיניק־נאַציאָנאַלן. דער ערשטער שטראָם האָט, דער עיקר, געבושעוועט אינעם לאַנד, ווו די השכלה איז געבוירן געוואָרן,

— אין דייטשלאַנד, פאַרגיסנדיק על־פּי־רוב מערב־אייראָפּע. אין רוסלאַנד, וווהין די השכלה איז אַריינגעדרונגען פון דייטשלאַנד, איז זי געפלאָסן, דער עיקר, אין די צוויי לעצטע טייך־בעטן. די רוסישע השכלה האָט זיך נישט געשטעלט קיין באַוווסטזיניק־אַסימילאַטאָרישע צילן, אָבער שטרעבנדיק צו אַן אייראָפּעאישער רעפאָרם פון יידישן לעבן, האָט זי, פון איין זייט, זיך אַריינגעגליטשט אין אַן אומבאַוווסט־זיניקער אַסימילאַציע, און פון דער צווייטער — אין נייע פאָרמען פון יידישן נאַציאָנאַליזם. אין מערב־אייראָפּע האָט זיך די השכלה באַוווסטזיניק אָפּגעזאָגט פון דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע, פון העברעאיש און פון יידיש, אַלס סימנים פונעם דאָזיקן יידיש־נאַציאָנאַלן, און דאָס יידנטום איז געוואָרן פאַר זיי בלויז אַ רעליגיעז־עטישע לערע, אַן אָפּצווייג פון אַ באַזונדער וויסנשאַפט, פון „יהדות", אָדער פשוטער — פון „חכמת ישראל".

די רוסישע השכלה האָט נישט פאַרניינט דאָס יידישע פאָלקסטום, אָבער אויך עס נישט באַיאָט. די דאָזיקע פאָלקסהאַפטיקייט איז פּראָסט פשוט נישט אַריינגעפאַלן טעאָרעטיש אינעם זע־פעלד פון דער השכלה, — די רוסישע משכילים האָבן פאַקטיש געשפּירט אַרום זיך די יידישע מאַסע און האָבן זי געוואָלט אויסערלעך און אינערלעך רעפאָרמירן, פאַרוואַנדלען דעם ייד אין אַן אייראָפּעער אָן אַ וואָסער נישט איז אַסימילאַטאָרישער אָדער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. און די דאָזיקע באַוווסטלאָזיקייט האָט אומבאַוווסטזיניק דערפירט צו צוויי עקסטרעם־קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן: פון איין זייט האָט די השכלה, ווי פון זיך אַליין, — לויט דער אינערציע פונעם השכלה־וועג, — זיך אָפּגעריסן פון יידנטום, זיך אַסימילירט, און פון דער צווייטער, מיט דער זעלבער אומבאַוווסטזיניקייט, דערפירט צו דער נאַציאָנאַ־לער באַוועגונג. פאַקטיש נאָענטע צו די יידישע מאַסן, באַנוצנדיק העברעאיש און יידיש פאַר זייערע השכלה־צילן, האָבן די משכילים נישט ווילנדיק אויפגעוועקט אין דער אינסטינקטיוו־נאַציאָנאַלער מאַסע אַ באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַליזם. מען דאַרף ענדערן די פאָרמען פון אונדזער לעבן, אייראָפּעאיזירן זיי, אָבער נישט אינדיווידועל („זיי אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין שטוב", ווי דער לאָזונג פון דער רוסישער השכלה האָט געפּרעדיקט), נאָר נאַציאָנאַל: זיי אַ נייער סאָרט ייד־מענטש סיי אין שטוב, סיי אויף דער גאַס.

אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן אויפן פעלד פון דער השכלה. די אַסימילירטע טייל פון דער השכלה איז אָפּגע־

פּאַלן, דערפאַר אָבער האָט די צווייטע, די נאַציאָנאַל־אומבאַוווסט־זיניקע, אויפגעהערט שטרעבן צו בילדן יידן, און גענומען שטרעבן נאַציאָנאַל אויפצולעבן דאָס יידנטום.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט אָנגענומען די פאַר־שיידנסטע פאָרמען אין אונדזער אידעאָלאָגישן לעבן.

אויב ביי אַנדערע פעלקער באַשטייען די נאַציאָנאַלע באַווע־גונגען אָדער אין באַפרייען זייערע טעריטאָריעס פון פרעמדן יאָך אָדער אין אָפּזאָגן זיך פון שפראַך־אַסימילאַציע, — האָט אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג געהאַט פאַר זיך אַזוי פיל טעמפּע ווינקלען, זי האָט זיך געפונען — און זי געפינט זיך נאָך אויך היינט — אין אַזאַ לאַבירינט, אַז מען וווּנדערט זיך גאָרנישט וואָס דער נאַציאָנאַלער גע־דאַנק אונדזערער, — אין זיין שטרעבונג צו פאַרקערפּערן זיך אין לעבן, — האָט זיך געריסן אין אַן אַ שיעור ריכטונגען. די יידן נייטיקן זיך אין אַן אייגן לאַנד, — אָבער די דאָזיקע נאַציאָנאַלע אַקסיאָמע צעצווייגט זיך גלייך אין פּאַלעסטיניזם און טעריטאָריאַליזם; און דער ציוניזם ווידער צעצווייגט זיך אויף אַ פּאָליטישן, אַ פּראַקטישן און אַ גייסטיקן. און חוץ דעם, ווי אַ קעגנגעוויכט צום ציוניזם און טערי־טאָריאַליזם, אַנטשטייט דער גלות־נאַציאָנאַליזם, דער אַזוי־גערופענער דובנאָווישער „אַווטאָנאָמיזם”. היינט וויפל ריכטונגען האָט אָנגענומען דער קולטורעלער רענעסאַנס אונדזערער! העברעאיזם און יידישיזם; דער דראַנג צו אַן אַלמענטשלעכער קולטור אויף יידיש אָדער העברע־איש און דער דראַנג אויפצולעבן דאָס עטישע יידנטום פון די נביאים!

ווי מיר זעען, זענען די אידעאישע באַוועגונגען פון לעצטן יאָר־הונדערט געווען פילגעשטאַלטיק. אויף וואָס־וואָס — אויף מאָנאָ־טאָניע האָט אונדזער גייסטיק לעבן אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט נישט געליטן, — גיכער, פאַרקערט: אויף אַ היפּערטראָפיע פון פאַר־שיידנאַרטיקייט.

און צום דאָזיקן רעגנבויגן פון אידעאָלאָגישע שטרעמונגען איז צוגעקומען אין די לעצטע יאָרן נאָך איין שטרעמונג: אַ רוף זיך אומ־צוקערן נישט נאָר צו דער גייסטיקער ירושה פון די אָבות, נאָר אויך צו דער פאָרעם פון זייער גייסטיקן לעבן, אַפילו ביז דער פאָרעם פון זייער אָפּגעזונדערט לעבן פון די אַנדערע פעלקער, אַפילו לעבנדיק צווישן זיי.

אַ רוף צו אַזאַ פולן צוריקקער צום עבר, מיט וועלכן מען האָט אין משך פון כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט געפירט אַ שאַרפן קאַמף,

האָט מען שוין לאַנג נישט געהערט אין דער יידישער עפנטלעכקייט. אַפילו די אָרטאָדאָקסישע קרייזן האָבן זיך אין זייער געזעלשאַפטלעכן לעבן דערנענטערט צו די אייראָפּעאישע פאָרמען. און מיטאַמאָל, אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט, דערהערט זיך אַ שאַרפער סיגנאַל פאַר אַ פולן צוריקצוג. און איינער פון די הויפּט־פּייקלער פון דאָזיקן פּלאַנמעסיקן צוריקצוג איז נישט קיין אַנדערער ווי יעקב גלאַטשטיין. און אין דער־אַ דערשיינונג איז דאָ נישט נאָר אַ טעם פון סענסאַציע, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע באַדייטפולקייט.

יעקב גלאַטשטיינס רוף אומצוקערן זיך צום יידישן לעבן שיער נישט לויטן שולחן ערוך, איז פאַר זיך גופא נישט קיין נייע דערשיי־נונג: זייט ביי זייט מיט דער נייער וועלטלעכער שטרעמונג אין יידישן לעבן, איז אין יידנטום נאָך געבליבן גענוג שטאַרק אויך די אַלטע אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט הינטער זיך אַ גרויסע יוגנט און וואָס ווייזט בכלל אַרויס אַ גרויסע לעבנספעאיקייט. און די דאָזיקע סאַמע מאָ־נאָליטע אידעאישע שטרעמונג אין אונדזער לעבן האָט געהאַט אַ צו־ציאונגס־קראַפט אויך אויפן וועלטלעכן טייל פון אונדזער געזעלשאַפט: פּאָעטן זענען עולה־רגל געווען צו דער דאָזיקער וועלט נאָך שלימות־דיקע געשטאַלטן. אין סאַמע אָנהויב פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָט דער גייסטיקער ציוניזם גופא געהאַט צוויי אַספּעקטן: 1) אחד־העמס, וועלכער האָט געשטרעבט צום עטישן, נישט־אָרטאָדאָקסאַלן יהדות, און 2) זאב יעבצ'עס, וועלכער האָט געשטרעבט צום רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן יהדות. און פון צייט צו צייט פלעגן אַפילו אַזעלכע געשטאַלטן פון דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער אידייע, ווי נתן בירנבוים (מתתיהו אחר) און הלל צייטלין, זיך אומקערן צום אָרטאָדאָקסאַלן יידנטום. דאָס אָרטאָדאָקסאַלע יידנטום האָט ביז נישט לאַנג צוריק געהאַט וואָרצלען אין אונדזער גאַנצן לעבן, און די דאָזיקע וואָרצלען פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסלאָזן שפּראָצלעך אַפילו דאָרט, וווּ מען פלעגט דאָס צום ווינציקסטן דערוואַרטן.

אמת, אין דער מערהייט אַזעלכע פאַלן האָבן מיר גיכער צו טאָן מיט אַבערגלויבן, ווי מיט גלויבן, מיר האָבן אָבער אויך פאַלן פון אומקער צום עכטן גלויבן. דאָך איז די דערשיינונג, וואָס איז פאַר־בונדן מיט יעקב גלאַטשטיינס נאָמען, פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי די אויבן באַשריבענע. זי איז אויסגעוואַקסן אויף דעם אויבן באַ־שריבענעם באָדן, אָבער זי האָט אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען און אַ גאַנץ

אַנדערן אָטעם. דאָס איז שוין נישט קיין פאַרלאַנג אויפצוהיטן דאָס אַלטע אינעם נייעם, נאָר אַן אָפּוואַרפן פון זיך אַלדאָס נייע און אַ צוריק־קער צום אַלטן, אָן קאָמפּראָמיסן. דאָס הייסט שוין נישט נאָר אָנער־קענען דעם מאור שביהדות, נאָר אָנערקענען, אַז דאָס גלות־לעבן פון די יידן איז אידעאַל אין זיינע סאַמע כאַראַקטעריסטישע, אויסערלעכע, גלותדיקע שטריכן.

און דער עיקר־אינטערעס פון דער דאַזיקער דערשיינונג באַ־שטייט אין דעם, וואָס זי קומט פון איינעם פון די עקסטרעמע יידי־שיסטן, — אַן אידעאישע באַוועגונג, וואָס איז ראַדיקאַל אין איר שטרעבן צו בויען אויפן נייעם פאַלקסטימלעכן פונדאַמענט פון וועלט־לעכקייט, און נישט אויפן אַלטן.

טאָ מיט וואָס־זשע קען מען דערקלערן די דאָזיקע מאָדנע דער־שיינונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט גלאַטשטיינס רוף־ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט!" (צוריק צום געטאָ!), וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ברייטן אָפּרוף אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, — אַן אָפּרוף, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן ערשט דורך דעם אויסברוך פון דער מלחמה פון 1939.

לויט מיין מיינונג איז די דאָזיקע דערשיינונג אַרויסגערופן גע־וואָרן דורך צוויי סיבות, פון וועלכע איינע איז אַן אויסערלעכע און די צווייטע — אַן אינערלעכע; אַ דאַנק דעם צונויפפאַל פון אַ גאַנצער ריי באַדינגונגען, האָבן זיך די דאָזיקע צוויי סיבות פאַראייניקט און האָבן באַרייכערט די סקאַלע פון אונדזערע אידעאישע יורונגען.

* * *

דאָס, וואָס אונדזער פאָלק האָט געהאַט איבערצולעבן אין אַן עקסטרעמער פאָרעם אַלס יידן, האָבן מיר ביז די דרייסיקער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט געקענט נאָר פון דער געשיכטע; אונדזער דור האָט דאָס באַטראַכט בלויז ווי אַ היסטאָרישע דערפאַרונג, וואָס מען דערלאַנגט פון איר מוסטערן, נישט מער. און ווען די דאָזיקע היסטאָרישע דערפאַרונג האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעוויזן ווי אַ לעבע־דיקע, טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג, האָבן מיר דערויף רעאַגירט מיט אַ שרעקלעכער אויפטרייסלונג. נישט ביי אַלעמען האָט זיך די דאָ־זיקע פּסיכישע אויפטרייסלונג אויסגעדריקט אויף איין אופן: ביי איי־ניקע האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין אַ פּאַנישער שטימונג; אין אַ

גייסטיקער בהלה; ביי אַנדערע — אין אַ גרענעצלאָזן ווייטיק און אַ גרענעצלאָזן צאָרן; און ביי נאָך אַנדערע — אין אַ געפיל פון גרענעצלאָזן עקל, פון אַ גייסטיקן און כמעט פיזישן עקל־געפיל צו אַ וועלט, אין וועלכער עס קענען פאָרקומען אַזעלכע דערשיינונגען. אָט צו די לעצטע געהער אויך יעקב גלאַטשטיין.

אַ דיכטער מיט שטאַרקע עמאָציאָנעלע רעאַקציעס, האָט ער אין זיין עקל־געפיל זיך אָפּגעקערט פון דער פרעמדער וועלט. ער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג זיך צונויפצודרייען אין אַ קנויל אין זיך גופא. איבערלעבונגען, וואָס זענען קרובהש צו די איבערלעבונגען פון די מיטלאַלטערלעכע יידן, זענען פלוצלונג באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער סימפּאַטיע צום לעבנסשטייגער פון יענע אור־עלטערן, וועלכע האָבן געליטן, ווי ער. די קרובהשאַפט אין די אינערלעכע איבערלעבונגען האָט געוואָלט זיך דערגאַנצן דורך ענלעכקייט אינעם אויסערלעכן אָרט לעבן. פון איין זייט — ווי אַ צונויפגיסונג אין אַ סימפּאַטיע־געפיל, און פון דער צווייטער — ווי אַ צייכן פון שטאָלצן פּראָטעסט: דער לעבנסשטייגער פון אונדזער מיטלאַלטערלעכן לעבן איז העכער און ריינער פאַר אייערע אייראָפּעאישע לעבנס־פאָרמען פון 20־טן יאָרהונדערט...

אָבער צו דער דאָזיקער ריין־אויסערלעכער סיבה, איז צוגעקומען אויך אַ מעכטיקע אינערלעכע.

די בעסטע טייל פון אונדזערע יידישע מיטצייטלער פילט אָפּט אַ דערדריקנדיקע אינערלעכע פּוסטקייט: דער תהום, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט אין זייער נשמה אין רעזולטאַט פון גלויבן־פאַרלוסט, קאָן מיט גאָרנישט נישט פאַרשאָטן, פאַרפולט ווערן. אַפילו דאָס געפיל פון פּוסטקייט פון אַ לאַנגער געוווינהייט איז ווייטיקדיק, — בפרט דאָס געפיל פון פּוסטן אָרט פון דער רעליגיע, וואָס איז נישט נאָר איינע פון די עלטסטע געוווינהייטן פון דער מענטשהייט, נאָר אויך איינע פון די ביאָלאָגישע באַדערפעניש פון זיין גייסט, לויט דער געניאַלער פאָרמולירונג פון אַנרי בערגסאָן. נאָך ווייטיקדיקער איז דאָס דאָזיקע פּוסטקייט־געפיל ביים בעסטן טייל פון היינטיקן יידנטום, וואָס פאַרמאָגט אַפילו נישט יענע ערזאַצן פון דער נאַציאָנאַל־קולטור־רעלער לעבעדיקער קאָלעקטיוויקייט, יענע נאַרקאָטיקס, וואָס העלפן פאַרגעסן אין די פעלנדיקע עמאָציעס פון פאַרלוירענעם גלויבן.

ביי יידן איז דאָס דאָזיקע געפיל נאָך ווייטיקדיקער דערפאַר, ווייל

אונדזער רעליגיע איז אַ סך מער צונויפגעוואַקסן געווען מיטן אומ־מיטלבאַרן לעבן פונעם יחיד, ווי ביי אַנדערע פעלקער.

אַט־אָ דאָס קרענקלעכע ליידיקייט־געפיל האָט זיך געמוזט באַ־זונדערס שטאַרק אָפּרופן אין אַזאַ צייט, ווען די אויסערלעכע געשעע־נישן האָבן אונדז אויסגעגליכן מיט אונדזערע מיטאַלטערלעכע אור־עלטערן. ערשט אין דאָזיקן מאָמענט האָבן די סאַמע שפּירבאַרע צווישן אונדז דערפילט אויף דער אייגענער הויט, אַזוי צו זאָגן, דעם אונטערשיד צווישן זיי און זיך. זיי האָבן דערפילט דאָס, וואָס מיר האָבן געוווּסט פון דער געשיכטע טעאָרעטיש: די באַגליקנדיקע קראַפט פון גייסטיקער פולקייט דווקא אין אַזעלכע מאָמענטן, — די באַגליקנ־דיקע קראַפט פון „קידוש השם".

אַ שפּירבאַרן, פיינפילנדיקן יידן קומט אויס אָפט איבערצולעבן אין היינטיקער צייט דאָס געפיל פון קנאה צו אונדזערע אָבות. פאַר זייער סוביעקטיוון זין פון זייערעליידן; אָבער ביז איצט איז די דאָזיקע קנאה נישט געווען טעטיק אין פּראַקטישן לעבן; איצט אָבער האָט דאָס עקל־געפיל צו פרעמדע פאָרמען און אינהאַלטן אין אונ־דזער לעבן געגעבן קראַפט איינעם פון אַזעלכע פיינפילנדיקע, יעקב גלאַטשטיינען, מיט געוואַלד זיך אַ וואַרף טאָן אין די אָרעמס פון אונדזער אַלטן לעבנסשטייגער, — פון פאַראַכטונג צו זיין היינטיקן לעבן און פון קנאה צום פאַרגאַנגענעם לעבן פון אונדזערע גייסטיק־פולבלוטיקע אָבות.

און נאָך איין מאָמענט מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, ווען מען וויל פאַרשטיין יעקב גלאַטשטיינס אידעאָלאָגישע פאַרוואַנדלונג.

מיר דאַכט זיך, אַז נישט צופעליק איז גראַד גלאַטשטיין, איינער פון די סאַמע מאָדערניסטישע דיכטער, דער פאַרשטייער פון דער עקסטרעמסטער, יאושפולסטער צוריק־באַוועגונג אין לעצטן יאָר־צענדליק.

אין דער ליטעראַטור־געשיכטע טרעפט מען נישט זעלטן אַן פאַלגנדיקע דערשיינונג: דיכטער, באַזונדערס נאָוואַטאָרישע, שעפער פון נייע שולעס און זוכער פון נייע וועגן אין דער וואָרט־שאַפונג, וואַרפן זיך, סוף־כל־סוף, אין די אָרעמס פון די רעליגיעס פון זייער קינדהייט. אַ סך שעפער פון דער באַרימטער ראָמאַנטישער שולע, אַ סך פון די נעאָ־ראָמאַנטיקער פון סוף 19־טן יאָרהונדערט און נישט איינער אַפילו פון די אַדעפּטן פונעם אַרכי־רעוואָלוציאָנערן, אין לי־

טעראַרישן זין, פוטוריזם, האָבן פאַרענדיקט ווי קאַטאָליקן, נעאָ־קאַ־טאָליקן, פונקט ווי אונדזער „אינזיכיסט", יעקב גלאַטשטיין, האָט זיך צוריקגעקערט צו דער טראַדיציאָנעלער גאָטספּאַרכטיקייט און ער רופט צום אַלטן לעבנסשטייגער.

עס איז מעגלעך, אַז די דערשיינונג גופא פון די פיבערהאַפטע זוכענישן און בלאָנדזשענישן פון דער נייער דיכטונג זענען אַ רעזול־טאַט נישט נאָר פון אַן אומצופרידנקייט מיט די אַלטע פאָרמען און מיטן אַלטן אינהאַלט פון דער דיכטונג, נאָר אויך אַ פועל־יוצא פון אַ גייסטיקער באַדנלאָזיקייט, פון אַ גייסטיקן אומרו. די נייע איינ־פלוסן אין דער דיכטונג זענען, וואַרשיינלעך, אַ רעזולטאַט פון אַ גייסטיקער צעטומלעניש, פון פיבערהאַפטע אָנשטרענגונגען מיט גע־וואַלט אָנצופילן די נאַגנדיקע נשמה־פוסטקייט. און ווען דאָס העלפט נישט, — וואַרפן זיך די דאָזיקע נאָוואַטאָרן אין די אָרעמס פון דער רעליגיע, וואָס האָט זיי, ווי זיי גערענקען, אַזוי באַגליקנדיק אויסגע־פילט, איבערגעפילט. מען דאַרף זיך נישט וווּנדערן וואָס גראָד פון עקסטרעמען מאָדערניזם האָט יעקב גלאַטשטיין זיך אַריבערגעוואָרפן אַפילו נישט צום נעאָ־יהדות, נאָר פּראָסט פשוט צום אַלט־יהדות. דאָס איז, מסתמא, דערפאַר, ווייל יעקב גלאַטשטיין איז טאַקע געווען אַ נאָוואַטאָר אין דער דיכטונג דערפאַר, ווייל ער האָט ווייטיקדיק געפילט די גייסטיקע פוסטקייט פונעם היינטצייטיקן יידן.

נישט געפינענדיק קיין גייסטיקע רו אין די אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ נייע דיכטונג־פאָרם, פאַרווונדעט ביז יאוש דורך די דרייסי־קער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן דערשטיקט די אילוזיע פון יידישער נאַציאָנאַלער נאָרמאַלקייט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער לעצטער רעטונג: ער האָט זיך אומגעקערט צום יידיש־טראַ־דיציאָנעלן לעבנסשטייגער. דאָס האָט דאָך באַדייט צוריקגעווינען די פסיכישע רו, וואָס איז פאַרבונדן מיטן באַפרידיקן אַ געוווינהייט, מיטן באַפרידיקן אַ ביאָלאָגישע נויטווענדיקייט.

* * *

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט שלום עליכם אָנגעשריבן אַ קליינע סקיצע אונטערן טיטל: „די וועלט גייט צוריק". צווערשט זעען מיר, ווי ר' אברהמעלע ווייריך צינדט אָן די חנוכה־ליכט. שוין בלויז דער טיטל „ר'" ווייזט אונדז ווי אַזוי ער צינדט אָן די חנוכה־ליכט.

דערנאָך ווייזט אונדז שלום עליכם, ווי אַזוי דער זעלבער ר׳ אברהמעלע ווייררייך צינדט אָן די חנוכה־ליכט ביי זיין זון, איסאַאַק אַבראַמאָוויטש. ווי אַזוי דאָס זעט אויס קען מען זיך שוין פאָרשטעלן לויטן זונס נאָמען (איסאַאַק אַבראַמאָוויטש) און לויט דער שנורס נאָ־מען — קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ.

צום צימער, ווו דער זיידע צינדט אָן די חנוכה־ליכט, רייסט זיך מיט אַלע כּוחות זיין קליינינקער איניקל, יאַשענקאַ, אָבער די גור־ווערנאַנטקע לאָזט אים נישט, לויטן באַפעל פון קלעאָפּאַטראַ דאַווי־דאָוונאַ, וועלכע וויל נישט, אַז יאַשענקאַ זאָל זען ווי מען צינדט אָן די חנוכה־ליכט. די גוווערנאַנטקע יאָגט זיך נאָך אים און פאַרשלעפּט אים צוריק אין קינדער־צימער, ווו עס שטייט אַ ווייַנאַכט־בוים צוליבן נאָענטן ווייַנאַכט־יום־טוב.

די לעצטע סצענע ווייזט אונדז דאָס הויז פון איסאַאַק אַבראַמאָ־וויטש און קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ אויף זייער עלטער. ר׳ אברהמעלע ווייררייך איז שוין אויפן עולם האמת, אָבער די חנוכה־ליכט צינדט מען נאָך אַלץ אָן, אָבער נישט ר׳ אברהמעלעס זון, נאָר זיין איניקל, דער יונגער סטודענט יאַשענקאַ, דער ציוניסט יאַשענקאַ, וועמען מען האָט אָפּגעהיט פון די חנוכה־ליכט און פון אַלעם איבעריקן, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט ווייַנאַכטן. און קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ קוקט פאַרלוירן אויף אירע געסט, און אירע אויגן זענען פול יאוש און ריידן קלאָרע רייד:

„די וועלט גייט צוריק! ווער ווייסט, ווער ווייסט וואָס מיר וועלן נאָך דערלעבן?...״

יאָ, די וועלט גייט מיט אַ מאָדנעם גאַנג. דאָ פאַרלויפט זי ווייט פאָראויס, דאָ פאַרלויפט זי ווייט אויף צוריק. די מענטשהייט אין גאַנצן און יעדעס פאָלק באַזונדער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַר־בלאָנדזשעטן יאַגד־הונט, וואָס זוכט אַ פאַרלוירענע שפור. ער לויפט, דאַכט זיך, זינלאָז, — דאָ פאָראויס, דאָ צוריק, אָבער די דאָזיקע זינ־לאָזיקייט איז נאָר אָן אויסערלעכע, זי ווערט געפירט דורך אַ פיינעם חוש־הריח, וואָס דיקטירט דעם יאַגד־הונט דאָ פאַרלויפן ווייט פאָר־אויס, דאָ צוריקלויפן ווייט צוריק, ביז ער געפינט דעם פאַרפלאָנטערטן נויטיקן שפור.

גראָד דאָס דאָזיקע, כלומרשט זינלאָזע אַרומלויפעניש, איז אַ באַווייז פאַר אַ דינעם, זיכערן חוש־הריח, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן

אינעם פלאָנטער פון טויזנטער שטאַרקע ריחות, — ער שפּירט זיי אַלע, אָבער קיין איינער פון זיי באַפרידיקט נישט זיין זיכערן חוש.

אויך אונדזער פאָלק געפינט זיך איצט אין אַזאַ צושטאַנד.

פאַרלאָרן זיין וועג, וואַרפט ער זיך, געפירט דורכן זיכערן שפּיר־חוש, נישט באַפרידיקט דורך קיין שום זאַך, דורך קיין שום סוראָגאַט; אַמאָל פאַרלויפט ער צו ווייט ביז פולער פנימלאָזער אַסימילאַציע; אַמאָל לויפט ער צוריק צו ווייט, פאַרלירנדיק זיין פּערזענלעכקייט אין די געדיכטעניש פונעם אַלטן, אָבער ער וועט זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן און ער וועט זיך נישט באַרואיקן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט נישט אַרויספאַלן אויף אַ זיכערן שפּור, וואָס וועט אים דערפירן אַהין, וווּ ער וועט געפינען צוריק זיין פּערזענלעכקייט, נישט צו ווייט פונעם אַלטן און נישט צו נאָענט פון אים.

נישט אומזיסט דאַכט זיך אַמאָל, אַז די וועלט דרייט זיך אויף איין אָרט. ניטשע האָט נישט אומזיסט גערעדט וועגן אייביקן צוריקקער. די מענטשהייט קערט זיך אָפּט אום, לויט אירע אייגענע טריט, טיף צוריק. מען דאַרף אָבער נישט אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק ביים צוקוקן זיך צו די דאָזיקע אייביקע אומקערעניש צוריק. דאָס זוכט זי בלויז אַ זיכערן וועג, דיקטירט דורכן זיכערן חוש. און דער וועג פאָראויס ליגט אָפּט דורך דעם וועג צוריק. מיר באַוועגן זיך אין אַ ספּיראַל.

שוין אַ יאָרהונדערט, ווי מיר פלעכטן פאַנטאַסטישע אידעאָלאָגישע פּעטליעס אויף די וועגן פון אונדזער געשיכטע. און וואָס פאַנטאַסטישער עס זענען די דאָזיקע פּעטליעס, אַלץ מער שטאַרקט זיך אין מיר די זיכערקייט, אַז מיר וועלן סוף־כל־סוף געפינען דעם וועג; מיר פאַרמאָגן אַ גוטן קולטור־היסטאָרישן חוש־הריח, און דער דאָזיקער שאַרפער חוש קאָנטראָלירט אונדזער יעדן פאַלשן טריט, אונטעריאָגנדיק אונדז צו זוכן אַלץ ווייטער און ווייטער.

ווי לאַנג דאָס וועט דויערן, קען קיינער נישט וויסן; איינס אָבער איז קלאָר: אונדזער פאַרגאַנגענהייט וועט אונדז נישט אָפּלאָזן, פּונקט ווי מיר וועלן נישט אָפּלאָזן אונדזער ביי־היינטיקייט. כל־זמן זיי ביידע וועלן זיך ראַנגלען אין אונדז פאַר באַהערשן אונדז, וועלן מיר נישט אויפהערן צו מאַכן פאַנטאַסטישע אידעאָלאָגישע שפּרונגען, אונטערגעטריבן דורך אינערלעכן אומרו. ערשט ווען דאָס פאַרגאַנגענע און דאָס נייע וועלן זיך צעקושן אין אַ שעפערישן סינטעז, וועלן מיר,

באַרואיקטע, זיך אָפּשטעלן, טיף אָפּאָטעמען און וויסן מיט אונדזער גאַנצן יש: נישט פאָראויס, נישט צוריק — אָט־אָ־דאָ.

אָט־אָ־דאָ איז אונדזער גייסטיקער צענטער. דאָ וועלן מיר לאָזן וואָרצלען, אַרויסלאָזן שפּראָצלעך און נעמען ברענגען פּרוכט.

די זעלבע שפּרונגען פון אַ גאַנצן דור מאַכט דורך אויך יעקב גלאַטשטיין.

שאַנכיי, אַפּריל, 1943.

איז שונד אַבסאָלוט שעדלעך?

„דאָס איז שונד!" —

קאָן דען זיין אַ שווערערער אורטייל איבער אַ ליטעראַריש ווערק?

און איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער קריטיק איז טאַקע צו קעמפן קעגן די ווילדגראָזן פון שונד אין דער ליטעראַטור.

און איך האָב דאָ נישט בדעה צו באַקעמפן דעם דאָזיקן קאַמף, — איך וויל בלויז אויפווייזן, אַז די פּראָבלעם פון שונד איז גאָר נישט פון די פשוטע. ערשטנס זענען דאָ אַ סך מינים שונד, און צווייטנס איז גאָרנישט אַזוי לייכט פעסטצושטעלן צי שונד איז טאַקע אומבאַדינגט שעדלעך.

ווי אַלע באַגריפן, וואָס האָבן אַ שייכות צו ליטעראַטור, איז אויך דער באַגריף „שונד" קלאָר און איינפאַך כל־זמן מען באַנוצט אים מיט דער שפּיץ־צונג, — ווי נאָר איר נעמט אים באַטראַכטן אַביסל גענויער, פאַרלירט איר די זיכערקייט און איר נעמט ווערן אַ שטיקל פּילאַטוס. „וואָס איז שונד? צי איז טאַקע שונד אַזוי אַבסאָלוט שעדלעך? צי האָט דער שונד קיין שום ווערט נישט?"

איך ספק גאַנץ שטאַרק צי מען קאָן די דאָזיקע פראַגן ענדגילטיק לייזן, ס'וואָלט שוין געווען אָן אויפטו, מען זאָל זיי כאָטש אַביסל אויפפּלאָנטערן און אַזוי אַרום קלאָר מאַכן זייער פאַרפּלאָנטערטקייט.

* * *

וואָס איז שונד?

געוויינלעך שטעלט מען זיך פאָר אונטער שונד — פּאָרנאָגראַפיע, געשלעכטלעכן שונד.

אין זיין אַרטיקל „שמר און זיינע קריטיקער" שרייבט שאול גינזבורג: „ביים משפט (איז) נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט דער גרונט־אונטערשייד צווישן שונד־שטאָף און פאַרוויילונגס־שטאָף. וואָס איז אַזוינס שונד? שונד איז אַלץ, וואָס קיצלט די נידעריקע אינסטינקטן, וואָס רופט אַרויס אוממאָראַלישע געפילן. אין שונד שפּילט די הויפּט־ראָלע די פּשוטע געשלעכטלעכע ליידנשאַפט, און דעריבער איז שונד כמעט אידענטיש מיט פּאָרנאָגראַפיע". (אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.).

דאָס איז די געוויינלעכסטע פאָרשטעלונג וועגן שונד. דאָס נאַקעט־געשלעכטלעכע, זאָגט מען אין אַזאַ פאַל, איז שונד. אַ שונד־ראָמאַן רייצט די נידעריקסטע אינסטינקטן פונעם לייענער מיט אָפענער, ברוטאַלער סעקסואַלקייט. אָבער צי דען ליגט טאַקע דאָס שונדישע אינעם סעקס־עלעמענט? געפינען מיר דאָך די זעלבע דראַסטישע אָפּנקייט אויך ביי גרויסע קינסטלער, אַפילו אין תנ"ך, און דאָך וועט קיינער זיי נישט אָנרופן — שונד־שרייבער. און די דאָזיקע ווירקונג זייערע איז אויך נישט קיין רייצנדיקע, נאָר פאַרקערט — אַ מאָראַלישע, אַ קינסטלעריש־ריינע.

צי דען וועט עמיצער לייקענען, אַז די סעקסועלע עלעמענטן אין מאָפּאַסאַנס ראָמאַן „אַ לעבן" געהערן צו די דראַסטישסטע? און פונדעסטוועגן ווירקן זיי נישט דעמאָראַליזירנדיק, געשלעכט־רייצנדיק.

און נאָך אַ פּאָפּולערער מין שונד איז דאָ — דער אַזוי־גערופענער אַוואַנטוריזם אין דער ליטעראַטור.

צי דען איז אָבער דאָסטאָיעווסקי נישט אַוואַנטוריסטיש־קרימינאַלאָגיש אין זיינע ראָמאַנען? און באַלזאַקס ווערק, וואָס באַלעבט אַזוי פיל בעלעטריסטן? און דאָך וועט קיינער נישט אָנקלעפּן אויף זיי אַ פלעטל — „שונד־שרייבער".

וואָס באַווייזט עס?

דאָס באַווייזט, אַז דאָס שונדישע ליגט נישט אין דער טעמע, נאָר אין דעם אופן ווי די טעמע ווערט באַהאַנדלט. דאָס באַווייזט, אַז קונסט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס נייטראַליזירט די שלעכטע ווירקונג פון געוויסע טעמעס.

די סצענעס, וואָס מאָפּאַסאַן שילדערט אין זיין „אַ לעבן" רייצן געוויינלעך די סעקסועלע אינסטינקטן, פייערן זיי אָן, אָבער מאָפּאַסאַן דער קינסטלער האָט צו דער טעמע עפּעס צוגעגעבן, און דער דאָזיקער קינסטלערישער „עפּעס" נייטראַליזירט די שלעכטע ווירקונג פון די דראַסטישע סעקס־באַשרייבונגען.

פאַראַן זאַכן, וואָס רופן אַרויס געלעכטער, ווען מען ווייס נישט די טיפערע באַדייטונג זייערע, אָבער ווי נאָר מען דערוויסט זיך וואָס עס שטעקט הינטער זיי, פאַרגייט דאָס געלעכטער: די זעלבע זאַך רופט אַרויס אַן אַנדער שטימונג.

לאָמיר נעמען אַ געהאַנגענעם מיט זיין אַרויסגעשטעקטער צונג. ווען אַ קינד זעט די אַרויסגעשטעקטע צונג — לאַכט עס; ווען אַ דער־וואַקסענער דערזעט די זעלבע צונג — פּילט ער אַ שוידער: ער ווייס, אַז הינטער איר שטייט דער טויט, דער טראַגישער טויט.

אָבער די ענדערונג פון דער שטימונג קאָן פאָרקומען אויך ביים דערוואַקסענעם גופא.

ווען מען זעט ווי אַ מענטש לויפט און פּלאָנטערט זיך אין אַ לאַנגן בגד און פאַלט כסדר, — רופט עס אומפאַרמיידלעך אַרויס גע־לעכטער. די אומבאַהאָלפנקייט פונעם דאָזיקן מענטשן, זיין נישט געשיקטקייט, זיינע קאָמישע באַוועגונגען און קאָמישע קליידונג — אַלץ רייצט צום לאַכן. אָבער ווען מען דערוויסט זיך, אַז דער מענטש לויפט נאָך אַ דאָקטאָר פאַר זיין געפערלעך־קראַנק געוואָרן קינד, און די שטערונגען ביים לויפן פילן אָן דעם פאַלנדיקן מיט טויט־אַנגסט — טאָמער פאַרשפּעטיקט ער! — פאַרגייט אונדזער געלעכטער, ער ווערט נייטראַליזירט דורך דער אינערלעכער טראַגעדיע, וואָס שטייגט אויף פון הינטער דעם אויסערלעכן קאָמיזם.

ווען אַ שרייבער ווי מאָפּאַסאַן ווייזט אונדז די טיפע טראַגעדיע פון דער פרוי אין „אַ לעבן", נייטראַליזירט ער דורך די אויפגעוועקטע טיפערע געפילן די סעקס־רייצונגען.

און דאָס זעלבע מיט אַ דאָסטאָיעווסקי: די פּסיכאָלאָגישע אָפּ־גרונטן פון זיינע „ברידער קאַראַמאַזאָוו" שלינגען איין די קרימינאַ־ליסטישע פאַבולע, זי באַקומט אַ גאַנץ אַנדער אַספּעקט.

נישטאָ, הייסט עס, קיין שונד־טעמעס און נישטאָ קיין קונסט־טעמעס, — די גליטשיקסטע טעמע ווערט אויס שונד, ווי נאָר עס רירט זיך צו איר צו אַ קינסטלער, וועלכער צווינגט צו בליקן אין

דער נשמה, קוים באַמערקנדיק דעם קערפּער. דער קערפּער, דאָס מגושמדיקע, דאָס עקלדיקסטע איז בלויז אַ מעדיום פאַר עפּעס העכערס, גייסטיקס; דער אונטערשייד איז דער זעלבער ווי ביי געשלעכטלעכע באַציאונגען מיט סתם אַ פרוי אָדער מיט אַ געליבטער פרוי. אויסערלעך איז דאָס דאָס זעלבע, אָבער בעת ביי דער סתם פרוי בלייבט דאָס אויסערלעכע אויסערלעך, ווערט דאָס אויסערלעכע ביי דער געליבטער פרוי אַ מעדיום, אַן עמאָציאָנעלער סימבאָל:

Alles vergangliche
Ist nur ein Gleichniss.

ווער עס האָט אַמאָל געקושט אַ געליבטע פרוי, וועט פאַרשטיין, וואָס דאָס מיינט צו זאָגן: נישט די ליפּן האָט ער געקושט, — די ליפּן זענען געווען דאַכט זיך אַ קערפּערלעכער און דאָך אַ קערפּערלאָזער מעדיום פאַר עפּעס גייסטיקס, העכערס, אומענדלעך־פיינערס, ווי דאָס אויסערלעך שענסטע.

טאָ וואָס־זשע איז שונד?

אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אָן דער אינטימער באַטייליקונג פונעם שרייבער, אָן אַ טיפערער באַציאונג צום שטאָף, וואָס ער באַנוצט, אַלץ, וואָס איז בלויז אַ מיטל, — צו פאַרדינען געלט, צו געניסן כבוד, צו קיצלען די אינסטינקטן פון עולם, אַלץ, וואָס דינט די נידעריקע, נישטיקע צוועקן איז שונד. מען קאָן נעמען די פילאָזאָפישסטע טעמע, די ווייטסטע פון געשלעכט, און זי זאָל זיין שונד, אויב זי וואַקסט נישט אַרויס פון קינסטלערס קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, נאָר ער וויל זי עקספּלואַטירן צוליב זייטיקע צוועקן.

און ערשט דאָ, ווען מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט, קאָן מען ריידן וועגן געוויסע גראַדאַציעס פון שונד, — פאַראַן אומשולדיקערע מינים שונד און פאַראַן — שעדלעכערע!

דאָס געשלעכטלעכע פאַר זיך גופא איז נישט קיין שונד, אָבער ווען דאָס ווערט שונד, איז דאָס שעדלעכער פאַר אַנדערע מינים שונד, פאַר אַוואַנטוריסטישן, לאָמיר זאָגן, אָדער פאַר סאָציאַלן שונד, — ווייל אויך אַזאַ איז דאָ: אויסנוצנדיק דעם אינטערעס פון עולם פאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען, פּוצן זיך געוויסע שרייבער צו צום געשמאַק פון עולם און ברענגען אַריין „סאָציאַלע" מאָטיוון אין זייערע ווערק. און היות זיי זענען מיט די דאָזיקע טעמעס נישט פאַרבונדן אינטים, שאַפן זיי אַ נייעם מין שונד — סאָציאַלן שונד, וואָס איז, נאַטירלעך,

נישט אַזוי שעדלעך ווי סעקסועלער אָדער קרימינאַליסטישער, אָבער עס שלאָגט פון אים פונדעסטוועגן חלשות, ווי פון יעדן מין שונד, ווי פון אַלץ, וואָס איז נישט עכט.

* * *

שונד איז אַזוי אַרום נישט געבונדן מיט קיין טעמע, — שונד איז דאָס נישט עכטע, דאָס נישט ערנסטע, דאָס סתם אַזוי זיך געשריבענע, — צי גלאַט אָדער נישט גלאַט געשריבן, ווייל שונד איז אַפילו נישט געבונדן מיט מער אָדער ווייניקער טאַלאַנט. עס קאָן זיין אַפילו הויך־טאַלענטירטער שונד.

אָבער וואָס איז מיט דער שעדלעכקייט פון שונד?

קונסט, האָבן מיר געזאָגט, ווירקט גוט מיט די סאַמע דראַסטישע טעמעס. אָבער צי דען איז קונסט געזיכערט פון ברענגען שעדלעכע רעזולטאַטן? צי דען קאָן נישט טרעפן, אַז אַ גייסטיק־נישט־אַנטוויקלטער, עסטעטיש־רויער מענטש זאָל אויפנעמען פון מאָפּאַסאַנס „אַ לעבן" בלויז די דראַסטישקייט פון דער חופה־נאַכט און נישט איר טראַגיזם? צי דען קאָן מען נישט אויפנעמען קונסט אַזוי, ווי אַ קינד נעמט אויף די אַרויסגעשטעקטע צונג פון אַ געהאָנגענעם?

קונסט איז אַביסל מער געשיצט, ווי דאָס לעבן, פאַרן נישט פאַרשטאַנען ווערן, פאַרן פאַרבייגיין מיט בלינדע אויגן אירע טראַגעדיעס, — דער קונסטס וויכטיקסטע און אפשר איינציקע אויפגאַבע איז דאָך טאַקע דאָס עפענען די אויגן אויפן לעבן (און זי שטרייכט דאָס שטאַרק אונטער). אָבער אינגאַנצן געזיכערט פאַר טעמפּע „גע־ניסער" איז נישט די קונסט. ווי אַלץ אין לעבן, איז אויך די קונסט אָפּן פון אַלע פיר זייטן פאַר אַלע ווינטן, —זי איז אויסגעשטעלט אויף דער ריזיקע פון שלעכט פאַרשטאַנען ווערן, פון גאַרנישט פאַרשטאַנען ווערן און פאַר מיסברויכט צו ווערן.

אָבער פּונקט ווי די קונסט קאָן אַמאָל, צום אומגליק, נישט פאַרשטאַנען ווערן, אַזוי קאָן אַמאָל שונד, צום גליק, אויך נישט פאַרשטאַנען ווערן. און פּונקט ווי קונסט קאָן אַמאָל נישט ברענגען קיין נוצן אָדער אַפילו ברענגען שאָדן, אַזוי קאָן אויך שונד אָדער נישט ברענגען קיין שאָדן אָדער אַפילו ברענגען אַ נוצן.

ווען שונד פאַלט אַריין אין די הענט פון אַן עסטעטיש אָדער עטיש־הויך שטייענדיקן מענטשן, פאַרלירט ער (דער שונד) זיין טויטנדיקן

גיפט: די עסטעטישע און עטישע געפילן זענען אַ צו שטאַרקער קעגנ־גיפט פאַר אים. אַנשטאָט צו רייצן צוציענדיק, רופט ער בלויז אַרויס אַן אָפּשטויסנדיקן עקל.

פאַר דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטשן איז שונד לחלוטין נישט געפערלעך. אדרבא, וואָס מער זיי וועלן אים לייענען, אַלץ מער וועלן זיי בענקען נאָך קונסט צו דערפילן אירע אָפּפרישנדיקע פונקציעס.

אָבער ווי איז דער דין מיט עסטעטיש נישט־אַנטוויקלטע?

פאַראַן אַ יידיש ווערטל: „אַזוי ווי זיי וויסן נישט, אַזוי זאָל זיי נישט שאַדטן". דאָס דאָזיקע ווערטל איז ווי אָנגעמאָסטן אין אונ־דזער פאַל. אויב די עסטעטיש־הויכשטייענדיקע גייען אַרויס אומבאַ־שעדיקט פון די שונד־היילן צוליב זייער וויסן, גייען אַ סך עסטעטיש־אומאַנטוויקלטע אַרויס אומבאַשעדיקט פון אירע היילן אַדאַנק זייער אומוויסנדיקייט. זעען מיר דאָך, אַז הגם אויף צו זיין געזונט דאַרף מען גוט עסן, דאָך זענען אַ סך אָרעמע געזינטער פאַר די רייכע פון זייער בלויזן ראַזאָוון ברויט. דער געזונטער אַפּעטיט זייערער זויגט אויס מער לעבנס־זאַפטן פון די פּראָסטע עסנס, ווי דער גביר פון זיינע ראַפינירטע מאכלים.

עס איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו זיצן אין יידישן טעאַטער אויף שונד־מאַכערייקעס און מאַכן פאָלגנדע דערפאַרונג (וואָס פאָדערט מען זאָל זיך גוט אַריינטראַכטן אין איר): בעת די „פּיעסע" האָט מיך געהויבן פון אָרט, האָט זי ביי אַ סך פאָלקס־מענטשן אַרויסגערופן די בעסטע עמאָציעס, ווי דאָס בעסטע קונסט־ווערק ביי די עסטעטיש־אַנטוויקלטע. די דאָזיקע פאָלקס־מענטשן זעען נישט די גראָבע שטעך און די גראָבע אינסטינקטן פון דער פּיעסע, — זיי נעמען זי אויף אין זיך און פאַראַרבעטן זי אין הסכם מיט זייערע פּשוטע, אָבער געזונטע מענטשלעכע געפילן: דער זיג פון דער גערעכטיקייט רירט זיי ביז טרערן, ווייל זיי פילן נישט די פאַלשע טענער אירע, נישט איר קאָמישע סענטימענטאַלקייט; די אומ־גערעכטיקייט, וואָס איז פאַר מיר זינלאָז און אָפּשטויסנדיק צוליב עסטעטישע טעמים (ווייל עטיק און עסטעטיק זענען ביי מיר פאַר־בונדן), רופט ביי זיי אַרויס אַ שטורעם פון פּראָטעסטן, ווייל זייער פּרימיטיווער געשמאַק פילט נישט די אומבאַטעמטקייט. מען שרייט צום העלד ער זאָל זיך נישט לאָזן באַוועלן, מען דראָט פון זאָל דעם באַוועלער, — מען פאַרדייט די דאָזיקע צוגעפוילטע שפּייז מיט די

געזונטע געמיטער און מען באַקומט פון איר אַרויס — אין גאָט ווייס פון וואַנעט — דערנערנדיקע זאַפטן: דער שונד ווירקט, ווי דורך אַ נס, פונקט ווי קונסט: סובלימירנדיק, דערהויבנדיק, אַרויסרופנדיק די פיינסטע געפילן. עס איז באַקאַנט אַ פאַל, ווען אַ פאָלקס־מענטש האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט דעזדעמאָנעס גורל, אַז ער האָט דער־שאָסן אָטעלאָן. אָבער נישט נאָר שעקספּירס טראַגעדיע קאָן ווירקן אַזוי שטאַרק אויף די גוטע געפילן. אויך דער שונד קאָן ווירקן שטאַרק נישט נאָר ביים אויפרייצן די שלעכטע אינסטינקטן, נאָר אויך ביים צעפלאַקערן די גוטע.

זיצנדיק אין טעאַטער אויף אַזעלכע פאַרשטעלונגען, פלעגט מיר נישט איינמאָל קומען דער געדאַנק: אפשר דערפילט שונד אַ סך אַ וויכטיקערע פונקציע, ווי מיר מיינען?

כל זמן די גרויסע קונסט קאָן צו די מאַסן נישט דערגיין צוליב דער ליבער אָרדענונג, וואָס האַלט די מיליאָנען ווייט פון די קולטור־שפּיצן, — איז אפשר דער שונד די קונסט פון די מאַסן. אויף צען, וואָס ווערן דורך אים אויפגערייצט צו שלעכטס, ווערן אפשר הונדערט אָנגערעגט צום גוטן. איך רעד דאָ שוין נישט וועגן דער ראָלע, וואָס דער שונד שפּילט — פונקט ווי די קונסט — ביים אָפּרעאַגירן די שלעכטע געפילן ביים לייענען אָנשטאָט אין ווירקלעכן לעבן, — איך האָב דאָ אין זינען נישט די דאַזיקע נעגאַטיווע פליוסן, נאָר טאַקע די פּאָזיטיווע: דער שונדיש באַשריבענער מאָרד וועקט ביים מאָראַליש־געזונטן מאַסן־לייענער אַ שנאה נישט צום דערמאָרדעטן, נאָר צום מערדער; אַ שונדיש באַשריבענע פאַרגוואַלדיקונגס־סצענע וועקט ביים מאָראַליש־געזונטן פאָלקס־מענטשן נישט די לוסט צו פאַר־גוואַלדיקן, נאָר אַ שנאה צום פאַרגוואַלדיקער. אין די זשורנאַליסטישע קרייזן אין וואַרשע איז באַקאַנט געווען אַ פאַקט, ווען מאַרק־יידענעס זענען געקומען אין אַ שונדישער יידישער צייטונג אין וואַרשע און געדראָט דעם רעדאַקטאָר, אַז זיי וועלן אויסהאַקן די שויבן, אויב אין דער מאָרגנדיקער פאָרזעצונג פונעם ראָמאַן וועט געשען עפּעס שלעכטס דער העלדין, דער יתומה. ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער שונד־ראָמאַן פון ערגסטן מין (די יידי־שע פּרעסע אין וואַרשע — זאָל איר נישט זיין צום גנאי — האָט ליב געהאַט שונד־ראָמאַנען פון ערגסטן מין, ווו עסטעטישער שונד האָט זיך געכפּלט מיט עטישן) וועט וועקן אויף אַזוי ווייט די איידעלע געפילן ביי מאַרק־יידענעס, אַז זיי וועלן אַזש גרייט זיין אויף אַ טע־

טיקער רעאַקציע? דער דאָזיקער פאַקט רעדט מער ווי גאַנצע בענ־דער!

* * *

ס'וואָלט געווען פאַלש צו מאַכן פונעם אויבן געזאָגטן דעם אויס־פיר, אַז שונד איז אַ גוטע זאַך און מען דאַרף דאָס שטיצן און פלעגן. שונד איז אַ סוראָגאַט פון קונסט, אַ מיאוסע, נאָכגעמאַלפּעווטע קונסט, אָדער ריכטיקער, די משונהדיקע, פּרימיטיווע מדרגה פון קונסט*), און מען דאַרף שטרעבן דערצו, אַז יעדער מענטש זאָל אויף אַזוי ווייט אויסאײַדעלן זײַן עסטעטישן געשמאַק, אַז שונד זאָל אויסשטאַרבן פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד לגבי אים — ער וועט נישט האָבן קיין לייע־נער. אָבער כל זמן די עכטע קונסט, אין אירע העכסטע פאָרמען, איז נישט צוטריטלעך פאַר די ברייטסטע מאַסן און זייער נאַטירלעכע באַ־דערפעניש אין קונסט ווערט באַפרידיקט דורך דעם שונד־סוראָגאַט, דורך דער ווילד־וואַקסנדיקער פרוכט פון שונד, איז אַ דערפרייענדי־קער פאַקט, וואָס ער ברענגט ווייניקער שאָדן, ווי דאָס וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן אויבנאויף.

מיט שונד איז דאָס זעלבע, ווי מיט מיקראָבן: ווען מען הויבט אָן צו לייענען וועגן זיי, כאַפּט אַרום אַ פּאַניק און עס דאַכט זיך, אַט־אַט און אַלע וועלן אויסשטאַרבן, ווייל ווער וועט זיך דאָס קאָנען אויס־באַהאַלטן פון זיי, וועלכע פילן אויס די וועלט? און פונדעסטוועגן לעבן מענטשן: דער מענטשלעכער אָרגאַניזם האָט אַ טענדענץ צו גע־זונטקייט און הגם ער מיידט טאָקע נישט אויס די מיקראָבן, שטעלט ער זיי אָפּט אַ ווידערשטאַנד און נייטראַליזירט זייער ווירקונג. אַזוי איז אויך מיטן שונד: ער האָט נישט קיין פולע שליטה אויף די מענטש־לעכע געפילן, וואָס האָבן אויך אַ געוויסע טענדענץ צו געזונטקייט:

---

*) איך געפין ביי זיך צופעליק, צווישן מיינע נאָטיצן, אַ ציטאַט (ווי עס שיינט — פון מיוררים בוך וועגן שעקספּירן: „...די מעלאָ־דראַמע אָדער די טראַגיקאָמעדיע... איז די קונסט־פאָרם, וואָס, היות זי איז געווען פאַר דער קונסט גופא, באַפרידיקט בולט און פולשטענ־דיק דעם פּרימיטיוון מענטש אין אונדז אַלע". אַ בוך קאָן מען שרייבן וועגן דאָזיקן ציטאַט!).

זיי פאַרוואַנדלען זיינע בייזע כוונות אין גוטע מעשים. ווי זאָגט געטע: „איך בין דער גייסט, וואָס וויל תמיד טאָן שלעכטס און טוט תמיד גוטס".

* * *

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז שונד האָט אַ סך מינים. אָבער די דאָזיקע אַלע סימנים קאָנען, דאַכט מיר, אַרונטערפאַלן אונטער צוויי קאַטעגאָריעס, וועלכע איך וואָלט אָנגערופן: 1) עסטעטישער שונד, און 2) עטישער שונד.

פאַראַן ליטעראַטור, וואָס נישט נאָר זי דערציט נישט דעם לעזערס עסטעטישן חוש, נאָר זי פאַרדאַרבט אים נאָך. צום דאָזיקן מין שונד געהערן אין דער יידישער ליטעראַטור נישט נאָר שמ"רס העכסט-אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, נאָר אַפילו דינעזאָנס סענטימענטאַלע דערציילונגען. דינעזאָנס ראָמאַנען שטייען נישט דער ערך העכער פאַר שמ"רס, — זיי זענען אַ סך נענטער צום געזונטן רעאַליזם, ווי שמ"רס ראָמאַנען צום געזונטן ראָמאַנטיזם, וואָס וויל באַפרידיקן די תמידע בענקשאַפט פונעם מענטשן נאָך כשוף-שטעקעלעך, ווייל עס איז אים ענג אין די ראַמען פון געזעצמעסיקייט; עס ווילט זיך אים באַוועגן פרייער אין דער וועלט, און אויך אין לעבן, אָן צוימען פון נאַטור-געזעצן, אָן צוימען פון סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע שטערונגען (געלט, סאָציאַלע לאַגע א.אַז.וו.), און דעריבער שלינגען מענטשן גיריק אַזויפיל די סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען, מיט נסים, מיט אויסטערלישע העלדן, — עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם; מען רייסט זיך אַרויס אויף אַ קורצער צייט, אַדאַנק דער פאַנטאַזיע, פון דער געזעצמעסיקייט, מען ווערט פריי פון דעם מינדערווערטיקייטס-קאָמפּלעקס, וואָס די געצאַמטקייט לייגט אַריין אין אונדז, מען פילט זיך פריי, סוווערען, אַלמעכטיק, מען אָטעמט פריי אָפּ.

שמ"רס ראָמאַנען זענען נאָר אַ סוראָגאַט פון דאָזיקן ראָמאַנטיזם, און בעת זיינע שונד-עסטעטישע ראָמאַנען זענען פול מיט ווילדע נסים ונפלאות, זענען דינעזאָנס דערציילונגען פול מיט לעבנס-אמת, דערלאַנגט ליידער מיט וויניק קונסט און אַ סך שונד-סענטימענטאַלקייט. אָבערביידע זענען פאַרבונדן צווישן זיך סיי מיט זייער אומפעאיקייט אויסצואיידלען דעם עסטעטישן חוש פון זייערע לייענער, סיי מיט די עכטע טרערן פון מיטגעפיל, וואָס זיי רופן אַרויס ביי די פרימיטיווע לייענער. זיי דערציען נישט זייערע לייענער עסטעטיש,

אָבער זיי פֿאַרדאַרבן זיי נישט מאָראַליש. זיי זענען פֿון עסטעטיש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט שונד, אָבער נישט פֿון עטישן.

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז שונד פּירט אַמאָל אויס בלעמס ראָל, — ער וויל רייצן דעם מענטשנס חיהשע אינסטינקטן און רופֿט גאָר אַרויס זיינע גוטע געפֿילן. אָבער שמ״ר און דינעזאָן ווילן אַרויסרופֿן גוטע געפֿילן, — מיטגעפֿיל צום אומגערעכט־געפּייניקטן און פֿרייד אַדאַנק דער טריאומפֿירנדיקער גערעכטיקייט. און היות קונסט און עטיק (שיין און גוט) זענען טיף פֿאַרבונדן צווישן זיך, קאָן מען אויפֿן עסטעטישן שונד מלמד זכות זיין: ער איז די קונסט פֿון די אומאַנטוויקלטע מאַסן; ער איז קינסטלעריש שוואַך, אָבער ער היט אָפּ די עטישע טענדענץ פֿון דער קונסט.

פֿיל ערגער איז אָבער דער עטישער שונד. ער קאָן שטיין קינסטלעריש־טעכניש אויף אַ געוויסער הויך, ווי, למשל, היינץ עווערסעס ראָמאַנען אָדער ענלעכע מוסטערן פֿון דער אַזוי גערופֿענער דעמאָנישער ליטעראַטור, — אָבער די אָפּגעריסנקייט זיינע פֿון די איידעלערע געפֿילן פֿון מענטשן מאַכט אים צו דעם, וואָס ער איז — צו שונד. פּונקט ווי דער סענטימענטאַלער שונד איז געבליבן ביי דער עטישער טענדענץ פֿון קונסט און זיך אָפּגעריסן פֿון איר עסטעטישער אויפֿגאַבע, אַזוי האָט זיך דער עטישער שונד אָפּגעריסן פֿון דער נשמה פֿון קונסט און געבליבן אין אַ געוויסער מאָס ביי אירע פֿאָרם־דערגרייכונגען. און דעריבער זענען די דאָזיקע צוויי אַרטן שונד קיין קונסט נישט, וואָס איז אַ גאַנצקייט פֿון פֿאָרם־שיינקייט און נשמה־ריינקייט. אָבער דער עטישער שונד איז געפֿערלעכער פֿאַרן עסטעטישן; זיין מעגלעכקייט צו פֿאַרפֿירן און דעמאָראַליזירן איז גרעסער און אָפּטער.

ביי דעם אַלעם טאָר מען נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג, אַז ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן די דאָזיקע מינים שונד אין זייערע ריינע מוסטערן. און די דאָזיקע איז לייכט פֿעסטצושטעלן און שטעמפּלען. אַ סך שווערער אָבער איז מיט די צומישן פֿון די דאָזיקע אַלע מינים שונד, וואָס מיר געפֿינען אין עכטע קינסטלערישע ווערק. זעלטן זענען די קונסט־ווערק, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן ביי אַזאַ קינסטלערישער טעמפּעראַטור, וואָס האָט צעשמאָלצן אַלע שונד־פּסולתן און זיי אויסגעטיילט און געלאָזן אויף יענער זייט שוועל. מערסטנטיילס בלייבן דאָ און דאָרט גרעסערע אָדער קלענערע שפּורן פֿון אים אין דער אָדער יענער פֿאָרם זיינער. און מען דאַרף האָבן אַ שאַרף אויג,

כדי זיי אויסצוגעפינען און אָנווייזן אויף זיי, כדי מען זאָל זיי נישט אַראָפּשלינגען צוזאַמען מיטן גאַנצן געשמאַקן ביסן.

* * *

איך האָב דאָ בכיוון אויסגעמיטן די פאָרם שונד, וואָס האָט די לעצטע יאָרצענדליקער פאַרכאַפּט ווי אַן עפּידעמיע די יידישע פּרעסע אונדזערע. די שונד־ראָמאַנען, וואָס אָן זיי קאָן מען זיך שוין כמעט נישאַ פאָרשטעלן אַ יידישע צייטונג, געהערן צום געמיינסטן מין שונד. דאָס איז על פּי רוב אַ סינטעז פון ביידע הויפּט־קאַטעגאָריעס שונד — פון עסטעטישן און עטישן שונד אין זייערע ריינסטע מוסטערן.

דאָס איז אַזאַ מין שונד, אויף וועלכן מען טאָר זיך נישט אָפּ־שטעלן אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן שונד אין דער ליטעראַטור; מען טאָר נישט זיין אומגערעכט לגבי דעם שונד אין דער ליטעראַטור דורך ריידן וועגן זיי אין איין אָטעם.

דאָס, וואָס אַפילו דער דאָזיקער שונד קאָן אַמאָל ברענגען גוטע רעזולטאַטן, איז אַ כבוד פאַר דער מענטשלעכער נאַטור (אַזאַ באַוויז איז דער אויבן געבראַכטער פאַקט מיט די מאַרק־יידענעס אין וואַרשע), אָבער דאָס ענדערט נישט מיין מיינונג, אַז עס איז אַן אומכבוד צו ריידן וועגן דער דאָזיקער מיסטקאַסטן־פּראָדוקציע ביים באַהאַנדלען אַפילו בלויז שונד־פּראָבלעמען.

שאַנכיי, 1945.

צוויי זענען געשטאָרבן

(פון מיין שאַנכייער נישט־געדרוקטן בוך „צווישן יידן אין גלות")

קורץ איינער נאָכן צווייטן זענען געשטאָרבן אין שאַנכיי צוויי יידן — ס. באַרבאַש און שלמה גערשטיין (אָדער פּאָפּולערער: שלמה דער שוסטער).

די דאָזיקע צוויי זענען געווען אַנטיפּאָדן: באַרבאַש איז געווען אַן אינטעליגענט, אַ געענדיקטער יוריסט, אַ פאַבריקאַנט, און שלמה

דער שוסטער איז געווען אַן עם־הארץ, אַ שוסטערוק, אַ לאַטוטניק; באַרבאַש איז געווען דאָס גאַנצע לעבן אַ גביר און בן־גביר, און שלמה דער שוסטער איז כל ימיו געווען אַ ביטערער אָרעמאַן; באַרבאַש האָט ליב געהאַט אָרדענונג (טאָמער האָט ער געדאַרפט דערנעמען ביי זיינעם אַ שכן אַ שאַנכייער דאָלאַר דירה־געלט, האָט דאָס געמוזט געמאַכט ווערן דורך אַ בריוו־אויסטויש פון דירה צו דירה. (און אַמאָל טאַקע דורך אַן אַדוואָקאַט), און שלמה דער שוסטער איז געווען אַ בונטאַר, וואָס האָט כסדר געוואָרפן שטיינער אין די רואיקע גבירישע זומפן; באַרבאַשס העכסטער כלל איז געווען: שלי־שלי, שלך־שלך, און שלמה דער שוסטער האָט גראָד ליב געהאַט צו טיילן זיך מיטן לעצטן גראָשן מיט נאָך גרעסערע אָרעמעלייט פאַר אים, און טאַקע לחלוטין געווען אַ דם שונא דעם כלל: שלך־שלך — ער האָט געהאַלטן, אַז די גבירים זענען נישט קראַנק צו געבן, און טאָמער קרענקען זיי איבער דאָס געבן, איז אויך נישט קיין אומגליק, און אויב זיי גיבן נישט — דאַרף מען ביי זיי נעמען מיט קולות וברקים, אַרויסשלעפן פון די גראָבע גרגרתן, ווי ביי אַ חזיר אַ האָר.

אַפילו דאָס איינציקע וואָס האָט פאַרבונדן, אין אַ געוויסער מאָס, די דאָזיקע צוויי פרישע שוכן עפרס, — די שנאה פון די שאַנכייער יידן צו זיי, — איז אויך נאָר ענלעך פון דרויסן — פון אינעווייניק איז זי אַ גאַנץ פאַרשיידענע: באַרבאַשן האָבן די שאַנכייער יידן פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער גיט גאָרנישט דער שטאָט, נאָך ווייניקער פאַר זיי, און שלמה דעם שוסטער האָבן זיי פיינט געהאַט, ווייל ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן געבן דער שטאָט נישט קיין גראָשנס, נאָר לויט זייערע מעגלעכקייטן.

צוויי פאַרשיידענע מענטשן זענען געשטאָרבן קורץ איינער נאָכן צווייטן, און טאַקע צוליב אָט־אָ־דער פאַרשיידנקייט פון זייער לעבן, מוז מען זיי מספּיד זיין צוזאַמען, ווייל דער קאָנטראַסט פון די דאָ־זיקע צוויי לעבנס וואַרפט אַ באַזונדערס העלע שיין אויפן שאַנכייער יידישן זומפּ.

* * *

געקומען קיין שאַנכיי, איז מיין ערשטער גייסטיקער פאַרלאַנג געווען — פיקסירן דעם שאָטן פון מיין „מהות פון דיכטונג און איר

סאָציאַלע פונקציע״. איך האָב וועגן דעם געחלומט הויך אויפן קול בעת אַ וויזיט ביי דער פאַמיליע ג.

מען האָט מיך אויסגעלאַכט מיט אַ טאָפּלט געלעכטער: נאָך וויניק, וואָס אַ מענטש טראַכט וועגן אַרויסגעבן פאַר שאַנכייער יידן אַ ביכל וועגן פּאָעזיע, וויל ער דאָס נאָך אַרויסגעבן אין יידיש, אַ שפּראַך, וואָס קיינער לייענט דאָ נישט.

אָבער אַז דער מאַנוסקריפּט איז שוין געווען פאַרטיק און איך האָב געזוכט אַ מעגלעכקייט אים אַרויסצוגעבן, האָט די ייִנגערע פרוי ג. פאַרגעלייגט גיין מיט מיר צו, אירן אַ פריינט, אַ געוויסן עלטערן מענטש באַרבאַש, אַ גרויסן גביר און אַן אינטעליגענטן מענטשן, וועל־כער האָט זיך אויך באַטייליקט אין שאַפן דעם פאָנד פאַר דער וואָכנ־שריפט „נאַשאַ זשיזן — אונדזער לעבן״.

איך האָב דעם דאָזיקן פאַרשלאָג אָנגענומען בלויז אויף דער העלפט: פרוי ג. זאָל אַליין ריידן מיטן הער באַרבאַש וועגן פאַרשלאָג פון אַ יידישן שרייבער אַרויסצוגעבן דעם ערשטן יידישן וועלטלעכן ביכל אין שאַנכיי.

די תשובה איז געווען: מען דאַרף אין שאַנכיי נישט האָבן קיין יידישע ביכער...

אין אַ יאָר אַרום נאָכן דאָזיקן ענטפער, האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט אַלטן באַרבאַש. מען האָט אונדז באַקענט. דערהערט, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער, האָט ער מיר געפרעגט, צי איך קען מ. י. בערדיטשעווסקין, וועלכער האָט געלעבט ביי זיין טאַטן, דעם באַנקיר שמואל באַרבאַש, אין אָדעס, און ער, דער זון, האָט געלערנט ביי בערדיטשעווסקין העברעאיש.

אַזוי אַרום האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער שטיינרייכער מענטש איז אַ זון פון אַ גוט־באַקאַנטן חובב ציון און קולטור־טוער שמואל באַרבאַש, צו וועמען אחד העם האָט געשריבן פריינטלעכע בריוו, פול מיט אַכטונג; וועמען מיר געפינען אין דוב־נאָווס „פון מיין לעבן״; וועמען שלום עליכם דערמאָנט אין זיין „מנחם מענדל״... מאָלע וואָס עס פאַרוואָלגערט זיך אין שאַנכיי! ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט פרצעס „פיר דורות — פיר צוואות״: די אַסימילאַציע שווענקט אונטער אונדזערע בעסטע טראַדיציעס. שמואל באַרבאַש האָט אומעטום, ווו מען האָט געבויט עפּעס נאַציאָנאַלס, צוגעטראָגן זיין ציגל; לגבי דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבערס

האָט ער געפֿילט אַ געוויסע אחריות, ווי לגבי אַ שטיקל יידיש קולטור־פֿאַרמעגן, אָבער זיין זון, וואָס האָט אים איבערגעשטיגן אין רייכקייט, האָט שוין צו דעם אַלעם קיין שייכות נישט. זייך זון האָט שוין קיין שום אידעאַלן נישט — אַן אָפּגעטריקנטע צווייג... דער איינציקער אידעאַל זיינער איז געוואָרן דאָס געלט. עס האָבן זיך דערמאָנט אחד העמס שרעקלעכע ווערטער אין אַ בריוו צו דובנאָוון (3.9.1912): „עס איז ביי אונדז אַלע מקוים געוואָרן די שרעקלעכסטע קללה פֿון דער תוכחה: „דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אָוועקגיין צו אַן אַנדער פֿאָלק"...

ביי אַזעלכע, ווי באַרבאַש, איז די דאָזיקע קללה פֿאַרווירקלעכט געוואָרן נאָך אין אַ „פֿאַרבעסערטער" אויפֿלאַגע: זיי געהערן אַפֿילו נישט צו קיין אַנדער פֿאָלק, זיי זענען בכלל אַרויסגעפֿאַלן פֿון יעדער קולטור־געמיינשאַפֿט — אָפּפֿאַל, נישט מער.

דער קאָנטראַסט צווישן טאַטן און זון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב באַשלאָסן צו פֿאַרפֿירן ביי אַ געלעגנהייט אַ שמועס מיט באַרבאַשן וועגן דאָזיקן קאָנטראַסט. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט. זיך צופֿעליק באַגעגנט מיט אים אויף דער גאַס, האָב איך געפֿרעגט אָפֿן, פֿאַר וואָס ער פֿאַרשעמט אַזוי זיין טאַטן, אַזאַ טאַטן; פֿאַרוואָס ער גייט נישט אין זיין טאַטנס דרכים און שטיצט נישט קיין יידישן פֿאַרלאַג, קיין יידישע צייטשריפֿט.

איך האָב זיך געריכט אויף אַלץ — אַפֿילו אויף פּעטש — נאָר נישט אויף אַזאַ לעבלעכער רעאַקציע (ער האָט זיך שוין אויפֿגעהערט צו שעמען מיט קולטורלאָזיקייט):

„איך בין שוין היינט נישט קיין גביר; דער ווינט האָט אומגע־וואָרפֿן דעם גרויסן קוימען פֿון מיין פֿאַבריק; מען האָט מיר באַ־גנבעט".

איך האָב אַפֿילו פּרובירט אים ווייטער אונטערצינדן:

„ווען איר גיט אָבער אַ גרויסע סומע אויף אַרויסצוגעבן יידישע ביכער, וואָלט מען דאָך ווייניקער געהאַט צו גנבענען; און וואָס שייך דעם קוימען — איז דאָך די פֿאַבריק מיט די רווישטאָפֿן געבליבן; און וואָס שייך דער אָרעמקייט — ווילן זיך דאָך היגע גבירים בייטן מיט אייך אַפֿילו איצט..."

עס איז אָבער געווען אַן אומזיסטע טירחה — דער יידישער פּונק אין דאָזיקן מענטשן איז געווען אויסגעלאָשן; אין דעם פּרט איז

ער געווען ענלעך אויף די שאַנכייער יידישע כאַמעס, וועלכע האָבן נישט געהאַט אַזעלכע טאַטעס און אַזאַ יוגנט־סביבה ווי באַרבאַש...

שמואל באַרבאַשס זון, דער מולטי־מיליאָנער, האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר דער יידישער קולטור, פאַר יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעט; ער איז געווען פאַרטאָן אין קלאָגן אויפן יקרות, — ער קאָן זיך, נעבעך, גאָרנישט נישט דערלויבן. ער, דער אינטעליגענט, שמואל באַרבאַשס זון, איז געשטאַנען אין קאַמף קעגן די שאַנכייער יידן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין מלחמת מצווה — קעגן דער יידישער אויסגעוואָרצלטקייט און דער מענטשלעכער כאַמישקייט פון דער שאַנכייער געמיינדע — דאָס איז געווען אַ קאַמף פון אַ קאַרגן, וועלכער איז חושד, אַז מען וויל אים אָרעמער מאַכן אויף אַ גראָשן. און כדי מען זאָל אים נישט קאָנען אָרעמער מאַכן אַפילו נאָך זיין טויט (ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט!), האָט ער אָפּגעטאָן דער שאַנכייער קהילה אויף טערקיש: ער האָט זיך איבערגעשריבן אין דער ספרדישער קהילה און איז גאָט צו דאַנקען ביליק באַגראָבן געוואָרן אויפן ספרדישן בית־עולם.

אַזוי האָט געלעבט און איז געשטאָרבן דער גביר באַרבאַש, וועלכער האָט פון זיין טאַטן געירשנט נאָר דאָס באַנקירישע, אָבער נישט דאָס יידישע און נישט דאָס מענטשלעכע.

אַזוי האָט ער געלעבט און אַזוי איז ער געשטאָרבן: נאָך אַ ביליק לעבן — אַ ביליקע קבורה...

* * *

ס'אַראַ אונטערשייד צווישן דעם לעבן פון באַרבאַש און דעם לעבן פון גערשטיין! — פון די דאָזיקע צוויי יידן, וועלכע זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אויפן זעלבן ווייטן מזרח צוליב גאַנץ פאַרשיידענע סיבות: דעם רייכן באַרבאַש האָט געבראַכט אַהער די רוסישע רעוואָלוציע, און גערשטיינען — אַ העלדישע טאַט, וואָס האָט אַזוי רייך געמאַכט זיין אָרעם לעבן.

בעת זיין מיליטער־דינסט, האָט שלמה דער שוסטער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידישע זעלנער, שטאַרק געליטן פון אַ רוסישן פעלדפעבל, אַ שונא ישראל. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער בונטאַר שלמה גערשטיין האָט געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דאָזיקן

פעלדפעבל. די יידישע זעלנער זענען מסכים געווען מיט שלמה דעם שוסטער, אַז מען דאַרף דעם פעלדפעבל טויטן. מען האָט געוואָרפן גורל און דער בלינדער גורל האָט דאָס מאָל אַרויסגעוויזן גרויס קלאָר־זעעוודיקייט און חוש פאַר גערעכטיקייט: דער גורל צו טויטן דעם פעלדפעבל איז געפאַלן אויפן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאַרשווערונג.

„איך האָב הייס אָפּגעדאַוונט", — האָט שלמה דער שוסטער מיר דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן, וועלכע איך האָב שוין געהאַט געהערט פריער פון אַנדערע, — „און בין געגאַנגען אויף קידוש השם. און דער איבערשטער האָט מיר געהאָלפן".

מיט שלמה דעם שוסטערס הילף, מוז איך צוגעבן. דער שוסטערוק האָט נישט געהאַט דעם שכל פון יאָזעפוס פלאַוויוס, וועלכער האָט דעם גורל וואָרפן איינגעאָרדנט בעסער פאַר שלמה דעם שוסטער. אָבער ער האָט געהאַט גענוג געזונטן אינסטינקט נאָכצומאַכן דוד המלכן, בעת ער איז אַנטלאָפן פאַר שאולן צו לכיש, דעם קעניג פון גת: דערשאָסן דעם פעלדפעבל, האָט שלמה דער שוסטער זיך געמאַכט משוגע. א גבר אַ יונג, איז ער אַריינגעלאָפן אין דער קאַזאַרמע, געוואָלט אָלעמען שיסן און, אַרומכאַפּנדיק דעם אויוון, אים אויסגעריסן מיטן וואָרצל מיט די הוילע הענט. גאָט און דער אימפּעט האָבן אים צוגעהאָלפן.

דאָס מיליטער־געריכט האָט געגלייבט אין אַ פּלוצלונגן אָנפאַל פון משוגעת און פאַרמשפּט גערשטיינען צו 5 יאָר קאַטאָרגע.

און שלמה דער שוסטער איז אויפן גאַנצן לעבן באַשאָנקען געוואָרן מיטן גלויבן אין גאָטס גערעכטיקייט.

באַרבאַש איז געקומען אויפן וויטן מזרח צוליב דער היפּערטראָפיע פון געלטגיריקייט; שלמה דער שוסטער האָט אַהער געבראַכט זיין טעטיקע בענקשאַפט נאָך גערעכטיקייט. און היות יעדעס לעבן וויקלט זיך אָפּ אין הסכם מיט זיינע אייגענע אינערלעכע געזעצן, זענען די צוויי לעבנס — פון באַרבאַש און גערשטיין — געגאַנגען מיט די וועגן, וואָס זייערע כאַראַקטערן האָבן אָנגעצייכנט פון פאָראויס. הגם פון באַנקיר־יורש איז געוואָרן אַ פאַבריקאַנט, איז באַרבאַשס גאַנץ לעבן געשטאַנען אויף די קני פאַר זיין מאַיעסטעט — דעם פּראָצענט־געבורט פון געלט. אָבער שלמה דער שוסטער, דער גראָבער יונג, אין וועמענס בלוט עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַזוי אומגעריכט, ווי אין לעקערטן, דער דראַנג נאָך קידוש

השם — דער דאַזיקער שלמה דער שוסטער איז אין גלות פאַרבליבן אַן אומפּאַרפּעלשטער טראָפּן פון פאָלקס־ים, פון וועלכן ער איז אַזוי ווייט — מיט אַ שטורמישער קראַפט — פאַרשפּריצט געוואָרן.

די פאָלקסטימלעכע ירושה, וועלכע שלמה דער שוסטער האָט געטראָגן אין זיין בונטאַרישן בלוט, איז געבליבן ביי אים ריין אין דער שמוציקסטער סביבה.

ווען איך פלעג אים זען און הערן ריידן, ווען איך פלעג לייענען זיינע אויפרופן און בריוו אין רעדאַקציע, פלעג איך תמיד האָבן אַ געפיל, אַז אין שמוציקן זומפּ פון יידישן שאַנביי, איז פאַרוואַלגערט געוואָרן אַ שטיקל יידיש פאָלקסטימלעך לעבן, אַ שטיקל יידיש שטעטל פון זיין בעסטער צייט.

אָט דער דאָזיקער עם־הארץ, וואָס האָט קוים געקענט דאַווענען און שרייבן אַ ביסל יידיש, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער פאַר־פרעמדקייט, נישט אויסערלעך און נישט אינערלעך. אדרבא, ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן איר און איר אויפגעצוווונגען אַפילו זיינע געזעצן, זיין דיקטאַט.

שלמה דער שוסטער האָט געשאַפן אַ „משמרת חולים", אַ „גמי־לות־חסדים"־קאַסע „עזרה", אַ „לחם לאביונים". ער האָט געשפּונען ווייטער דעם אַלטן פאָדעם פון סאָציאַלער הילף פון יידישן שטעטל אין אַ סביבה, וואָס דער נאַקעטסטער עגאָאיזם איז איר אָפּגאָט, פאַר וועלכן זי איז גרייט צו ברענגען אַפילו מענטשן־קרבנות. און אין דער דאָזיקער טעטיקייט געררשטיינס איז געווען נישט נאָר דער דראַנג צו סאָציאַלער הילף, נאָר אויך קאַמף פאַר אַ יידישן פּנים פון דער סביבה, צו ווענענס פרעמדקייט און סאָציאַל־נאַציאָנאַלער הפקרדי־קייט, ער האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען.

ווען שלמה דער שוסטער פלעגט מאַכן סקאַנדאַלן די גבירים, פאַרוואָס זיי שאַפן נישט קיין יידישן שפּיטאָל, פאַרוואָס זיי שאַפן נישט קיין „משמרת חולים", קיין „עזרה", איז דערין געווען נישט נאָר אַ פּראָטעסט קעגן די בלויז איינשלינגענדיקע געלטזעק, נאָר אויך אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס זיי פאַרראַטן דאָס יידישע שטעטל, וואָס האָט ווייטער געלעבט אין די יידישע מאַסן־ישובים אַפילו אין די גרויסע שטעט.

ווי זיינע אויגן האָבן געלאַכט און ווי סאַרקאַסטיש עס האָט גע־

קלונגען זיין גראָבלעכער הומאָר, ווען ער האָט מיר דערציילט זיין קאַמף מיט די ווייט־מזרחדיקע יידישע גבירים פאַר אַ יידישן שפּיטאָל.

„איך האָב זיי געזאָגט: איר דאַרפט גאָר נישט שאַפן אַ שפּיטאָל בלויז פאַר די יידישע אָרעמעלייט, וועלכע האָבן נישט ווו צו קרענקען — איר מעגט געבן געלט פאַר אַ יידישן שפּיטאָל פאַר זיך אַליין. איר מוזט טאַקע אייער געלט פאַרקרענקען אין גוייִשע שפּיטעלער? איר זייט נישט קראַנק צו קרענקען אין אַ יידישן שפּיטאָל, צווישן ייִדן! אדרבא, גיט נישט פאַר די אָרעמעלייט, קרענקט איר, פּילט אויס דעם שפּיטאָל, אָבער זאָל ער זיין אַ יידישער שפּיטאָל, אַ „משמרת חולים".

ער האָט געבענקט נאָכן יידישן לעבן, נאָך די דורותדיקע נעמען, וועלכע שטראַלן פון זיך אַרויס אַזוי פיל פאָלקסטימלעכע און היימישע וואַרעמקייט.

אָט די־אַ היימישע וואַרעמקייט האָט געטראָגן אין זיך שלמה דער שוסטער, דער בונטאַר, דאָס אויסגעלאָסענע מויל (ווי די געזידלטע כאַרבינער און שאַנכייער יידן פלעגן אים רופן), דער עם־הארץ.

ער איז געווען שוואַרץ, געשטאַלטלאָז, ווי אַ נישט אַרומגעשליפענער דימענט, אָבער מבינים האָבן פון אונטער דער דאָזיקער שוואַרצקייט אַרויסגעפילט זיין גלאַנץ. שלמה דער שוסטער איז געווען דאָס ווערטפולסטע שטיקל פאַרמעגן אין יידישן שאַנכיי, אָבער — און אפשר טאַקע דערפאַר! — האָט אים שאַנכיי פיינט געהאַט. ער איז געווען פאַר די שאַנכייער יידן, ווי אַ לעבעדיקער פאַרוואורף, און נאָך דערצו אַ נישט דיסקרעטער, אַ באַרײדעוודיקער, צווישן ווע־מענס אומגעהובלטע רייד עס פלעגן דורכגלאַנצן סאַרקאַזמען פון אַזאַ אָריגינעלקייט, פון אַזאַ סטיליסטישער אייגנאַרטיקייט, אַז אַ יידישער טשעכאָוו וואָלט מיט זייער הילף געשאַפן אַן אומשטערבלעכן טיפּ פון אַ קליינשטעטלדיקן בונטאַר אויפן ברוק פון אַ מאָדערנעם סדום — דעם יידישן שאַנכיי. ער איז געווען אַ מין יאַנקל דער קרומער פון שלום־עליכמס „מיטן עטאַפּ" — אַ מער אַגרעסיווער...

* * *

שלמה דער שוסטער פלעגט פון צייט צו צייט פאַרפאַסן אויפרופן און שרייבן בריוו אין רעדאַקציע, אָבער שטענדיק אין שייכות מיט זיין הילפס־טעטיקייט. אָבער איין מאָל האָט ער אַריינגעשיקט

אַ בריוו פון פערזענלעכן כאַראַקטער. איך גיב דאָ וואָרט אין וואָרט זיין יידישן בריוו, איינהאַלטנדיק אַפילו (אין קלאַמערן) מוסטערן פון זיין אָרטאָגראַפיע.

אַ בריוו פון שלמה חיים בן משה געדשטיין צו מיינע ליבע ברי־דער און שוועסטער אין שאַנכיי.

איך הויב אָן מיין בריוו מיט אַ מעשה פון אַ מאַמע מיט אַ טאָכ־טער. די מאַמע אין שאַנכיי האָט אַ טאָכטער אין אַמעריקע, ניו־יאָרק.

די טאָכטער שרייבט אַ בריוו צו דער מאַמע קיין שאַנכיי:

מיין טייערע מאַמע! עס איז מיר אַזוי גוט אין ניו־יאָרק, בעסער ווי איך בין געווען ביי דיר אין בויך. מיין מאַן קומט פון דער שול, אָבער ער טרינקט „וויסקי" אָדער שפּילט אין קאָרטן.

יעצט ענטפערט די מאַמע: מיין ליבע טאָכטער! עס איז מיר אַזוי גוט דאָ אין שאַנכיי, אַז איך האָב שוין געגומען די שבתדיקע און יום־טובדיקע קליידער אויף דער וואָכן, און צוליב די שיינע קליידער האָבן מיר אַלע מענטשן ליב און יעדער אַכטעט מיך מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ.

און יעצט צום עיקר: פונקט אַזוי ווי מיט שלמה׳נען. די גאַנצע שטאָט אַכטעט אים (עהם), אַלע זאָגן, דאָס גוטס וואָס שלמה האָט אויף געטאָן אין דעם תכלית פון דער וועלט, אַלע האָבן אים ליב, אַלע דערציילן וואָס פאַר אַ טייערער מענטש דאָס איז. און איך שלמה זעלבסט בין יעצט מקבל באהבה די אַלע צרות, וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט מיר געטאָן, איך האָב נישט ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. און הערט אַ שיין מעשהלע: מאיר דער שמש האָט מיר געוואָלט געבן (גע'יבען) אַ אָרט אָוועק צו לייגן מיינע ביינער און פאַר מיין פרוי, איז געקומען די רחמנותדיקע רביצין מיט נאָך צוויי אונטער העלפער און געזאָגט, אַז עס איז גלייכער אָוועקצוגעבן אַ פּאַרפּאָלק, וואָס גייט חתונה האָבן, שלמה דער שוסטער וועט נישט האָבן ווו צו שלאָפן, זאָל ער שלאָפן אויפן גאַס, ער איז דאָך אַ גוטער מענטש, ער האָט דאָך אַזוי פיל אויפגעטאָן (געטוהן) פאַר מענטשן גוטס. זעהר גוט! עס וועט דאָך מקוים ווערן (ווערדען) וואָס די וועלט זאָגט: פאַר גוטס צאָלט מען מיט שטיינער. זעהט מענטשן און פאַרשטייט די וועלט.

דער בריוו האָט מיך גערירט נישט נאָר מיט דעם, וואָס סיי זיין אָרטאָגראַפיע, סיי געוויסע אייגנשאַפטן פון סטיל האָבן מיר דער־

מאָנט אין ווייסנבערגס בריוו אין רעדאַקציע — ער האָט מיך טיף גערירט מיט דער אומבאַהאָלפנקייט פון אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס. אויף צו נעמען געלט אויף געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט שלמה דער שוסטער געהאַט העזה, אָבער אויף צו פאַרטיידיקן אַן אָרט פאַר זיך, ווו צו שלאָפן — נישט.

דאָס צימער, וואָס מען האָט געגרשטיינען געוואָלט געבן און די רביצין האָט אים צוגענומען פאַר אַ פּאָרפאָלק, איז געווען אין הויז פון „משמרת חולים״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַדאַנק שלמה דעם שוסטערס איניציאַטיוו און אַרבעט, און דערציילט האָט ער עס מיר זיצנדיק אונטער זיין אייגענעם פּאָרטרעט, וואָס האָט באַשיינט דעם „משמרת חולים״, ווהין ער איז געקומען צו אַ דאָקטאָר און זיך צוגעזעצט צו מיר, און דערציילט דעם ענין אַ סך ברייטער און סאַר־קאַסטישער, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט זיין אומבאַהאָלפענער פעדער. איך האָב געהערט די געשיכטע און געקוקט אויפן אָריגינאַל און אויפן פּאָרטרעט און געטראַכט וועגן מענטשלעכער דאַנקבאַרקייט: דעם פּאָרטרעט האָט מען געגעבן אַן אָרט, און דעם אָריגינאַל — נישט. אַז איך האָב געפרעגט אַן אויפגעבראַכטער ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַזאַ זאַך — דער ישיבה־בחור האָט דאָך געקאָנט וואַרטן מיט זיין חתונה, אָדער די שאַנכייער רביצין קאָן זיך נאָך דערלויבן צו שאַפן פאַרן פּאָרפאָלק געלט אויף אַ צימער — האָט געגרשטיין אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן, פאַרשלונגען דאָס אייגענע ברייטע געלעכטער און געזאָגט: „ביידע גייען דאָך די זעלבע שליפעס״ — דאָס האָט ער געמיינט דער רביצין מיטן שוחט פלאָטקין, וועלכער האָט באַקומען דאָס צימער פאַר זיין טאָכטער.

נו, קאָן מען דען בעסער כאַראַקטעריזירן די קלאַסן־סאָלידאַ־רישקייט פונעם יידישן קלער, ווי דאָס האָט געטאָן דער גראָבער יונג שלמה דער שוסטער?

געוויס, דער שוחט פלאָטקין, וועגן וועלכן מען וואָלט געמעגט שרייבן אַ גאַנצן ראָמאַן (פון ביליקן סאָרט) איז דער רביצין טייערער פאַרן ערלעכן שלמה דעם שוסטער, דאָס איינציק ווערטפול־יידישעס אין שאַנכיי, ווייל ער איז דאָך נישט קיין שוחט, נאָר אַ בונטאָר, וואָס לאָזט פאַלן ביטערע ווערטער קעגן די היגע גבירים...

* * *

איך פלעג זעלטן באַגעגענען סיי באַרבאַשן, סיי גערשטיינען, אָבער ביי יעדער באַגעגעניש פלעג איך פילן, אַז דער ערשטער איז אַן אַראָפּגעפאַלן, פאַרטריקנט בלעטל פון יידישן פאָלקס־בוים, און דער צווייטער טראָגט אין זיך די געזונטע זאַפטן פון יידישן שטאַם.

באַרבאַש איז תמיד געגאַנגען טריט ביי טריט, ווי שווער פונעם געלט, וואָס ער דאַרף באַשיצן קעגן אַ גאַנצער וועלט; גערשטיין איז תמיד אַרומגעלאָפן אַלס אומגעבעטענער שליח־ציבור, אָדער אַרויס־צורייסן פון די גבירישע גרגרתן אַ פאַר דאָלאַר, אָדער צו צעטיילן אָרעמעלייט דאָס שפייז, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר די אַרויס־געריסענע פאַר דאָלאַר.

אַלע אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געגרינדעט, פלעגן צוערשט ווערן אויסגעטראָגן און פלעגן זיך האַלטן אויף שלמה דעם שוסטערס אייגענע פיס. ווי, למשל, איז אַנטשטאַנען דער „משמרת חולים״? ער האָט צונויפגענומען עטלעכע דאָלאַר, אַוועק צו אַן אַפּטייקער, אים געגעבן דאָס געלט און געזאָגט: אַז עמעץ וועט קומען מיט מיינעם אַ צעטעלע, גיט דעם רעצעפּט אומזיסט.

אָט אויף אַזאַ פרימיטיוון אופן זענען פאַרזעצט געוואָרן אין שאַנכיי אינסטיטוציעס מיט אַ יידישן קערן און אַ יידישן נאָמען.

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס אַזאַ שלמה דער שוסטער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אין שאַנכיי — זיין אָרט איז געווען אין אַן אַמאָליקן יידישן ווילנע און אויפן אַמאָליקן ווילנער בית־עולם.

אָבער באַרבאַשס לעבן און זיין קבר פּאַסן זיך אויסגעצייכנט פאַר שאַנכיי.

ביידע האָבן פיינט געהאַט שאַנכיי און ביידע האָט שאַנכיי פיינט געהאַט. אָבער גערשטיינס שנאה צו שאַנכיי איז געווען אַ שנאת־מצוה, און דעריבער האָט די שנאה פון שאַנכיי צו אים — אים באַ־צירט, געאָדלט; אין דער דאָזיקער שנאה איז געלעגן די אָנערקענונג פון זיין פרעמדקייט צום שאַנכייער וועזן פון דער גוטער זייט. אָבער די שנאה פון באַרבאַשן צו שאַנכיי איז געווען אַן עקרדיקע, אַן עגאָ־איסטישע, די שנאה פון איין געלט־גיריקן צו אַנדערע געלט־גיריקע.

סעסיל ראָטס קאַלטבלוטיקער טויט־אורטייל

דער יידישער היסטאָריקער סעסיל ראָט האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „דהי סאַוטה אַפריקען דזשואיש טיימס" (אין דעם נומער פון ראש השנה תש"י) אונטערן טיטל: „יידיש האָט נישט קיין צו־קונפט".

סעסיל ראָט באַצייכנט זיך אַליין אַלס מענטש מיט אַ ווייך האַרץ („איך בין אַ סענטימענטאַליסט"), איז דעריבער קיין ווּנדער נישט, וואָס ער נעמט אַריין זיין אַרטיקל, ד"ה זיין טויט־אורטייל אויף יידיש אין סענטימענטאַלע קלאַמערן: „איך בין נישט קיין אַנטי־יידישיסט" און „צי וואָלט איך דאָס (די פאַרשווינדונג פון יידיש־לשון. — י. ר.) באַדויערט? יאָ... ווייל יעדער איינער, וואָס פאַרמאָגט אַ חוש פאַר יידישע ווערטן, מוז באַדויערן די אויסלעשונג פונעם שפּראַך־מעדיום, אין וועלכן שלום־עליכם אָדער מענדעלע מוכר ספרים האָבן באַריי־כערט די ליטעראַטור פון דער וועלט און האָבן פאַרקערפּערט אַ פּעריאָד פון יידישער געשיכטע".

אָבער אין איצטיקן מאָמענט, ווען יידיש (די שפּראַך פון אונ־דזערע עלטערן־היימען, פון אונדזער שטעטל, פון אונדזערע לעבע־דיקע געמיטער און נישט די שפּראַך פון — פאַר סעסיל ראָט — אַבסטראַקטע, אין איבערזעצונגען צוגענגלעכע גרויסע יידישע שריי־בערס!) געפינט זיך אין אַ גרויסער סכנה, איז פאַר אונדז בכלל ווייניק אַ קאַלטער דרויסנדיקער „נעבעך", — בפרט ווען ער קומט אַלס צוגאָב צו אַן „אָביעקטיוו"־אַרויסגעטראָגענעם טויט־אורטייל; מיר קאָ־נען נאָך פאַרטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף יידיש וואָס קומט פון אי־נערלעכן גרויסן ווייטאָק, אַלס אויסברוך פון יאוש, פון האַקן־זיך־מיט־דער־קאָפּ־אין־דער־וואַנט־שטימונג, אָבער נישט אַלס רעזולטאַט פון אַ קאַלטן, „אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכן" אַנאַליז, וואָס ווערט באַגלייט, פון יוצא־וועגן, מיט אַ ווייניקער ווי לעבלעכן „נעבעך".

ביים לייענען סעסיל ראָטס אַרטיקל זענען מיר געקומען זייער אַ סך ערנסטע און ווייטאָקדיקע געדאַנקען, אָבער אויך צוויי אַנעק־דאָטן האָבן זיך מיר דערמאָנט. און איידער איך גיי איבער צו די ערנסטע און ווייטאָקדיקע געדאַנקען, וויל איך אַ ביסל לייכטער מאַכן די אַטמאָספער פון מיין פּאָלעמיק מיט סעסיל ראָטן דורך דערציילן די צוויי אַנעקדאָטן (און אַרויסנעמען פון זיי מוסר־השכל).

איינער טרעפט זיין שווינדזיכטיקן פריינד:

— וואָס מאַכסטו עפּעס?

— איך הוסט...

— און מיט בלוט שפּייסטו?

—יאָ...

— ס'איז נאָרמאַל; אַזוי דאַרף זיין, — רייבט ער זיך די הענט פון פרייד, וואָס די קראַנקהייט גייט נאָרמאַל. — און וואָס נאָך?

— איך שוויץ גאַנצע נעכט; עס שטעכט מיר אין די זייטן...

— ס'איז נאָרמאַל, זייער נאָרמאַל, זייער גוט...

דאָס איז טאַקע נאָרמאַל פאַר שווינדזוכט, אָבער דער קראַנקער איז זיכער אַוועק מיט אַן עקל־געפיל צו זיין פריינד: ער האָט באַ־טראַכט קאַלטבלוטיק־„אָביעקטיוו" די קראַנקהייט, אין גאַנצן נישט זעענדיק, נישט פילנדיק דעם לעבעדיקן, ליידנדיקן פריינד, דעם מענטשן...

סעסיל ראָט מאַכט אָביעקטיווע באַטראַכטונגען: זעקס מיליאָן יידן — די גרעסטע טייל יידיש־רעדנדיקע — אומגעקומען; אין די ענגליש־רעדנדיקע לענדער דאָמינירט די אַסימילאַציע, — יידיש מוז שטאַרבן, ס'איז נאָרמאַל, ס'איז פּשוט ווי עס דאַרף זיין לויט די געשיכטלעכע „נאַטור־געזעצן"... קיין סימן פון אינטימען ווייטאָק, פון פּערזענלעכן געפיל, אַז מיט יידיש וועט עפּעס אָפּשטאַרבן אין אים פּערזענלעך, אין זיין פאָלקס „איך"...

און אָט איז דער צווייטער אַנעקדאָט פון מיינער אַ קלוגער מומע: לויט די צאַרישע געזעצן, פלעגט זי זאָגן, וואָלט זיך קיין איין ייד נישט באַדאַרפט געפינען אין מאָסקווע; לויטן שולחן ערוך וואָלט זיך קיין איין ייד נישט באַדאַרפט געפינען אין גן־עדן; און לויט דער תורת הדאָקטאָריע וואָלט איך שוין פון לאַנג באַדאַרפט זיין טויט. אָבער פונדעסטוועגן זענען דאָ יידן אין מאָסקווע, מסתמא אויך אין גן־עדן און איך לעב נאָך, ווייל יידן ווילן זיין אין מאָסקווע, יידן ווילן זיין אין גן־עדן און איך וויל לעבן להכעיס די דאָקטוירים...

געוויס געפינט זיך יידיש אין אַ שווערער לאַגע, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אָבער עמיצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עס שטאַרבן נאָר די, וועלכע ווילן שטאַרבן. און אין דאָזיקן פּאַראַדאָקס איז דאָ אַ סך אמת. און וועגן דעם האָבן מיר דערציילט אַ סך אוישוויצער און דאַכאַוער: צוערשט זענען געשטאָרבן די, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם ווילן צום לעבן.

אין די לאַגערן האָט מען געוווסט, אַז עס איז וויכטיק צו האָבן עסן, צו זיין געזונט, אָבער צום וויכטיקסטן איז — צו וועלן לעבן.

סעסיל ראָט מאַכט אַ היסטאָרישן איבערזיכט און אויפן סמך פון פאַקטן און היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס, קומט ער צום אויספיר, אַז פונקט ווי לאַדינאָ (שפּאַניאָליש), מוז יידיש אונטערגיין.

ער פאַרגעסט, דער היסטאָריקער סעסיל ראָט, אַז היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס זענען געפערלעכער, אומזיכערער, ווי דאָס גיין אויפן אייז...

ערשטנס, מוזן נישט די זעלבע סימפּטאָמען ביי צוויי מענטשן זיין אַ רעזולטאַט פון דער זעלבער קראַנקהייט, און צווייטנס, מוז נישט די זעלבע קראַנקהייט פירן צום זעלבן רעזולטאַט — טויט: איין קראַנקער קאָן האָבן אַ קלענערן זאַפּאַס וויטאַלע כוחות (ווילן צום לעבן!) און — שטאַרבן; און דער צווייטער קאָן בלייבן לעבן נישט געקוקט אויפן אָביעקטיוו־ריכטיקן דיאַגנאָז...

יידיש דאַרף טאַקע, לויט סעסיל ראָטס היסטאָרישן אַנאַליז, נאָרמאַל שטאַרבן, ווי לאַדינאָ, אָבער ער פאַרגעסט, אַז לאַדינאָ האָט נישט געהאַט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס יידיש פאַרמאָגט, און נישט די קולטור־נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, צו וועלכער יידיש האָט דערגרייכט.

אַחוץ די פאַקטן, וועלכע סעסיל ראָט ציילט אויף, און אַחוץ דער נאָרמאַלער היסטאָרישער אַנאַלאָגיע, אויף וועלכער סעסיל ראָט פאַרלאָזט זיך אַזוי שטאַרק, איז נאָך דאָ דער „אומנאָרמאַלער” פאַקטאָר פון „ווילן צום לעבן”.

צי די יידישע שפּראַך, ד״ה די טרעגער פון יידיש פאַרמאָגן אָט דעם ווילן צי נישט, — סעסיל ראָט, יעדנפאַלס, קאָן אָט דעם פאַקטאָר גישט נעמען אין באַטראַכט, — ער איז פאַר אים אַ נישט־עקזיסטירנדיקע זאַך: ער האָט דאָס נישט אין זיך, ער האָט דאָס נישט געקאָנט אַרויספילן אוממיטלבאַר פון דער יידיש־מאַניפעסטאַציע אין דער ליטעראַטור, ער האָט דאָס נישט געקאָנט איינזאַפּן פון יידישן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן און ליטע, פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, — דאָס זענען פאַר אים ווייטע אַבסטראַקט־היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, געזען און גענומען פון דרויסן, געוויגן און געמאָסטן פון דרויסן, אַנאַליזירט לויט די דרויסנדיקע סימפּטאָמען, וואָס זאָגן, אַז דער טויט פון יידיש איז נאָרמאַל... פאַר אים זענען „יידיש” און „לאַדינאָ” איינס און דאָס זעלבע...

אָבער פאַרוואָס מאַכט סעסיל ראָט אַן אַנאַלאָגיע צווישן יידיש און לאַדינאָ, און נישט צווישן יידיש און דעם יידישן פאָלק? האָט דען „נאָרמאַל" דאָס יידישע פאָלק נישט באַדאַרפט שטאַרבן שוין פון לאַנג הונדערט, טויזנט מאָל? האָט דען יהודה לייב גאָרדאָן נישט פאַראויסגעזען „ריכטיק" דעם „נאָרמאַלן" טויט פון דער העברעאי־שער שפּראַך, ווען ער האָט געמיינט (און לויט די סימפּטאָמען — מיט רעכט!), אַז ער איז שוין דער לעצטער העברעאישער דיכטער? און איז דען די ווידערגעבורט פון העברעאיש נישט געווען קיין אומ־נאָרמאַלע דערשיינונג, אַ פּרוכט בלויז פון היסטאָרישע סענטימענטן און פון ווילן? (פון וווּנדער פון ווילן!). און די ווידערגעבורט פון דער יידישער מלוכה האָט זיך דען געלאָזט פאָראויסזען דורך היסטאָרישע אַנאַליזן?

אַ היסטאָרישער „אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער" צוגאַנג וואָלט געווען געמוזט קומען צו אַ גאַנץ אַנדער דיאַגנאָז.

איך קאָן נישט זאָגן (ווייל איך בין נישט און וויל גאָר נישט זיין קיין ביליקער אָפּטימיסט), אַז יידיש וועט נישט אומקומען; אַז יידיש וועט בלייבן לעבן. עס זענען דאָ געוויסע סיבות, וואָס פאַר־סמען מיט ספקות. דאָס פּוילישע יידנטום איז פאַרשניטן געוואָרן אין וואָרצל: עס זענען געבליבן ווייט־פאַרטראָגענע זוימען, אָבער דער שטאָם און די וואָרצלען זענען אומגעקומען. די זוימען האָבן, אמת, דאָ און דאָרט געלאָזן וואָרצעלעך. אָבער זיי האָבן נישט פון וואַנען צו ציען חיונה, — די אַסימילאַציע איז אומעטום גרויס. און דער גרויסער יידישער נס אויפן שוועל פון חורבן האומה, דער אויפקום פון אַ יידישער מלוכה, איז נישט דער נס פון יידיש. פאַרקערט: צוליב אַן אומגליקלעכער היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג איז די יידישע מלוכה אָביעקטיוו־פיינטלעך, צום ווינציקסטן — גלייכגילטיק צו אויפהאַלטן יידיש.

ווי גרויס עס זאָלן אָבער נישט זיין די אָביעקטיווע סיבות פאַר ספקות און אַפילו יאוש, איז מיר דאָך איינס קלאָר: נישט דער „אָב־יעקטיווער" היסטאָרישער דיאַגנאָז פון סעסיל ראָט וועט אומברענגען יידיש, נאָר דער מאַנגל אין סוביעקטיוון ווילן צום לעבן מצד די לעצטע יידיש־טרעגער.

און נאָך איינס ווייס איך: פּונקט ווי עס איז אַ געוואַלדיקער קלאַפּ פאַר דער יידישער מלוכה, וואָס זי קאָן נישט שעפּן קיין רע־זערוון מיט קיין פולע הויפּנס פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן, אַזוי

איז אויך אַ היסטאָרישער אומגליק, וואָס די יידישע מלוכה שטעלט זיך נישט אויפן שטאַנדפונקט פון יידיש אַלס צווייטע שפּראַך אין ישראל און אַלס ערשטע — אין די גלות־לענדער.

יידיש וואָלט זיך געווען פאַנאַנדערגעבליט אונטער דער שוץ פון אַן אויטאָנאָמען צענטער; און די יידישע מלוכה וואָלט נישט באַדאַרפט אַזוי ראַפּטום איבערשניידן דעם נאָפּל מיט דעם לעבעדיקן קוואַל פון אַקומולירטער (אַנגעזאַמלטער) יידישקייט, פון עכטסטער יידישקייט, פון דינאַמיש־לעבעדיקסטער יידישקייט, וואָס זיין נאָמען איז יידיש לשון (און במילא אויך — יידיש לעבן).

איך ווייס: די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז נישט אָפּהענגיק אַבסאָלוט פון דער ווייטער עקזיסטענץ פון יידיש. אַ פאָלק, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם פאַרלוסט פון זיין מלוכהשער זעלבשטענדי־קייט, און די פאַרטרייבונג אין גלות, און די שחיטות פון גלות; אַ פאָלק, וואָס האָט געקאָנט באַלעבן העברעאיש צו אַ לעבעדיקער שפּראַך פון קינדער־צימער און מאַרק, און האָט נאָך דער לעצטער אימהדיקער פאַרניכטונג געקאָנט ענטפערן מיט דער גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה קעגן אַ וועלט שונאים, — אַזאַ פאָלק קאָן נישט אומקומען צוליב דעם אומקום פון יידיש, — זאָגן דאָס, וואָלט גע־הייסן סעסיל־ראָטישע קורצזיכטיקייט פון דער צווייטער זייט...

אויב דאָס יידישע פאָלק האָט געקאָנט נעמען אַ דייטשישן דיאַ־לעקט און מאַכן פון אים אַ יידישע שפּראַך, פיל מיט שאַפונגס־קראַפט, נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און גרויס־נאַציאָנאַלן ווילן, — קאָן עס אַוודאי און אַוודאי צוריק אויפלעבן זיין אַמאָליקע אור־נאַציאָנאַלע שפּראַך — העברעאיש, און ווייטער ציען דעם נישט־איבערגעריי־סענעם באַוווּסטזיין־פאָדעם פון פאָלקס „איך".

אָבער די פראַגע איז נישט, צי צוזאַמען מיט יידיש וועט אומ־קומען דאָס יידישע פאָלק; די פראַגע איז, צי עס איז טאַקע נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק, פון ישראל, דער אונטערגאַנג פון יידיש.

און איך בין איבערצייגט, אַז נישט נאָר דאָס איז נישט נויטיק, נאָר דאָס וועט אַרויפלייגן אַן איבעריקע לאַסט אויף די שוין אַזוי אויך איבערגעלאָדענע פּלייצעס פון דער יידישער אויפלעבונגס־באַ־וועגונג. דאָס וועט שווערער מאַכן דעם רעגענעראַציע־פּראָצעס (אויפלעבונגס־פּראָצעס) פון יידישן פאָלק, פּונקט ווי דאָס האָט אים שווערער געמאַכט די פאַרניכטונג פון פּוילישן יידנטום.

דער אויסגעשריי פון אַזאַ גייסטיקן ריז, ווי ביאַליק: „יידיש האָט געהאָלפן אויפהאַלטן העברעאיש", איז נישט געווען קיין קאַפּריז, — ער האָט געוווּסט וואָס ער רעדט. אַדאַנק דעם טיפן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין פון יידיש איז מעגלעך געוואָרן דער רענעסאַנס פון העברעאיש (וואָס האָט אין זיך אַזויפיל יידישע עלעמענטן, לשון־יידישדיקע זאַפטן) און דער אויפקום און פאַנאַנדערבלי פון ציוניזם.

צי מען דאַרף מיט געוואַלט איבערהאַקן אַזאַ קוואַל פון ענערגיע? לאָמיר נישט פאַרקוקן אין דער ווייטער צוקונפט, — לאָמיר זיך אָבער נישט מאַכן שווערער דעם היינט און די נאָענטע צוקונפט.

צי האָט דעם יידישן פאָלק געשאַדט וואָס טיילן פון „דניאל" און „עזרא" זענען אַריין אין ספר הספרים אויף אַראַמיש? און וואָס דער „תלמוד בבלי" איז אין אַראַמיש, זייט ביי זייט מיט דער העבראישער „משנה"? וואָס דורות האָבן געלערנט חומש גלייכצייטיק אויף העברעאיש און תרגום־לשון און זייביידע פאַרטייטשט אין יידיש?

צי דאַרף גראָד דאָס יידישע פאָלק — דער אמתער פּאָליגלאָט צווישן די פעלקער אין זיין אייגן לעבן — זיך אַזוי ענג־האַרציק צו יידיש און זיך פרייען מיט זיין אומקום אָדער, יעדנפאַלס, זיין גלייכגילטיק דערצו?

אָבער ווייניקער פאַר יעדן איינעם וועט דאָס אַלץ פאַרשטיין דער היסטאָריקער סעסיל ראָט (דער סעסיל־ראָטישער עלעמענט אין אונדזער פאָלק), וועלכער קאָן מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן לאַדינאָ און יידיש!

לאַדינאָ וואָלט קיינמאָל נישט געווען געוואָרן קיין מעדיום פאַר דער אויפלעבונג פון העברעאיש, פּונקט ווי ער איז נישט געוואָרן קיין מעדיום פאַר אַ פאָלקס־ליטעראַטור מיט אַזאַ נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, ווי פרצעס.

לאַדינאָ האָט נישט געשאַפן קיין גרויסע יידישע דיכטונג און קיין גרויסע יידישע ליטעראַטור, ווייל ער האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שעפערישן יידישן באַוווּסטזיין. יידיש האָט דאָס פאַרמאָגט, פּונקט ווי אַראַמיש האָט דאָס פאַרמאָגט.

סעסיל ראָט פילט נישט ווי ער שטעלט זיך אויס אַן אָרעמקייטסצייגעניש, ווען ער לאַכט פונעם אַמעריקאַנער אַרמיי־טשעפּלעין,

װעלכער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם טראַגיש־נידעריקן ניוואָ פֿון ייִדישן לעבן אין איטאַליע און דערביי באַמערקט: „איר װייסט, זיי האָבן אַפילו פֿאַרגעסן זייער ייִדיש!"

דער דאָזיקער טשעפּלעין האָט געהאַט אַ סך אַ ריכטיקערן קולטור־חוש, ווי דער היסטאָריקער סעסיל ראָט: ער האָט ריכטיק געשפּירט, אַז ייִדיש איז מער ווי אַ מיטל צו רעדן, — ייִדיש האָט אַקומולירט אין זיך די לעבעדיקסטע זאַפטן פֿון פֿאָלק, און דאָרט וווּ ייִדיש טריקנט אויס, אין גלות, טריקנט אויס די שעפֿערישע, דינאַמישע ייִדישקייט.

סעסיל ראָט לאָכט אויס, — פֿון זיין היסטאָרישער הויך, — דעם נאַאיוון טשעפּלעין און אַנדערע אַזעלכע נאַאיווע מענטשן. ער רעדט וועגן זייער „קרום־שפּיגלדיקער פּערספּעקטיוו": די דאָזיקע מענטשן, זאָגט ער, שטעלן זיך פֿאָר „די פֿאַרגאַנגענע געשיכטע פֿון די ייִדן אַלס פּראָצעס פֿון פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון אַ גרויסן ייִדיש־רעדנדיקן געטאָ אין מזרח־אייראָפּע, צוליב וואָס די ייִדן זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט". און דער ייִדישער היסטאָריקער גיט די אויבן דערמאָנטע טשעפּלעינס אַ לעקציע וועגן אמתן גאַנג פֿון ייִדישער געשיכטע, — אַז דער גלות הויבט זיך אָן פֿון חורבן ארץ־ישראל (אָט דאָס הייסט אָן ערודיט!).

איך ספֿק צי עס זענען דאָ אַזעלכע נאַראָנים, פּאַר וועלכע די ייִדישע געשיכטע איז אַזאַ פֿלאַך פֿאַרזעעניש. אָבער אויב זיי זענען אַפילו דאָ צווישן עקסטרעמע בונדיסטן און קאָמוניסטן, איז נישט מיט זיי דאַרף מען קעמפֿן (ווייל זיי זענען צו־לעכערלעך!), נאָר מיט די סעסיל ראָטס, וועלכע באַהאַלטן אויס פּאַר אַ סך שוואַכע אויגן זייער לעכערלעכקייט, ווען זיי שפּיגלען אָפּ אין אַ קרומען שפּיגל דעם קערן פֿון נאַציאָנאַל־געזונטן ייִדישיזם און גיבן אַ טויט־קלאַפּ זייער אייגן פֿלאַך בילד, און נישט מער.

ווי קאָמיש עס ווערט סעסיל ראָט, ווען ער באַמיט זיך אויפֿצו־ווייזן, אַז רש"י האָט נישט גערעדט קיין ייִדיש. נו, איז וואָס? דאָס איז פּונקט אַזוי אומוויכטיק ווי די חקירה אויף וועלכער שפּראַך אברהם אָבינו האָט גערעדט אין אור־כשדים! וויכטיק איז, אַז איר קאָנט זיך גאָר אַנדערש נישט פֿאָרשטעלן, אַז אברהם אָבינו און אַפילו אָדם הראשון האָבן גערעדט העברעאיש!

נישט דאָס איז וויכטיק צי רש"י האָט גערעדט ייִדיש; וויכטיק

איז, וואָס די, וועלכע האָבן געמאַכט רש״ין פֿאַר רש״י, אים איינגע־גלידערט אין דער גאָלדענער קייט פֿון דורות אויף אייביק, זענען זיכער געווען, אַז רש״י האָט גערעדט יידיש; ווען מען זאָגט זיי אַנ־דערש, וואָלטן זיי יענעם אָנגעקוקט ווי משוגע: ווי אַזוי קאָן מען לערנען חומש מיט רש״י אַנדערש ווי אין יידיש?

און נאָך וויכטיקער איז, וואָס מען האָט פֿאַריידישט אין דער לעבעדיקער פֿאַנטאַזיע (וואָס ווערט איינגעגלידערט אין דער ווירק־לעכקייט) אַפֿילו די אָבות. פּונקט ווי בבל האָט פֿאַראַראַמעאישט די גאַנצע קולטור פֿון יידישן פֿאָלק, די גאַנצע געשיכטע, אַזוי איז גע־ווען מיט יידיש.

אָבער נישט אַזוי איז געווען מיט לאַדינאָ. יהודה הלוי און דער רמב״ם האָבן געשריבן אָדער העברעאיש אָדער אַראַביש, נישט שפּאַ־ניאָליש; ווייל קיין צווייטע יידישע שפּראַך, ווי העברעאיש, האָבן זיי נישט געהאַט. אָבער פּרץ האָט זי געהאַט: ער האָט געשריבן העב־רעאיש און יידיש.

יידיש האָט נישט נאָר באַהערשט די גרעסטע טייל יידישע מאַסן, נאָר זי האָט דערפֿילט אין זיך די קראַפֿט פֿון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, זי האָט זיך צעבליט מיט טרוימען פֿון אַ נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס. נישט נאָר דאָס פֿאָלק האָט אָפּגעהיט יידיש, אַלס אינסטרו־מענט, נאָר זי האָט אָפּגעהיט דאָס פֿאָלק, אַלס הייליקטום, ד״ה אַלס שפּראַך, אין וועלכער אַ פֿאָלק האָט זיך אויסגעלעבט נישט נאָר אין זיין אָרעמען הינטערן אויוון, נאָר אין זיין רייך גייסטיק לעבן.

ווי לעכערלעך עס ווערט סעסיל ראָט, ווען ער וויל סיסטעמאַ־טיש אויסרעכענען דעם ווערט פֿון יידיש: וואָסער טייל פֿון יידישן פֿאָלק — סטאַטיסטיש — ס׳האָט גערעדט יידיש, און ווי לאַנג מען האָט גערעדט יידיש. דאָס איז נישט קיין ענין פֿון מאַטעמאַטיק, — דאָ שפּילט אַ ראָל דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, — ווו עס האָט געלויכטן דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין פֿון יידנטום. די תימנער יידן האָבן זיך געקאָנט רעדן העברעאיש, אַחוץ אַראַביש, און די פּוילישע — יידיש, — אָבער דאָס האַרץ און דער מוח פֿון יידנטום איז געווען ביי די לעצטע. די אויפֿלעבונג פֿון העברעאיש איז נישט געקומען און וואָלט קיינמאָל נישט געווען געקומען פֿון די תימנער העברעער, נאָר פֿון די פּויליש־ליטווישע יידיש־יידן.

און אין דעם זין איז טאַקע יידיש די עיקרדיקע שפּראַך פֿון

יידישן פֿאָלק אין לעצטן גרויסן קאַפּיטל פֿון פּויליש־ליטווישן צענטער פֿון יידישקייט: פֿון דאָרט איז געקומען די גאולה.

עס מאַכט אַ קאָמישן איינדרוק, ווען סעסיל ראָט וויל איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז נישט נאָר איז יידיש נישט געווען קיין פֿאַר־בינדונגס־מיטל צווישן יידן אין דער גאַנצער וועלט, נאָר פֿאַרקערט, יידיש איז געווען אַ פֿאַקטאָר פֿון צעריסנקייט צווישן יידן, ווייל יידיש־רעדנדיקע יידן האָבן באַטראַכט די יידן, וואָס קענען נישט קיין יידיש, אַלס אַ נידעריקערן סאָרט ייד און האָבן זיי אַפֿילו אויס־געשלאָסן — אומבאַוווּסטזיניק — פֿון כלל־ישראל.

איז, ערשטנס, האָט קיינער קיינמאָל נישט געטראַכט זיי אויס־צושליסן פֿון כלל־ישראל, — מען האָט בלויז (און מיט רעכט!) גע־וואָלט, אַז זיי זאָלן אָנערקענען די גייסטיק־קולטורעלע פֿירערשאַפֿט פֿונעם מזרח־יידן, זיי זאָלן זיך משתּף זיין צו זייער נאַציאָנאַל־קול־טורעלן באַוווּסטזיין. אָבער דאָס האָבן דאָך געטענהט נישט נאָר יידישיסטן, נאָר אויך אַזעלכע אידעאָלאָגישע אַנטי־יידישיסטן ווי אחד־העם, ווייל דאָס איז געווען אַ פֿאָדערונג פֿון פֿירערשאַפֿט נישט צוליב דער שפּראַך, נאַטירלעך, נאָר צוליב דעם היסטאָריש נישט־אָפּוועגדבאַרן פֿאַקט, אַז די יידיש־רעדנדיקע יידן פֿון מזרח־אייראָפּע זענען געווען די טרעגער פֿון לעבעדיקן יידנטום. און דאָס האָבן געפֿילט אַלע גרויסע יידן, וועלכע האָבן קיין יידיש נישט געקענט, ווען זיי פֿלעגן קומען אין באַרירונג מיט די מזרח־יידן. וואָס האָט היינריך היינע געהאַט צו טאָן מיט יידיש און מזרח־יידן? אָבער ווען ער האָט געמאַכט אַ קורצן וויזיט קיין פּוילן, האָט דער דאָזיקער גאונישער סקעפּטיקער געבויגן דעם קאָפּ פֿאַרן יידישן ייד: ער האָט דערפֿילט אַ העכערן סאָרט ייד, אין זין פֿון קולטור־גאַנצקייט, אין זין פֿון לעבעדיקן, דינאַמישן יידנטום. און דאָס זעלבע דער גרויסער גוסטאַוו לאַנדאַוער, ווען ער האָט באַגעגנט דעם מזרח־אייראָפּעאישן ייד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. און אַזוי אויך הערמאַן שטרוק, אַרנאָלד צווייג, ביז די יינגסטע פֿון די יינגסטע — ביז דעם דייטשן ייד אַלפֿרעד לעהם, וועלכער האָט געפֿאָדערט, אַז פֿאַרן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, זאָל מען די דייטש־יידישע יוגנט שיקן קיין מזרח־אייראָפּע אויף דערציאונג און אויף לערנען יידיש, ווייל ערשט דאַן וועלן זיי קאָנען זיין גוטע ציוניסטן־חלוצים און אַפֿילו גוטע העב־ראעיסטן...

אינטערעסאַנט איז נאָך איין קוריאָז פֿון סעסיל ראָטס אַרטיקל:

יידיש איז אַזוי שעדלעך פאַרן יידישן פאָלק, אַז זיין געפילסמעסיקער אויסשליסן אַלע אַנדערע יידן פון כלל־ישראל האָט געשטערט די ספרדים, צו ווערן שפּעריש אין יידישן לעבן אַלס פירער, און אַזוי אַרום איז יידיש שולדיק אין דער פאַרטיפונג פונעם גורלדיקן ריס צווישן יידן און אַראַבער, וועלכע די ספרדישע יידן וואָלטן געווען געקאָנט אויסמיידן...

אַ „היסטאָריקער", וואָס ווען ער האָט נישט קיין פאַקטן, אַרבעט ער מיט בויך־סברות, אַנשטאָט מיט אינטואיציע...

איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס דאָס דערמאָנט אין די רייד פון די דייטשישע יידן, אַז ווען נישט די מזרח־יידן, וואָלטן זיי זיך שוין געווען דעררעדט מיט די דייטשן... אָבער ס'אַראַ מערק־ווירדיקע טויבקייט פאַר דער לעבעדיקער שטים פון דער געשיכטע, ס'אַראַ עקרדיקער צוגאַנג צום גאַנג פון דער יידישער געשיכטע פון דער לעצטער תקופה.

* * *

ווי אויבן דערמאָנט, ענדיקט סעסיל ראָט זיין אַרטיקל מיט שבחים. איך ווייס, דעם טויטן יידיש וועלן אַ סך יידן, ווי סעסיל ראָט, ליב האָבן (דאָס טויטע יידישע פאָלק וואָלטן אויך אַ סך קריסטן געווען ליב געהאַט...). אָבער איך האָב ליב דעם לעבעדיקן יידיש. און איך ווייס וואָס מיר פאַרלירן מיט אים: נישט קיין אויסערלעכע שפּראַך־פאָרם — אַ שטיק לעבעדיק פאָלקישקייט!

וואָס מיר וועלן פאַרלירן מיט יידיש — אויב עס וועט נישט אַרויסוואַקסן קיין ווילן צום לעבן, — וועט קאָנען וויסן נאָר די געשיכטע. איצט קאָן מען עס בלויז אַנען...

דערצו איז אָבער נויטיק נישט קיין טויטע היסטאָרישע „וויסנ־שאַפט", נאָר לעבעדיקע אינטואיציע. און דאָס פעלט דעם חשובן סעסיל ראָט...

ג. ב. מינקאָווס דיכטונג

(„ביים ראַנד" און „אַ שטערן בליט")

די לידער פון די דאָזיקע צוויי ביכער זיפצט מינקאָוו אויס שטייענדיק ביים ראַנד פון אונדזער יידישן אָפּגרונט. אָפּטמאָל דאַכט זיך אַפילו, אַז עס וואָלט פּאַסיקער געווען אַ נאָמען צו געבן די דאָזיקע זאַמלונגען „אין תהום" און „ממעמקים" — פון טיפסטן אָפּגרונט אַרויס.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז איצט אַ ליטעראַטור ממעמקים, — מיר האָבן נישט און מיר קאָנען נישט און מיר טאָרן נישט האָבן איצט קיין אַנדער ליטעראַטור, ווי נאָר אַ חורבן־ און קינות־ליטעראַטור. אַפילו בויען מוזן מיר אין אבלים־קליידער.

עס זענען אָבער דאָ צוויי מינים קינות: דירעקטע און אומדירעקטע.

אין מין שרייבערס באַווייַנט על־פּי־רוב דירעקט דעם חורבן־האומה (למשל: טקאַטש אין זיין לידער־זאַמלונג „בלוט שרייט פון דער ערד"); דער צווייטער מין באַווייַנט דעם חורבן אומדירעקט (ווי מינקאָוו). ז. טקאַטש שרייט דירעקט, שילדערנדיק די חורבן־מאָמענטן. ער רופט אַלץ אָן ביים נאָמען. מינקאָוו שרייט אומדירעקט: ער ווערט דורכגעדרונגען ביז דער לעצטער טיפעניש פון זיין געמיט מיטן געשעענעם און אין זיינע לידער שפּירן מיר דעם גאַנצן שווערמוט און דעם גאַנצן טרויער פון אונדזער תהום, הגם על־פּי־רוב רופט ער נישט אָן דירעקט די סיבה פון זיין טרויער. נישט מיר האָבן דאָ די דירעקטע געשעעניש, נישט דעם דירעקטן געשריי, נאָר זייערע טראַנספאָרמירטע שאָטנס אויפן ריזיקן האָריזאָנט פון דיכטערישער איבערלעבונג און דיכטערישן אויסדרוק. אין ביידע לידער־זאַמלונגען איז דאָ, למשל, אליהו הנביא, אָבער ווי פאַרשידן ער איז אין ביידע! ביי טקאַטשן הערן מיר רירנדיקע דירעקטע ווערטער צו אליהו הנביא:

„טרינק נישט אליהו היי יאָר
„אונדזער וויין אין פולן כוס, —
„נישט קיין וויין, נאָר פליסיק פייער
„סם פאַרצערנדער איז דאָס".

אָבער ביי מינקאָוון גיט זיך אַ וואַרף געשפּענסטיש אַ ריזיקער שאָטן, — געשפּענסטיש ווי אונדזער גאַנץ לעבן:

„ער איז אַריין אַ ווילדער,
„און שטאַרק (?! — י. ר.) געוואָרט אויף וועמען.

— — — — — — — — — — —

„און אָט — אַ שליידער דעם זאַק,
„און אויסגעפּלאַצט אין געוויין.
„שפּעטער — האַרט ביי די ווענט,
„שפּעטער — דעם קאָפּ אין די הענט״.

מען זאָגט איך נישט דירעקט פּאַרוואָס, אָבער איר פילט דעם וואַנזין וואָס כאַפּט אַרום אליהו הנביאן און איר ווייסט אַליין פּאַר־וואָס.

אליהו הנביא געהער נישט, לויט מיין געפיל, צום בעסטן אין דער דאָזיקער זאַמלונג, אָבער דאָס ליד איז טיפּיש לויטן מעטאָד און מיט דער געפילס־אַנגעלאָדנקייט, וואָס צעלויפט זיך איבערן חוט־השדרה מיט שטעכעלקעס אַפילו פון די נישט־בעסטע לידער.

ווען איך קום (צום וויפלטן מאָל? די לידער ציען צום לייענען זיי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל) צו די פאָלגנדיקע שורות פון מינ־קאָווס „אומפאַרשטענדלעך״:

„...הויך אין חשכות בליט
„אַ וואָלקנדיק־צעשוימטע האַנט,
„און צינדט אָן — בראשיתדיק אַ שטערן,
„וואָס ציטערט, וואַקסט, און בליצט פון ראַנד צו ראַנד״.

דאַכט זיך מיר תמיד, אַז צו די דאָזיקע שטערן געהערן די שטימונגען, אויפגעוועקט אין אונדז דורך מינקאָווס פּאָעזיע. ער גיט זיי אַ צינד אָן אין אונדזער געמיט־חשכות און זיי ציטערן, וואַקסן און בליצן אַפילו דאַן, ווען דאָס ליד איז נישט אין גאַנצן פריי פון פאַרוואָלקנטקייט, פון פאַרנעפּלטקייט. אַפילו ווען עס איז נישטאָ די לעצטע קלאָרקייט פון דיכטונג, איז דער נעפּל אויך געוונג דורכ־זיכטיק, ווי אַ לייכטער שלייער.

* * *

זיינע לידער פון „ביים ראַנד" און פון „אַ שטערן בליט" זענען חורבן־לידער. לייענט מען דעם גרויסן רוב פון אַט די לידער זעט מען, פילט מען ווי דעם דיכטערס האַרץ קאַרטשעט זיך פון ווייטיק אין דער מי אומדירעקט **אויסצודריקן דעם גרויל פון חורבן־היטלער.**

„די זעאונגען, די רגעס רירן זיך נישט, אַלץ פאַרגליווערט.
„נאָר ערגעץ ווו פאַרהוילן, טיף פאַרהוילן
„וויינט און וויינט דאָס האַרץ".

אַ סך זעאונגען זיינע זענען פאַרגליווערט, רירן זיך נישט און רירן אונדז נישט, אָבער אין יעדער שורה — ערגעץ ווו פאַרהוילן — וויינט און וויינט דאָס האַרץ, דעם דיכטערס און אונדזערס. און דאָס האַרץ וואָס וויינט אין די זעאונגען און מיט וועלכן מיר וויינען מיט — איז אַ גרויס האַרץ, אַ גרויס דיכטעריש האַרץ, און זיינע לידער מאָנען עפּעס פון אונדז, פּונקט ווי פון גאָט.

עס מאָנט, עס מאָנט; הבלס בלוט מאָנט אָן אויפהער, אין יעדער שורה, **אין יעדן ריטם, אין יעדן בילד, דירעקט און נאָך מער אומ־דירעקט, אין דער** שטימונג.

לידער וואָס מאָנען קאָנען נישט באַרואיקן. און דעריבער באַ־רואיקן נישט על־פּי־רוב מינקאָווס לידער פון די צוויי דערמאָנטע לידער־זאַמלונגען, ווי דאָס טוט געוויינלעך שלימותדיקע דיכטונג, אויסגעלייטערטע דיכטונג, אויסגעשטאַנענע דיכטונג. די דאָזיקע לידער מינקאָווס ציען צו זיך כסדר, זיי זענען אומרואיק און וועקן אומרו ביי אונדז. מיר פילן אין זייער אָפּטן טונקל, אַז עס באַהאַלט זיך אויס אין זיי עפּעס אַ זין פונעם גרעסטן אומזין אין אונדזער לעבן, אַ דיכטערישע טרייסט (קיין אַנדער טרייסט קאָנען מיר נישט האָבן), אַ טרייסט וואָס ראַנגלט זיך נאָך פאַר פאַרקערפּערונג, פאַר אויסלייזונג.

מינקאָווס דיכטונג איז פול מיט בריענדיקע פראַגעס, וואָס מאָ־נען ענטפערס, אָבער מער ווי אָנען זיי קאָנען מיר נישט.

„איז דאָ אַ סוף צום צער?
„ווי ווערט מען ווי אַ שטיין?
„חלומען ביז אויסגיין?
„און גאָרנישט נישט פאַרשטיין?"

אין „אַ שטערן בליט" איז דאָ אַ פּרעכטיק נאַטור־ליד „אין פעלד" (אין דאָזיקן קליינעם זאַמלבוך זענען דאָ עטלעכע פּרעכטיקע נאַטור־לידער), אָבער די אידילישע נאַטור־שטימונג איז דורכגע־פלאָכטן מיט מינקאָווס חורבן־שטימונג. דאָס איז אַ מוסטער־ליד פאַר מינקאָווס חורבן־לידער:

„ווי מאָדנע ס׳איז — זיך אויפכאַפּן אין פעלד צווישן
הויכע זאַנגען.
„און מאָדנער נאָך — צו הערן ווי עס צייטיקט זיך דאָס
ברויט אין זיי.
„דער הימל טיף. **די וווּנד אין האַרץ נאָך טיפער (אונטער־געשטראָכן דורך מיר — י. ר.)**;
„ווער קען פאַרגעסן דאָ דעם יאָמער? ווער האָט געטראַכט
גאָר פון פאַרדייו?"

און אַזוי כסדר. ביז דעם קלימאַקס פון די לעצטע צוויי שורות:

„אַלץ לעבט — ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרנישט נישט געשען.
„נאָר ס׳האַרץ גייט אויס מיט יעדן אָטעם, גייט אויס,
גייט אויס מיט יעדן הויך".

דעם דיכטערס האַרץ און דעם לייענערס.

* * *

וואָס איז דיכטונג? אויב דער חומש זאָגט „כי הדם הוא הנפש", אַז די נשמה איז דאָס בלוט, איז דיכטונג דאָס בלוט פון דער וועלט, איר נשמה, איר לעבן, איר זין. דיכטונג גיט זין אַפילו דעם אומזין.

קען מען דען געבן אַ זין דעם קאָסמישן אומזין פון דער יידן־פאַרניכטונג 1940־1945? מיטן שכל נישט; מיט דיכטונג — יאָ.

ווען איוב שרייט זיך אויס אין זיינע געוואַלדיקע דיכטערישע געשרייען, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיין גאָט און שלום געמאַכט מיט זיין גורל. אינעם דאָזיקן געבן אַ זין דעם זינלאָזן ליגט איינע פון די גרעסטע מיסטעריעס פון דיכטונג. ווען אַ מיידל זינגט אויס איר אָפּגעאַרערישע ליבע, ווערט איר לייכ־טער אויפן האַרצן, הגם דאָס געזאַנג גיט איר נישט צוריק דעם געליבטן.

און ווען מיר דיכטן אויס, צוזאַמען מיט מינקאָוון, דאָס געדיכט „ביים טויטן וואַסער", גיט אויף אונדז אַ ווייע מיט עכטסטער מיס־טעריע פון דיכטונג. דאָס דאָזיקע ליד איז אַ געוואַלטיקע וויזיע. דאָס איז אַ גראַנדיעזער קאַמף צווישן אומזין און זינגעבונג.

„איך האָב אים צוריקגעשוויגן: ׳נישטאָ שוין מער קיין זינען׳.
„האָט ער שטום געבעטן: ׳דערמאָן, כ׳וועל נייער באַגינען׳.
„— ס׳מאַכט נישט. נישטאָ וועל זאָל דאַרפן. די וועלט איז בלינד ווי דו.
„האָט ער געענטפערט אַ שווייגן: ׳נישט איך, בלינד ביסטו׳.
„דער נוסבוים פאַרטראָגן אין יזלום: צווי שאָטנס ביים בלוטיקן שטראָם.
„ביים יבוק מיט שוויגן שטרייטן: גאָט און אַ בשר ודם".

מעג מינקאָוו טויזנט מאָל זאָגן: „נישטאָ שוין מער קיין זינען", וועבט זיך דאָך אויס אינעם פראָצעס פון דיכטן (ווייל דיכטונג איז זינגעבונג) אַ שטימונג־זין, אַ האָפענונג אויף אַ זין, ווי זינלאָז דאָס זאָל דעם שׂכל נישט פאַרקומען.

אמת, דאָס ליד איז צו פיל מיט דעם, וואָס פאַר מיר איז דאָס קאָנוועציאָנעלע סימבאָליק, ד"ה טויטע סימבאָליק. אָבער דאָס לע־בעדיק־דיכטערישע, און טאָקע דאָס גרויס־דיכטערישע וועגט אַרי־בער דאָס קאָנוועציאָנעל־טויטע. דאָ האָט אַ דיכטער אַ שעפּ געטאָן פון דער טיפסטער טיף פון דיכטונג אין פאַרלאַנג צו געבן אַ זין דעם זינלאָזסטן, אין פאַרלאַנג לעבעדיק צו מאַכן דעם נאַציאָנאַלן אוצר פון סימבאָלן.

„ביים יבוק מיט שוויגן שטרייטן: גאָט און אַ בשר ודם" איז נישט קיין צופעליקע בילדלעך־סימבאָלישע שורה. אַראָפּנידערנדיק אין תהום פון גרעסטן נאַציאָנאַלן אומגליק, אינעם תהום פון גרעסטן נאַציאָנאַלן אומזין, גיט דער דיכטער אינסטינקטיוו אַ כאַפּ אָן די צווייטע וואַגשאָל פונעם טיפסטן זאַפּאַס נאַציאָנאַלע סימבאָלן, פונעם טיפסטן זאַפּאַס נאַציאָנאַלער זינפולקייט, כדי אײַנצוהאַלטן די גלייכ־געוויכט, די פּערזענלעך־נאַציאָנאַלע גלייכגעוויכט, כדי לעבעדיק צו מאַכן פאַר אונדזער הײַנט דעם אוצר פון די נאַציאָנאַלע אור־סימבאָלן, און אַזוי אַרום זיך אַרויסצוהייבן, מיט זייער הילף, פונעם תהום.

ס׳אַראַ טיפע נאַציאָנאַלע קאָנוווּלסיע דאָס איז, באַווייזן נישט נאָר מינקאָווס לידער: מיר געפינען די דאָזיקע נאַציאָנאַלע סימבאָליק ביי סוצקעווערן (אין זיין ליד „ערב פרילינג״, ווו דאָס קינד פאַר־לאָזן־געראַטעוועט דורך דער מוטער אויף אַ קריע אין ווילנער ווילייע, זעט דעם דיכטער אויס צו זיין אַ המשך פון משהס רעטונג אויפן נילוס), ביי גלאַטשטיינען און מסתמא ביי אַ סך אַנדערע, וועמענס לידער עס זענען נאָך צו מיר נישט דערגאַנגען. ביי מינקאָוון שפּילט די דאָזיקע נאַציאָנאַלע סימבאָליק אַ גרויסע ראָלע, און די דאָזיקע עלעמענטן זענען די ווערטפולסטע אינעם ליד.

* * *

אינעם ליד „אַן ענטפער״ זאָגט מינקאָוו:

„דו שרייבסט, אַז קלאָרקייט איז דער עיקר.
„מיט ליבשאַפט, דאָך דיין נישט דערזאָגטער פאָרוואורף
איז צו מיר געווענדט״.
„ווי וואָלסט געזאָגט: עס חושכן אין דיינע לידער
אומפאַרשטענדלעכקייטן שטיקער״.

דער דאָזיקער פאָרוואורף איז נישט אין גאַנצן אומגערעכט, אָבער אין מינקאָווס בוך זענען אַזוי פיל אומקלאָרקייטן — קלאָר, אַז די אומקלאָרע אומקלאָרקייטן שפּילן שוין נישט קיין וויכטיקע ראָלע. אַ גרויסע ראָלע שפּילן אין דאָזיקן בוך די וווּנדערבאַרע קלאָרע אומ־קלאָרקייטן, וואָס זייער כלומרשטע אומקלאָרקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי באַרירן די דינסטע און טיפסטע זאַכן, וואָס לאָזן זיך נישט אָנטאַפּן, אָבער מען קאָן זיי איבערלעבן אין אַ דיכטערישער וויזיע, וואָס ווען מען פּלאַפּלט זי אַפילו נאָר אַרויס, איז זי אויך הייליק — הגם נישט יעדער קאָן דערפילן די וווּנדערלעכע מוזיק פונעם זין, פונעם גרויסן זין, וועלכן דער דיכטער דערשפּירט און ער באַמיט זיך (מיט דערפאָלג), אַז אויך מיר זאָלן אים דערשפּירן.

„...יעטוויידע מדרגה (האָט) איר באַזונדערע קלאָרקייט,״ ענט־פערט מינקאָוו מיט רעכט אויפן „נישט דערזאָגטן פאָרוואורף״...

„מיט ווייטסטער זיניקייט קומט מיר אויס דעם אומזין צו דער־גרייכן״, זאָגט מינקאָוו ווידער מיט רעכט. „מיין יעדע נאַכט איז אָנגסטן, געמינטערט פון אַ וויטן דורות־שטראָם״.

אַט אין די דריי פּאַראַיינצלטע שורות ליגט דער ענטפער אויפן פאַרוווּרף פון אומקלאָרקייט לכל הפּחות פאַר די ביכער „ביים ראַנד" און „אַ שטערן בליט".

די דאָזיקע ביכער געפינען זיך אויף אַזאַ מדרגה, אַז זיי פאַרמאָגן אַן אייגענע קלאָרקייט. די דאָזיקע ביכער באַמיען זיך צו דערגרייכן אַ זין פאַר אַזאַ זינלאָזיקייט, אַז עס איז אים קוים מיטן שאַרפסטן געפיל צו דערכאַפּן. אין די דאָזיקע ביכער מינטערט זיך מינקאָוו דורך אַ ווייטן דורות־שטראָם, — ער טוּנקט אונטער אינעם דורות־שטראָם און ברענגט אַרויס פון דאָרט די גרויסע וויזיע, וואָס פאַרכאַפּט אונדז אַפילו דאַן, ווען דער דיכטער אַליין וויל אונדז וואָרענען קעגן איר.

* * *

מעג דער דיכטער זאָגן נאָכן שטרייט ביי יבוק צווישן גאָט און אַ בשר ודם, אַז „קיינער האָט דאָרט נישט געזיגט, איך בין בלויז אַראָפּ פון זינען", איז דאָס אָבער נישט ריכטיק. דער שטרייט ביים יבוק קומט פאַר נישט נאָר צווישן גאָט און אַ בשר ודם, נאָר צווישן דער סמענדיקער סקעפּסיס פונעם בשר ודם און זיין דיכטערישער פעאיקייט, און קראַפט צו זוכן און געפינען אַ זין.

אַ ציטער גייט דורך ביי אַ שפּירבאַרן לייענער, ווען ער קומט צו די וווּנדערבאַרסטע שורות אין „ביים ראַנד":

„איך האָב דאַן קלאָר דערהערט, גאָט קלאַפּט ביי מיר
אין אָדער.
„און זוכט אַ וועג און קלאַפּט. און וועקט מיך אַ
פאַרצווייפלטער. און וועקט.
„און הבלס קולות האָבן זיך אין מיר געוואָרפן, געשריען
און געזאָדן.
„און גאָט האָט אַלץ געקלאַפּט, געקלאַפּט און זיך מער
שוין נישט אַנטפּלעקט".

גאָט אַנטפּלעקט זיך טאַקע נישט אין די דאָזיקע לידער (מינקאָוו רייסט אָפּט איבער די מיסטעריע פון גאָט־אַנטפּלעקונג דורך זיין סקעפּסיס, דורכן שאַרפן אויפברויז פונעם אומזין־ווייטאָק: „די הבל קולות האָבן זיך אין מיר געוואָרפן"... — און דורך דער פלו־

צימדיקער אַריינמישונג פון זיין פאַרשטאַנד), אָבער ער קלאַפּט אָפּט אין די ליד־אָדערן פון די דאָזיקע לידער (באַזונדערס פון „ביים ראַנד״), און דאָס איז נישט סתם אַן אַבסטראַקטער גאָט, נאָר דער קאָנקרעטער גאָט פון דער יידישער געשיכטע, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, פון אליהו הנביא, דער גאָט פון מוריה, פונעם יבוק־שטריט.

שוין לאַנג ווי דער דאָזיקער גאָט האָט נישט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק אַריינגעלאָזן צו ווערן אין אונדזער לעבן דורך די דיכטונג־אָדערן פון אַ מאָדערנעם יידישן פּאָעט.

דאָס דאָזיקע בוך איז פול מיטן יידישן גאָט און מיט זיינע אור־מיסטעריעס. און ווי קלאָר דאָס איז, און ווי טיף!

„אין האַרץ פון פאָלק, מיין אומגליקלעך, פאַרפייניקט פאָלק,
„אָטעם איך אין זכות פון טיפן קוואַל.
„דעם קוואַל איז נישט צו הערן. דעם אויסשטראַל נישט צו זען.
„נאָר ס׳דערגייט פון אים אַ קוים־באַמערקטער ציטער פון
אייביקייט און גאָט״.

אָט דער ציטער פון יידישער אייביקייט און פון דער גאָט־דורכגעזאַפּטער יידישער געשיכטע הערן זיך אין אַ גרויסן טייל פון מינקאָווס לעצטע צוויי לידער־ביכער.

אָט זינגט ער:

„מיר דוכט, איך הער אַ ווייטן ציטער פון אַ רוף.
„איך ווייס, דאָס זענען די לעצטע ספּאַזמעס פון דערינערונגען.
„און פּלוצים, ווי פון דורות־טיפן וואָלט זיך טראָגן
„אַ טויבער גזר:

„שעלט גאָט און שטאַרב.
„און גאָט אין פּאָספּאָר־ליכט,
„ווייזט זיך אומגעריכט
„און זעיט צעבליטע פייער־קערנער,
„און לאַנגזאַם יבלייכט די טויטע נאַכט.
„און גאָט — גאָט זעיט און זעיט און זעיט״.

דאָס איז דער זעלביקער גאָט, וועמען עס זענען געווידמעט אין איוב די אומשטערבלעכע רעוואָלט־ווערטער: „שעלט גאָט און שטאַרב״.

און דאַן קומען אַזעלכע טיף יידישע גאָט־לידער, ווי „צלם אלוקים" און „דער אָרון".

דער דיכטער, ווי מיר אַלע, איז דורכגענומען מיט צער און צאָרן; ער וויל נישט דורכלאָזן גאָט, וועלכער קלאַפּט ביי אים אין אָדער; ער טרייבט אים פון זיך מיט איובס אומשטערבלעכן „שעלט גאָט און שטאַרב"; ער איז אַפילו זיכער, אַז ביים פרישן שטרייט ביים יבוק האָט קיינער נישט געזיגט, און דאָך, און דאָך, אויב ס׳וועט אויסוואַקסן אויפן אַלטן מיטאָס־בוים פון דער יידישער גאָט־געשיכטע אַ נייע צווייג, וועט ער האָבן אין זיך אויך דעם חיות־טוי פון מינקאָווס פּאָעטישער גאָט־זוכעניש און גאָט־טרייבעניש. נאָך דער גאַנצער באַרעכטיקטער פאַרביטערונג ברעכט פאַרט דורך — „געמינטערט פון אַ וייטן דורות־שטראָם" — דאָס פאַרטרערטע באַוווסטזיין, אַז מיר האָבן

„אונדזער יעקב־חלום גוט פאַרשטאַנען
„און קיין מאָל נישט אין סנה דערברענט",

אַז

„משהס הערנער האָבן זיך געשטאַרקט, געבליצט און אויפגעשטראַלט.
„און אין דער וייטער, אומשטערבלעך־שטומער שרפה
„גייען לאַנגזאַם אויף, גייען אָן־סוף לאַנגזאַם אויף
„לבנהדיקע אָקסן צווי, געשפּאַנט אין אַ לבנהדיקן וואָגן.
„און אין דעם רעגנבויגן — חלומט, חלומט דאָרט אַן אַלטער, אַלטער אָרון".

די יידישע סימבאָליק ווערט אין די דאָזיקע ביכער אַלץ טיפער און וואָגיקער פון ליד צו ליד. מיטן ריכטיקן דיכטערישן אינסטינקט האָט מינקאָוו ריכטיק אַרויסגעפילט, אַז וואָס מער דער שטאָם ווערט געבראָכן און געשפּאָלטן, אַלץ מער מוז מען אַכטונג געבן אויף די וואָרצלען. מינקאָוו האָט גענומען אויסדריקן זיין אומענדלעכן טרויער, ער האָט גענומען געבן אַ געשטאַלטונג דעם אומזין, און כמעט אַליין נישט וויסנדיק וועגן דעם, כמעט ווי פּראָטעסטירנדיק קעגן דעם, האָט ער אַרויסגעצויגן פון דער דיכטערישער געשטאַלטונג, פון דער דיכטערישער וויזיע — זין, און ער האָט זיך אַ צי געטאָן צו די וואָרצלען, צו די גייסטיקע נאַציאָנאַלע וואָרצלען אונדזערע.

און אַנדערש איז גאָר נישט מעגלעך. זויגט מען זיך איין אין

אונדזער אומגליק מיט לייב און לעבן, זענען דאָ צוויי אויסוועגן: אָדער, אַ טאַטאַלער „שעלט גאָט און שטאַרבן!" אָדער לאָזן אַ פרישן שפּראָצל פון גלויבן אינעם זין פון אונדזער געשיכטע, פון אונדזער קיום.

פון אונטער דער אָפענער סקעפּסיס, פון אונטער דער אָפענער אַנערקענונג פונעם אומזין אין אַ טייל פון מינקאָווס לידער, שלאָגט זיך דורך קוים צו הערן, קוים צו זען מיטן געוויינלעכן אויער און אויג, אַ ציטער „פון אייביקייט און גאָט".

מינקאָווס לידער פאַרמאָגן אַ סך מער עכטן רעליגיעזן געפיל, ווי אַ סך, אפשר די מערהייט אָפיציעל־רעליגיעזע דיכטער אונדזערע. טאָקע נישט קיין אָפיציעלע רעליגיעזקייט, אָבער דערפאַר אַן עכטע און אַ ייִדיש־טיפע...

1958—1948

שלום עליכמס דערציילערישער מוסר־ספרל

(„מיטן עטאַפּ")

נישט נאָר אין שלום־עליכם־יאָר, אין אַ פשוטן יאָר איז אויך נישט קיין נאָווינע, איך זאָל זיך געפינען פאַרטאָן אין לייענען איינע פון יענע שלום־עליכם־דערציילונגען, וואָס זעען מיר אויס צו זיין באַגלויבטע עדות אויף שלום עליכמס פענאָמענאַלן דערציילער־טאַלאַנט, וואָס זעט מיר אָפּט אויס צו זיין ווי אַ נאַטור־פענאָמען, ווי דער ווונדער פון די היילן אין די האַרץ־בערג, ווו דער הייל־פירער פלעגט אויף די סטאַלאַקטיטן מיט אַ פשוטן שטעקן אויסשפּילן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, ווי אויף אַ ווונדערלעכן אינסטרומענט, געשאַפן נישט פון מענטשן, נאָר פון דער נאַטור.

איינע אַזאַ דערציילונג איז „מיטן עטאַפּ" (ז"ז 53־100 פון באַנד 6, צווייטער בוך, פון דער „פאַרוועטס"־אויסגאַבע, 1944).

די לעצטע פינף־זעקס יאָר האָב איך זי שוין געלייענט אַ שיינע פאָר מאָל און יעדעס מאָל פאַרבליפט זי מיך, אָט די דערציילונג, מיט

איר קאָמפּאָזיציע, מיט אירע פּרטים, מיט איר ליבע צום אָרעמאַן, צו יעדן געשלאָגענעם פון גורל אָדער פון דער סאָציאַלער סיסטעם.

ווי אַ מעכטיקער וואָרעמער קוואַל שלאָגט פון דער דאָזיקער דערציילונג אַ שטראָם רחמנות און ליבע, אַ שטראָם וואַרעמע איינ־זעעניש מיטן קליגסטן און שוואַכסטן באַשעפעניש, וואָס האַלט זיך פאַרן בחיר היצורים און איז דאָך דער אומבאַהאָלפנסטער פון אַלע גאָטס באַשעפענישן...

יעדעס מאָל ווען איך לייען אָט די דערציילונג, אָט דעם באַשריי־בענעם שעדעוור, וואָס האָט נישט קיין שום פּרעטענזיעס אויף גרוי־סער קונסט און איז דאָס דאָך, קאָן איך זיך נישט צוגלויבן, אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון שרייבערישער קונסט, — ווייל וואָס ווייטער, ווער איך אַלץ מער איבערצייגט, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ פּראָ־דוקט פון אַ מין נאַטור־אויסברוך, וואָס שאַפט אומבאַוווסטזיניק אַמאָל אַ גרויסן קעניאָן, אַמאָל אַ סטאַטוע אין שטיינערנעם באַרג און אַמאָל אַ גרויס ליד אָדער אַ גרויסע דערציילונג.

מען זאָל דעם גרויסן קעניאָן אָדער אַ סטאַלאַקטיטן־הייל נעמען אָפּשאַצן לויט די כּללים פון קונסט, וועט מען מסתמא געפינען אין זיי אַ סך פעלערן, אָבער צום גליק ווערט איר פון זיי אַזוי פאַרכאַפּט, אַזוי באַגייסטערט, אַז איר פאַרגעסט אַלע כּללים לויט וועלכע איר מעסט קונסט־ווערק, ווייל די נאַטור פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן צוי־בער, מיט אייגענער מאָס, מיט אייגענע כּללים, מיט איין וואָרט — אַן אייגענע וועלט מיט אַן אייגענער שיינקייט און ס'איז נישט שייך צו מעסטן זי מיט די מאָסן, וואָס מענטשן האָבן געשאַפן פאַר קונסט־ווערק. איר ווערט איינגעשלונגען דורך די שאַפונגען פון דער נאַטור־סטיכיע, און איר הויבט אָן אַנדערש צו זען, אַנדערש צו פילן, מיט איין וואָרט — איר ווערט באַהערשט דורך דער סטיכיע.

אָט דעם איינדרוק מאַכט אויף מיר אָפט שלום עליכם, — אַן איינדרוק פון סטיכישער דערשיינונג.

אַז איר וועט גוט זוכן, וועט איר אָט דעם איינדרוק געפינען אין שלום עליכמס אַנדערע ווערק, אין טביהס „חוה", למשל, אין זיין געוואַלטיקער „טויזנט און איין נאַכט" און אַזוי ווייטער, אָבער איך האָב דאָס די לעצטע פאַר יאָר דערשפּירט צום שטאַרקסטן אין „מיטן עטאַפּ". פאַר מיר איז דאָס אַ סטיכיש ווערק, אַ רירנדיקע פּאָעמע פון אַן אייגנאַרטיקן קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, און

דאָס גוטע זעט אויס צו האָבן געוווּנען, צו האָבן אַרויסגערופן אין גבירישן האַרץ פון שלום בער טעפּליקער פון טעפּליק די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער וועלט, — אַ רעוואָלוציע פון מענטשלעכסטע געפילן פון חרטה אויף זיין אייגענער אוממענטשלעכקייט.

פאַר מיר איז אין די 50 זייטלעך פון אָט דער דערציילונג דאָ אַ שטאַרקע עסענץ פון מענטשלעכער גוטסקייט, פון אַ צעבראָכן האַרץ, פון יידישקייט, וואָס האָט אַנטדעקט דעם גרעסטן וווּנדער פון אַ מענטשלעך האַרץ אין דעם, אַז נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ גאַנצע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ.

תמיד, ווען עס גיט מיר פלוצלונג אַ צי צו אָט דער דערציילונג, און איך לייען זי ווידער פון טאָוול צו טאָוול, האָב איך אַ געפיל, אַז מיין האַרץ ווערט באַרוישט פון אַ יידישן מוסר־ספר פון גאָר גרויסן ווערט, — אַ מין מאָדערנע תפילה זכה, וואָס רייניקט פון מענטש־לעכער קליינלעכקייט, פון מענטשלעכן פסלת...

* * *

צוגעקומען צו אָט דער שטעלע, ווו איך וואָלט באַדאַרפט צו־טרעטן צום עיקר — צו שלום עליכמס מעשה, הייסט עס, האָב איך זיך געשטעלט די קשיא: פאַרוואָס האָב איך די גאַנצע פינף־זעקס יאָר פון פאַרליבט זיין אין „מיטן עטאַפּ" כסדר אָפּגעלייגט דאָס שרייבן וועגן דער דאָזיקער דערציילונג?

דער תירוץ איז, אַז איך האָב זיך אויך איצט דערשראָקן פאַרן געדאַנק צוצוטרעטן צום שרייבן דאָס אַרטיקל.

די סיבה איז וואָס איך דערפיל, ביים וועלן שרייבן אָט דאָס אַרטיקל, אַז צום בעסטן וואָלט געווען איבערצושרייבן די דערציילונג וואָרט ביי וואָרט, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז ביים לייענען אָט די דער־ציילונג, ווערט אַלץ אין איר אַזוי קלאָר, דער גרויסער זין אירער ליגט אַזוי אויבנאויף, אַז יעדער איינער וועט דאָס פאַרשטיין, דער־פילן, איבערנעמען זיך דערמיט אָן קאָמענטאַרן...

איך האָב פּשוט מורא, טאָמער וועט דער גרויסער זין אירער, איר טרעפלעכער מוסר־השכל צעביטן ווערן אויף קליינגעלט צוליב די קאָמענטאַרן פונעם אַרטיקל...

די בעסטע צייט צו שרייבן אַן אַרטיקל איז אויף דער הייסער

מינוט; אָבער ווען די הייסע מינוט דויערט יאָרן און מען טראַכט וועגן דעם צופיל — טויג אפשר נישט...

טוט מען זיך אויס צום באָדן — דאַרף מען גלייך אַריינשפּרינגען אין וואַסער; איז מען זיך לאַנג מישב צי יאָ, צי נישט — כאַפּט מען אַ ציטער און... עס טויג נישט, — מען בלייבט שוין אויפן ברעג אַ נישט געבאָדענער...

* * *

„מיטן עטאַפּ" פאַרמאָגט ניין קאַפּיטלעך. די ערשטע פינף זענען פאַרנומען מיטן טעפּליקער פריסטאַוו „המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי", מיט די געשיכטעס פון די דריי יידן־„פאַרברעכער", וועלכע ווערן געשיקט מיטן עטאַפּ קיין חייסין צו באַקומען און אָפּזיצן דאָרט זייערע שטראָפן. די לעצטע פיר קאַפּיטלעך — די ראָזשינקע פון דער דערציילונג, איר נשמה — פאַרנעמען זיך מיט דעם, וואָס איינער פון די עטאַפּניקעס, בערל דער רויטער, רעכנט אויס דעם טעפּליקער גביר די עוולות, וואָס דער גביר האָט געטאָן בערל דעם רויטן און אַנדערע יידן.

און עס געשעט אַ גרויסער, הגם פּסיכאָלאָגיש גוט צוגעגרייטער נס: אַרויס פון זיין גבירישן עלעמענט, פון זיין איינגעשטעלטער לעבנס־רוטין, פון זיין זיכערקייט און רואיקייט, געפינענדיק זיך אין איין קוטשעמענט מיט קבצנים, גייענדיק מיטן עטאַפּ צוזאַמען מיט בערל דעם רויטן, מיטן צעחושטן באַהעלפער, האָט דער טעפּליקער גביר, ר' שלום בער פון טעפּליק, נישט נאָר אויסגעהערט בערל דעם רויטנס צעטל חטאים, וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי אים, בערל דעם רויטן, און לגבי אַנדערע יידן, נאָר ער האָט זיך אויך איבערגענומען מיט זיי נישט אויף קאַטאָוועס. בערל דער רויטער דערמאָנט דעם גביר זיינע „אַלטע חטאים", און דער גביר „שלאָגט זיך על חטא". ער פילט דעם טאָפּלטן טעם פון תשובה טאָן: ער פילט דעם פּיין דערפון און ער פילט די לייטזעליקייט דערפון.

* * *

זאָל מיר מיין לייענער גלויבן: עס איז מיר אַ שאָד געווען איבערצודערציילן מיט אַ פּאָר ווערטער שלום עליכמס מייסטערהאַפטיקע

דערציילונג, זיין געניאַלן איינפאַל פון שאַפן אַזאַ סיטואַציע, ווען דער נגיד הערט אויפמערקזאַם אויס דעם צעטל פון זיינע אַלטע חטאים און ער איז גרייט תשובה צו טאָן, ווייל אַלע קינסטלעכע צוימען צווישן מענטש און מענטש זענען אָפּגעפאַלן און דער גביר איז שוצלאָז פאַרן מענטשלעכן פונק, וואָס רייניקט אים, מיטן פייער פון אַ געוויסן־שריפה, פון גאַנצן לעבנס־פּסלת...

די סצענע מיט המן איוואַנאָוויטש פּליסעצקי, די סצענעס צווישן דעם פריילעכן קבצן, בערל דעם רויטן, מיט פּליסעצקין און דעם טעפּליקער נגיד, די סצענעס פון לאָזן זיך מיטן עטאַפּ זענען שיין, אָפּטמאַל רירנדיק, ווער רעדט די סצענעס צווישן גביר און בערל דעם רויטן אויפן עטאַפּ־וועג, — און אויב מיין לייענער וועט זיי נישט לייענען ביי שלום עליכמען, וועט ער האָבן אַ גאַר גרויסן גייסטיקן און קינסטלערישן היזק נישט אָפּצושאַצן.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נאָכן אָפּזיצן זיין שטראָף אין חוסיין, צוריקקערנדיק זיך צו זיינע גבירישע באַדינגונגען, וועט זיך ר' שלום בער פון טעפּליק אויפפירן ווי די יידן אין תנ"ך: ווען די צרה גייט אַוועק, פאַרגעסן זיי די צוזאָגן זייערע צו זיין גוט און פרום, אָבער דער וווּנדער איז נישט אין דעם, וואָס דער גביר פון טעפּליק וועט צוריק באַקומען זיין מענטשלעכע שוואַכקייט; אַ וווּנ־דער איז וואָס בערל דער רויטער, מיטן קרומען פּוס, האָט אַזוי גע־ווירקט אויפן גביר, אַז פון זיין גביריש האַרץ ווערט צעשמאָלצן די דיקע שיכט פעטס און עס ווערט שפּירבאַר צו תשובה־מאַנונגען. און בשעת מעשה מיינט ער דאָס אויף אַן אמת. ווען אַ שטיין פאַלט אַריין אין אַ וואַסער, צעגייען זיך פונעם פּליעסק רינגען און זיי קאָנען דערגיין זייער ווייט...

ווען דאָס האַרץ דערפילט דעם ערשטן שטויס פון תשובה־רעגונגען, ווער קאָן וויסן וווהין די רינגען זייערע וועלן דערגיין?...

ס'אַראַ שטילע ווערטער שלום עליכם לייגט אַריין אין בערל דעם רויטנס מויל. קיין שום מליצה, קיין שום הויכע ווערטער, און דאָך ווירקט ער נישט נאָר אויפן טעפּליקער גביר, נאָר אויך אויף זיינע לייענער, וועלכע ווערן דורכגענומען פון בערל דעם רויטנס „דברים כהויתם", אָן פּוץ, אָן פאַרלאַנג צו רירן... ער מיטן גביר האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויפן עטאַפּ, ווו עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן, סיידן דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל...

דער לייענער לעבט טיף איבער דעם שטילן מאָראַלישן שטורעם

אין גבירס הארצן און ער ווערט פאַרפּלייצט פון רחמנות צו די אָרעמע קרבנות זיינע, ווי די בערלס און זייערע קינדער...

עס זענען דאָ מאָמענטן אין דער דאָזיקער הומאַניטארער דער־ציילונג, ווען דער לייענער איז גרייט צו לאָזן אַ טרער (אַ ברירה האָט ער? זי נעמט רינען פון זיך אַליין, אָן זיין ווילן... און זי איז טאַקע נישט פאַראיינצלט, ווייל דאָס האַרץ צעגייט...).

יאָ, איך באַשטיי אויף מיינס: די דערציילונג „מיטן עטאַפּ" איז אַ גרויס קונסטווערק; אַן אמת מאָדערן מוסר־ספרל, אַרומגעשווענקט ווי אַן אינדזל מיט אַ הומאַניטאַרן ים.

ווי גרויס און געבענטשט עס איז דער טאַלאַנט פון אַ שרייבער, וואָס קאָן אַזוי באַווירקן זיינע לייענער און וועקן מיט זיינע הומאַ־ריסטישע ווערק די בעסטע געפילן פון מענטשלעכקייט, געפילן פון גרעסטער מענטשלעכער געלייטערטקייט...

יאָ, שלום עליכם איז נישט נאָר אַ גרויסער קינסטלער, נאָר אויך אַ גרויסע לייטערנדיקע קראַפט, אַן עטישע סטיכיע, אין וועלכער עס איז גוט זיך אָפּצוטובלען וואָס אָפטער...

שלום־עליכם־מיניאַטורן

א) שלום עליכם — דער טיפער פסיכאָלאָג

דער וואָס איז נאָך אַלץ נישט איבערצייגט, ווי גרויס דער קינסט־לער איז געווען אין שלום עליכמען, זאָל זיך אַריינטראַכטן אין דער פאָלגנדער סצענע פון שלום עליכמס טביה־דערציילונג — „חוה".

טביה בענקט נאָך זיין טאָכטער חוה, דער משומדת. עס ציט אים צו איר.

טביה ווערט, נאַטירלעך, נישט פאָרן צו איר. דער באַוווסטזיין טביהס שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס בלויז ביים געדאַנק וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט. אָבער די בענקשאַפט, די אינס־טינקטיווע ליבע צו דער טאָכטער, צום ליבסטן קינד, לעבט זיך מיט איר אייגן לעבן: זי איז פאַרוואָרצלט נישט אינעם יידן, וואָס אין טביהן, נאָר אינעם מענטשן, וואָס אין אים.

טביה ווערט צעריסן אויף צווייען: דער באַוווסטזיין פונעם יידן הערשט איבער טביהס אינסטינקט, — אָבער אויסוואָרצלען אים קאָן ער נישט, די בענקשאַפט דערדריקט, לאָזט נישט רוען, פאָדערט באַפרידיקט צו ווערן.

טאָ וואָס־זשע טוט טביה? ער טוט אָן די שבתדיקע קליידער (ער פאָרט דאָך צו גאַסט צו זיין טאָכטער!), גייט אויפן וואָקזאַל און בעט ביים קאַסיר אַ בילעט אין עפּעס אַ נישט־עקזיסטירנדיקער שטאָט. דער קאַסיר ווייס נישט פון אַזאַ שטאָט. נו, אויב דער קאַסיר ווייס נישט, איז ער, טביה, נישט שולדיק. און אַ באַרואיקטער גייט ער אַהיים. טביה האָט אָפּגענאַרט דעם אונטערבאַוווסטזיין, ווי מען נאַרט אָפּ אַ קינד, ווען מען זאָגט, אַז מען גיט אים געלט און עס נעמט די כלומרשטע מטבעות און טוט זיי אַריין אין אַ כלומרשטער קעשענע און עס פאַרקויפט די כלומרשטע סחורה.

צי איז טביהס דאָזיקע האַנדלונג בלויז אַ ביליקער שפּאַס פון אַ הומאָריסט?

שלום עליכם איז אין זיינע טביה־דערציילונגען, באַזונדערס אין „חוה”, אַ צו גרויסער קינסטלער, כדי מיר זאָלן זען אין טביהס דאָזיקער טאַט סתם אַ קאָמישן איינפאַל, אַ געלעגנהייט צו לאַכן. טביה איז צו ערנסט — באַזונדערס אין „חוה” — כדי צו מאַכן פּאַיאַצישע שטיק.

שלום עליכם האָט מיט דער דאָזיקער סצענע באַוויזן סאַראַ גרויסער קינסטלער ער איז געווען.

טביה, ווי זיין שפּעטער שלום עליכם, האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן מיט שטודירן פרוידס לערע וועגן אונטערבאַוווסטזיין; אָבער פרויד האָט דעם אונטערבאַוווסטזיין בלויז אויסגעפאָרשט, נישט געשאַפן: דער אונטערבאַוווסטזיין — מיט זיין אייגנאַרטיקן אַפּאַראַט — האָט געווירקט אייך לעבן אויך פאַר פרוידן, און יעדער עכטער, גרויסער קינסטלער, וואָס קען און פילט אינסטינקטיוו דעם מענטשן און זיינע באַוועגנדיקע אימפּולסן, האָט געפילט די דינסטע רעאַקציע פון דער מענטשלעכער נאַטור אויך אָן פרוידס לערע וועגן אונטערבאַוווסטזיין. און שלום עליכם, וועלכער האָט זיך, ווי יעדער אמתער קינסטלער, אַריינגעלעבט אין טביהס פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד, ווען ער ווערט צעריסן פון צוויי קעגנזעצלעכע כוחות, האָט דערפילט, אַז

טביה מוז עפּעס טאָן, כּדי צו באַפרידיקן דעם מענטשלעכן אונטער־באַוווסטזיין, וואָס דער יידישער באַוווסטזיין אונטערדריקט אים.

טביהס קאָמעדיע מיטן קאַסיר איז נישט סתם אַ שטיקל אַרבעט פון אַ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, נאָר אַ נויטוועדיקע אַנטשפּאַנונג פון אָנגעשפּאַנטן אונטערבאַוווסטזיין. טביה ווייס מיטן באַוווסטזיין, אַז ער וועט צו דער טאָכטער נישט פאָרן; און ער רופט אָן באַוווסט־זיניק אַ נאָמען פון אַ נישט־עקזיסטירנדיקער שטאָט (כּדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט נישט צו פאָרן אַהין), ווייל ער פילט אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז נויטיק פאַר זיין רו, כּדי צו געפינען פּסיכישע גלייכ־געוויכט. און די דאָזיקע באַוווסטזיניקע קאָמעדיע ווערט דורכן אונטערבאַוווסטזיין אָנגענומען פאַר גוט געלט, אין פולן ערנסט, ווייל דער אונטערבאַוווסטזיין לעבט זיך אויס אין סימבאָלישע האַנדלונגען, ווי אַ קינד.

צי דען ווייס נישט אַ קינד, אַז דער שטעקן איז נישט קיין פערד? אָבער דאָס קינד לעבט אונטערבאַוווסטזיניק, און עס באַ־פרידיקט זיך מיט סימבאָליק און מיטן כּוח־הדמיון.

און אַזוי איז אויך דער אונטערבאַוווסטזיין פונעם דערוואַק־סענעם.

דאָס וואָס טביה האָט אָנגעטאָן יום־טובדיקע בגדים, איז אַוועק אויפן וואָקזאַל, כּדי צו פאָרן צו חותן, איז צו צו דער קאַסע און געבעטן אַ בילעט צו איר, — דאָס איז פאַרן אונטערבאַוווסטזיין גענוג: די דאָזיקע סימבאָלישע האַנדלונגען זענען פאַר אים גלייכ־באַדייטנדיק מיטן סימבאָלישן פאָרן צו דער טאָכטער, און דער פאַר־לאַנג פונעם אונטערבאַוווסטזיין ווערט געזעטיקט דורך דער דאָזי־קער סימבאָלישער באַפרידיקונג.

מער איז אוממעגלעך — ס'איז דאָך נישטאָ אַזאַ שטאָט, מען וויל אים קיין בילעט נישט פאַרקויפן. און דער אונטערבאַוווסטזיין לאָזט זיך איינגעמען.

טביה האַנדלט אינסטינקטיוו, נישט וויסנדיק צוליב וואָס ער טוט דאָס — ער ווייס בלויז, אַז ער מוז דאָס טאָן, אַז עס איז אים געוואָרן לייכטער דערפון.

שלום עליכם האָט אינסטינקטיוו געצוווּנגען טביהן אַזוי צו האַנדלען, נישט וויסנדיק אפשר גענוי צוליב וואָס; אָבער ער האָט געפילט, אַריינלעבנדיק זיך אין טביהן, אַז ער (שלום עליכמס טביה) מוז אַזוי האַנדלען, כּדי צו עפענען אַ ווענטיל פאַר דער אינער־לעכער

שפּאַנונג, — אָבער אָט די פעאיקייט אַריינצופילן זיך, איז דער בעסטער סימן פאַר שלום עליכמס גרויסן קינסטלערישן אינסטינקט, פאַר זיין קינסטעלרישער טיפקייט.

אָט די קליינע קאָמישע סצענקע אין „חוה" איז אַ סצענע פון קאָלאָסאַלער קינסטלערישער זינפולקייט; זי דעקט בולט אָפּ דעם מעכאַניזם פון דער מענטשלעכער פסיכיק; מיר זעען בחוש ווי דער אונטערבאַוווסטזיין אַרבעט.

שלום עליכם האָט נישט איינמאָל אָפּגעדעקט די אונטערערדישע שיכטן פון דער מענטשלעך־יידישער פסיכיק, אָבער דאָ, אין דעם אויבן באַהאַנדלטן פראַגמענט, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַן אויס־נעמלעכער קינסטלערישער טיפקייט.

ב) דער געפעלשטער שלום עליכם

אינעם 34־טן נומער (שלום עליכם־נומער) פון „די גאָלדענע קייט" געפינט זיך אַן אַרטיקל פון יהושע גלבוע „דאָס שלום־עליכם־יאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד".

דאָס דאָזיקע אַרטיקל פאַרמאָגט אַ קורצן קאַפּיטל „די אָפּשאַ־צונג־אַרטיקלען". דאָס זענען, נאַטירלעך, אָפּשאַצונג־אַרטיקלען אין דער רוסישער פרעסע, ווייל קיין יידישע פרעסע איז דאָך אין רוס־לאַנד נישטאָ.

גלבועס קורצער אַנאַליז פון אָט־די אַרטיקלען איז זייער אינטע־רעסאַנט; אָבער איך וויל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איין מאָמענט פון דאָזיקן אַנאַליז: ווי אַזוי די רוסישע אַרכי־פעלשער פעלשן אויך שלום עליכמס גייסטיקע געשטאַלט. לויט די־אַ אַרטיקל־שרייבער קומט אויס (ווי גלבוע פאָרמולירט עס), אַז שלום עליכם „האָט געטראָגן אין זיין האַרץ די וויזיע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

גלבוע ברענגט אויך אַ ציטאַט פון איינעם ב. וואַלבע („ליטעראַ־טורנאַיאַ גאַזעטאַ" פון 3־טן מערץ 1959) וועגן דעם, אַז „די פראַגרע־סיווע אַנשויאונגען פון שלום עליכמען האָבן אים אונטערגעזאָגט דעם גלויבן, אַז דער רענעסאַנס פון זיין פאָלק וועט זיין פאַרבונדן מיטן נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע". (נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן...).

און עס פעלט אויך נישט קיין יידישער פעלשער אויף דער דאָזיקער חתונה: דער יידישער שרייבער א. ווערגעליס (אָט טאָקע

דער זעלבער ווערגעליס, וואָס האָט זיך דערפֿעלשט ביז רעדאַקטאָריי פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד") שרייבט אין „איזוועסטיאַ" פֿון 1־טן מערץ 1959, אַז שלום עליכם „האָט דערקלערט אין אַן אינטערוויו אין יאָר 1914": „די צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק איז נאָר דאָ אין דעם לאַנד, ווו מיר לעבן".

צו וואָס דער רוסישער רעזשים זאָל זיך נישט צורירן, מוז אַרויסקומען אַ פֿעלשונג: „ער לעבט פֿון ליגן און שטאַרבט פֿון אמת", ווי עמיצער האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט דעם נאַצישן רעזשים.

שלום עליכם האָט געהאַט סימפּאַטיעס צום דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, ווי דאָס האָט יעדער אָנשטענדיקער מענטש, וואָס מוז בענקען נאָך פֿרייהייט און סאָציאַלער גלייכקייט. שלום עליכם האָט ליב געהאַט דעם מענטשן בכלל, און בפֿרט דעם אָרעמען מענטשן. ווען שלום עליכם באַשרייבט אַ הונגעריקן מענטשן, פֿילט מען אין זיין יעדער שורה ווי זיין האַרץ קאָרטשעט זיך ממש פֿון רחמנות און צאָרן. עס איז גענוג צו לייענען זיינע דערציילונגען „צוויי טויטע" און „מיטן עטאַפּ", כדי צו וויסן וואָס פֿאַר שלום עליכמען האָט באַדייט אַן אָרעמאַן, אַ מענטש וואָס איז הונגעריק, אַ קינד וואָס איז הונגעריק; אַ ים רחמנות און צאָרן פֿאַרגיסן זיין האַרץ.

פֿאַרקערט, מען קאָן זאָגן מיט דער פֿולסטער זיכערקייט, אויפֿן סמך פֿון שלום עליכמס ווערק, אַז קיין גרעסערן קעגנער פֿון באָלשעוויזם בכלל, בפֿרט אין זיין היינטיקער געשטאַלט, קאָן מען זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלן.

דעם ערשטן פּאַטש אין פּנים באַקומט די דאָזיקע פֿעלשונג פֿון שלום עליכמס גייסטיקער געשטאַלט אינעם זעלבן נומער 34 „די גאָלדענע קייט".

אין דאָזיקן שלום עליכם־נומער איז דאָ אַן אַרטיקל פֿון ד"ר י. קלויזנער ע"ה „שלום עליכם דער ציוניסט", און אין דאָזיקן אַרטיקל דרוקט קלויזנער איבער אַן אינטערעסאַנטן בריוו פֿון שלום עליכמען צו ישראל זאַנגוויל (געשריבן אין יידיש אָבער מיט לאַטיינישע אותיות). דערמאָנט שלום עליכם אין דאָזיקן בריוו אויך די רוסישע רעוואָלוציע. איז לאָמיר ברענגען פֿון דאָזיקן בריוו אָט די שטעלע (דער בריוו איז פֿון 1906):

„אַוודאי איז דאָס (וואָס די יידן האָבן הנאה פֿון זיינע, שלום עליכמס, פֿאָרלעזונגען. — י. ר.) אַ שטיקל טרייסט פֿאַר אַזאַ נעבעכדיק וואָרט ווי איך אין דעם מין גלות, וואָס מיר איז אָנגעצייכנט פֿון גאָט

פאַר אונדזערע גרויסע זינד אין דעם אומגליקלעכן לאַנד וואָס ווערט צעשפּרונגען פון דער גרויסער־גרויסער רעוואָלוציע. (**פון יאַר 6־1905. — י. ר.**).

„רעוואָלוציע! הלוואי זאָלן אונדזערע ברידער וועלן און קאָנען ברענגען אַזעלכע גרויסע קרבנות פאַר **אַן אייגן** שטיקל לאַנד, ווי זיי ברענגען פאַר אַ לאַנד, וואָס זיי מיינען צו גלויבן אַז זיי וועלן אַמאָל אויך זיין דאָרטן גערופן צו דער סעודה"...

ווי מען זעט פונעם בריוו איז שלום עליכם גרייט געווען צו פאַרבייטן רוסלאַנד פאַר אַ שטיקל אייגן לאַנד... און ער האָט אַפילו (נביאיש) געספּקט צי מען וועט זיין פאָלק איינלאַדן צו דער סעודה, אויב די רעוואָלוציע, פאַר וועלכער די יידישע יוגנט ברענגט אַזוי פיל קרבנות, וועט זי אַמאָל צוגרייטן...

אָבער כדי צו וויסן אַז זיי פעלשן, האָבן די פּראָפעסיאָנעלע פעלשער־טשעמפּיאָנען נישט געדאַרפט וויסן פון שלום עליכמס בריוו צו זאַנגווילן, — דאָס האָבן זיי געוווסט אָדער געקאָנט וויסן פון זיין גאַנצער פּאָליטישער טעטיקייט און פון זיינע ווערק.

לאָמיר נעמען כאָטש איין ביישפּיל פון שלום עליכמס ווערק, ווייל סוף־כל־סוף דעצידירט וועגן אַ בעלעטריסטס מיינונגען בעלע־טריסטישער גבית עדות.

דער בעסטער, אָפּנסטער, הגם נישט איינציקער גבית עדות איז שלום עליכמס ראָמאַן „אין שטורעם", געשריבן אין 1907, און וואָס זיין טעמע איז — די רוסישע רעוואָלוציע און דער אָנטייל אין איר פון דער רוסישער יוגנט.

און אין דאָזיקן ווערק שטעלט שלום עליכם אַנטקעגן דער אַסי־מילירט־רעוואָלוציאָנערער יוגנט די יידיש־נאַציאָנאַלע.

סאַשאַ, דעם אַפּטייקערס זון, וואָס איז נאַציאָנאַל־געשטימט נישט געקוקט אויף זיין פאָטערס עקסטרעמער פאַרגויישטקייט, גיט אַ לעקציע נאַציאָנאַליזם טאַמאַראַן, דער טאָכטער פון יידישלעכן שאַסטעפּאַל, וועגן פּסוק פון שיר־השירים: „מען האָט מיך געמאַכט אַ היטערין איבער וויינגערטנער — מיין אייגענעם וויינגאָרטן האָב איך נישט פאַרהיט"... **ער וואַרפט איר פאָר וואָס אַ גרויסע טייל פון דער יידי־שער יוגנט היט פרעמדע וויינגערטנער אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס: „פרעמדע געשעפטן".**

סאַשאַ איז נישט קעגן דעם בונטאַרישן גייסט פון דער יידישער יוגנט, קעגן איר קרבנות־גרייטקייט, אָבער ער וויל אַז די קרבנות זאָלן געבראַכט ווערן פאַר אייגענע געשעפטן, אַז דער בונט זאָל גיין אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ בעסערן נאַציאָנאַלן מצב פאַרן יידישן פאָלק.

נישט אַוועקגעבן די כוחות פאַר פרעמדע אומדאַנקבאַרע געשעפטן! — אָט דאָס קאָן שטיין אָנגעשריבן ווי אַ מאָטאָ איבער שלום עליכמס ראָמאַן „אין שטורעם".

און אָט די מאָטאָ ווערט איבערגעחזרט אין פאַרשידנערליי נוסחאות. דאָס איז פאַר שלום עליכמען נישט געווען קיין צופעליקייט, נאָר אַ טיפער אינערלעכער אמת, וועלכן ער האָט געוואָלט אַריינהאַקן אין קאָפּ פון דער יידישער יוגנט אויף אַלערליי אופנים.

אָט איז טאַקע נאָך אַ מאָמענט פון דאָזיקן קאַמף פאַר אַן אייגענער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

איציקל שאָסטאַפּאָל זיצט נאָכן ערשטן סדר און שמועסט מיט זיין טאָכטער „וועגן אַ טרויעריקן ענין, פונעם קישינעווער פּאָגראָם, וואָס די רשעים באַרימען זיך... אַז אויך דאָ און אומעטום אין אַלע יידישע שטעט, וועלן זיי מאַכן דאָס זעלבע שפּיל, וואָס אין קישינעוו".

די טאָכטער טאַמאַראַ, די רעוואָלוציאָנערקע, ענטפערט אים אַז „אומזיסט באַרימען זיי זיך... צום מאַכן אַן אַלגעמיינעם קישינעוו מוז מען האָבן ווער ס'זאָל מאַכן... מען דאַרף האָבן דערצו דאָס פאָלק, די אַרבעטער"...

ענטפערט איר דערויף דער פאָטער, מיט שלום עליכמס פולער הסכמה:

„האָב קיין יסורים נישט, זאָל נאָר זיין אַ פּאָגראָם, וועלן די אַרבעטער העלפן 'אַרבייטן'..."

אָט דאָס איז די שטים פון נישט פאַרפעלשטן שלום עליכם. מען קאָן ברענגען פון אים הונדערטער ציטאַטן סיי פון דאָזיקן ראָמאַן, סיי פון אַנדערע ווערק זיינע, וואָס פּאַטשן אין פּנים דער פעלש־אַרבעט פון די באָלשעוויקעס, ווייל שלום עליכם האָט קלאָר געזען דעם פאַלשן און אומזיסטן וועג פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט און זיי גערופן אויפן וועג פון קאַמף פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר אַ יידישער רעוואָלוציע...

ג) דער געשטאַלטיקער פונעם אַלטן

מען פלעגט אָפט זאָגן: „ווען דאָס יידישע לעבן אין פוילן, אוק־ראַינע און ליטע וואָלט פלוצלונג אָפגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, וואָלטן מיר עס לויט די ווערק פון מענדעלע און שלום עליכם געווען געקאָנט רעקאָנסטרואירן אין אונדזער פאַרשטעלונג״.

דאָס איז געווען אַ מליצה, מיט וועלכער מיר פלעגן וועלן אונ־טערשטרייכן די קינסטלערישע שלימות פון די קלאַסישע שילדערער פונעם יידישן לעבן. אָבער איצט דערמאָנען מיר זיך מיט שוידער אָט די דאָזיקע ליטעראַרישע פראַזע אונדזערע: דאָס יידישע לעבן, וואָס האָט אָנגענומען אַזאַ קינסטלערישע געשטאַלט ביי מענדעלען און שלום עליכמען, איז טאַקע אומגעקומען — און נישט מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אין פאַרלויף פון דורות, וועלכע פאַרוואַנדלען עוואָ־לוציאָנער דאָס אַלטע אין עפּעס לחלוטין עברדיקס, נאָר מיט אַ גע־וואַלדזאַמען טויט, וואָס האָט קיין גלייכן נישט אין אונדזער מיט טויט און גוואַלד רייכער געשיכטע.

מיר קאָנען זיך מער נישט שפּילן מיטן ליטעראַרישן געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָס יידישע לעבן אין צוויי עקזעמפּלאַרן: איין מאָל אין רעאַלן לעבן, און אַ צווייטן מאָל אין די וווּנדערבאַרע קונסט־ווערק פון מענדעלע און שלום עליכם: אינעם „ווינטש־פינגערל״, אין „שלמה ר׳ חיימס״, אין „טביה דער מילכיקער״, אין „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, אין „מנחם מענדל״, אין „די קליינע מענטשעלעך״. מיר, די פאַר־שפּריצטע טראָפּנס פונעם יידישן לעבנס־ים, האָבן איצט דאָס אַלטע יידישע לעבן בלויז אין איין עקזעמפּלאַר: אין מענדעלעס און אין שלום עליכמס ווערק.

ביים 50־טן יאָרצייט פון שלום עליכמען, דעם געשטאַלטער פון אונדזער אַלטן לעבנס־שטייגער, מוזן מיר אויך פּראַווען יאָרצייט פונעם אַלטן לעבן גופא, וועמענס וווּנדערלעכער געשטאַלטער ער איז געווען. און איצט, ווען מיר זענען פאַריתומט נישט נאָר פון די געשטאַלטער פון אונדזער אַלטן לעבן גופא, ציען אונדז נאָך מער צו די געדענק־פייערונגען פון יענע גרויסע טויטע, וואָס האַלטן אויף אונדזער קאָנטאַקט מיט דער יידישער קולטור אַ דאַנק זייער לעבע־דיקער ירושה.

* * *

על־פּי־רוב איז דאָס שאַפן פון יעדן גרויסן קינסטלער איינ־געפּאַסט אין די ראַמען פון אַ געוויסער עפּאָכע, פון אַ געוויסער טע־מאַטיק. און וואָס אָרגאַנישער עס איז דער טאַלאַנט פון אַ שרייבער, אַלץ מער איז דער דאָזיקער כּלל גילטיק פאַר אים. באַזונדערס אָבער איז אָט דער כּלל גילטיק פאַר סאַטיריקער און הומאָריסטן, וואָס דער קוואַל פון זייער אינספּיראַציע איז אַ באַשטימטע פאַרגליווערטע גע־זעלשאַפט, וואָס זיי שילדערן זי און וועקן זי דורך דעם אויף צום לאַכן און צום קריטישן זעלבסטבאַוווסטזיין.

אין זיין פאָרוואָרט צו „שלמה ר׳ חיימס״ שרייבט מענדעלע וועגן צוויי מאַגנעטן, צווישן וועלכע זיין פעדער געפינט זיך: צווישן דעם אַלטן לעבנס־שטייגער און דעם נייעם. ער וויל שרייבן וועגן נייעם, אָבער עס גיט אים אַ טראָג אַוועק צום אַלטן. אַפילו ווען מענדעלע מוכר ספרים איז שוין גובר די גרויסע צוציִאונגס־קראַפט פאַר אים פונעם אַלטן, און ער נעמט זיך צו די נייע דערשיינונגען פון יידישן לעבן (ווי אין זיינע קליינע דערציילונגען „בסתר רעם״, „בימי הרעש״) קומט דאָרט אַרויס לעבעדיק אויך נאָר דאָס אַלטע.

דאָס זעלבע איז געשען מיט שלום עליכמען. דאָרט ווו ער האָט געוואָלט שילדערן וועלכע נישט איז שפּראָצונגען פון אונדזער נייער וועלט (ווי, למשל, די וועלט פון יידישע אַקטיאָרן), איז דאָס ווערק נישט געראָטן.

שלום עליכם, ווי שלום אַש, האָט זיך אָפט באַמיט נאָכצוגיין זיינע מענטשן אויף זייערע נייע וועגן פונעם שטעטל אָדער, לכל הפּחות, פונעם שטעטלשן שטייגער. אָבער סיי אין דער נייער וועלט, סיי אין די נייע לעבנס־פאָרמען זעט ער בלויז דאָס אַלטע, אָנגעטאָן אין אויסערלעכע נייע בגדים.

אין דאָזיקן פּרט איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איינע פון שלום עליכמס לעצטע אַרבעטן — זיין סעריע בילדער אונטערן אַלגעמיי־נעם נאָמען: „קאַסרילעווקער פּראָגרעס״, געשריבן אין די יאָרן 1914־1915.

עס איז נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז שלום עליכם האָט די דאָזיקע בילדער אָנגעהויבן שרייבן מיט דער כּוונה צו שילדערן קינסטלעריש דאָס נייע, וואָס ער האָט, נאָך אַ לאַנגער הפסקה, באַ־מערקט אין זיין קאַסרילעווקע.

שלום עליכם האָט באַמערקט אַן ענדערונג און ער האָט אויס־גערופן צו זיך אַליין, אַ פאַרוווּנדערטער און אַ צופרידענער: „ווו

זענען אַהינגעקומען די באַרימטע קליינע מענטשעלעך מיט די קליי־נינקע השגות?"

„אַ נייע וועלט!"

אַנשטאָט די אַלטע חברות: „מלביש ערומים", „לינת הצדק" און „הכנסת כלה", האָט ער דערזען אַ גאַנצע ריי קולטור־געזעלשאַפטן, די „הזמירים" און „יידישיסטן־העברעאיסטן". און דאָס, וואָס שלום עליכם דער מענטש האָט דערזען, האָט שלום עליכם דער קינסטלער געוואָלט געשטאַלטן. אָבער וואָס האָט זיך באַקומען? עס האָט זיך באַקומען נישט קיין „קאַסרילעווקער פּראָגרעס", נאָר „קאַסרילעווקער פּראָגרעס". די באַטאָנונג איז אַוועק פונעם פּראָגרעס צו קאַסרילעווקע. און נישט נאָר דערפאַר ווייל דאָס ניי־זיך־פּאַרמירנדיקע איז בכלל שווער אויפצוכאַפּן און שילדערן; און נישט נאָר דערפאַר, ווייל שלום עליכמס אויג איז שוואַך פאַרן דאָזיקן נייעם, וואָס איז אָן ספק דאָ און איז אָן ספק ניי און שעפעריש; נאָר דער עיקר דערפאַר, ווייל פון שלום עליכמס שאַרפן אויג, — וואָס איז אַזוי אויסגעשאַרפט פאַר אַלץ, וואָס איז אַלט, — האָט זיך נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן, אַז אונטער די אויסערלעכע בגדים פונעם נייעם, באַהאַלט זיך אויס דאָס אַלטע. ווען שלום עליכם האָט זיך געוואָלט נענטער צוקוקן מיט זיין קינסטלעריש אויג צו דער „נייער וועלט", האָט ער גאָר דערזען און דערקענט די אַלטע; אין דער נייער וועלט, ווו עס איז שוין, דאַכט זיך, נישטאָ קיין שפּור פון די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות, האָט ער ווידער אָפּגעזוכט אָט־אָ־די קליינטשיקע מענטשעלעך מיט די קליינינקע השגהלעך. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס נייע איז בלויז אַ פּורים־מאַסקאַראַד. ס'האָט זיך געביטן בלויז דער נאָמען: אַנשטאָט „ביקור־חולים" — „הזמיר", אָבער דער קאַמף פאַר גבאות איז געבליבן דער זעלבער.

די דערציילונג „שמואל שמעלקעס און זיין יובילעאום" (אַ סאַ־טירע אויף זיין, שלום עליכמס, פינף־און־צוואַנציקסטן יובילעאום) הויבט שלום עליכם אָן מיט פאָלגנדיקע סימבאָלישע שורות:

„אַלץ אויף דער וועלט ענדערט זיך, נאָר נישט די קאַסרילעווקער בלאָטע. אַזוי ווי מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, פונקט אַזוי שטייט זי אויך איצט פאַרטיפט און פאַרעקשנט — פּירט אַ שטרייט מיט די שטראַלן פון דער זון, און וויל נישט אויסטריקענען פאַר קיין געלט נישט..."

אַט־אָ־די טרויעריקע דערפֿאַרונג האָט שלום עליכם געמאַכט אויך שפּעטער, ווען ער האָט געוואָלט שילדערן דעם קאַסרילעווקער פּראָג־רעס, אַ קאַסרילעווקע אָן קליינע מענטשעלעך און אָן זייערע קליינע השגהלעך.

שלום עליכם איז בלויז דער געשטאַלטער פֿונעם אַלטן. דאָס נייע, וואָס שלאָגט זיך דורך אויף אונדזער פֿאַרוואַרלאָזט פֿעלד און איז נישט עפּעס אויסגעטראַכטס, האָט אין אים נישט געפֿונען און נישט געקאָנט געפֿינען איר געשטאַלטער. דאָס געבורט פֿונעם נייעם איז תּמיד ערנסט און דערוואַרטונגס־רייך און עס פֿאַלט בשום אופֿן נישט אַרונטער אונטער דער מאַכט פֿון הומאָריסטן און סאַטיריקער, וואָס זייער געביט איז דאָס אַלטע, וואָס דאַרף אַראָפּגעטראָגן ווערן פֿאַרן נייעם; בפֿרט ווען דאָס נייע ווערט געבוירן ביי אַזעלכע טראַגישע באַדינגונגען, ווי ביי אונדז.

שלום עליכם איז געווען בלויז דער געשטאַלטער פֿונעם אַלטן, אַפֿילו ווען עס באַהאַלט זיך אויס אונטער נייע בגדים. און דערין באַשטייט טאַקע אויך זיין ווערט פֿאַרן נייעם: ביי די ערשטע שריט פֿון קאַסרילעווקער פּראָגרעס האָט ער געשלאָגן אַלאַרם, אַז דאָס אַלטע גנבעט זיך ווידער אַריין אונטערן מאַנטל פֿונעם נייעם.

עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס די דאָזיקע פֿונקציע פֿון דעמאַסקירן דעם פּאַראַזיטעווען פֿונעם אַלטן אינעם נייעם, האָט שלום עליכם אויסגעפֿירט אין אַזאַ קליינער מאָס. דער „קאַסרילעווקער פּראָגרעס", מיט דעם טראָפּ אויפֿן ערשטן וואָרט, האָט דאָך געהערשט נישט נאָר אין די קליינשטעטלדיקע „הזמירס", נאָר ער הערשט נאָך אויך עד היום אין אונדזערע אַלטוועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אין אונדזערע גרויסע פּאַרטייען און ביי אונדזערע צוקונפֿט־בויער. און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אונדז מאַכן לאַכן איבער אונדזערע קלייניקע השגות פֿון קליינע קאַסרילעקעס אין קלײדער פֿון היפּער־פּראָגרעס.

עס איז נישטאָ ווער, ווייל שלום עליכמס אויג זעט עס נישט מער און שלום עליכמס געלעכטער קלינגט נישט מער.

כּדי זיך פֿאַרצושטעלן די גאַנצע וויכטיקייט פֿון דעמאַסקירן דאָס קאַסרילעווקישע אין אונדזער פּראָגרעס, דאָס אַלטע אין אונדזער נייעם, איז גאָר נישט נויטיק צו האָבן פֿאַרן אויג אונדזער ברייט לעבן; ס'איז גענוג געווען זיך צוצוקוקן צו אונדזערע קליינע פּליטימשע וועלטעלעך אין אַלע פֿיר קאַנטן פֿון דער וועלט. דורכגעלופֿטערט דורך די גרעסטע שטורעם־ווינטן, פֿאַרטראָגן צענער טויזנטער מיילן פֿון אונדזערע

אַלטע, ליבע, אָפּגעמעקטע קאַסרילעוקעס, האָבן מיר דאָך נישט פאַר־לוירן בעת אונדזער פליטימשאַפט זייערע הויפּט־אייגנשאַפטן (פון קליינטשיקע השגות און פונעם מנחם־מענדלשן פליען אין די הימלען), וואָס האָבן געפונען אַן אומשטערבלעכע געשטאַלטונג ביי שלום עליכמען.

וואָס פאַר אַ גרויסע שטיקער קאַסרילעווקע שלום עליכם וואָלט געווען געפונען אויך היינט אין יעדן ווינקעלע פון אונדזער לעבן. און ווי נויטיק עס וואָלט אונדז געווען זיין דיזענפעקצירנדיקער געלעכטער — זיין מילדער, פּקחותדיקער, פאַרשעמענדיקער געלעכטער !...

שותפים נאָר צום היזק

אַ היגער ייד, מר. ר. לאַנדערער, האָט אין שייכות מיטן ישראל־אַפּיל געהאָט אַ שמועס מיט צוויי יידן; האָבן זיי אים דערקלערט, אַז זיי זענען נישט פאַרפּליכטעט בייצושטייערן צום אַפּיל, ווייל זיי זענען ערשט דאָ אין לאַנד אַ 8־10 יאָר, — זיי לאָזן דאָס פאַר די עלטערע תושבים.

ווי מר. לאַנדערער שרייבט אין זיין „בריוו אין רעדאַקציע" („אויסטראַלישע יידישע נייעס"), זענען די צוויי געקומען אַהער „אָן געלט, אויף דעם חשבון פון „דזשאָינט". זיי ביידע האָבן שוין איי־גענע הייזער, ווי אויך געשעפטן".

מר. לאַנדערער רעדט וועגן צוויי יידן, אָבער מען ווייסט הי געפינען מער ווי צוויי: דאָס איז אַ קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס זאָגן זיך נישט אָפּ פון יידישן פאָלק; אדרבא, זיי נעמען אים אַריין אין שותפות, אָבער נאָר צום היזק, נישט צום ריווח...

זאָל זיך, חס ושלום, מאַכן אַ פּאָגראָם אָדער אַ גזירה, און זיי זאָלן זיין, חס ושלום, די קרבנות, וועלן זיי לויפן צום יידישן פאָלק נאָך רייזע־הוצאות, נאָך שטיצע, — זיי וועלן נישט מאַכן קיין חשבונות וויפל יאָר זיי באַטייליקן זיך שוין אין די יידישע רעטונגס־פאָנדן; זיי וועלן קומען מיט דער תקיפות פון אַן אַלטן בעל־חוב, וואָס האָט אויפן יידישן פאָלק אַ וועקסל נאָך פון מעמד הר סיני...

אָט די דאָזיקע מענטשן האַלטן דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ שותף

צו זייער היזק, — נישט, חס ושלום, צו זייער ריווח, מיט וועלכן זיי קאָנען זיך אַליין אַן עצה געבן, נאָכן „פּוש" וואָס דער „דזשאָינט" גיט זיי...

* * *

אויפן פּליטים־וועג האָט מען אָפּט געטראָפן אָט די קאַטעגאָריע יידן, וואָס זענען געקומען מאָנען ביים „דזשאָינט" לויטן אוראַלטן וועקסל פון אברהם אָבינוס צייטן. עס זענען אַפילו געווען צווישן זיי האַלבע און גאַנצע משומדים, וואָס זענען אין וולאַדיוואָסטאָק, למשל, געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ ברעקל מצה, וואָס אַ פּליט, אַ ישיבה־בחור, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און זיך דערמיט געטיילט מיט די 50־60 פּליטים, צונויפגעלאָפענע אין טעמפּן ווינקל פון וולאַדיוואָס־טאָק. אָט די פּאָר משומדים האָבן אין דער ריי אויסבאַהאַלטן די צלמ־מימלעך, מיט וועלכע זיי זענען געלאָפן אָדער גרייט געווען צו לויפן נאָך הילף צום גלח...

מען האָט אויפן לאַנגן פּליטים־וועג געטראָפן געוועזענע גבירים, וואָס האָבן געמוזט לאָזן דאָס פאַרמעגן אין פּוילן און געלעבט יאָרן אויפן חשבון פון „דזשאָינט", ד"ה אויפן חשבון פון יידישן פאָלק; זיי האָבן אָבער געהאַט אין אויסלאַנד אַ טייל פון זייער גרויסן פאַר־מעגן, — אין וויטן מזרח, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, און ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און זיי האָבן באַקומען צוריק זייער געלט, האָבן זיי זייער חוב דעם יידישן פאָלק נישט אומגעקערט, — ער איז דאָך זייער שותף נאָר צום היזק — צום ריווח נישט...

פאַראַן אָבער נאָך ערגערס. שטעלט זיך פאָר: אַן אַרבעטסלאָזער ייד זעט אַן אַנאָנס אין אַ צייטונג, אַז מען זוכט אַן אַרבעטער פון זיין פאַך. גייט ער בעטן דעם אַרבעטס־אָרט. טרעפט ער אַ יידישן פאַברי־קאַנט. איז זיין שמחה גרויס: ער וועט זיכער באַקומען אַרבעט. אָבער מען גיסט אים אָפּ מיט אַ קאַלטן שעפל וואַסער. צונעמען אַ יידישן אַרבעטער, — זאָגט דער פאַבריקאַנט, — איז אַ גרויסע אחריות, נעם איך בעסער צו קריסטלעכע...

ווען אַ קריסט ענטפערט אַזוי אַ יידישן אַרבעטער, וואָלטן מיר געשטורעמט. און ס'איז דאָך טאַקע אַ סקאַנדאַל: פאַרוואָס זאָל אַ יידי־שער אַרבעטער נישט האָבן דעם זעלבן זכות וואָס אַ קריסטלעכער? אָבער ווען אַ ייד דיסקרימינירט קעגן אַ יידישן אַרבעטער, איז דאָך

דאָס טויזנט מאָל סקאַנדאַליעזער! וואָס ער שעמט זיך נישט אַפילו צו זאָגן דאָס אָפן, וואָס ער באַהאַלט עס נישט אויס אַפילו אונטער אַ מאַסקע פון אַ תירוץ, איז נאָך אַ צוגאָב־סקאַנדאַל: די יידישקייט פון אַרבעטער איז גאָר ביי אַ ייד אַ חסרון!

און מען מורמלט שוין זייט יאָרן אַז עס זענען דאָ מערערע יידישע פאַבריקאַנטן, וואָס זענען אָפגעהיט נישט צו נעמען אויף זיך די אחריות צו באַשעפטיקן יידן, זיי נעמען בעסער צו דייטשן, לאַטישן, ליטווינער, פּאָליאַקן, אַבי נישט יידן.

אונדזער נישט פלינקע ליטעראַטור אַפילו האָט זיך שוין אָפּ־געררופן אויף דער דאָזיקער דערשיינונג נישט נאָר מיט פובליציסטי־שע אָפּהאַנדלונגען, נאָר אויך מיט דערציילונגען.

און די דאָזיקע שרעקלעכע פאַקטן זענען נישט נאָר געשען אין אורוגוויי אָדער אַרגענטינע, — איר וועט זיי געפינען אומעטום — אויך ביי אונדז. אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר האָט מען דאָ שוין געהערט וועגן אַ סך אַזעלכע פאַקטן, אָבער קיין גרויסן שטורעם האָבן זיי נישט אַרויסגערופן, — מיר האָבן שוין, ווייזט אויס, שלום געמאַכט מיטן פאַקט, אַז עס זענען דאָ יידן, וואָס זענען שותפים צו דיסקרימינאַציע קעגן יידן. און אָט די שטילקייט אַרום דעם, אָט דער שלום־מאַכן מיט דעם יאָגט אָן אַן אימה, נאָך מער ווי די פאַקטן גופא...

זאָל נאָר אַזאַ ייד, וואָס וויל נישט צונעמען קיין יידישן אַרבע־טער, ווערן אויס קאַפּעליוש־מאַכער צוליב אַנטיסעמיטישע סיבות און ער וועט אויפהערן צו דיסקרימינירן קעגן יידן און ער וועט דעם יידישן פאָלק פּרעזענטירן דעם חשבון פון זיין היזק... ער וועט פאָ־דערן מאָראַלישע און אין אַ נויטפאַל אויך מאַטעריעלע הילף... און דאָס יידישע פאָלק וועט צאָלן, ווי עס האָט געצאָלט אין די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן שוין לאַנג געהאַט איבער־געריסן דעם פאַרמעלן צוזאַמענבונד מיט יידן (למשל, אין שאַנכיי).

געוויס, אָט די שותפים צום היזק מאַכן אויס, צום גליק, אַ קליינעם חלק פון פאָלק, אָבער פיינלעכע סימנים זענען דאָס, און זיי זאָגן נישט אָן קיין גוטס פאַרן יידישן פאָלק. דאָס פּינטעלע ייד, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער יידישער קעגנזייטיקער הילף, אָט די מעכטיקע באַזע, אויף וועלכער עס איז געבויט דאָס יידישע לעבן, דאָס יידישע איבערלעבן, פלעמלט נישט מער אין יעדן יידישן האַרץ, — עס לעשט זיך, שונאי ציון, ביסלעכוויז אויס.

דאָס איז אַ קלעפּיקע קראַנקהייט, און יעדע קלעפּיקע קראַנקהייט האָט אַ טענדענץ זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן עפּידעמיע, אויב מען באַקעמפט זי נישט... און דעריבער באַאומרואיקן אַזוי די איינצלנע קראַנקהייט־פאַלן, וואָס ווערן באַגעגנט מיט שטילשווייגן... מיט אַזאַ זעלבסטמערדערישער אַפּאַטיע...

די גיפטיקע פרוכט פון זעלבסטהאַס אָדער על טהרת הקלאַסנקאַמף...

איך האָב די וואָך באַקומען פון בוענאָס איירעס די צייטונג פון אחדות־העבודה־פועלי־ציון. האָב איך דאָרט געפונען אַ טשעקאַוון אָפּענעם בריוו צום „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן". דעם בריוו האָט געשריבן מ. לערמאַן, גענעראַל־סעקרעטאַר פון אחדות־העבודה־פועלי־ציון אין פראַנקרייך, און רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־וואָרט" אין פּאַריז.

מ. לערמאַן האָט זיך באַטייליקט אין די „פייערונגען" צום 20־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זייער אַ סך אַנטיילנעמער אין די דאָזיקע „פייערונגען" האָבן אָפּגעגעבן פון זיי טרויעריקע גרוסן, ווי אַזוי מען האָט דאָרט געפעלשט דעם היסטאָרישן אמת, פאַרשווייגנדיק פון איין זייט זייער אַ סך פון די יידישע צרות וואָס עס האָבן זיי אָנגעטאָן סיי דייטשן, סיי פּאָליאַקן, און אויסטראַכטנדיק פון דער צווייטער זייט נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע הילף, וואָס פּאָליאַקן זאָלן כלומרשט האָבן געגעבן דעם קעמפנדיקן געטאָ, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם זענען די וואַרשעווער „פייערונגען" דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּאַריזער „אחדות־העבודה" יאָ געפעלן געוואָרן. אָבער אין זיין „אָפּענעם בריוו" דעקט ער אויף אַ געמיינקייט, וואָס אַ סך אַנדערע האָבן פאַרשוויגן אָדער נישט דערזען. („דעם עלעפאַנט", ווי קרילאָוו זאָגט, „האָבן זיי נישט באַמערקט").

מ. לערמאַן האָט טענות צום „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד" פאַרוואָס דער יידישער מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע האָט געשטעלט מ. מירסקיס אַ פּיעסע „דער חשבון", — אַ פּיעסע, וואָס

האָט די פאָרשטייער פון דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, איינגעלאַדענע צו די פייערלעכקייטן (פאַר זיי האָבן נישט אויסגע־פעלט קיין וויזעס און קיין האָטעל־צימערן, ווי פאַר נישט־קאָמוניס־טישע יידן...) געוויזן נישט וואָס די דייטשן און די פּאָליאַקן האָבן אָפּגעטאָן, נאָר וואָס די... יידן האָבן אָפּגעטאָן. די פּיעסע „דער חשבון", ווייזט זיך אַרויס, איז נישט קיין חשבון פון יידישן מאַרטי־רערטום און נישט קיין „חשבון" פון יידישער גבורה, ווי ס'וואָלט גע־פּאַסט פאַר „פייערונגען" לכבוד דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, — נאָר זי איז גאָר אַ חשבון פון יידישער געמיינקייט, אַ חשבון פון מסירה און שפּיאָנאַזש פון... יידן קעגן יידן.

אַז עס האָבן נישט געפעלט אין יענע באַדינגונגען קיין שענד־לעכע מעשים פון יידן קעגן יידן, וועט קיינער נישט לייקענען. קיין איין פאָלק באַשטייט נישט פון בלויז מלאכים; און אין יענע באַדינ־גונגען האָבן יידן געמוזט זיין כמעט מלאכים, כדי צו בלייבן מענטשן. און היסטאָריקער דאַרפן די שלעכטע מעשים נישט פאַרשווייגן. אַלץ דאַרף באַוווסט און געפאָרשט ווערן; פון אַלץ דאַרף מען אַרויסציען מוסר השכל, — מען דאַרף נישט פאַרשענערן און אויסבאַהאַלטן, מען דאַרף נישט אידעאַליזירן.

אָבער קונסט איז נישט קיין היסטאָריע, — קונסט דאַרף געבן דעם עיקר, דאָס סימבאָלישע, דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַ תקופה, ווי פון אַ מענטשן, פון אַ פאָלק ווי פון אַ יחיד.

אַפילו ווען עס זאָל ערגעץ־ווו האָבן עקזיסטירט אַזאַ „יודענ־ראַט", ווי מ. מירסקיס „חשבון" ווייזט, איז ער נישט כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער חורבן־עפּאָכע, פּונקט ווי אַ גוטער פּאָליאַק און אַ גוטער דייטש אַפילו זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער חורבן־תקופה. מען דאַרף די דאָזיקע פאַקטן נישט פאַרשווייגן אין דער געשיכטע, אָבער דער וואָס שרייבט אַ דראַמע, ווו עס ווערן געוויזן אַלע איינצלנע גוטע דייטשן, איז אַ פעלשער פון דער געשיכטע; פּונקט אַזוי דאַרף מען נישט פאַרשווייגן די מעשים רעים פון יידן און יידנראַטן, אָבער דער וואָס נעמט צונויף אין אַ דראַמע (און נאָך לכבוד פייערונגען צום 20־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ) נאָר יידישע פּאָליציאַנטן, נאָר יידישע מוסרים, נאָר נידערטרעכטיקע יידנראַטלער, ווי דאָס ווייזט אויף מ. לערמאַן אין זיין אָפּענעם בריוו, — וויל שאַפן און שאַפט אַ פאַלש בילד און באַהאַלט אויס דעם אמת. צוליב וואָס? אין דאָזיקן פאַל כדי נישט

צו דערצערענען די פּאָליאַקן און די דייטשישע געסט, און טאַקע כּדי די דאָזיקע געסט צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן מיט ווייזן זיי נאָר יידישע אויסוואורפֿן.

מ. לערמאַן האָט טענות צו מירסקיס פּיעסע, וואָס „אַנטוויקלט במשך פֿון דער גאַנצער פֿאָרשטעלונג די אַקציע פֿון מסירה און שפּיאָנאַזש" (פֿון יידן. — י. ר.); פֿאַרוואָס, — פֿרעגט מ. לערמאַן מיט רעכט, — האָט דער דייטש, וואָס איז געזעסן אויפֿן באַלקאָן, נישט געזען אויף דער בינע קיין איין ס.ס.-מאַן, קיין איין געסטאַפּאָ-מענטש, קיין איין דייטשישן מערדער, נאָר בלויז יידישע מוסרים און יידישע פּאָליציאַנטן?"

איך ווייס נישט צי מ. לערמאַן קען פּערזענלעך דעם פֿאַרוואָרצלטן סטאַליניסט מ. מירסקי, וואָס כּדי צו באַשמוצן יידן על טהרת הקלאַסנקאַמף והסטאַליניזם, איז ער גרייט אַפֿילו צו ווערן פֿלוצלונג אַ דראַמאַטורג...

דערוואַרטן פֿון מירסקין ער זאָל אַרויסברענגען אויף אַ פֿאָלקס-דעמאָקראַטישער בינע דעם וואַרשעווער יידנראַטלער טשערניאַקאָוו אָדער דעם ווילנער יידנראַטלער פּנחס קאָן און זיינע חברים, — איז שוין צו באַאיוו...

פֿאַר די דייטשן, איבער וועמען אולבריכט איז באַלעבאָס, וועט ער נישט ווייזן קיין געסטאַפּאָוויעץ, קיין איין אייכמאַן; פֿאַר די פּאָליאַקן וועט ער אויך נישט אַרויסברענגען אויף דער יידישער בינע קיין איין פּוילישן אויסוואורף; ער וועט נישט ווייזן קיין איין פּאָליאַק וואָס האָט זיך געשמאָלצן פֿון נחת וואָס די זשידקעס „פּרעגלען" זיך; אָבער פֿאַר די יידן? דאָ קאָן ער זיך פֿאַנאַנדערלאָזן, ווייל אין גרונט גענומען איז ער בלויז אַ מה-יפית-יידעלע פֿון לינקס, על טהרת הקלאַסנקאַמף.

מ. לערמאַן האָט אין זיין אָפֿענעם בריוו אַ טענה אויך צו אידאַ קאַמינסקאַ: „פֿאַרוואָס האָט איר מסכּים געווען אויסצופֿירן אַ טעאַטער-פּיעסע, וואָס ברענגט נישט קיין כּבוד, נישט דעם יידישן טעאַטער און נישט דעם יידישן פֿאָלק?"1

אַז מען קומט מיט טענות צו די דייטשן, פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, ענטפֿערן זיי מיט אומשולד-אויפֿגעבראַכטקייט: „מיר האָבן באַצאָלט!"

ווען אידאַ קאַמינסקאַ וואָלט געקומען צו מירסקין מיט טענות קעגן דער פּיעסע (סוף-כּל-סוף האָט ער די דעה איבער איר, ווי

אַנדערע האָבן די דעה איבער אים) וואָלט ער איר געזאָגט דאָס זעלבע: „מיר באַצאָלן!״

אויב זי איז אַ לייטערין פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן, מוז זי פאָלגן וואָס עס זאָגן די, וואָס שטייען אויף די אויבערשטע שטאַפּלען פון לייטער, איבער דער לייטערין...

* * *

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט לאָמיר שוין זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ היגן „חשבון״, וואָס ליגט מיר שוין חדשים לאַנג אויפן האַרצן, — שוין צייט זיך אַביסל אָראָפּצורײדן פון האַרצן...

מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק האָב איך באַקומען פון אַ היגן שרייבער, י. מ. לעווין, אַ בוך לידער און פּאָעמעס א״נ „טריבע הימלען״.

אין אַ געוויסן זין איז י. מ. לעווינס בוך אַ שטיקל מערקווירדיקע דערשיינונג. אין די יאָרן, ווען אַנדערע דיכטער גייען איבער צו פּראָזע, האָט י. מ. לעווין אָנגעהויבן צו דיכטן, בכלל צו שרייבן.

דאָס באַווייזט אַן איבעריקן מאָל, אַז דיכטונג איז נישט קיין לוקסוס, נאָר אַ נויטווענדיקייט. ווען דער מענטש געפינט זיך אין תהום און דער הימל ליגט פּאַר אים אויף דער ערד, רייסט ער זיך ממעמקים, זיין נשמה וויינט אַרויס פון דער טיפעניש, זי שרייט און בענקט נאָך אַן ענטפער, נאָך אַ טרייסט.

אין אַזאַ פאַל פאַרמאָגט דאָס שוואַכסטע ליד אַ ריינעם וואָרצל, אַ דערהויבענעם ניצוץ.

און הגם י. מ. לעווינס לידער זענען מערסטנטיילס נענטער צו פּראָזע ווי צו דיכטונג, נענטער צו געשרייען ווי צו געזאַנג, דאָך קאָן מען זיין שאַפן נישט אָוועקמאַכן איגאַנצן מיט דער האַנט: מען געפינט אין זיין בוך אַפּטע שפּורן פון עפּעס, וואָס איז פאַרקרובהט מיט דיכטונג, נישט נאָר לויט דער נשמה אירער, נאָר אַפילו אויך לויטן גוף פון דיכטונג. ער ווייזט אַרויס פיל מאָל נישט נאָר שרייב־פעאיקייטן, נאָר דאָ און דאָרט אַפילו אויך טאַלאַנט, וואָס דאַרף זיך נאָך אַנטוויקלען און רייף ווערן.

אָבער איין שטיקל חשבון האָב איך מיטן מחבר, — אַ שטיקל חשבון, וואָס איז ענלעך אויף מ. לערמאַנס חשבון מיט מ. מירסקיס „חשבון״.

י. מ. לעווינס בוך האָט אַ ליד וואָס הייסט „וויבראַניעץ יאַן״.

דאָס איז אַן אַרבעטער, וואָס אַרבעט ביי דער באַן; ער גיט צייכנס מיט אַ פּענדל דעם מאַשיניסט אַז ער קאָן פאָרן — דער פּלאַנט איז פריי.

דער דאָזיקער אַרבעטער באַמערקט אַז עס גייען עפּעס מאָדנע באַנען, אָנגעפּאַקטע מיט פון הונגער געשוואָלענע יידן — אַלטע לייט, פרויען און קינדער.

גייט דער אַרבעטער אַוועק און גיט צווויסן דעם „עלטסטן פון די יידן".

ער האָט דעם וויבראַניעץ

„אויפגענומען קאַלט, דער הינטישער בראַט, —
„וואָס — איר זאָגט: טרעבלינקע!... טויטן־לאַגער...
געהערט פון מאַשיניסט?...
„כ'וויס... מ'וועט אויספאָרשן".

ווען דער אַרבעטער וויבראַניעץ קומט אַהיים, טרעפט ער שוין דאָרט געסטאַפּאָווצעס — דער עלטסטער פון די יידן האָט אים געמסרט — פאַר ווען אַ טובה טאָן יידן...

טראַכט איך שוין כמעט אַ יאָר צייט: אויב עס איז אַפילו געווען אַזאַ מאָוימדיקער פאַל (און וואָס איך ספק שטאַרק), איז דאָך דאָס אָבער פון ברייטן געשיכטלעכן אמת פאַלש, בפרט פון סימבאָלישן שטאַנדפּונקט פון קונסט, — פון דיכטונג.

צי איז טאַקע יעדער פּוילישער אַרבעטער געווען אַ וויבראַניעץ? איז טאַקע יעדער יידישער יודנראַט־פּרעזעס געווען אַ מסור, אַ משרת פון געסטאַפּאָ?

איך רעד שוין נישט פון דער אויספירונג פון אָט דער פּאָעמע, — די ביליקייט פון דער טעמאַטיק אַליין שמעקט מיט על טהרת הקלאַנסקאַמף... אויב אַן אַרבעטער, איז ער אַ וויבראַניעץ, אַן אויס־דערוויילטער; אויב אַ בורזשואַז יידל פון יודנראַט, איז ער אַ ממזרוק...

אַזאַ „שאַפן" ווייזט דעם גרויזאַמסטן פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע אין אַ פאַלשער פּערספּעקטיוו. די טעמאַטיק — אַחוץ דער אויספירונג, — איז ריינער שונד — לינקיסטישער שונד, וואָס ווייזט די געשיכטע פון אַ פאַרשניטן פאָלק אין אַ קרומען שפּיגל...

דאָס איז שוין נישט קיין דיכטונג, נאָר אַן אַנטי־יידישער פּאַמ־פלעט, ווייל דיכטונג גיט דאָס גאַנצע אין אַ פּרט, און דאָ ווערט גע־געבן אין בעסטן פאַל דער פּרט ווי אַ גאַנצעס...

אַ סטימולירנדיק און דענערווירנדיק בוך

אברהם גאָלאָמב: „אויף די וועגן פון קיום" (עסייען), אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט. בוענאָס איירעס, 1959, 326 זייטן.

אברהם גאָלאָמב איז איינער פון אונדזערע מאָנאָגאַמיסטישע שרייבער: ער איז פאַרקנסט צו איין־איינציקער טעמע מיט זעלטע־נער טריישאַפט.

זיין טעמע איז: אומקום און קיום פון יידישקייט. ער גייט צו צו זיין דאָזיקער טעמע נישט תמיד דירעקט, אָבער תמיד געפינט ער זי און ער וואַרפט זיך אויף איר מיט ליידנשאַפט, מיט ליבע, מיט כמעט היסטערישן אימפעט.

אָט די טעמע איז ביי אים נישט קיין מאָדע, ווי ביי אַ סך מאָ־דערנע „אהבת ישראלניקעס", נאָר ער איז בוכשטעבלעך באַזעסן דורך איר. מיט וועלכע וועגן ער זאָל נישט נעמען גיין, טרעפט ער זי אָן, קומט ער צו איר, צו זיין אויסגעוויי̇טיקטער געליבטער טעמע.

אברהם גאָלאָמבס אַרט שרייבן פאַרמאָגט עפּעס אין זיך פון אַן אַלטן ספר: נישט נאָר זיינע געדאַנקען וואָרצלען טיף אינעם אַלטן יידנטום, נאָר אויך זייער סטיל־פורעם. זיין שרייבן האָט עפּעס אין זיך פון אַן אַלטן מוסר־ספר, פון גוטער מגידות. מען זעט אַז עס גייט אים מער אינעם ענין, וואָס ער באַהאַנדלט, ווי אינעם שריפט־שטעלערישן דערגרייכן. דעריבער חזרט ער זיך אָן אַ שיעור מאָל איבער נישט נאָר פון אַרטיקל צו אַרטיקל, נאָר אויך אין יעדן איי־נעם אַרטיקל. אומעטום די זעלבע פאַרגלייכן, די זעלבע ציטאַטן, די זעלבע ווערטער (ווייל סוף־כל־סוף איז דאָך דאָס איין טעמע); מיטן וואָרט „עגאָפאָביע" (זעלבסטהאָס) איז גאָר אַ סכנה: אַז עס גייען פאַרביי אַ פּאָר זייטלעך און איר באַגעגנט נישט אייער דאָזיקן באַ־קאַנטן, ווערט איר אומרואיק, ווי אַז איר זעט נישט אַ טאָג אַ גאָר נאָענטן פריינד.

אינעם אַרטיקל „נצח ישראל" („וועגן איביקייט בכלל") וויל גאָלאָמב באַווייזן, אַז עס איז נישטאָ קיין אינדיווידועלע איביקייט, נאָר כלל־איביקייט. ברענגט ער ביישפילן — און שיינע ביישפילן — פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, וועלכע גאָלאָמב קען אַזוי גוט, אָבער אָנשטאָט דאָס זאָל זיין אַן אילוסטרירנדיקער טייל פון זיין מאָנאָ־

גאַמער טעמע (יידישקייט און קיום פון יידישקייט) צעוואַקסט ער זיך אַזוי, אַז דאָס ווערט כמעט אַ זאַך פאַר זיך און מען פאַרגעסט צייטנ־ווייז וועגן וואָס עס גייט.

מיט איין וואָרט: גאַלאָמב איז מער אַ פּרעדיקער ווי אַ שרייבער, און ער ווערט אַזוי פאַרכאַפּט דורכן שטראָם פון זיין וואָרט, פון זיין פאַרלאַנג צו דערלאַנגען דעם צוהערער „איבערן קאָפּ". ער זאָל זיך אונטערגעבן, אַז ער פאַרכלינעט זיך אַזש ביזן זאָגן: „ער איינער (דאָס הייסט: איין פאָלק, דאָס יידישע פאָלק. — י. ר.) וואַנדערט אַזוי איבער וועלטן, איבער לענדער, איבער פעלקער". מילא, איבער לענדער קאָן אַ פאָלק וואַנדערן, אָבער ווי אַזוי קאָן עס וואַנדערן איבער וועלטן(?!) און איבער פעלקער? אָבער אין רויש פון פּרעדיקנדיקער מליצה קאָן מען אַ סך זאָכן, וואָס אַ נאָרמאַלער שרייבער קאָן נישט און טאָר נישט קאָנען...

אָט די פילוואָרטיקייט, די שפע פון פאַרגלייכן אָנשטאָט בלויז אַ פּאָר, אָט די שפע פון ציטאַטן און פסוקים, וואָס חזרן זיך איבער כמעט אין יעדן אַרטיקל (די טעמע איז דאָך אַ מאָנאָגאַמע), דאָס אַלץ זענען גאַלאָמבס גרעסטע שונאים, ווי אַ שרייבער. ער האָט אַ ים וויסן, אָן אַ שיעור שיינע סטימולירנדיקע ציטאַטן, אילומינירנדיקע פאַרגלייכן, און דאָס אַלץ ציט צו, באַגייסטערט, סטימולירט, בפרט די יעניקע, ווי איך, וואָס האַלטן מיט גאַלאָמבס ציל, מיט אַ גרויסער טייל פון זיינע געדאַנקען און מיט גאַלאָמבס עיקרדיקן געדאַנקענגאַנג, אָבער די צרה איז וואָס צופיל איז נישט געזונט. דעם לייענער ווערט שווער צו לייענען, ער ווערט דענערווירט, דעזאָריענטירט, פּשוט מיד. און גאַלאָמב פאַרפעלט זיין וויכטיקן ציל פון צופיל אייפער.

אָט ווערט דער לייענער אָנגעצונדן מיט גאַלאָמבס העכסט־גע־לונגענער פאָרמולירונג פון זיין עיקר־אידייע, אַז דאָס יידנטום איז נישט אין וואָרט־שיינקייט, נאָר אין מעשים: ער זאָגט אַז דאָס יידנטום איז אַן אייביקער פּראָצעס פון מתן תורה און קבלת התורה. אָבער ווען דער לייענער טרעפט עס עטלעכע מאָל, הויבט ער זיך אָן צו דענערווירן: צו וואָס דאַרף מען אַזאַ קלאָרע פאָרמולירונג אַזוי פיל מאָל פאָרמולירן?

נאָך ערגער איז ווען פון גרויס אימפעט ביים פּרעדיקן, פאַר־פּלאָנטערט זיך גאַלאָמב אין אומגליקלעכע באַהויפּטונגען, וואָס נישט נאָר זיי זענען אָביעקטיוו נישט ריכטיק, נאָר ער גופא ווייזט אַליין אָן אַז זיי זענען נישט ריכטיק.

אויף זייט 72 שרייבט גאָלאָמב: „נישט געווען ביי יידן קיין פּריצים און פּויערים, קיין 'פאָלק' און אַריסטאָקראַטיע". מען דער־פילט גלייך, אַז דאָ ווערט צופיל אידעאַליזירט, לויטן שטייגער פון אַ פרעדיקער; אָבער ווען איר קומט אַ ביסל שפּעטער צו צו זייט 88, לייענט איר: „דאָס פּשוטע פאָלק פאַרשטייט נישט דאָס לשון, אָבער די אַריסטאָקראַטיע פאַרשטייט שוין יאָ". איז דאָך אויב אַזוי יאָ געווען ביי יידן אַ „פאָלק" און אַריסטאָקראַטיע, פּויערים און פּריצים (און נישט נאָר אינעם אַמאָל, נאָר תמיד), דאָס ווייסן מיר פון די נביאים, פון נחמיהס האַרצרייסנדיקע קאַפּיטלען וועגן דעם פאָלקס פאַרקויפטע זין און טעכטער צו די האַרן...

אָבער צו וואָס איז נויטיק אַזאַ איבערגעטריבענע, מליצהדיקע אידעאַליזאַציע? די וואָס לייענען אַ בוך אויפמערקזאַם פאַרלירן דעם צוטרוי צו אַזאַ אַרט שרייבן, וואָס היט נישט די אייגענע טריט.

עס וועט אָבער זיין פאַלש צו מאַכן דערפון דעם אויספיר, אַז אָט די פעלערן — ווי שווער זיי זאָלן נישט זיין — זענען דאָס כאַ־ראַקטעריסטישסטע פאַר גאָלאָמבס בוך עסייען.

אין בוך זענען דאָ הונדערטער טרעפלעכע פאָרמולירונגען און געדאַנקען, ליידנשאַפטלעכע ראַנגלענישן פאַר אַ טיפערן באַנעם פון יידישקייט און אַ טיפערע פּראַקטיצירונג פון יידישקייט.

בלויז צוויי אַזעלכע אָריגינעלע און טיפע אַרטיקלען ווי 1) „עם־הארצים און גראָבע יונגען" און 2) „עס פעלן אונדז בטלנים" זענען גענוג צו ראַטעווען אַ בוך, הגם זיי זענען אויך נישט פריי פון גאָ־לאָמבס אויבן אָנגעוויזענע פעלערן (אגב: זיי מוזן זיין אין זיינע אַר־טיקלען, ווייל פונקט ווי די מעלות זיינע זענען ספּאָנטאַן, אָרגאַניש, אַזוי זענען זיינע פעלערן). ביים לייענען גאָלאָמבס טיפע און פּלאַס־טישע כאַראַקטעריסטיק פון די היינטיקע גראָבע יונגען אונדזערע, וואָס זענען אַזוי נישט יידיש (אין קעגנזאַץ צו די אַמאָליקע פיינע יידישלעכע עם־הארצים), זעט מען פאַר זיך ווי לעבעדיק אַזויפיל טיפּן פון אונדזער פּסוידאָ־אינטעליגענץ און אונדזערע פּסוידאָ־כלל־טוער, וואָס האָבן פיינט יידן און יידישקייט און די יידישע שפּראַכן, ווייל זיי ווילן אַנטלויפן פון דעם און דאָס יאָגט זיי נאָך, ווייל זיי זענען פאָרט דן לויטן אָפּשטאַם, און די אָנמעכטיקייט צו אַנטלויפן פון זייער יידישקייט־„אומגליק" פאַרוואַנדלט זיך ביי זיי אין שנאה.

גאָלאָמבס בוך וואָלט גיכער געווען באַדאַרפט הייסן: „אויף די וועגן פון אומקום", ווייל גאָלאָמב איז שטאַרק אָפט ממש צעשמע־

טערנדיק ביים שילדערן אונדזער גייסטיקע צעבראָכנקייט, אונדזער פּאָלקישע צעשטויבטקייט, אויסגעליידיקטקייט פון קולטור; ער איז אַ סך שוואַכער ביים אָנווייזן וואָס מיר דאַרפן קאָנקרעט טאָן אויף צו גיין אויף די וועגן פון קיום.

און אַזוי איז נאָרמאַל: פריער מוז קומען די וואָרענונג פאַרן פאַלשן וועג אויף וועלכן מען גייט, און ערשט דאַן קאָן מען ערנסט נעמען זוכן דעם ריכטיקן וועג. און אַז דער וועג, מיט וועלכן מיר גייען איצט, איז פאַלש און געפערלעך, באַווייזט גאָלאָמב געבוג אי־בערצייגנדיק, מיט דער קראַפט פון אַ דובנער מגיד.

וואָס איז אָבער פאַקט דער עיקר פון גאָלאָמבס ליידנשאַפטלעכן פרעדיקן אין זיין בוך, אין זיין שרייבן בכלל?

די צענטראַלע פּראָבלעם אין גאָלאָמבס געדאַנקענגאַנג איז נישט גאולת ארץ־ישראל, נאָר גאולת ישראל, ווייל דער גאַנצער אומגליק פון יידישן פאָלק איז נישט דאָס, וואָס עס האָט פאַרלאָזן ארץ־ישראל, נאָר ווייל עס האָט פיינט זיך גופא. פון תמיד אָן — נאָך פון די צייטן פון אונדזער זעלבשטענדיקייט — ווילן מיר, אַלס פאָלק, אַנטרינען פון אונדזער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אייגנאַרט, ווי דאָס איז צו זען פונעם כסדרדיקן קאַמף פון די אמתע נביאים קעגן די פאַלשע און קעגן פאָלק.

און דער ווייטערדיקער פונקט פון גאָלאָמבס באַליבטן געדאַנקענ־גאַנג איז זיין געדאַנק, אַז יידישקייט, עכטע יידישקייט, איז תמיד אַריינגעבראַכט געוואָרן פון גלות קיין ארץ־ישראל (ווי פון בבל אַמאָל און פון פוילן אין אונדזער צייט).

דאָ הויבט זיך אָן דער אויפמערקזאַמער לייענער צו מתווכח זיין מיטן מחבר: אויב דאָס אַנטלויפן פון זייער אייגנאַרט איז ביי יידן נישט נאָר אַ צווייטע נאַטור, נאָר כמעט ווי אַן ערשטע (און אַזוי קומט אויס לויט גאָלאָמבן), טאָ פאַרוואָס קולטווירן זיי עכטע יידיש־קייט אין גלות? דאַכט זיך אַז דער גלות איז דאָס פּאַסיקסטע אָרט אויף אַנטלויפן פון זיך?

דערויף האָט א. גאָלאָמב אַ שטיקל תירוץ: די פרושים האָבן פאַרבונדן דעם יידישן יחיד מיט גאָט, אָבער אים אָפּגעריסן פון פאָלק; יידן האָבן אין גלות אויפגעבויט דעם מלכות שדי, אָבער נישט געקלאָמערט זיך אין גאולת ישראל; „כל זמן, — דראָט גאָ־לאָמב, — אמונת ישראל וועט נישט זיין ישראל אַליין, וועט קיין גאולה נישט זיין". דאָס הייסט, כל־זמן דאָס פאָלק ישראל ווערט

נישט דעאיפיצירט, קאָן ישראל נישט געבויט ווערן. יידן האָבן גע־דינט גאָט, „און אים איינגעהיט", אָבער צום פאָלק האָט מען נישט געדינט „און אים נישט אויפגעבויט". מיר האָבן, הייסט עס, געבויט אונדזער יידישן מלכות שמים, אָבער נישט קיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן מלכות ישראל.

„כדי צו ברענגען די גאולה פאַר כל ישראל, — זאָגט גאָלאָמב, — דאַרף מען די זעלביקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרזיכיקייט (וואָס איז איצט געבויט געוואָרן אין ישראל. — י. ר.) בויען אומעטום, אין אַלע יידישע ישובים און קיבוצים — יידישע דערפער, יידישע שטעט, יידישע ראַיאָנען און אומעטום מיט דער כוונה און מיט דעם לשם יחוד פון אמונה אין ישראל (ד"ה אין פאָלק ישראל. — י. ר.) אין זיין אַנדערשקייט און אין דער קדושה פון זיין אַנדערשקייט".

איז ערשטנס ווי באַקומט מען דערויף די הסכמה פון יידישן פאָלק, וואָס פון ששת ימי בראשית אַנטלויפט עס פון זיין אַנדערש־קייט, און צווייטנס ווי באַקומט מען דערויף די הסכמה פון אַלע פעלקער, ווו מיר דאַרפן בויען אייגענע שטעט און ראַיאָנען...

ווען גאָלאָמב קריטיקירט די יידישע אַסימילאַציע איז ער שטאַרק און מגידותדיק־שיין־באַרעדעוודיק, אָבער ווען ער הויבט אָן טעאָרע־טיש צו גרונטפעסטיקן זיין שיטה, פאַרפלאָנטערט ער זיך אין סתירות און אין אויסוועגלאָזע וועגן.

ווי דאָס טרעפט מיט גאָר אַ סך פּרעדיקער.

גאָלאָמב איז בלי־ספק אַ דענקער, אָבער פון איינצלנע געדאַנ־קען, נישט פון אַ געשלאָסענער היסטאָריאָזאָפישער סיסטעם פון אַזאַ קאָמפּליצירטן פאָלק ווי דאָס יידישע און פון אַזאַ קאָמפּליצירטער גע־שיכטע ווי די יידישע.

נאָך אַ ביישפּיל דערויף: אויף איין שטעלע זאָגט גאָלאָמב, אַז מיר וואָלטן וועלן וואָלטן מיר געווען געשאַפן אַ גרויסע אימפּעריע ווי די אַנדערע האָבן דאָס געטאָן; אָבער אויף זייט 204 זאָגט ער שוין ריכטיקער: „וואָלטן מיר געקאָנט (באַנוצן די פויסט. — י. ר.) וואָלטן מיר נישט געווען בעסער פון אַנדערע. האָט דוד המלך, ווען ער האָט געקאָנט, געשטרעבט צו אַ גרויסער אימפּעריע, האָבן דאָס געפּרוווט טאָן אין זייער צייט די חשמונאים, באשר מיר זענען אַלעמאָל געווען שוואַך"...

ריכטיק איז, אַז מיר האָבן געשאַפן די ערשטע — און כמעט די איינציקע — גייסטיקע אימפּעריע אין דער וועלט, אָבער צי דער־

פאַר ווייל מיר זענען געווען גייסטיק שטאַרקער פאַר די אַנדערע אָדער דערפאַר ווייל מיר זענען געווען פיזיש שוואַכער פאַר די אַנ־דערע, און צוליב אונדזער פיזישער שוואַכקייט איז אונדזער איינגע־בוירענע גרויסקייט פאַרגייסטיקט געוואָרן, סובלימירט געוואָרן?...

ווען גאָלאָמב האָט נישט צו טאָן דירעקט מיט יידישקייט־פּראָב־לעמען און מיט אַ געדאַנקען־סיסטעם; ווען ער פאַרנעמט זיך מיט סתם־שיינע איינצלנע געדאַנקען, איז ער צום בעסטן, הגם ער איז זייער גוט אויך אין די יידישקייט־פּראָבלעמען; למשל, ווען ער גיט אַ זאָג אויף זייט 234: „דער מענטש וואָס האָט אין זיין קינדהייט נישט געהאַט קיין גאָט אין הימל, וועט זעלטן אין זיין דערוואַקסנקייט האָבן אַ גאָט אין האַרצן", איז ער טיף און שיין; אָדער ווען ער רעדט וועגן רעליגיעזן געפיל ביים איבערלעבן נאַטור־דערשיינונגען און ער זאָגט: „...עס איז בפירוש אַ רחמנות אויף די מענטשן, וואָס האָבן נישט אַנט־וויקלט דעם חוש, — אַ רחמנות אויף זיי און אין זיי איז אַ סכנה פאַר דער מענטשהייט"; ביי אַזעלכע צאָלרייכע שטעלן איז גאָלאָמב אי טיף, אי שיין, אי קרישטאָל־קלאָר. אָט די ברילִיאַנטענע מעלות קאָנען דעקן די פּגמידיקע טיילן פון בוך, וואָס ווימלען מיט איבער־חזרונגען, מיט מליצות און אומקלאָרקייטן.

נאָטיצן וועגן א. גאָלאָמבס „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער"

צוערשט האָב איך געמיינט אַז „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער" איז אַ בוך „מעור אחד" ד"ה אַ פּרווו סיסטעמאַטיש צו געבן א. גאָ־לאָמבס געדאַנקען, שאַפן, אַזוי צו זאָגן, אַ גאָלאָמבשע געשיכטס־פילאָזאָפיע פון יידישן פאָלק. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן פאַר זיך איינצלנע עסייען, וואָס חזרן שפּעדיק איבער איינע די צווייטע און אַלע צוזאַמען — גאָלאָמבס פריערדיקע עסייען־ביכער.

האָט דער רעצענזענט קיין ברירה נישט, נאָר אויך איבערחזרן — אין אַ גרויסער מאָס — זיינע פריערדיקע מיינונגען וועגן א.גאָ־לאָמבס פריערדיקע ביכער.

ווי כ'האָב שוין אַ מאָל געשריבן, איז א. גאָלאָמב דער מאָנאָ־

גאַמישסטער שרייבער ביי אונדז: ער האָט איין טעמע, אָדער אַן אַסאָרטימענט קרובישע טעמעס וועגן דעם וואָס יידן דאַרפֿן זיין און וואָס זיי דאַרפֿן נישט זיין. און איין זאַך איז פֿריש אין גאַלאָמבס יעדן עסיי, אין גאַלאָמבס יעדן בוך: זיין פּאַטאָס פֿון וויטיק וואָס עס איז געוואָרן פֿון יידן; זיין פּאַטאָס פֿון באַגייסטערונג מיט דעם וואָס יידן זענען געוועזן אין דער מזרח־אייראָפּעאישער שטעטל־תקופה.

איר טרעפֿט ביי גאַלאָמבן כסדר נישט נאָר די זעלבע טעמעס, נאָר די זעלבע בײשפּילן, די זעלבע ציטאַטן.

דאָס איז גאַלאָמבס שטאַרקייט און גאַלאָמבס שוואַכקייט: איבער־געחזרטע אמתן קריצן זיך איין אין מוח און אין געמיט פֿונעם לייענער (אויף די נביאים חזרן זיך אַ סך מאָל איבער!), אָבער צו אָפֿט איבער־געחזרטע אמתן ווערט אַ מאָל שווער אויסצוהערן, אויב מען געפֿינט נישט פֿאַר זיי קיין נייע אויסדרוק־פֿאָרעם. און דאָס איז גאַלאָמבס שוואַכקייט — ער האָט נישט פֿאַר זיינע איבערגעחזרטע אמתן קיין נייע פֿאָרעם — פּונקט ווי ער איז רייך אין געדאַנקען און אין אַסאָציאַציעס, אַזוי איז ער אָרעם אין פֿאָרעם, אין אויסדרוק־מעג־לעכקייט, אַפֿילו אין שפּראַך.

די דאָזיקע לעצטע באַמערקונג קאָן אויסקומען ווי אַן אומזין, ווען מען ווענדט זי אָן אויפֿן וואָרטרייכן, באַרעדעוודיקן גאַלאָמב. אָבער עס איז דאָ וואָרטרייכקייט און וואָרטרייכקייט. א. גאַלאָמב באַ־נוצט אַ סך ווערטער, אָבער די ווערטער זענען מערסטנטייל אָנגע־הויפֿט, נישט געפֿורעמט אין אַ סטיל, וואָס קליידט אָן דעם געדאַנק אַזוי, אַז ער מאַכט אים בולט, סוגעסטירנדיק. זיין שפּראַך ליידט, אַזוי צו זאָגן, פֿון אַ רייכער אָרעמקייט. גאַלאָמב, אין זיין טיפֿסטן מהות, איז נישט קיין ראַסאָווער שרייבער, נאָר אַ שטראָפֿער, אַ מוסר־זאָגער, אַ ניי־מאָדישער קעלמער מגיד. זיינע עסייען זענען נישט קיין געבויי פֿון אַ שריפֿטשטעלער, נאָר פֿון אַ רעדנער, וואָס זיין אימפּעטי־קע רעדע ווערט געטריבן נישט דורך דעם פּרעציזקייט־אינסטינקט פֿון אַ שרייבער, נאָר דורכן פֿאַרלאַנג אַריינצוהאַמערן אין די צוהערער זיין מוסר־השכל. גאַלאָמב אָפּערירט נישט מיט שרייבערישע, נאָר מיט רעדנערישע מיטלען, וואָס האָבן ליב זיך איבערצוחזרן. אין „אונדזער גאַנג צווישן פֿעלקער" קאָן מען אָנציילן זיכער אַ טוץ מאָל דעם „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש" (אַ מאמר חז"ל וואָס פֿעלט נישט אויך אין זיין פֿריערדיקן בוך „אויף די וועגן פֿון קיום", ווי אויך דעם „פּושט צורה ולובש צורה" און ענלעכע געצייג אין גאַ־

לאָמבס גרויסער מוסר־דרשה, וואָס קייקלט זיך דורך אַן אַ צאָל מאָל אין זיינע עסייען און ביכער.

אַט לאָמיר נעמען אַ ביישפיל, וואָס ווייזט בולט דעם חילוק צווישן אַ שרייבער און אַ פריידיקער: אין פרצעס עסיי „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור" (אַן עסיי וואָס פאַרמאָגט ממש געניאַלע שטעלן פאַר יענער צייט, ווען ער איז געשריבן געוואָרן), אין באַנד זיבן פון פרצעס אַלע ווערק, „ליטעראַטור און לעבן", ווערן אויף זייט 277 אַרויסגעזאָגט צוויי פון גאָלאָמבס עיקרדיקע ליבלינגס־געדאַנקען, (באַפעסטיקט מיטן זעלבן מאמר חז"ל). אָבער אין דער צייט וואָס גאָלאָמב חזרט איבער זיינע געדאַנקען און זיין טיפע אינטערפרעטאַ־ציע פונעם מאמר חז"ל אומצאָליקע מאָל און מיט אַ וואָסערפאַל פון רייד, מאַכט עס פרץ, דער שריפטשטעלער, אין דריי שורות: „יידיש־קייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפ. 'מים חיים' רופט מען זי, די תורה. אויפן באַרג סיני האָט מען געוויזן 'כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש' — אַלץ וואָס אַ יידישע נשמה וועט אויסשפינען".

און שוין — דער לייענער האָט שוין אַנרעגונגען אויף לאַנגער געדאַנקענאַרבעט. דאָס איז גענוג פאַר אַזאַ בליציקן, סוגעסטירנדיקן שרייבער ווי פרץ; אָבער אַ לערער, אַ פריידיקער, אַ מוסר־זאָגער, וואָס שטייט פאַר אַ ווידערשפעניקן המון, קאָן זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון אַ בליציקן ווונק — ער צעקייט דעם געדאַנק ווידער און אָבער. איך חזר איבער, די אויסטייטשונג וואָס גאָלאָמב גיט דעם מאמר „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש" איז זייער טיף; אויך פרץ האָט אַנדערש נישט געמיינט, ווי ס'איז צו זען פון זיין „יידישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, נישט קיין זומפ. מים חיים", אָבער ביי פרצן דאַרף מען דאָס אַרויספילן, זיך אַנשטויסן, האָבן זעלבשטענדיקע אינטעליגענץ דאָס אויסטייטשן, גאָלאָמב אָבער טייטשט עס אַליין אויס, ווי דאָס דאַרף טאָן אַ קעלמער מגיד.

ווען גאָלאָמב זאָגט עטלעכע מאָל אין זיינע פאַרשיידענע עסייען „לא שרייבער אני ולא בן שרייבער", איז דאָס ביי אים נישט קיין חנדל, — ער ווייס זיין שוואַכקייט און ער ווייס זיין שטאַרקע זייט — ער איז אַ „מוכיח בשער", ער האָט אַ ניצוץ פון דעם יידישלעכסטן טיפ, וואָס יידן האָבן אַרויסגעגעבן — דעם אוראַלטן נביא, וואָס איז געוואָרן, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער תורה שבעל פה, אַ היינט־צייטיקער מגיד.

גאָלאָמב שרייבט נישט, נאָר ער שרייט אויפן ראַנד פון אַ תהום. און גאָלאָמב קאָן שרייען און ער ווייס אויף וואָס און פאַר וואָס ער שרייט.

„אונדזער גאַנג צווישן פעלקער" איז נישט קיין פילאָזאָפיש בוך, — עס איז אַ געשריי וואָס חזרט זיך איבער אין אַן אַ שיעור וואַריאַציעס.

עס קאָן קיין שום ספק נישט זיין, אַז דער קעמפער פאַר יידיש־קייט, א. גאָלאָמב, איז אַליין דורך און דורך יידיש, ביז אידענטיפי־קאַציע מיט מגידות. אָבער הגם גאָלאָמב פאַרמאָגט אַ סך שוואַכקייטן פון אַ מגיד, פאַרמאָגט ער אָבער אויך שטאַרקע זייטן.

ווי טיף גאָלאָמב פאַרשטייט דעם שעפערישן פראָצעס אין מענטשן (במילא אין יידן), ווען ער רעדט וועגן דעם ניגלה און דעם ניסתר אין דעם מענטשנס נשמה, אין פאָלקס נשמה, שפירט מען ווי טיף אינטואיטיוו גאָלאָמב נעמט אויף אָט דעם פראָצעס. ער ווייס, אַז „דער ניסתר אין דער נשמה פון שעפער איז אַלע מאָל רייכער פון דעם געשאַפענעם ניגלה, פון דער שאַפונג, פון דעם פּראָדוקט".

„אַלע קונסט־שאַפונגען זענען דער (די) ניגלה־אַנטפּלעקונגען פון דעם לעבעדיקן ניסתר וואָס ביים קינסטלער אין נשמה".

א. גאָלאָמב פאַרגלייכט דעם ניסתר (די נשמה, די פאָלקס־נשמה) צום קאַפּיטאַל; דעם ניגלה, די שאַפונגען פון פאָלקס־קינסטלער, צו אַן אויסגעשריבענעם טשעק. אָבער ווען עס איז נישטאָ גאַרנישט אינעם ניסתר — איז דער טשעק ווערטלאָז, מען קאָן אים נישט איינקאַסירן. אַ פּרעכטיקער פאַרגלייך וואָס פּאַסט פאַרן קעלמער מגיד ווען ער איז צום בעסטן.

און היות גאָלאָמב פאַרשטייט אַזוי דיין די שעפערישע פּראָצעסן, די פאַרהעלטעניש פונעם ניגלה צום ניסתר, דעריבער איז ער אַזוי שפּירעוודיק אויף דער אָפּשוואַכונג פון דער פאָלקס־נשמה (דעם ניסתר), וואָס פירט צו אומפּרוכפּערדיקייט, צום פאַרשווינדן פונעם ניגלה.

און דאָס איז גאָלאָמבס עיקרדיקער געשריי: יידן פאַרלירן זייער פאָלקס־נשמה און דערנערן זיך מיט פרעמדע סוראָגאַטן און ווערן אומשעפעריש.

און דערפאַר איז גאָלאָמב דער טיפסטער קעמפער פאַר יידיש לשון, וואָס איז זינט יאָרהונדערטער אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער נשמה, פונעם יידישן ניסתר. דורך פאַרנאַכלעסיקן יידיש,

פאַרגאַכלעסיקט מען דעם יידישן ניסתר, און דער יידישער שעפע־רישער ניגלה הייבט אָן צו פאַרשווינדן — נישטאָ אין באַנק קיין קאַפּיטאַל און די שעפער אונדזערע קאָנען נישט אויסשטעלן קיין טשעקן, ווייל זיי קאָנען נישט געצאָלט ווערן.

אָט די טעמע גאָלאָמבס איז איינע פון די שעפערישסטע אין גאַנצן בוך. די עסייען וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָט דער טעמע זענען די וויכטיקסטע, הגם זי חזרט זיך איבער, ווי אַ מוזיקאַלישע וואַריאַציע, אויף שריט און טריט.

אין די דאָזיקע שטעלן איז גאָלאָמב דער גרויסער מקונן פון היינטיקן חורבן פון דער פאָלקס־נשמה, פון דער פאָלקס־קולטור (זע צווישן אַנדערע דעם עסיי „די נשמה אין גלות”).

* * *

עגאָפאָביע (זעלבסטהאָס) איז אַ וואָרט (אַ באַגריף) וואָס געהער צו גאָלאָמבס באַליבטסטע ווערטער. מען טרעפט עס ביי אים כמעט אַזוי אָפט, ווי ביים קעלמער מגיד דאָס וואָרט „גיהנום”.

גאָלאָמב פאַרשטייט זייער גוט די דערשיינונג פון יידישן זעלבסט־האָס, ער באַמערקט זי ווי טיף זי זאָל נישט פאַרקריכן, ווי זי זאָל זיך נישט פאַרשטעלן. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז עס איז נישט ריכטיק, ווי עס קומט אויס לויט גאָלאָמבן, אַז דאָס איז ביי אונדז אַן איינגע־בוירענע אייגנשאַפט.

גאָלאָמב האַלט, אַז יידן האָבן פיינט דאָס אייגענע און רייסן זיך צו פרעמדס. און דאָס איז שוין געווען אַזוי אין די צייטן פון די נביאים און די נביאים קלאָגן שוין אויף דעם. אָבער אויב אַזוי טאָ ווי דערקלערט ער די דערשיינונג פון אַנדערשקייט ביי יידן, אַ דערשיי־נונג וואָס ער גיט איר אָפּ אַזאַ גרויסן אָרט אין זיין בוך, און ער קלאָגט אויף דעם וואָס די דאָזיקע דערשיינונג פון יידישן אַנדערש־זיין פאַרשווינדט ביים מאָדערנעם יידן? אויב עגאָפאָביע וואָלט געווען דעם יידנס אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט, טאָ פון וואַנען נעמט זיך ביים יידן די כמעט איינגעבוירענע נייגונג צו אַנדערשקייט?

איך מיין, אַז דעם יידנס נייגונג צו אַנדערשקייט איז נישט קיין איינגעבוירענע, — דאָס איז בלויז אַ רעזולטאַט פונעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט דעם ייד געצוווּנגען, כדי צו בלייבן לעבן ווי אַ באַזונדער פאָלק, צו זיין אַנדערש, זיך אַרומצוצוימען מיט

צוימען, וואָס האָבן אים געמאַכט אַנדערש און אָפּגעהיט זיין אייגנ־אַרטיקייט. (דאַכט זיך, אַז פון די נייע האָט אחד־העם דער ערשטער אַרויסגעבראַכט אָט דעם געדאַנק). און דערפון נעמט זיך אויך די דערשיינונג פון עגאָפּאָביע ביי יידן, — נישט איינגעבוירן איז זי, נאָר אַ „געשאַנק" פון דער געשיכטע.

די דערשיינונג פון אַסימילאַציע הערשט אומעטום. עס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פון אַ שוואַכער מינדערהייט זיך צוצופּאַסן צו דער שטאַרקערער מערהייט. אָבער ביי אונדז, וואָס האָבן אַזוי געליטן פון שטאַרקערע, איז אָט די דערשיינונג אויך שטאַרקער, פּונקט ווי דער ווילן צום לעבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט געמוזט אַרויסרופן ביי אונדז אַ שטאַרקערן ווילן צו זיין אַנדערש, כדי אַנטקעגנצושטעלן זיך דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע.

אויב אונדזער אַנדערשקייט איז ביי אונדז שטאַרקער צוליב היסטאָרישע סיבות, איז אויך די עגאָפּאָביע ביי אונדז שטאַרקער צוליב אונדזער געצוווּנגענער אַנדערשקייט.

די נביאים נאָך האָבן געפּורעמט דאָס יידישע פאָלק עס זאָל זיין נישט ככל הגוים. זיי האָבן געצוימט אַלע זיינע אינסטינקטן, וואָס די אַרומיקע פעלקער האָבן זיי אויסגעאיבט פראַנק און פריי. איז אַ ווונדער וואָס די רעאַקציע איז געווען עגאָפּאָביע, דאָס אַנטלויפן פון דער אַנדערשקייט? דער ריטעם פון תנ"ך — דאָס אָפּפאַלן פון גאָט און דער צוריקקער צו אים איז נישט קיין זאַך פון איינגעבוירנקייט, נאָר אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פון רעאַקציע.

אַז מען האָט גענומען אַ פאָלק, אין אַ צייט און אין אַ סביבה פון געצנדינערייי, און אים פאַרקנסט צו איין גאָט, און אַ שטרענגן גאָט מיט גרויסע פאָדערונגען, — איז די רעאַקציע פון עגל הזהב, ביי אַ פאַסיקער געלעגנהייט, די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט.

דאָס וואָס א. גאָלאָמב האַלט, אַז איינע פון אונדזערע הויפּט־אייגנשאַפטן איז די „שטאַרקסטע עגאָפּאָביע", דער דראַנג צו אַנטלויפן פון זיך, פון אַלץ וואָס יידיש, דער דראַנג צו אַסימילאַציע, האַלט נישט אויס קיין ערנסטע קריטיק: די עגאָפּאָביע, חזר איך איבער, איז די נאַטירלעכסטע רעאַקציע קעגן דעם, וואָס מיר זענען געגאַנגען קעגן אַלע נאַטירלעכע אינסטינקטן פון מענטשן דורכן אַנטוויקלען אין זיך גאָר באַזונדערע איבערמענטשלעכע אייגנשאַפטן. עגאָפּאָביע איז דער אינערלעכער ווידערשטאַנד אין אונדז קעגן אונדזער אַנדערשקייט, מיט

וועלכער גאָלאָמב אַנטציקט זיך און וועלכע ער פאַרהערלעכט מיט רעכט.

דאָס געזעץ פון אָפזונדערונג, וואָס באַהערשט אונדזער געשיכטע און איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף אונדז דורך אונדזערע גייסטיקע ריזן, רופט אַרויס די טענדענץ פון עגאָפאָביע, פון אַסימילאַציע, ווען די אָפזונדערונג ווערט שוואַכער, ווען דרויסנדיקע און אינערלעכע סיבות שוואַכן זי אָפּ.

ווען גאָלאָמב באַשרייבט דערשיינונגען אין יידישן לעבן, איז ער טיף, שעפעריש אין זיינע אויסטייטשונגען און אין זיין שטראָפן און וואָרענען; הייבט ער אָבער אָן צו פאָרמולירן געזעצן פון דעם, הינקען זיי אָפט אונטער.

* * *

דער עסיי „וועלטלעכע יידישקייט" (ז' 303 און ווייטער) איז זייער טיף און איבערצייגנדיק באַגרינדעט, אָבער נאָר אין דעם טייל, ווו ער אַנאַליזירט די חסרונות פון דער וועלטלעכער יידישקייט; קומט צום עיקר — וואָס טוט מען, עס זאָל זיין גוט? — בלייבן מיר צוזאַ־מען מיטן מחבר פאַר אַ וואַנט, נישט דורכצוברעכן.

אַט לאָמיר נעמען איינעם פון גאָלאָמבס באַליבטע געדאַנקען — וועגן דער טענדענץ פון יידישקייט מוסיף צו זיין פון וואָכעדיקן צום הייליקן, ווי דאָס האָט געטאָן דאָס אַמאָליקע יידנטום, דאָס אַריינציען דאָס וואָכעדיקע אין דער ספערע פון קדושה.

אָבער אַ מאָל איז געווען דער אויטאָריטעט פונעם קודש, פלעגט מען מיטן באַפעל פון דער קדושה מוסיף זיין צו איר דאָס וואָכעדיקע; אָבער היינט וואָס טוט מען? עס איז דאָך נישטאָ די אויטאָריטאַרע קדושה, וואָס זאָל גייסטיק צווינגען אָדער גוטהייסן די הוספה? און אַ הוספה צו וואָס? די אַמאָליקע קדושה איז דאָך שוין אויך וואָכעדיק...

מיר בלייבן הילפלאָז.

גאָלאָמב איז גערעכט מיט זיין צעשמעטערנדיקער און איבער־צייגנדיקער קריטיק פון אונדזער וועלטלעכקייט, וואָס האָט פאַרלאָרן די שעפערישע טענדענץ פון יידישקייט, מוסיף צו זיין פון דער וואָכעדיקייט צום הייליקן, אָבער ווי אַזוי פאַרבעסערט מען דאָס?

גאָלאָמב זאָגט אַליין אַז „כל זמן יראת־שמים איז געווען אַ גוטע בייטש, האָבן יידן געהיט יידישקייט. אָבער, אַט איז יראת־שמים גע־

וואָרן אויס בייטש... איז געוואָרן אויס מיט יידישקייט, הפקר... דאַרף זיין עפּעס אַזוינס וואָס זאָל איינהאַלטן יידן און יידישקייט אויך אָן יראת־שמים... אָט דאָס האָט געדאַרפט זיין וועלטלעכקייט...״

אָבער ווי מאַכט מען דאָס? עס איז נישט גענוג צו זאָגן: „אַ וועלט־לעכער ייד איז אַ ייד נישט צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, נאָר דירעקט ווייל ער וויל זיין אַ ייד און ווייל אַל דאָס יידישע איז אים ליב און טייער״. אָבער דאָס לעבן ווייזט אַז דאָס איז ווייניק. עס זענען דאָ אַ סך גוטע וועלטלעכע יידן, אָבער די סתם ליבע איז צו שוואַך פאַר די קרבנות, וואָס אַ ייד דאַרף היינט ברענגען, כדי צו זיין אַ פולער ייד, מיט זיין שפּראַך און זיין שטוב, אינעם מויל פון זיינע קינדער און אייניקלעך. די יראת־שמים האָט דאָס באַוויזן, אָבער די סתם ליבע באַווייזט עס נישט...

„די וועלטלעכע אידעאָלאָגיע האָט געדאַרפט אַריבערפירן די פּראַקטישע יידישקייט פון געטלעכער הייליקייט צוריק צו פעלקישער טייערקייט״.

ווי מיר זעען, אַפּערירט פריינד גאַלאָמב אָפט מיטן וואָרט „דאַרף״, אָבער דאָ איז נייטיק דאָס וואָרט „קאָן״; אַז מען דאַרף זענען אַ סך מסכים, — די פראַגע איז נאָר צי מען קאָן, ווי אַזוי מען קאָן קאָנען...

וואָס מען דאַרף ווייסן אַלע, אָבער אַלע ווייסן אויך, אַז מען דאַרף דאָס קאָנען. די דונערנדיקע און גערעכטע עצות פון א. גאַלאָמב וועלן דאָ קנאַפּ וואָס העלפן, פּונקט ווי עס האָבן נישט געהאָלפן די אימהדיקע דונערן פון די נביאים, ביז עס זענען נישט געקומען די פרושים און האָבן דעם „דאַרף״ פאַרוואַנדלט אין מעשים...

* * *

עס וואָלט נייטיק געווען אַ מין יד חזקה אָדער אַ מין „קיצור שולחן ערוך״ פאַר א. גאַלאָמבס ווערק, ווייל אַנישט ווערט מען דער־טרונקען אין גאַלאָמבס באַרעדעוודיקייט און זיינע אָנסופיקע איבער־חזרונגען פון די זעלבע געדאַנקען און די זעלבע פּסוקים... עס וואָלט בפירוש געלוינט צו באַקומען אַזאַ מין „יד חזקה״, ווייל זיינע עסייען זענען פול מיט געדאַנקען און שעפערישע אַסאָציאַציעס און זיי בליצן מיט אינטואיציע.

א. גאַלאָמבס ביכער זענען ווי געביידעס מיט אַ לאַבירינט אָנ־שטאָט קאָרידאָרן, און דער לייענער, וואָס וויל גיין מיט אַ סדר פון

צימער צו צימער מוז בלאָנדזשען, ביז ער פאַרלירט זיך אין גאַנצן אין דעם הין־און־הער, פון איין טריט פאָראויס און איין טריט צוריק, און אַמאָל אויך פון דרייען זיך אין אַ קרייז...

* * *

פאַראַן פאַלן ווען א. גאָלאָמב כאַפּט שוין אַריבער די מאָס אין זיין אויסטייטשן און — דער עיקר — אין זיין אַריינטייטשן.

אויף זייט 198, למשל (אינעם עסיי „פון כלל צום פרט“), רעדט ער וועגן דער סאָציאַלער הילף ביי יידן, פאַרגינט ער זיך דעם לוקסוס צו זאָגן: „דאָס רוב נעמען פון די חברות (צדקה־חברות. — י. ר.) זענען דאָך אַטריבוטן פון גאָט. ווי 'סומך נופלים', 'מתיר אסורים' וכו'. דאָס וויזט אַז די יידן האָבן געקוקט אויף זייער סאָציאַלער אַק־טיוויטעט ווי אויף געטלעכקייט... אין זייער מענטשלעכן לעבן דער־הייבן זיי זייער פשוט מענטשלעך לעבן ביז צו געטלעכקייט“.

לויט מיין מיינונג איז דאָס אַבסורדאַל: עס איז פאַר יידן פון יענעם שניט געווען נאַרמאַל צו געבן זייערע חברות העברעאישע נעמע, און דאָס האָבן זיי געקאָנט טאָן דורך נעמען פאַרטיקע פסוקים, לויטן דרך פון דער באַרימטער מליצה. האָט זיך אַ חברה צו העלפן אַרעסטאַנטן געמוזט רופן „מתיר אסורים“, אָדער אַ חברה צו העלפן געדריקטע האָט געמוזט הייסן „סומך נופלים“. דאָס איז באַקאַנט גע־ווען פון דאַוונען. אָבער די יידן איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו נעמען אָט די נעמען פאַר זייערע חברות דערפאַר, ווייל זיי זענען אַטריבוטן פון גאָט און אַזוי אַרום אַריינברענגען באַוווסטזיניק געטלעכקייט אין זייער יידיש־מענטשלעכער פילאַנטראָפּיע.

אויסטייטשן דאָס אַזוי ווי א. גאָלאָמב טייטשט אויס, איז ווילקיר־לעך און איבערגעזאַלצן.

און נישט נאָר דאָס: אויף זייט 340, אין „סך־הכלען און אויס־פירן“, שרייבט א. גאָלאָמב: „נישט זיין ווילזיין, דעם יחידס אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, נייערט דער קאָלעקטיוו, דאָס פאָלק און זיין גליק, זיין צוקונפט איז אין צענטער פון יידישקייט. דערפאַר זענען אויך די יידישע מצוות נישט געצילט צו די אינטערעסן פון יחיד און זיין גליק אין גן־עדן, נאָר זייער ציל איז כמעט תמיד אויך נישט בין אָדם לחברו, נאָר איבערהויפּט בין אָדם לעמו“.

דער קאָלעקטיוו, דאָס יידישע פאָלק שפּילט טאַקע אַ גרויסע

ראָלע אין יידישקייט, אין דער יידישער רעליגיע, אָבער עס איז אַ שפּאָר ביסל איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די יידישע מצוות האָבן נישט אין זינען די אינטערעסן פון יחיד, זיין גליק אין גן־עדן. זאָגן דאָס הייסט צו פיל אידעאַליזירן, אָן שום גרונט, בלויז דערפאַר ווייל עס פּאַסט פאַר דער טעזע, וואָס מען וויל באַווייזן. דער גן־עדן האָט גע־שפּילט אַ הויפּט־ראָלע ביים אָפּהיטן די מצוות. נישט קיין קלענערע דער גיהנום.

* * *

מען מעג נאָך אויך זאָגן אַ וואָרט וועגן אַן ענין, וואָס האָט שוין מיטן מחבר גאָרנישט צו טאָן (סיידן מיט דעם וואָס עס פאַרשאַפט אים וויטיק): איך מיין דאָ די סקאַנדאַליעזע קאָרעקטור. אָן אַ שיעור פּשוטע גרייזן, זין־גרייזן (פּאַרזיכיק, למשל, ווערט פאַרזיכטיק), עס פעלן ווערטער, גאַנצע און האַלבע זאַצן, די פּונקטאַציע איז הפקרדיק, פּונקטן אַנשטאַט קאָמאַס און קאָמאַס אַנשטאַט פּונקטן.

מען נעמט פּאַפּיר, מען זעצט, מען בינדט איין, מען מאַטערט זיך צו זאַמלען געלט אָדער מען נעמט ביי די דייטשן און דערנאָך מאַכט מען אַ תל פון דער גאַנצער מי; מען דערלאַנגט דעם לייענער אַ צע־הרגעטן טעקסט. און מען טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן, ווייל דאָס איז שוין געוואָרן אַ מכת־מדינה.

אויף אַלץ האָט מען, נאָר נישט פאַר אַ גוטן קאָרעקטאָר (און אפשר קאָסט דער שלעכטער נאָך מער, ווי אַ גוטער, אָבער ער האָט „יידישלעכע" זכותים...).

עס איז אַ טעמע וואָס וואָלט ווערט געווען גאַלאָמבעס אַ ווייגעשריי, ווייל אויך אין דעם זעט מען דעם באַרג־אַראָפּ פון יידנטום: ווי מען פלעגט אַמאָל מגיה זיין ביי אונדז, ווי מען האָט געציטערט אויף יעדן אות, און ווי מען באַציט זיך היינט ציניש צום טעקסט פון אַ בוך...

* * *

אַ רייך בוך, פול געדאַנקען און בייטיקער קריטיק; אַפילו די (פיל מאָל) איבערגעחזרטע געדאַנקען זענען זייער אָפט אין פאַרבינדונג מיט אַ נייער אַסאָציאַציע, מיט אַ נייעם קנייטש. אַ רייכקייט, וואָס ווערט אַ ביסל פגמיק צוליב דער אָפּגעלאָזנקייט פון דער שפּראַך, צוליב אומצאָליקע איבערחזרונגען פון די זעלבע פסוקים, אָבער אַ בוך וואָס איז ווערט געלייענט און געלערנט צו ווערן...

נאָטיצן פון אַ נישט־דערשריבענעם
און פאַרלוירענעם בוך

1. דער קולט פאַר די טויטע

לייענט מען די ראַטנפאַרבאַנדישע פרעסע, וואַרפט זיך אין די אויגן דער קולט פאַר די טויטע שרייבער. עס זיצט, דאַכט זיך, אַ גאַנצער שטאַב מזכיר־נשמהניקעס און זוכט אויס פון אונטער דער ערד אַ געלעגנהייט מזכיר נשמות צו זיין, צו פראַווען אַ יאָרצייטל.

עס איז זיי וויכיק די אָפיציעלע יובל־טאַבעלע: 5, 10, 25, 50, 100 יאָר נאָכן טויט, — איר קאָנט אָפט טרעפן אויסטערלישע יובל־דאַטעס: 6 יאָר, 26, 126 א.אַז.וו. אמת, אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען בכלל ליב צו פראַווען יאָרצייטן: טעלעגראַמעס זענען דאָ וויכיק, די לייט־אַרטיקלען בייט מען אויך נישט אָפטער ווי יעדן האַלבן יאָר (ווען מען בייט די ליניע), דער מין פעליעטאָן איז אויך פאַרשווונדן, — מוז מען דאָך אַ ביסל באַלעבן דעם סטאַכאַנאָווישן אַגיט־מאַטעריאַל; איז שרייבט מען וועגן זיבעטן יאָרצייט פון דעם און דעם צוזאַמענפאַר א.אַז.וו. אָבער דאָך לאָזט זיך מערקן אַ ספּעציעלע שוואַכקייט צו שרייבער־יאָרצייטן. דאָ שטעקט סיי אַ געוויסע כוונה, סיי אַ געוויסער סנאָביזם, וואָס זענען אויסגעמישט צווישן זיך, נישט צו דערקענען ווו עס ענדיקט זיך דאָס ערשטע און ווו עס הויבט זיך אָן דאָס צווייטע: נאָט, זעט, סאַראַ פיינע מערכה עס האָט ביי אונדז קולטור — רק מיר זיצן און קוויקן זיך מיט דערינערונגען וועגן לערמאָנטאָוון און טאָלסטאָיען, וועגן טשערנישעווסקין און גאָגאָלן.

און צי דען נאָר מיט רוסן צאַצקען מיר זיך? ווער געדענקט דעם יובל פונעם ענגלענדער טשאָסער? און פונעם איטאַליענער דאַנטע? ווער, אויב נישט מיר?!

דאָ שטעקט אַ כוונה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סנאָביזם. אָבער נישט די כוונה און דער סנאָביזם אינטערעסירן מיר דאָ, — עס אינטערעסירט מיך דאָ די גרויסע פעלשונג, די גרויסע גע־נאַרעריי, וואָס ליגט הינטערן גאַנצן ענין.

* * *

מען לייענט דעם ים אַרטיקלען צו טאָלסטאָיס אַ יאָרצייט, למשל, און עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי וואָלט אויסגעזען די באַציאונג צום זעלבן טאָלסטאָי, ווען ער וואָלט געווען געלעבט נאָך אַ 15־20 יאָר? איצט שרייבט מען מיט יראת הכבוד וועגן קאַמף קעגן דער זעלבסט־הערשאַפט, וואָס דער דאָזיקער געבוירענער קעמפער האָט געפירט! איצט לייגט מען אַרויף טאָלסטאָיס שווער מאָראַליש געוויכט אויף דער אייגענער וואָגשאָל, — אָבער צי וואָלט טאָלסטאָי געווען געקאָנט אָנשרייבן זיין „איך קאָן נישט שווייגן" אויך נאָך 1917? צי וואָלט אויך דאַן דער רעספּעקט פון דעם ראַטנפאַרבאַנד פאַרן קעמפערישן גייסט פון טאָלסטאָיען געווען גענוג גרויס אויף צו לאָזן זיין טעטיק דעם דאָזיקן הגם קעגנערישן, אָבער דאָך אידעלן גייסט?

עס איז דאָך קלאָר, אַז טאָלסטאָי וואָלט נישט געקאָנט אַקצעפּ־טירן דעם באָלשעוויזם און ער וואָלט געמוזט שווייגן; איז מיט וואָסער רעכט פּראַוועט מען אַזוי פיל יום־טובים לכבוד דעם מורדישן גייסט פון גרויסן יאַסנאַ־פּאָליאַנער זקן? זעט עס דען נישט אויס ווי אַ שענדונג פון טאָלסטאָיס אידייען? איז דען דזשענטלמעניש אויסצונוצן דעם געצוווּנגענעם שווייגן פון אַ טויטן (און פון די לעבעדיקע!), כדי צו גלאַנצן סנאָביש מיט דער ליבע צו אַ שרייבער, וועלכער וואָלט געווען געמוזט שווייגן, ווען ער וואָלט דערלעבט די הערשאַפט פון זיינע איצטיקע ליבּ־זינגער?

אין זיין קריטיק האָט טאָלסטאָי געהאַט אַ סך באַרירונגס־פּונקטן מיט די באָלשעוויקעס, אָבער די קעגנזאַצן צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמען זענען אַ סך גרעסער, ווי די באַרירונגס־פּונקטן. איז אויב מען האָט נישט דעם מוט און דעם ווילן צו ריידן (אָדער לאָזן ריידן) וועגן זיי, דאַרף מען אין גאַנצן אַריבערגיין מיט שווייגן איבער אַזאַ יאָרצייט, — דאָס איז ערלעכער, ריינער.

און עס איז אַוודאי און אַוודאי ציניש, ווען די ראַטנפאַרבאַנדישע פּרעסע הויבט אָן אויפצוּווייזן ווי שטאַרק טאָלסטאָי איז געווען פאַר־פאָלגט אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי שטאַרק מען האָט פאַרקריפּלט זיינע ווערק, זיינע געדאַנקען; ווען די ראַטנפאַרבאַנדישע פּרעסע נעמט אויפ־ווייזן, אַז ערשט אין ראַטנפאַרבאַנד קומט טאָלסטאָי צו זיין פולער שטים.

ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין — לאָמיר האָבן מוט צו ריידן אָפן: אויב די ראַטנפאַרבאַנדישע פּרעסע האָט אַ מעגלעכקייט צו פייערן

טאָלסטאָי דעם מורד, איז דאָס אַ גוטע צייגעניש פאַרן טיראַנישן צאַ־ריזם אין זיין פּראָצעס קעגן באָלשעוויזם.

מיר ווייסן סאַראַ קאַמף טאָלסטאָיען איז אויסגעקומען צו פירן פאַר דעם, אַז זיין געשריי „איך קאָן נישט שווייגן!" זאָל דערגיין צום ברייטן עולם (און צום גאַר ברייטן עולם איז דער געשריי זיינער גאָר נישט דערגאַנגען), אָבער דער דעמב טאָלסטאָי איז אויסגעוואַקסן אונ־טערן בלוטיקן צאַריזם; נישט אַלע זיינע צוויגן האָבן זיך געקאָנט באַבלעטערן אינעם געדיכט־פינסטערן שאָטן פון צאַריזם, אָבער אויס־געוואָרצלט האָט מען אים נישט, פאַרדאַרט געוואָרן איז ער נישט, — טאָלסטאָי איז געוואָרן טאָלסטאָי.

צי דען קאָן זיך עמיצער פאָרשטעלן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זאָל אויסוואַקסן אַזאַ פּראָטעסטאַנט, ווי טאָלסטאָי? ס'איז סיי לעכערלעך, סיי שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם! ווער ווייס וויפל לעבע־דיקער טאָלסטאָי־גייסט עס גייט פאַרלוירן אין ראַטנפאַרבאַנד, בעת זיי פייערן — און שרייבן אַרויף אויף זייער קאָנטע — דעם טאָלסטאָי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטערן צאַריזם?!

און טאָלסטאָי זאָל דאָס זיין אַן אונטערשטיצונג פאַר זיי, פאַר די באָלשעוויקעס, און אַ טויט־אורטייל פאַרן צאַריזם?!

פאַר אונדז, די קעגנער פון דער באָלשעוויסטישער טיראַניע, איז טאָלסטאָי דער גרויסער באַקעמפער פון צאַריזם; פאַר אונדז איז טאָלסטאָי אַ פאָרוואורף און אַ באַגרעבער פון צאַריזם, — אָבער נישט פאַר די באָלשעוויקעס. די, וואָס ווענן נאָך זיך נישט איבערלאָזן קיין טאָלסטאָי, האָבן נישט קיין רעכט צו גרויסן זיך מיט אַ טאָלסטאָי און נאָך מאַכן אַ פאָרוואורף אַנדערע, אַז זיי האָבן נישט גענוג געשאַ־נעוועט טאָלסטאָיען.

און וואָס מער איך לייען אין דער רוסישער פּרעסע יובל־אַרטיק־לען לכבוד די גרויסע גייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, אַלץ מער ווער איך דערדריקט פון אַ קאָשמאַר־געדאַנק: אין ליכט פון דער היינטיקער רוסישער ווירקלעכקייט קומט דאָך אויס, אַז דעם צאַריזם קומט אַ גאָלדענער מעדאַל פאַר דעם, וואָס אונטער אים זענען אויסגעוואַקסן אַ פּושקין און אַ לערמאָנטאָוו, אַ טשערנישעווסקי און אַ טאָלסטאָי, אַ גאָרקי און אַ דאָבראָליובאָוו, אַ פּיסאַרעוו און אַ טשעכאָוו.

דערמאָנט זיך נאָר: פּיסאַרעוו האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן מאַני־פעסט קעגן דער זעלבסט־הערשאַפט; פאָליציי געפינט די דאָזיקע

פּראָקלאַמאַציע און אַרעסטירט אים. אָבער זיצנדיק אין דער פּעטראָ־פּאַװלאָװער פעסטונג, באַקומט ער אַ דערלויבעניש צו שרייבן זיינע אַרטיקלען און פון דער פעסטונג װערן זיי געשיקט אין דער פּעריאָדי־שער פּרעסע און פירן װייטער זייער רעװאָלוציאָנירנדיקע דערצי־אונגס־אַרבעט.

און דערמאָנט זיך װידער: טשערנישעװסקי זיצט אין פּעטראָ־פּאַװלאָװער פעסטונג, אָבער דאָך באַקומט ער אַ דערלויבעניש דאָרט ממשיך צו זיין זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט און דאָרט װערט טאָקע פאַרפאַסט זיין באַרימטער ראָמאַן „װאָס זאָל מען טאָן?", און דער ראָמאַן װערט אַרויסגעלאָזן פון תפיסה און אָפּגעדרוקט.

אמת, מען האָט דאָס צו פאַרדאַנקען אַ טעות פון דער צענזור; דער ראָמאַן איז שפּעטער קאָנפיסקירט געװאָרן; אָבער אויך שפּעטער איז ער אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין מאַנוסקריפּטן און דער־צויגן אַ גאַנצן דור.

קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אַ קעגנער פון איצטיקן רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד זאָל זיצן אין תפיסה פאַר אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן סטאַלינען און ער זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן און דרוקן,
— סיידן אַ חרטה־בריװ?

קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן, אַז אַ מאַריאַ ספּירידאָנאָװאַ זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן און דרוקן?

טאָ װי אַזוי זאָלן אויסװאַקסן אין ראַטנפאַרבאַנד אַזעלכע פּערזענ־לעכקייטן װי די טשערנישעװסקיס און טאָלסטאָיס, װי די פּיסאַרעװס און דאָבראָליובאָװס, מיט װעלכע די סאָװיעטישע פּרעסע אַנטציקט זיך און איז שטאָלץ מיט זיי? זיי זענען דאָך גאָר דער שטאָלץ פונעם צאַ־ריזם, זיין איינציקע פאַרענטפערונג: „צװישן גאַנצן באַרג שמוץ, װאָס איך האָב איבערגעלאָזן, געפינט זיך אויך דער אוצר פון רוסישן גע־דאַנק און פון דער רוסישער ליטעראַטור, װעלכע איך האָב פאַרפאָלגט, אָבער דאָך נישט אויסגעװאָרצלט. װאָלט דער באָלשעװיזם געװען גע־זיגט אין רוסלאַנד אין 1825, בעת דעם דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד, װאָלט איר נישט געװען געהאַט נישט טאָלסטאָיען און נישט טשער־נישעװסקין, און אויך נישט אַ סך אַנדערע, מיט װעמען די סאָװיע־טישע פּרעסע איז פול אין די אויסטערלישע יובל־דאַטעס".

זיי װאָלטן זיכער געפעלט, װי זיי פעלן אין די לעצטע יאָרן פון צװאַנציקסטן יאָרהונדערט. װאָרום װי אַזוי קאָנען זיי אויסװאַקסן, אויב מען שטעלט צום װענטל עפּעס אַ קאַטאַיעװס אַ פּיעסע, װוּ ער

רירט אָן אַ פּיטשינק שטיקל קרומשפּיגלדיקעווירקלעכקייט. ווי אַזוי דערוואָגט ער זיך צו קריטיקירן אַ גרוי ראַטנפאַרבאַנדיש מענטשל, בעת דער סאָוויעטישער מענטש איז העראָאיש תמיד און אומעטום!

בלויז אין משך פון איין חודש פון 1940, האָב איך אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" געלייענט וועגן דריי עקזעקוציעס איבער דריי ווערק, דריי שרייבער, און דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע פאַר איר שוואַכער אַפּוטרופּסות, — דריי עקזעקוציעס איבער מיטלמעסיקע ווערק פאַר ווייניקער ווי מיטלמעסיקער קריטיק פון גראָע שטיקלעך ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט (ווייל קיין אַנדער קריטיק וועט זיך דאָך נישט דורכגליטשן דורך דער צענזור־סיסטעם, וואָס הויבט זיך אָן אינעווייניק ביים שרייבער, פירט דורך דער שרייבער־אָרגאַניזאַציע און ענדיקט זיך ביים רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג!) טאָ ווי זאָלן אין אַזאַ אַטמאָספער אויסוואַקסן בונטאַרן, צוקונפט־שרייבער?

און דער, וואָס פאַרמערט נישט דעם לעבעדיקסטן אוצר — דעם מענטשלעכן גייסט, יענער האָט נישט קיין רעכט צו באַטראַכטן אים, דעם גייסט, פאַר זיינעם. דער, וואָס לאָזט אים ליגן אומטעטיק, באַגראָבט אים.

זאָל דער ראַטנפאַרבאַנד אויפהערן סנאָביש צו פייערן דעם גייסט, וואָס אַנדערע האָבן געלאָזט אויסוואַקסן; זאָל ער בעסער נישט דערשטיקן דעם גייסט, וואָס איז גרייט צו קנאָספּן ביי אים; זאָל ער אויפהערן צו פייערן דעם לעבעדיקן גייסט פון טויטע שרייבער, און זאָל בעסער לאָזן אויסלעבן זיך דעם לעבעדיקן גייסט פון לעבעדיקע שרייבער.

שאַנכיי, 1941, אָנהויב יוני.

2. שרעק שרייבט

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען געלייגט אַ סך האָפענונגען אויף דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער דיפּלאָמאַטיע.

„בידער מיט דער געהיים־דיפּלאָמאַטיע!" איז געווען פּונקט אַזאַ פּאָפּולערער לאָזונג, ווי „קיינמאָל מער קיין קריג!" און דער דערפאָלג פון ערשטן לאָזונג איז געווען נישט קלענער (קלענער פאַר גאָרנישט קאָן שוין נישט זיין) ווי פון צווייטן.

איין זאַך בלויז האָט דער דאָזיקער לאָזונג דערגרייכט: יעדער פאָלקס־מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו דערקענען אויף דער געהיים־דיפּלאָמאַטיע, אויף איר אומפאַרשעמטן קאָנטרדאַנס. דיפּלאָמאַטיע איז תמיד געווען אַ שווינדל, אָבער אַ באַגילדעטער פון דרויסן, פאַר די ברייטע מאַסן; היינט איז די באַגילדונג אַראָפּגעקראַצט געוואָרן און יעדער איינער זעט דעם נאַקעטן שווינדל.

דער שווינדל איז דעמאָקראַטיזירט געוואָרן.

דאָס איז אפשר אַן אומגליק פאַר די דיפּלאָמאַטן; דאָס איז אפשר אַ האַרצוווייטיק פאַרן פּראָסטן מענטשן, ביי וועמען מען האָט צוגע־רויבט נאָך אַן אילוזיע, מען האָט אָפּגעקאַלופּעט די באַגילדונג פון נאָך אַ שטיקל פון זיין וועלט; אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס אַ פּאָזי־טיווע דערשיינונג: בעסער וויסן דעם טרויעריקן אמת, איידער צו קוויקן זיך מיט אַן אויסגעפּוצטן ליגן.

אָבער טרויעריקער איז מיט אַן אַנדער געביט פון מענטשנס טעטיקייט: מיטן געביט פון מענטשנס קינסטלערישן שאַפן.

אָט דער געביט האָט דעם קלענסטן צומיש פון שווינדל (מען רעדט דאָך נישט וועגן די פאַלסיפיקאַטן); אין דאָזיקן געביט האָט זיך קאָנצענטרירט די טרייסט פון דער פיזיש־ און גייסטיק־געפּלאָגטער מענטשהייט; אין דאָזיקן געביט פלעגט דער מענטש זיך אַריינכאַפּן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אין אַלע שווערע מאָמענטן פון פּערזענלעכן און פון קאָלעקטיוון לעבן; און אָט אין דעם איינציקן געביט, ווו ס'האָט זיך געפונען דער לויטערסטער דערפרישונגס־קוואַל, האָט מען מיט געוואַלט אַריינגעבראַכט, אָדם נאַקעט, פּאָליטיק, מיט איר שאָטן — שווינדל.

פּאָליטיק איז שווינדל, פּאָליטיק איז שמוציק, אָבער די דאָזיקע „פיינע" אייגנשאַפטן זענען, לכל הפחות, אין דאָזיקן געביט צוועק־מעסיק; אָבער ווי פּערווערז עס איז דאָס אַריינברענגען פּאָליטיק אין געביט פון קונסט און ליטעראַטור: וואָס האָט דער דאָזיקער געביט פון ריינקייט צו טאָן מיט די אומפאַרמיידלעכע אייגנשאַפטן פון פּאָ־ליטיק?

אויף די דאָזיקע געדאַנקען האָט מיך, מיט אַ צייט צוריק, אַרויפּ־געבראַכט (צום ווייפלטן מאָל?) אַ קליינע טעלעגראַמע פון וואַשינגטאָן, אין מעלבורנער „העראלד", וואָס דערציילט, אַז אין זעלבן טאָג, אין וועלכן דער מאָסקווער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט פּאַראורטיילט די פּראָדוקציע פון די

סאָוויעטישע פירנדיקע קאָמפּאָזיטאָרן אַלס „דעקאַדענט און בור־זשואַז״, האָט דאָס אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער סאָוויעטישער אַמ־באַסאַדע אין וואַשינגטאָן פאַנאַנדערגעשיקט איר געוויינלעכן ביולע־טין, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַן אַרטיקל מיט די גרעסטע שבחים פאַר אַראַם כאַטשאַטוריאַן, איינעם פון די פאַראורטיילטע קאָמפּאָזיטאָרן. לויטן דאָזיקן אַרטיקל איז כאַטשאַטוריאַן „אַ טרייער שפּיגל פון רו־סישן גייסט״, זיין מוזיק צייכנט זיך אויס מיט „קלאָרקייט פון געדאַנק, רייכקייט פון פאַרב און פיינער מאַלערישקייט״.

אָט־אָ־די אָפטע וועטער־ענדערונגען אָדער לעכערלעכע סאַלטאָ־מאָרטאַלאָס, זענען נישט קיין זעלטענע דערשיינונגען אין לעבן פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור און קונסט, אָבער תמיד רופן זיי אַרויס ביי מיר נישט נאָר פאַרדרוס פאַר דער פאַרשוועכונג פון אַ געביט, וואָס איז מיר אַזוי ליב, נאָר אויך שטוינונג צוליב דער זינלאָזיקייט פון דער דאָזיקער פאַרשוועכונג: איך קאָן אין איר נישט געפינען קיין שפּור פון יענער צוועקמעסיקייט, וואָס „כשרט״ כאָטש אויטילי־טאַריש די וועטער־ענדערונגען און די סאַלטאָ־מאָרטאַלאָס פון דער פּאָליטיק.

אויב מען קאָן אין איין טאָג דערקלערן אַ געוויסע מוזיק אי אַלס דעקאַדענט און פאַרפוילט, אי אַלס אויסדריקערין פון גייסט פון רו־סישן פאָלק, — איז אויב מען מאַכט נישט פון דעם קיין פּאָליטישע אויספירן, איז דאָס אַ געשמאַק־זאַך, און די אויפגאַבע פון די קעגנ־זעצטע קריטיקער איז איבערצוצייגן דעם עולם און די קינסטלערישע וועלט אין זייער אמת; אויב אָבער מען מאַכט פון דעם פּאָליטישע אויספירן — איז דאָס פּאָליטישער שווינדל־פּאָליטיק, וואָס האָט מיט קונסט און אמת (און עכטע קונסט איז דורכגעלעבטער אמת) גאָרנישט צו טאָן.

די דאָזיקע קונסט־פּאָליטיק איז, ערשטנס, אומגעזונט. פּונקט ווי קריטיק מוז זיין פריי צוצוגיין צו דער קונסט פון אַלע זייטן, פון וועלכע זי וויל נאָר, מוז אויך קונסט — אין מאָמענט פון איר גע־בורט — זיין פריי פון שרעק פאַר די קונסט־זשאַנדאַרן, וואָס וועלן זי נעמען מעסטן נישט מיט דער פרייער קריטישער מאָס, אָן אַ געריכטס־אורטייל, נאָר מיט דער פּאָליטישער מאָס, וואָס טראָגט אין זיך, צוזאַמען מיט דער גייסטיקער פאַראורטיילונג, אויך די פיזישע; און צווייטנס, איז די דאָזיקע קונסט־פּאָליטיק זינלאָז אַפילו ווען מען מעסט זי מיט דער מאָס פון די קונסט־זשאַנדאַרן: די מאַרקסיסטיש־

לעניניסטיש־ סטאַליניסטישע ליטעראַטור־קריטיק גלויבט דאָך באמונה שלימה, אַז דאָס גייסטיקע שאַפן פון מענטשן איז בלויז אַן איבערבוי איבער דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אינעם איבערבוי, ד״ה אַז דער זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין אין אַלע זיינע פאָרמען, אויך דעם קונסט־באַוווסטזיין, טאָ מיט וואָסער רעכט פאַרפאָלגט אַ רעשזים, וואָס באַזירט זיך אויף דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן פונדאַמענט, די קונסט און נישט דעם „זיין״? אויב די סאָוויעטישע קאָמפּאָזיטאָרן, שרייבער און דיכטער וויזן זיך פּלוצים אַרויס אַלס פאַרפוילט און בורזשואַזן, קאָן דאָס דאָך וועקן בלויז אַ פאַרדאַכט, אַז מיט דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פון וועלכער זיי וואַקסן אַרויס, איז עפּעס נישט אין אָרדענונג: וואָסער בוים, אַזעלכע פּרוכט!

דאָס איז פּונקט אַזוי זינלאָז, ווי די קריסטלעכע באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן געטויט דעם קריסטלעכן גאָט.

דאָס גאַנצע קריסטנטום באַזירט זיך דאָך אויף קריסטוסעס פּרייוויליקן טויט פאַר דער מענטשהייט, איז איינס פון די צוויי: אָדער די יידן האָבן נישט געקאָנט באַווירקן זיין טויט אָדער ווען די יידן וואָלטן אים נישט געוועזן געטויט, וואָלט קיין קריסטנטום נישט געוועזן און די וועלט וואָלט נישט געוועזן געקאָנט אויסגעלייזט ווערן...

איז אויב עס איז אמת, אַז די יידן האָבן געטויט קריסטוסן, דאַרף מען זיי דאָך טראָגן אויף די הענט, אָנשטאָט צו טרעטן מיט די פיס!...

אויב קונסט שפּיגלט אָפּ דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט, דאַרף מען זיך נעמען צו דער געזעלשאַפט, אויב די קונסט איז פאַר־פוילט און בורזשואַזן, אָבער נישט צו דער קונסט.

וואָס איז די פּעולה, אַז מען צעהאַקט שוין אַ שפּיגל, וואָס ווייזט אַ מיאוס פּנים? שענער ווערט מען נישט פון דעם...

ווי מען זעט, האָט נישט די דאָזיקע זינלאָזע באַציאונג צו קונסט נישט קיין פאַקטישע קונסט־קריטישע באַרעכטיקונג (ווייל אָט איז דאָס זעלבע קונסט־ווערק כשר און אָט טריף) און נישט קיין אידעאָ־לאָגישע, קיין טעאָרעטישע.

דערפאַר אָבער האָט זי אַ פּאָליטישע סיבה: זי וויל ביי דער קונסט בינדן די פליגלען, כדי זי זאָל פליען לויט דעם איינזען פון דער ביוראָקראַטיע. זיי פאַרשטייען נישט אין זייער ביוראָקראַטישער

טעמפּקייט, אַז קונסט אָן פרייע פליגלען קאָן נישט פליען, נאָר מוז קריכן; זיי פאַרשטייען נישט, אַז ביי אַ פרייען פליען געלינגט אַמאָל איינעם אָדער אַ צוויטן אַרויפצופליען צו די ברייטסטע האָריזאָנטן און צו אַנטדעקן עפּעס פאַר אונדז, די געפּענטעטע, מיט די שאָרני־קעס אויף די אויגן, — אָבער צו וואָס און אויף וואָס טויג אַ קונסט, וואָס קריכט?

קריכן, קריכן מיר אַליין אויך איבערגענוג.

* * *

דער גאַנצער ענין פון מעסטן קונסט מיט אַן אידעאָלאָגישער מאָס ביז אויף אַ הונדערטסטל מילימעטער, איז נישט צוועקמעסיק און זינלאָז, אָבער איין בולטן רעזולטאַט האָט ער יאָ: דער קינסט־לער ווערט דעמאָראַליזירט און די קונסט פּרוכטלאָז, עקרדיק, דעגע־נערירט.

פאַראַן רעזשימען, וועלכע האַלטן, אַז קונסט דאַרף צענזורירט ווערן (נישט נאָר רעזשימען, — אויך פּלאַטאָ האָט געהאַלטן, אַז קונסט נויטיקט זיך אין אַ צענזור); פאַראַן מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז קונסט נישט נאָר וואָס זי דאַרף נישט קיין צענזור, נאָר צענזור איז פאַר איר שעדלעך, — קונסט דאַרף האָבן נישט קיין אַמטלעכע, נאָר אַ פרייוויליקע קאָנטראָל פון דער עפנטלעכער מיינונג.

אָבער דאָס, וואָס די טאָטאַליטאַרע רעזשימען האָבן דער קונסט אַרויפגעזעצט אויפן קאַרק, איז אַ סך ערגער ווי יעדע ביז איצט באַקאַנטע צענזור.

צענזור איז אַ זאַך, וואָס געפינט זיך דרויסן פון שרייבער און פון זיין ווערק. זי באַפאַלט דאָס ווערק און אַמאָל אויך דעם שריי־בער, ווען דאָס ווערק איז שוין פאַרטיק. בעתן שרייבן בלייבט דער שרייבער אינערלעך פריי, ער איז אַ גאַנצער מענטש, איינס מיט זיין געפיל און געדאַנק; יעדנפאַלס קאָן ער דאָס זיין, אויב ער וויל זיך נישט איינקויפן אין יחוס ביים הערשנדיקן רעזשים אָדער ביי אַ מעכטיקער גרופּע. זיין שרייבן, זיין פריי־געבוירן וואָרט ווערן פאַר־קריפּלט ערשט דרויסן פון אים, און אַלע זעען די פאַרקריפּלונג, קיינער ווערט נישט גענאַרט דורכן פאַרקריפּלטן וואָרט. פאַרן שריי־בער איז דאָס אומאָנגענעם, אַמאָל דראָט אַ פּראָצעס, אַמאָל תפיסה, אָבער דאָס ווערט קאָמפּענסירט דורך אַ געפיל פון זיין דער העלד

פון טאָג, אַ שטיקל מאַרטירער פאַר זיין מיסיע — צו געבן אויס־דרוק דעם אוממיטלבאַרן, ערלעכן מענטשלעכן געדאַנק און געפיל. מען דאַרף שוין זיין אַ צו גרויסער פּחדן און אַ צו קליינער שרייבער, כדי דער שאָטן פון דער נאָרמאַלער צענזור, אַפילו פון אַ צאַרישן רוסלאַנד, זאָל באַאײַנפלוסן דעם שרייבער בעתן שרייבן. די צענזור טויט אַמאָל דאָס פריי־געבוירענע וואָרט, זי אַמפּוטירט עס טיילווייז, עס ווערט נישט דערלאָזט צום פולן קול, אָבער געפעלשט ווערט עס נישט, דאָס נישט דערזאָגטע וואָרט זאָגט נאָך אַמאָל מער דורך דעם נישט דערזאָגט ווערן, — ווייל אַלע ווייסן, אַז עס ווערט נישט דער־זאָגט צוליב אַן אינטערווענץ פון דרויסן.

די טאָטאַליטאַרע רעזשימען באַנוצן אָבער נישט קיין נאָרמאַלע צענזור, — זיי באַזעצן דעם צענזאָר אין דער נשמה פון שרייבער גופא, וועלכער געפינט זיך אין תמידער שרעק, אונטער אַ תמידן טעראָר. און דערביי האָט דער שרייבער מורא צו האָבן נישט נאָר פאַר געוויסע, פעסט־באַשטימטע זאַכן, נאָר די סקאַלאַ פון שטרענג־שטראָפבאַרע האַנדלונגען איז אַזוי גרויס, געשפּענסטיק־אומדעפיניר־באַר, אומבאַרעכנבאַר־ווילקירלעך, מיטלאַלטערלעך־אומלאָגיש, אַז דער שרייבער קאָן גאָרנישט פאָראויסזען פאַר וואָס דער קלאַפּ וועט פאַלן. פּונקט ווי אַ פאַרברעכער, דער געניאַלסטער, מוז כמעט תמיד דורכ־פאַלן מיט עפּעס אַ פּרט, וואָס גיט אים אַרויס אָדער וואָס קאָן אים אַרויסגעבן, ווייל עס איז אוממעגלעך פאָראויסצוזען אַלע קלייניקייטן, אַזוי קאָן דער פאַרזיכטיקסטער, דער סערווילסטער שרייבער נישט פאָראויסזען אַלץ, וואָס קאָן דערקלערט ווערן אַלס אַפּיקורסות אַלס „קראַמאָלע". דאָס איז בכלל נישט מעגלעך, בפרט אין דאָזיקן פאַל, ווען די פּערספּעקטיוו ענדערט זיך פון צייט צו צייט און אַלץ נעמט אָן אַ גאַנץ אַנדערע פאָרם, און אַלץ ווערט געזען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט אָדער גרויס.

אָט איז עס עכט־סאָוויעטיש־רוסיש און אָט — בורזשואַז־אימ־פּעריאַליסטיש־פאַרפוילט.

האָבן דען די טראָצקי־לויבער געקאָנט פאָראויסזען — פאַר דעם טראָצקי־סטאַלין ריס — די געענדערטע פּערספּעקטיוו, אין וועלכער טראָצקי וועט אַמאָל דערשיינען?

און ווער קאָן דאָס היינט פאָראויסזען בנוגע אַן אַנדערן גדול אָדער בנוגע אַנדערע טויזנט זאַכן?

האָבן דען פעפער און די איבעריקע, איצט שוין טויטע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער, געקאָנט פּאַראויסזען, אַז זיי, וועמען מען האָט געהייסן שאַפן דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמיטעט, וואָס האָט גערעדט צו די „ברידער יידן" אין נאָמען פון יידישן פאָלק, וועלן גראָד באַשולדיקט ווערן, פאַר דערפילן טריי זייער חוב, אין קאָסמאָפּאָליטיזם אָדער אין נאַציאָנאַליזם? אייגנטלעך זענען דאָס קעגנזעצלעכע חטאים, ווייל קאָסמאָפּאָליטיזם איז דאָך דער קעגנזאַץ פון נאַציאָנאַליזם, און פאַרקערט; אָבער דער אַנטי־נאַציאָנאַליסטישער ראַטנפאַרבאַנד איז פלוצים קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם צוליבן סאָוויעטישן נאַציאָנאַליזם, וואָס ווערט באַדראָט פון יידישן קאָסמאָפּאָליטישן נאַציאָנאַליזם.

אָבער לאָמיר לאָזן דעם דאָזיקן פלאָנטער אינמיטן, כל־זמן מיר ווערן נאָך נישט צעדולט...

אָט די צענזור, וואָס מען האָט באַזעצט אין דער נשמה פון יעדן סאָוויעטישן שרייבער, ווערט איידל אָנגערופן „זעלבסט־קריטיק". די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", די וואָכנשריפט פונעם שרייבער־פאַרבאַנד, האָט נישט לאַנג באַשולדיקט אַ גאַנצע ריי סאָוויעטישע שרייבער, אַז זיי היטן נישט אָפּ תמיד די באָלשעוויסטישע זעלבסטקריטיק.

צי קאָן אָבער דער פאַרזיכטיקסטער, דער „זעלבסטקריטישסטער" שרייבער פאַראויסזען אַלץ, וואָס וועט אויסזען אידעאָלאָגיש נישט ריכטיק, פאַרפוילט, פאַרקריפּלט אין אַ צייט אַרום ביי דעם אָדער ביי יענעם ליטעראַטור־ספּעץ?

עפּטאָן סינקלער האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דעם געשריבענעם וואָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. האָט דאָס בוך געטראָגן דעם שטעמפּלענדיקן נאָמען „געלט שרייבט".

אַ בוך וועגן דעם געשריבענעם וואָרט אין ראַטנפאַרבאַנד וואָלט מען געוווּנען געמוזט באַטיטלען: „שרעק שרייבט".

נאָך אײדער דער שרייבער זעצט זיך צום שרייב־טיש, איז שוין זיין וואָרט פאַרשקלאַפט. דאָס, וואָס אַמאָל פלעגט טאָן דער גייסטיקער תליון, צווינגט מען דעם שרייבער טאָן אַליין.

דער גרויל פון אונדזער צייט באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס מען צווינגט מענטשן אויסצוגראָבן פאַר זיך אַליין קברים, נאָר אויך אין דעם, וואָס מען צווינגט שרייבער אויסצוואָרצלען אַליין זייערע געדאַנקען, אָפּצוטרייבן די גייסטיקע פרוכט נאָך אין שרייבערס טראַכט. ער טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער אויסערלעכער צענזור,

וואָס האָט טויזנט אויגן, — ער מוז זיך אַליין קאָנטראָלירן. און ווי צו אים, אויב ער קאָן נישט אַלץ אויסרעכענען.

אוּן קיינער קאָן קיינמאָל נישט זיכער זיין מיט זיין חשבון.
און אָט דאָס מוז ברענגען צו אַ גייסטיקן חורבן.

איך וויל דאָס אילוסטרירן נישט מיט קיין גרויסע, גוט באַקאַנטע פאַלן, נאָר דווקא מיט אַ קלייניקייט (ווי ס'קאָן זיך דאַכטן), וואָס איז כמעט קיינעם נישט באַקאַנט.

אין 1940, נאָך דעם ווי די סאָוויעטן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָב איך אין ווילנער „עמעס" געלייענט אַ „תיקון־טעות" מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט (כ'ציטיר פון זכרון, אָבער איך גאַראַנטיר פאַרן אינהאַלט ביז די קלענסטע ניואַנסן):

„אין אונדזער נעכטיקן אַרטיקל איז אַריינגעפאַלן אַ טעות אין פאָלגנדיקער שורה (און דאָ קומט די שורה). דאָס איז אַ שורה פון אַ ליד, ווו עס רעדט זיך וועגן אַ „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום"".

וואָס איז דאָס פאַר אַ געהיימנישפול ליד, וואָס מוז ציטירט ווערן אינקאָגניטאָ, מיט רמזים? און ווער איז זיין דיכטער? און וואָס איז דאָס פאַר אַ „פאַנאַטישער פאַסטוך פון אַלטערטום"?

די שורה שטאַמט פון ביאַליקס באַרימט ליד, געבויט אויפן פערז פון נביא עמוס: „חוזה, לך ברח". דער יידישער זשורנאַליסט האָט דאָס, נאַטירלעך, גאַנץ גוט געוווּסט, אָבער ביאַליק איז דאָך נישט דער רוסישער רעאַקציאָנערער דיכטער טיוטשעוו, וועמען מען ציטירט אין ראַטנפאַרבאַנד גאַנץ פריי, וועגן וועמען מען שרייבט אַ סך אין דער רוסישער פרעסע; און דער נביא עמוס איז נישט פיאָטר דער גרויסער און אויך נישט סוּוואָראָוו, וועגן וועמען מען שאַפט פילמען, דעריבער שרעקט זיך דער „גייסטיק־באַפרייטער", מיטן פליכט פון „זעלבסט־קריטיק" באַשאַנקענער יידישער זשורנאַליסט צו דערמאָנען ביאַליקס און עמוסעס נעמען, און ער פטרט עס אָפּ אגיל ואשמחדיק: דאָס איז אַ שורה פון אַ ליד וועגן אַ „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום".

איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַ קוריאָז? אַז פון נאַרישקייטן ברענגט מען נישט קיין ראיות?

וואָלט דאָס געווען זיין אַ קוריאָז, וואָלט דאָך דאָס גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע רוסלאַנד געווען באַדאַרפט פלאַצן פון געלעכטער פונעם „פאַנאַטישן פאַסטוך פון אַלטערטום", פונעם נישט האָבן קיין „מוט"

אַנצורופןביים נאָמען אַ ציטירטן דיכטער, פונעם נישט האָבן קיין „מוט" אַנצורופן ביים נאָמען אַ נביא (איך רעד שוין נישט וועגן עמוסעס כשרער סאָציאַליסטישקייט). אָבער די גאַנצע יידישע פּרעסע איז געבליבן טויט־ערנסט; פאַרן וועלן אויסלאַכן די „פּאַרזיכטיקייט" פונעם יידישן זשורנאַליסט, וואָלט מען געוועזן מיאוס אָפּגעשניטן.

ניין, דאָס איז נישט קיין צופעליקער קוריאָז, — דאָס איז אַ כשר־פּאַרקריפּלט קינד פון גאַנצן סיסטעם, פון דער אינערלעכער צענזור. פון וואַנען ווייסט דער אָרעמער יידישער זשורנאַליסט, דער נאַר־וואָס באַפרייטער, אַז ער איז פריי צו דערמאָנען ביאַליקס נאָמען (ער שרייבט דאָך, — אַ שרעק! — אויף העברעאיש „נאַציאָנאַליסטישע" לידער!), אַז ער מעג דערמאָנען דעם נאָמען פון „פּאַנאַטישן פּאַסטוך פון אַלטער־טום" (אַ ווונדערבאַרע דעפיניציע פאַרן וואָרט „נביא"!), פונקט ווי ער מעג דערמאָנען דעם נאָמען פון סאָקראַטן, ווייל וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַ פאַרדראָסיקן פאַקט פון אַ 2.500 יאָר צוריק, — אַ פאַקט, וואָס די יעווסעקציע אַפילו קאָן נישט באַזייטיקן?

דער זשורנאַליסט ווייסט איינס: מען דאַרף היטן די „באַפרייטע" ביינער, און אויב ער היט זיך נאַריש, איז די נאַרישקייט נישט בלויז זיינע...

און אפשר איז ער גערעכט? דאָס וואָס גאַרקי מעג (לויבן און דערמאָנען ביאַליקן), טאָר נישט קיין ייד ביי דער יעווסעקציע.

ווי דאָס באַווייזן די לעצטע יעווסעקישע בלימעלעך אין רומעניע.

(ביז ס'וועט זיך אַמאָל אַרויסווייזן, אַז זיי זענען גאָר געווען שעדי־קער... זיי האָבן דאָס געטאָן, כדי צו קאָמפּראָמיטירן די ראַטן־מאַכט).

און דער ווילנער זשורנאַליסט האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט מאַקסימאַל אָנגעווענדט די פליכט פון „זעלבסט־קריטיק".

ס'איז ביטער צו זיין אַ בירגער אין אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים; אָבער די גרעסטע טראַגעדיע איז צו זיין אין אַזאַ רעזשים אַ געזעל־שאַפטלעכער טוער אָדער — אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן! — גאָר אַ שרייבער...

גיט נאָר אדרבא אַ טראַכט סאַראַ גרויל עס ליגט אין די ווער־טער: „שרעק שרייבט"...

שרעק, אַנשטאָט אינספּיראַציע!...

3. הכל שוחטין

הכל שוחטין. אָבער יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער.

לאָמיר נעמען די גוטע אַלטע קאַפּיטאַליסטישע וועלט (לאָמיר נישט מורא האָבן פֿאַרן אמת און זאָגן מיט אַ פול מויל: די וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם היטלעריזם און דעם באָלשעוויזם, זאָגן, נישט געקוקט אויף זייער סאָציאַליסטיש האַרץ: דער גוטער, אַלטער קאַפּיטאַליזם!). אויך ער שעכט דאָס אָרעמע שעפּעלע־מענטש. אָבער דער קרבן מעג שרייען — און דאָס איז שוין אַ גרויסע פֿאַרלייכטערונג. אַ געוויינערין אַז זי שרייט, ווערט איר אויך לייכטער דער ווייטיק. און חוצדעם קאָן מען קעמפן קעגן דער שחיטה, און אָפט — מיט דערפֿאָלג. מען שעכט, אָבער הומאַניטאַר, דעמאָקראַטיש.

און איך זאָג ווידער מיט אַ פול מויל: איך לאַך נישט מער פון דאָזיקן וואָרט „דעמאָקראַטיש“, וואָס איז געוואָרן אַ זידל־וואָרט. געוויס, וואָס עס פעלט דער דעמאָקראַטיע, מעג איר צוקומען, — עס וועט איר נישט פֿאַרשאַטן... אָבער מיט אַלע זיינע פעלערן האָט דער דעמאָקראַטיזם, — טאַקע דער קאַפּיטאַליסטישער! — אַ סך געוווּנען, ער און זיין אופן פון שעכטן דאָס אָרעמע שעפּעלע־מענטש.

דער פֿאַשיזם שעכט שוין גאַנץ אַנדערש. ווען ער שעכט, מוזטו אויסשטרעקן דעם האַלדז, עס זאָל אים זיין באַקוועמער צו שעכטן; שרייען טאָר מען נישט — דאָס איז גרויל־פּראָפּאַגאַנדע; און אַנטלויפן אָדער קעמפן — וועגן דעם טאָר מען נישט טרוימען: דאָס איז הויכפֿאַרראַט.

דאָס איז אַזאַ שחיטה, אַז אין פֿאַרגלייך מיט איר איז אפשר גאָר אַן עוולה צו ריידן וועגן דער שחיטה פון די קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען: אויך מיר אַ שחיטה!... און דאָך איז די פֿאַשיסטישע שחיטה נאָך נישט די ערגסטע (דאָס איז געשריבן געוואָרן אין ווילנע, אין 1940; דאַן האָט מען נאָך נישט פֿאָראויסגעזען די ספּעציעלע אַרט שחיטה פֿאַר יידן, וואָס איז ערגער אַפילו פֿאַר דער באָלשעוויסטישער); עס איז דאָ אַ דריטער אופן פון שעכטן דאָס אָרעמע שעפּעלע־מענטש — דער שרעקלעכסטער. ביים דאָזיקן אופן שחיטה טאָר דער קרבן נישט שווייגן; ער מוז שרייען — אָבער נישט דאָס, וואָס אים ווילט זיך, נאָר דאָס, וואָס דעם שוחט איז נויטיק. דער קרבן מוז שרייען — הוראַ!

שווייגן? אינעם שווייגן גופא ליגט שוין דער פּראָטעסט; שווייגן

קאָן מען אויסטייטשן אין ווערטער, — דער קרבן מוז אַקצעפּטירן די שחיטה איבער אים!

אָט־אָ דער אופן פון שרעקלעכסטער שחיטה איז דער באָלשעוויסטישער.

דערציילט מיר אַ האַנטווערקער: מען האָט אים, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, גערופן אויף אַ פאַרזאַמלונג.

איז ער געקומען.

איז אַרויסגעטראָטן אַן אָפיציעלער רעדנער און אויפגעוויזן, אַז די צונויפגערופענע האַנטווערקער, אַלע פון איין בראַנזשע, דאַרפן, צוליב זייער אייגענעם נוצן, גרינדן אַן אַרטעל.

ווייזט אויס, אַז דער רעדנער האָט נישט איבערצייגט די האַנטווערקער. אייניקע האָבן אָנגעהויבן אָפּאָנירן און אויפווייזן, אַז אַן אַרטעל איז פאַר זיי באַקוועמער. נאָך אַ צוויי־שעהדיקער אַמפּעריי, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט דער רעדנער אויפגעדעקט די קאָרטן: די האַנטווערקער מוזן שאַפן אַן אַרטעל; אויב נישט מיט גוטן, וועט עס געשאַפן ווערן מיט בייזן. און דאַן וועט זיין ערגער...

און ער איז ווידער צוגעטראָטן איינריידן די האַנטווערקער.

האָט זיך איינער, אַ פּשוטער עמך, אויפגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן (מיט יענעם טאָן, ווי יענער פּראָסטאַק אין אַנדערסענס מעשה־לע, וואָס האָט אויסגערופן: דער קעניג איז דאָך נאַקעט!): אויב מיר מוזן, טאָ צו וואָס האָט מען אונדז צונויפגערופן און צו וואָס מאַטערט איר זיך און אונדז שעהן לאַנג? מאַכט און פאַרטיק!

האָט דער רעדנער גוטמוטיק געענטפערט דעם נאַאיוון עמך: נישט נאָר דער אַרטעל מוז געשאַפן ווערן, נאָר איר מוזט אַליין באַשליסן אים צו מאַכן. וואָלט איר זיך געלאָזט איבערצייגן, וואָלט גאָר געווען גוט; אָבער אַז נישט, זאָג איך אייך, אַז דער באַשלוס איז שוין סיי ווי דאָ, נאָר איר מוזט אים פונדעסטוועגן אַליין אָננעמען.

איצט האָט זיך דער עולם געלאָזט איבערצייגן...

און אַזוי איז ביי די וואַלן: מען קומט צו די פּאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען מיט אַ פּאַרטיקן קאַנדידאַט (וואָס רעד איך אַ „קאַנדידאַט"? — מיט אַ פּאַרטיקן דעפּוטאַט!) און מען רעדט איין דעם עולם, אַז ער אַליין רוקט אַרויס דעם דאָזיקן קאַנדידאַט.

אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד קאָן דער האַנטווערקער רואינירט ווערן דורך דעם קאַפּיטאַליסט; אין אַ פאַשיסטיש לאַנד דעקרעטירט מען אַזוי און אַזוי; אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד דעקרעטירט מען און

דער האַנטוועקער און דער אַרבעטער מוזן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי אַליין באַשליסן דאָס.

אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד איז דער דרוק נישט קיין דירעק־טער; אין אַ פאַשיסטישן — אַ דירעקטער; אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער דירעקטער דרוק באַהאַלטן הינטערן חוזק איבערן מענטשן: מ׳וועט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דו ביסט סוווערען, בעת דו ביסט פאַר־קנעכטעט; דו מוזט טראָגן די קרוין פון אַ לץ.

דערין איז די גאַנצע סיסטעם: דאָס פאָלק רעגירט און דאָס פאָלק אַליין האָט וועגן דעם אַלעם צו באַשליסן. און עס „באַשליסט״, פונקט ווי עס „רעגירט״...

4. פינלאַנד און כינע

אין ווילנע, אין רויטן ווילנע, האָב איך געזען אַ סאָוויעטישן פילם־רעפּאָרטאַזש פון יאַפּאַניש־כינעזישן קריג: אַ כינעזישע שטאָט, צעשטערט פון באָמבעס; כינעזישע פרויען און קינדער — פאַר־היימלאָזטע און פאַרצווייפלטע.

דער רעפּאָרטאַזש איז געווען זייער גוט געמאַכט, מיט דער גאַנ־צער רייפער טעכניק פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער קינאָ־קונסט. די ווירקונג זיינע איז געווען שטאַרק: מיט וואָסער רעכט איז מען באַ־פאַלן די דאָזיקע פרידלעכע מענטשן, צעשטערט זייערע היימען, פאַרנומען זייער ערד, פאַריאָגט און געטויט די נאָענטסטע און ליבסטע?

קיין בעסערע און ווירקזאַמערע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אַגי־טאַציע קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן: דאָס בילד דרינגט אומ־מיטלבאַר דורך צום געמיט און נעמט אים געפאַנגען.

אָבער איין זאַך האָט דער רעזשיסער פונעם אויבן דערמאָנטן קינאָ־רעפּאָרטאַזש נישט פאָראויסגעזען, נישט געקאָנט פאָראויסזען: אַז דאָס דאָזיקע קינאָ־בילד וועגן יאַפּאַניש־כינעזישן קריג וועט גע־וויזן ווערן אין רויטן ווילנע עטלעכע חדשים נאָכן סאָוויעטיש־פינ־לענדישן קריג.

און נישט־ווילנדיק האָט דאָס בילד פון יאַפּאַניש־כינעזישן קריג דערפילט אַ צוגאָב־פונקציע: עס האָט אַגיטירט אויך קעגן סאָוויעטיש־פינלענדישן קריג. אָנשטאָט דער כינעזישער שטאָט, דער צעשטערטער

דורך באַמבעס, האָט מען געזען פינלענדישע שטעט; אַנשטאָט כינע־זישע הימלאָזע — פינלענדישע. און די געפילן, וואָס דאָס קינאָ־בילד האָט אַרויסגערופן קעגן די פאַרגוואַלדיקער פון כינע, האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף די פאַרגוואַלדיקער פון פינלאַנד.

אָבער נישט די געפילן, וואָס דאָס בילד האָט אַרויסגערופן, זע־נען דאָס שרעקלעכסטע; דאָס שרעקלעכסטע איז דער פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף דער קאָפּולער אַנצוהערעניש, וואָס דאָס בילד גיט דעם ראַטנפאַרבאַנד זינט זיין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, האָט מען דאָך געפונען פאַר מעגלעך צו דעמאָנסטרירן דעם קינאָ־רעפּאָר־טאַזש קעגן די אימפּעריאַליסטישע רויב־חיות!

האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט פּשוטן פאַרזען פון אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט? אָדער האַלטן די מאַכט־האָבער פון ראַטנפאַרבאַנד, אַז דאָס וואָס איז זינד פאַרן קאַפּיטאַליזם, איז אַ מצווה פאַרן ראַטנפאַרבאַנד? אָדער האַלטן אפשר די ראַטנפאַרבאַנד־פירער, אַז די געפירטע זענען אַזוי פאַרמאַרעט און פאַרקאַזאַרמעט גייסטיק, אַז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן זיי זאָלן זעלבשטענדיק מאַכן פאַרגלייכן און קומען צו געוויסע געדאַנקען? אָדער אפשר טראַכטן זיך די ראַטנפאַרבאַנד־פירער גאָר־נישט אַריין אַזוי טיף אין גאַנצן ענין: וואָס גייט זיי אָן צי מען וועט טראַכטן צי נישט — זאָגן עפּעס וועט קיינער סיי ווי נישט קאָנען, איז אַהער די פאַרלעגענע אַגיט־סחורה, וואָס די אייגענע פּראַקטיק האָט זי אויסגעפּאַטשט. דער עולם וועט אַלץ אַראָפּשלינגען — אַ ברירה האָט ער?

5. דער געזונגענער ליגן

איז דען דאָ נאָך אַ געביט פון מענטשלעכן וואָרט, וואָס זאָל זיין אַזוי פילבאַר אויף אומאויפריכטיקייט, אויף פאַלשקייט, ווי דאָס גע־זונגענע וואָרט?

די באַגלויבטסטע דאָקומענטן פון אַלע אונטערדריקטע עפּאָכעס, פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער זענען די פאָלקס־לידער, דער אויס־געדריקטער געמיט־צושטאַנד, — דאָס געזונגענע וואָרט פון פאָלק, וואָס קיין שום טיראַן איז נישט איינגעפאַלן עס צו פעלשן. אויפן דאָזיקן גאָטלאָזן געדאַנק איז געפאַלן — אַלס פּיאָנער! — ערשט

אונדזער שענדלעכע תקופה פון פאַשיזם און באָלשעוויזם, וואָס לעבן איינער פון צווייטן מער ווי זיי ווילט זיך מודה זיין...

דער פאָלקס־באַפרייענדיקער ראַטנפאַרבאַנדישער רעזשים האָט זיך דערקליבן אויך צום געזונגענעם וואָרט: אַ גאַנצע מחנה הויף־זינגער אַרבעטן אויס מיט אַ סטאַכאַנאָווישן טעמפּאָ און סטאַכאַנאָ־ווישער טאַנדעטנעקייט זינג־מאַטעריאַלן און מען צווינגט דאָס אַרויף מיט אַלע מיטלען אויפן פאָלק. אויך דאָס געזונגענע וואָרט איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פון רעזשים: עס איז זיי וויכטיק צו פאַרקריפּלען דעם גייסט, ווי אַלע טיראַנען פלעגן דאָס טאָן, — זיי ווילן אויך פאַרקריפּלען דעם געמיט, דעם לעצטן מקום־מקלט פאַר אויפריכטיקייט און אמת און די גרויזאַמסטע צייטן. מען באַמיט זיך צו פעלשן די נשמה פון פאָלק אין הווה און אין עתיד.

און פון אַלע שקרים איז צום שרעקלעכסטן צו הערן דעם גע־זונגענעם שקר.

הערט מען זינגען אַזעלכע שורות: „יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשעלאָוויעק״ (איך קען נישט נאָך אַ צווייט לאַנד אַזאַ, וווּ דער מענטש זאָל אַזוי פריי אָטעמען), ווערט שרעקלעך פאַרן מענטשן, וועלכער קאָן אויף אַזוי ווייט מיס־ברויכן מיטן וואָרט, וועלכער קאָן אין אַזאַ מאָס פעלשן דאָס געזונ־גענע וואָרט. אויב כמעט אַלע ראַטנפאַרבאַנדישע לידער זענען פול מיט ביליקער סענטימענטאַלקייט, מיט קינדישער זעלבסטבאַרימערײַ און ווילן צו פלאַנצן פּאַטריאָטיש־מיליטערישע געפילן, — איז דאָס דאָזיקע ליד פול מיט אַ שקר, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן. די ליגנע־רישקייט פון די אויבן דערמאָנטע שורות איז אַזוי גרויס, אַז זיי מאַכן דעם איינדרוק פון עפּעס פּאַטאָלאָגישעס, פון אַ מין גייסטיקן, מאָראַלישן מאַזאָכיזם: לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, זיין געצוווּנגען צו פאַרפאַסן הוראַ־לידער (און במילא פאַרניכטן אין זיך יעדן שפּור פון עכטן שאַפן) און אויסשרייען מיט מאַזאָכיסטישער תאווהדיקייט: „יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשע־לאָוויעק״...

איז דען נויטיק אויפצוציילן אַלע „פרייהייטן״ פון ראַטנפאַר־באַנדישן בירגער, כדי צו שטעלן די אויבן געבראַכטע שורות אין זייער געהעריקער ליכט? איז דען נויטיק אָנצושרייבן אַ גאַנצן בוך פאַקטן, כדי צו אַנטפּלעקן זייער גרויזאַמע, שענדלעכע ליגנערישקייט?

ניין, דאָס איז נישט נויטיק. דאָס לאָזט זיך מאַכן לייכטער און איבערצייגנדיקער.

די רוסישע פּאַרט־שטאָט וולאַדיוואָסטאָק. דער „אינטוריסט״־האָטעל. דער גרויסער זאַל פון האָטעל־רעסטאָראַן.

ביי אַ טישל זיצט אַ יידישע אַקטריסע, וואָס פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד. מיט איר זיצט אַ רוס, אַ ראַטנפאַרבאַנדישער אינזשעניער, וועלכער איז געקומען קיין וולאַדיוואָסטאָק אַמטלעך.

דאָס פּאָרל רעדט צווישן זיך. דער אינזשעניער איז שכור (ווי דאָס רוב ראַטנפאַרבאַנדישע מענטשן, ווי נאָר זיי געפינען זיך אין אַ רעסטאָראַן, מחוצן אַמטלעכן לעבן), אַ ביסל פאַרליבט. ער רעדט וועגן זיך, וועגן זיין לעבן, וועגן זיין פאַמיליע.

ער נעמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין פרוי און קינד און ווייזט עס דער יונגער אויסלענדערין.

ער באַווייזט קוים אַריינצולייגן די פאָטאָגראַפיע צוריק אין פּאָרטפעל, — עס שטייט שוין נעבן אים איינער פון די קעלנערס און פאָדערט ביים אינזשעניער אַ דין־וחשבון: וואָס האָט ער געוויזן דער אויסלענדערין? און דער אינזשעניער גיט אָפּ אַ דין־וחשבון: אַ פאַמיליע־בילד. און לעגיטימירט זיך אויס מיטן בילד. און דער קעלנער פרעגט איבער ביי די געסט פון די נאָענטע טישלעך צי ער האָט טאַקע געוויזן בלויז די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע.

דאַן קומט אַ פּאַרציע מוסר: ער האָט בכלל נישט קיין רעכט צו ריידן מיט אַן אויסלענדערין. זאָל ער אַוועקגיין פון איר.

און דער דירעקטאָר פון „אינטוריסט״ זוכט אויף דעם מאַן פון דער אויסלענדערין און עצהט אים ער זאָל צונעמען זיין פרוי.

און די נאָענטסטע עטלעכע אָוונטן היט דער דירעקטאָר פון „אינטוריסט״ דעם זאַל, ער גיט אַכטונג אויף דער אויסלענדערין און אויפן אינזשעניער, וועלכער האָט געוויזן דעם קעלנער די פאָטאָגראַפיע, ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט, אָבער ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער גזירה נישט צו ריידן מיט דער אויסלענדערין: ער האָט אַ רעכט צו ריידן מיט איר (פּאַרט שיכור; הגם די ראַטנפאַרבאַנדישע שיכורים זענען אַזוי שטיל און פאַרשלאָסן, ווי די ניכטערע; הגם הינט אַפילו בילן נישט אין ראַטנפאַרבאַנד, אַחוץ די אָפיציעלע...).

די אויסלענדערין האָט אָפּגעשניטן מיט גאָרנישט; וועגן אינזשעניער ווייס איך נישט. אָבער ווי זאָל מען נאָך אַזאַ סצענע הערן

אָן מאָראַלישע קאָנוווּלסיעס אַזעלכע שורות, ווי: „יאַ דרוגאַי טאַקאַי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשעלאָוויעק״?

אַזאַ פאַקט שפּרינגט דאָך נישט אַרויס פלוצלונג, — דאָס איז דאָך זיכער פאַרוועבט אין אַ סיסטעם.

איז זיך דען מעגלעך פאַרצושטעלן אַ גרעסערע קנעכטשאַפט, ווי די, וואָס ווערט באַלויכטן, ווי מיט אַ שטאַרקן רעפלעקטאָר, דורכן אויבן געבראַכטן פאַקט?

איז מען דען נישט באַרעכטיקט — אָן דער מינדסטער שפּור פון בייזוויליקייט — צו פאַראַפראַזירן די אויבן געבראַכטע שורות: „יאַ דרוגאַי טאַקאַי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דושאַט טשעלאָוויעקאַ״... (איך קאָן נישט נאָך אַ צווייט לאַנד אַזאַ, ווו מען זאָל אַזוי פריי שטיקן דעם מענטשן...).

6. ציפערן

די ראַטנפאַרבאַנדישע פּרעסע האָט ליב ציפערן. זי האָט ליב צו פלעפן דעם עולם מיט ציפערן, מיט סטאַטיסטיק, מיט פּראָצענטער. אַלץ לאָזט זיך אָפּפרעגן — אָבער ציפערן? גיי שפּאַר זיך מיט ציפערן! אַז מען זאָגט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז דעם אַרבעטער בעסער ווי אין ענגלאַנד, קאָנט איר זאָגן: און אפשר פאַרקערט? אָבער אַז מען גיט אַ שטעל אַוועק אַ ריי ציפערן — בלייבט איר אָן לשון. וואָרום דעם פשוטן מענטשן פאַלט גאָר נישט איין, אַז מען קאָן פעלשן אויך ציפערן. וואָס הייסט? מען גיט דאָך אָן גענויע ציפערן, גענויע פּראָצענטער, גענויע סטאַטיסטיק! און אויף אָט־דער ערלעכקייט פון דורכשניטלעכן מענטשן איז באַרעכנט יעדער שווינדל, בפרט מיט ציפערן, פאַר וועלכע מען האָט, נישט ווילנדיק, דרך ארץ.

אָבער עס זענען דאָ מיטלען, אַדאַנק וועלכע דער ציפערן־שווינדל נעמט אַרויסקריכן פון זאַק.

* * *

אַ גוטער פריינד מיינער, אַ גרויסער ענטוזיאַסט פון ערד־אַרבעט, האָט מיר דערציילט אַ טשעקאַווע זאַך.

ער איז אַ קעגנער פון באָלשעוויזם, אָבער אַז עס איז אים אונטערגעקומען אונטער דער האַנט אַ צוויי־בענדיק ווערק וועגן די

רוסישע קאָלכאָזן, האָט ער זיך געוואָרפן דערויף ווי אַ דורשטיקער אויף אַ קריגל וואַסער.

— און איך בין געווען באַגייסטערט, — האָט ער מיר דערציילט, — אַזעלכע אויפטוען אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט! אַזעלכע דערגרייכונגען! און אַן מליצה! בלויז פאַקטן, באַפּאַנצערט מיט ציפערן.

— אָבער אין מיטן לייענען, — האָט מיין פריינד ווייטער דערציילט, — איז מיר געקומען אַן אַפּיקורסישער געדאַנק: ווען עס וואָלט אמת געווען בלויז אויף צוואַנציק פּראָצענט, וואָלט דאָך נישט נאָר רוסלאַנד באַדאַרפט זיין אַן ארץ זבת חלב ודבש, נאָר אַ האַלבע וועלט וואָלט דאָך באַדאַרפט פאַרפלייצט ווערן מיט רוסישע פּראָדוקטן. טאָ וואו־זשע איז דאָס? טאָ פאַרוואָס זעט אַזוי אויס אין רוסלאַנד די דערנערונגס־פּראָגע?

און אָט די פראַגע האָט געפירט מיין פריינד צום איינציק־לאָגישן אויספיר: די ציפערן מוזן זיין געפעלשט, ווייל די ווירקלעכקייט רעדט אַן אמתע שפּראַך, אַ סך אַן אמתערע ווי די ציפערן...

אָבער די לאָגישע שפּראַך פון דער ווירקלעכקייט איז נישט דער איינציקער וועג, מיט וועלכן מען קאָן דערקענען צי די ציפערן זענען ריכטיק אָדער נישט. עס איז דאָ אַ צווייטער וועג, אַ קאָנקרעטערער.

„ווילנער עמעס" איז פול ווי אַלע ראַטנפאַרבאַנדישע ציידטונגען, מיט ציפערן: די און די פאַבריק האָט געהויבן די פּראָדוקציע אויף אַזויפיל און אַזויפיל פּראָצענט; די און די פאַבריק האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד ביים סאָצגעוועט א.אַז.וו.

גייט איר אַרויס אין גאַס און טרעפט אַן אַרבעטער פון דער און דער פאַבריק. גיט איר אים דאָך אָפּ אַ גרויסן מזל־טוב, קוקט ער אויף אייך אָדער מיט חוזק אָדער מיט רחמנות: ווי אַזוי קאָן זיין אַ רייד וועגן הויבן די פּראָדוקציע, אַז עס זענען בכלל נישטאָ קיין רוישטאָפן?

אין קיין שום אָרט איז אַזוי אָפן נישט אַרויסגעקראָכן די ליגנערישע אָל פון באָלשעוויסטישן זאַק, ווי אין ליטע. די מורא פון אייגעם פאַרן צווייטן איז נאָך נישט געווען פון אָנהויב אַזוי שטאַרק. מענטשן האָבן געוווסט ווו ווער עס אַרבעט און וויפיל ווער עס פאַרדינט, און יעדער ליגן פון דער צייטונג פלעגט גלייך אַרויפשווימען אויבנאָן, ווי בוימאייל אויפן וואַסער.

דער „ווילנער עמעס" שרייבט, אַז די אַרבעטער פון דער און

דער פאַבריק זענען איצט גליקלעך: אַנשטאָט 2 זלאָטעס אַ טאָג פאַר־דינען זיי איצט 10 ליט; אָבער די דאָזיקע אַרבעטער פלעגן דאָך פריער פאַרדינען 10 זלאָטעס אַ טאָג און די קויף־קראַפט פון 10 זלאָטעס איז געווען אַ סך גרעסער פאַר 10 ליט.

— ווי אַזוי זאָל איך גלויבן דער צייטונג, — פרעגט מיך מיין פריזירער, — בעת איך געפין דאָרט בולטע ליגנס וועגן אַ באַקאַנ־טער פאַבריק? זיי רעכענען אויס דערויף, אַז בלויז ווייניקע וועלן דערקענען דעם ליגן, בעת די מערהייט וועט אים גלויבן. אָבער די דאָזיקע ווייניקע וועלן שוין קיין שום צייטונגס־ציפערן נישט גלויבן. און יעדע ציפער האָט דאָך אירע ווייניקע, וואָס קענען זיך אויף איר: די אַרבעטער פון דער באַטרעפנדער פאַבריק און זייערע באַקאַנטע; די אַרבעטער פון באַטרעפנדן פאַך און זייערע באַקאַנטע.

און יעדן טאָג פלעגט אַ גרופע קוועטשן מיט די פּלייצעס און ווערן פאַרזיכטיק צום בלאָפן וועגן זיי, — איז פאַרוואָס אויך נישט וועגן יענעם?

און צי דען קאָנען דאָס נישט באַגרייפן די ציפער־פּראָדוצירער? צי דען פילן זיי נישט סאַראַ דעמאָראַליזאַציע זיי פאַרשפּרייטן דורכדעם ?

אָבער, ערשטנס האָבן זיי זיך שוין בכלל אָפּגעוווינט צו טראַכטן; און צווייטנס — וואָס גייט זיי אָן וואָס דער עולם טראַכט און רעדט אין דער שטיל? אַבי עפנטלעך קאָן זיי קיינער נישט פּאַטשן אין פּנים מיטן ליגן; אַבי אַלע מוזן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דאָס איז ריכטיק. און דריטנס — די דערפאַרונג האָט זיי געלערנט, אַז דער גרעבסטער ליגן, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן מאָנאָפּאָליסטיש, דרינגט אַריין אין די מוחות פון אַ גרויסן טייל: זיי זעען, דאַכט זיך, אויף דער אייגענער דערפאַרונג, אַז דאָס איז אַ ליגן, און דאָך גלויבן זיי דער פּראָפּאַגאַנדע בעסער ווי זייער אייגענער הויט־דערפאַרונג. געוויס, דאָס איז אַ רע־זולטאַט פון אַ געווויסן פאַראידיאָטיזירונגס־פּראָצעס, פון אַ שטאַרקער אַטראָפיע פון דער פעאיקייט צו טראַכטן און אַרויסצוטראָגן אורטיילן, — אָבער דאָס אַרט זיי נישט, זייער ציל איז דאָך צו דערציען אויטאָמאַטן, וואָס נעמען אויף אין זיך אַלץ, צו וואָס מען פּאַסט צו זייער מעכאַניזם.

אין ראַטנפאַרבאַנד שלינגט מען אַראָפּ די סטאַטיסטיק און די ציפערן אָן שום קרעקעניש; אָבער אין ליטע איז מען נאָך אָפּגע־שטאַנען פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער אַנטוויקלונג, און מען ווענדט

נאָך אָן די מעטאָדן, אַדאַנק וועלכע מען דערקענט דעם ווערט פון ראַטנפאַרבאַנדישע ציפערן: 1) מען פאַרגלייכט זיי מיט די רעזול־טאַטן און מען מאַכט לאָגישע אויספירן, און 2) מען פאַרגלייכט זיי מיט די קאָנקרעטע פאַקטן און מען כאַפּט זיי ממש ביי דער האַנט.

און די באַציאונג צום רעזשים, וואָס באַזירט אויף אַזעלכע ציפערן, איז די זעלבע, ווי צו די ציפערן...

שאַנכיי, אָנהויב מאַי 1941.

אַ טיף פּראָזע־בוך פון ה. לייוויק

ה. לייוויק האָט געשריבן אַ סך דראַמעס און אַ סך לידער; מיט פּראָזע האָט ער זיך אָפּגעגעבן ווייניק, אַחוץ אין ציַיטונגס־ און זשור־נאַל־אַרטיקלען. אויף וויפל איך וויס, האָט ער ביז 1959 אַרויסגע־געבן בלויז איין בוך אין פּראָזע — „מיט דער שארית הפליטה”. איז דאָס געווען אַ שוואַך בוך, וואָס איז געבליבן מחוץ דעם קרייז פון לייוויקס שאַפן.

ערשט אין 1959, מיטן דערשיינען פון לייוויקס „אויף דער צאַ־רישער קאַטאָרגע” (פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, ישראל, 478 זייטן), איז לייוויק ערנסט אַריינגעטראָטן, מיט ביידע פיס, אין דער יידישער פּראָזע.

דאָס בוך פאַרמאָגט די ספּעציפיש לייוויקישע מעלות: טיפקייט און אַרויפפלי צו גאָר הויכע הייכן.

„אויף דער צאַרישער קאַטאָרגע” איז אַ בוך, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין קרייז פון לייוויקס שעפערישע ווערק.

* * *

דער קינסטלערישער קלימאַקס פון בוך געפינט זיך אין סאַמע אָנהויב; ווי גוט און שטאַרק עס זאָלן נישט זיין געוויסע שטעלן אין שפּעטערדיקן טייל פון גאַנץ גרויסן בוך, בלייבן זיי הינטערשטעליק לגבי דעם גלאַנצפולן אָנהייב, וואָס הייבט זיך אָן מיט לייוויקס קאַר־צער־איבערלעבענישן. יעדעס מאָל ביים לייענען אָט די זייטלעך האָב

איך דאָס געפֿיל, אַז איך האָב פֿאַר זיך פֿון די שענסטע און שטאַרקסטע פּראָזע־זייטלעך אין דער יידישער ליטעראַטור. די באַגעגעניש אין קאַרצער, אינעם דאַרטיקן חושך מצרים, מיטן מערדער, זייער שמועס (אַן עכטער דאָסטאָיעווסקישער), איז נישט צום פֿאַרגעסן.

פֿאַראַן אינערלעכע איבערלעבונגען, וואָס מענטשן האָבן זיי אָפטער ווי מען מיינט, אָבער די מערסטע פֿון אונדז דערוועגן זיך אַפֿילו נישט נישט נאָר אויפֿצושרייבן דאָס נאָר אַפֿילו נישט צו דערציילן דאָס. און נישט קיין וווּנדער — פֿאַראַן איבערלעבונגען, וואָס עס איז שווער צו געפֿינען אַן אויסדרוק פֿאַר זיי, — אַזוי דין זענען זיי, נישט אָנצוטאַפּן, נישט איינצופּאַסן אין ווערטער, — מען דאַרף האָבן מוט צו פּרווון דאָס און גרויסע פֿעאיקייטן דאָס צו דער־גרייכן. און אָט די צוויי זאַכן — מוט און אויסדרוק־פֿעאיקייט — זענען טאַלאַנט, אַ מאָל אויך זשעני.

לייוויק ווייזט אַרויס אין די קאַרצער־סצענעס פֿיל מוט און פֿיל אויסדרוק־פֿעאיקייט, — און דאָס איז דער סימן פֿון זיין גרויסן טאַלאַנט אויך פֿאַר פּראָזע.

לייוויק דערציילט ווי איין מאָל, אין דער היים, ווען ער האָט אַרויסבאַגלייט זייער קו צו דער פֿאַשע, האָט ער געהאַט אַ מאָדנעם געפֿיל: ער גייט, דאַכט זיך, פּאַמעלעך נאָך דער בהמה, און פֿילט גלייכצייטיק, אַז ער פֿליט.

„איך גיי — שרייבט לייוויק אויף ז' 18 — נאָך דער קו טראָט נאָך טראָט, אַזוי רואיק און מיושבדיק ווי זי, מיט אַ מאָל נעמט זיך מיר דוכטן, אַז מיינע פֿיס גייען נישט, נאָר זיי לויפֿן, און מיין גאַנצער גוף טראָגט זיך נישט־נאַטירלעך געשווינד, מיט אַ לייכטקייט ווי פֿון אַ פֿעדער, אַזוי ווי איך וואָלט פֿלוצלינג אויפֿגעהערט אָנצורירן מיט די פֿיס דעם ברוק פֿון דער גאַס". „איך ווייס, דוכט זיך, אַז איך גיי פּאַמעלעך, אָבער אין דער זעלבער צייט בין איך דורכגענומען מיט אַ לייכט־פֿליגלדיק שוועבעניש".

אין קאַרצער האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין דאָזיקער קינדהייט־איבערלעבעניש און זי ווידער איבערגעלעבט — ער קריכט ביי דער קאַרצערוואַנט, און עס דוכט זיך אים אַז ער פֿליט. „איך גיי נישט איבערן קאַלטן, האַרטן קאַרצערנעם צעמענט, נאָר איך טראָג זיך אַזוי ווי אין דער לופֿטן. כ'ריר כמעט נישט אָן דעם צעמענט... — די קלאָרע דערמאָנונג פֿון יענער קינדישער געשווינדקייט באַהערשט מיך אַלץ מער און מער. און מאָדנע — עס פֿאַרטרייבט מיין דער־

שראַקנקייט און נעמט מיך גאַר אָנפּילן מיט אַ נחת־רוחדיקער רואי־קייט און מיט אַ געוואַגטקייט, נישט אָפּצושטעלן זיך אַפילו פאַר דער האַרטקייט פון די ווענט... די ווענט זענען מער נישטאָ (אונטערגע־שטראָכן דורך לייוויקן — י. ר.). ס'איז דאָ די טיפע ווייטקייט, צו וועלכער איך טראָג זיך, נישט אָנרירנדיק מיט די פיס דעם האַרטן צעמענט פון דיל. — — —״

איך חזר איבער נאָך אַ מאָל: אין דער יידישער פּראָזע וועט איר נישט לייכט — און אפשר בכלל נישט — געפינען אַן ענלעך טיפע און סוגעסטירנדיקע שטעלע. דער לאָגישער אַבסורד ווערט קינסט־לערישע ווירקלעכקייט, וואָס אויב איר האָט דאָס קיין מאָל אַליין נישט איבערגעלעבט (איך האָב עפּעס ענלעכס אַ מאָל יאָ איבער־געלעבט, נאָר נישט חושד געווען אַז מען קאָן דאָס עפעקטיוו איבער־געבן אַנדערע), לעבט איר דאָ איצט איבער אַ דאַנק לייוויקס גרויסן טאַלאַנט און לייוויקס שרייבערישן מוט.

דאָס איז דער גרעסטער פּערל אין די קאַרצער־סצענעס, אָבער נישט דער איינציקער.

* * *

נישט דאָס גאַנצע בוך איז אַזוי גלענצנדיק געשריבן ווי די קאַר־צער־סצענעס, אָבער דאָס בוך איז על־פּי־רוב אינטערעסאַנט, אַחוץ דעמאָלט, ווען לייוויק פאַלט אַריין אין זיין גרעסטן חסרון — זיין ליבע צו גריבלען זיך. בפרט, ווען ער קומט צו זיין פאַטאַלער לײדנ־שאַפט צו גריבלען זיך אין פיזישע יסורים.

מען שמייסט אַן אַרעסטאַנט, אַ חבר פון לייוויקס קאַמער. לייוויק נאָגט עס אויס ביזן לעצטן טראָפּן און נאָגט עס נאָך אַלץ אויף טרוקן, אַזוי צו זאָגן. ער דעררעדט זיך אַפילו צום אויסדרוק „אין דער גע־שמיסענער נאַכט״, — פּונקט ווי אַ נאַכט קאָן געשמיסן ווערן.

אין אַ פיינלעכער נאַכט אין תפיסה, ווען עס פּייניקט אים דאָס שמייסן אַן אַרעסטאַנט, ליגט ער און פּסיכאָלאָגיזירט וועגן זיינע ליבעס, וועגן אַ מיידל, וואָס ער וויל איר שיקן רויזן, וועגן אַ מיידעלע פון אַ מיט־קאַטאָרזשאַנקע, וואָס לייוויק איז נישט געווען גלייכגילטיק צו איר, און ער פרעגט זיך: „ווי קאָן איצט זיין ראַיע? (אַן אַרעסטאַנט־קע וואָס איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט). און וואָס טוט איצט איר מיידעלע ערגעץ?

„באמת, וואָס טוט ערגעץ איר מיידעלע? אפשר ווייסט ער, באָסאַנאָוו (אַ קאַטאָרזשניק, וואָס האָט דערהרגעט אַ יידישע פאַמיליע פון פיר מענטשן — י. ר.), וואָס עס טוט איצט ראַיעס מיידעלע? ער, באָסאַנאָוו, ליגט מיטן פּנים אַרויף און שלאָפט געשמאַק".

די פראַגע, אפשר ווייס באָסאַנאָוו, איז דאָ סתם געפרעגט פון נישט האָבן וואָס צו פרעגן און פון נישט וועלן אָפלאָזן אַזוי גיך די טעמע פון דער „געשמיסענער" נאַכט. אָבער דער אומזין וואָס מישט זיך אויס מיטן גרויסן זין פונעם ווערק איז גאָרנישט מיט נישט לגבי דעם גרויסן זין וואָס אָדערט דורך דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע בוך. אָבער דאָך מוז מען זיך דערויף אָפּשטעלן, ווייל דאָס כאַראַקטעריזירט לייוויקס שאַפן בכלל, וואָס עס פעלט אים — אַפילו אין די לידער, אַפילו אין די דראַמעס, — די שלימות, די אָפּגעשלאָסנקייט, דאָס פריי זיין פון פּסולת.

לייוויק האָט אין זיין דאָזיקן פּראָזע־ווערק ווידער אַ מאָל באַוויזן, אַז ער איז נישט קיין פּרטים־פּערפעקציאָניסט — ער כאַפּט אָן די גרויסע טעמע, ווי אַן אָקס ביי די הערנער, אָבער די פּרטים, וואָס דאַרפן די גרויסע טעמע אויסדריקן, פאַרלירן זיך אָפט אין נעפּל פון באַטייטלאָזיקייט.

ער איז אַזוי פלייסיק פאַרטאָן אין זיין טעמע, אַז פון צו פיל פלייס גייט ער איבער צו גריבלעניש.

* * *

דאָס בוך וועט אַמאָל זיין אַן אוצר פאַר לייוויקס אַן ערנסטן קריטיקער און ביאָגראַף. לייוויק דעקט דאָ אָפּ אויטאָביאָגראַפיש די וואָרצלען פון זיין שפעטערדיקער קאָמפּלעקסאַרטיקער עקידה־טעמע, וואָס איז אייגנטלעך די אָקס פון לייוויקס גאַנצן שאַפן.

און נישט נאָר דאָס: אויך אַ צווייטער עיקר פון לייוויקס שאַפן שלענגלט זיך אַדורך דורכן גאַנצן בוך: דער „אויפבליץ פון גאָט אין מענטש" (זייט 108), און דער אויפבליץ פון דער חיה אינעם מענטש. אָט די צוויי עיקר־פּאָלוסן פון לייוויקס שאַפן אַטאַקירט דאָס דאָזיקע בוך אין אַ פראָנטאַלער אַטאַקע — נישט דורך דיכטערישע געשטאַלטן, נאָר דורך דערינערונגען וועגן זיך און וועגן אַנדערע.

און ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן ביי לייוויקן (ווען ער אַטאַקירט זיינע טיפסטע קאָמפּלעקסן) גריבלט ער זיך אַמאָל טיף און אַמאָל

נאָר ווערטערדיק. ווי אין זיינע קינסטלערישע ווערק איז אויך דאָ אין זיינע דערינערונגען פון קאַטאַרגע אַ מאָל עכטע טיפקייט, און אַמאָל — קליגלעניש. למשל: אויף די זייטן 40־41, אין דער טיפער קאַרצער־סצענע, פאַלט לייוויק אַריין אין זיין געוווינהייט פון סתם וואָרט־גריבלעניש. אמת, דאָס גיט ער איבער די טעאָריע פון זיין מיט־קאַרצערניק, דעם מערדער, אָבער נאָך אַזוי פיל יאָרצענדליקער גיט ער דאָס זיכער איבער מיט זיינע, לייוויקשע, קנייטשן.

דער מערדער אַנטוויקלט אַ „געדאַנק" וועגן אַ גרויס־קרימינעלן (דערמאָנט זיך דאָסטאָיעווסקיס גרויס־אינקוויזיטאָר!). „דאָס וועט זיין דער אמתער פּאַרמעסט פונעם גרויס־פאַרברעכער, פונעם גרויס־איבערטרעטער איבערן מאָרד־פאַרבאָט. וויפל טויזנטער און טויזנטער גרעסערע פון זיך ער זאָל נישט אויסשעכטן, וועט ער נישט ליידן פון אַ צעווייכטן געוויסן. ער וועט שלאָפן רואיק און עסן רואיק... דאָס וועט זיין אַ פאַרמעסט נישט קעגן אַ לויז, נאָר קעגן גאָט אַליין".

— „און חרוב מאַכן די וועלט, הייסט עס?" — באַמערקט לייוויק.

— „די וועלט וועט נישט חרוב ווערן, — ענטפערט דער קאַטאָרזשניק־מערדער. — ...אויב זיי, די מענטשן, וועלן זיין ראוי צו זיין אויף דער מדרגה פון גרויס־קרבן און וועלן זיך דערדינען צו דער זכיה אומצוקומען דורך די הענט פונעם גרויס־קרימינעלן, — וועלן זיי זיין גליקלעך פון דער זכיה דערמאָרדעט צו ווערן, און וועלן אין גרויס גליק קושן די האַנט פונעם גרויס־קרימינעלן, וואָס וועט אַריינשיסן די קויל אין זיי".

אַז דאָס זענען דעם מערדערס געדאַנקען אַדורכגעלאָזענע דורך לייוויקס געמיט־פּריזמע, קאָן מען זען ערשטנס דערפון, וואָס הגם ער דערציילט זאַכן פון יאָרצענדליקער פאַר דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיק, דאָך שמעקט דאָ מיט אַקטועלער געשיכטע, און צווייטנס: לייענענדיק אָט די שטעלן, וואָס זענען פּסיכאָלאָגיש כלומרשט היפּש טיף, אָבער פאַקטיש גאָרנישט־זאָגנדיק, אמתע ווערבאַליסטיק, האָב איך זיך כסדר דערמאָנט גאַנצע טיילן פון „אין די טעג פון איוב", וווּ דאָס קליגלעניש איז ברייט ווי דער ים און זי דעקט צו די קערנער פון עכטן געדאַנק און עכטן דיכטערישן וועלטשמערץ.

* * *

אויף די זייטן 101־102 איז דאָ אַ שטעלע, וואָס ציט צו שטאַר־קער ווי געוויינטלעך אונדזער אויפמערקזאַמקייט.

נאָך אַ שטאַרקער, טראַגישער סצענע אין אַ וואַגאָן וואָס פירט קאַטאָרזשניקעס פון איין אָרט צום צווייטן, ווען אַ קאָנוואָי־אָפיציר ווייזט אַרויס זיין מאַכט, זיין גרויזאַמע ווילקיר, וואָס שטעקט אין דער הערשאַפט פון איין מענטשן איבערן צווייטן (אַ ווילקיר, וואָס וואַקסט אויס כמעט תמיד, און אפשר טאַקע תמיד, אויפן באָדן פון מענטשנהערשאַפט), טיילן זיך לייוויק און ראַיע מיט זייערע שרעק־לעכע געדאַנקען, וואָס זענען יעדן פון זיי באַזונדער באַפאַלן שוין פריער, אַז „אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פירט אונדז קיין סיביר״; אַז „אָט דאָס אָפיצירל קאָן אויך אין דער נייער אָרדענונג מיט אַ מאָל אַרויפשווימען, קריגן מאַכט אין די הענט, ווערן אַ דעה־זאָגער און טאָן־געבער. מיט וואָס זענען מיר באַוואָרנט?... אַז ער איז איצט אַ מנוול, ווי אַזוי וועט ער מאָרגן, אָדער איבעראַיאָר ווערן אַנדערש? פאַרוואָס זאָל ער אויך דעמאָלט נישט וועלן שלעפּן מיך, צי אייך צו באַליידיקונג, צו פייניקונג?... ער וועט נאָר געבן אַן אַנדער נאָמען זיין שווערד״.

זאָגט לייוויק: „פאַר וואָס נאָר מורא האָבן פאַרן אַכזריותדיקן אָפיצירל? פאַר וואָס נישט מורא האָבן פאַר זיך אַליין, אַז מיר אַליין זאָלן צו מאָל נישט טאָן דאָס זעלבע וואָס דאָס אָפיצירל?״

דאָס איז אַ בוך וועגן זאַכן, וואָס זענען געשען מיט 50 יאָר צוריק און עס איז מעגלעך, אַז מיר האָבן דאָ דערינערונגען דורכגע־פילטרירטע דורך אַ דיכטערישער פאַנטאַזיע, וואָס האָט אַריינגעוועבט אין דער פאַרגאַנגענהייט געדאַנקען און שטימונגען, וואָס פּאַסן זיך פאַרן היינט; אָבער דאָך איז דאָ אַ קערן אמתדיקע ווירקלעכקייט אין אָט די דערינערונגען, און דער קערן איז אַ טיפע שרעק פאַרן מענטשן — אַ שרעק וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַ גרויסער טייל בוך. מיר געפינען טאַקע דעם „אויפבליץ פון גאָט״ אין דאָזיקן בוך, אָבער אויך — און נאָך מער — דעם אויפבליץ פון שטן. לייענט מען די שילדערונגען פון נישט־חברישער באַציאונג צווישן חברים אין תפיסה, לייענט מען וועגן דעם, ווי אַ קאַטאָרזשניק רייסט זיך אַריין ביינאַכט צו זיין פרוי, וואָס געפינט זיך אין אַן עטאַפּ־פונקט אין אַ פרויען־אָפטיילונג, מוזן מיר אָפּשאַצן נישט נאָר לייוויקס קינסט־לערישע קראַפט, נאָר אויך זיין איינגעבוירענעם אומגלויבן אינעם מענטשן, זיין טיפן פעסימיזם, וואָס פייניקט אים אַ גאַנץ לעבן, און

וועלכן ער איז גובר נאָר דורך אַ העראָאישן אָפּטימיזם, וואָס נעמט אָן די אינטענסיווע פאָרעם פון קרענקלעכער עקזאַלטאַציע.

אַ מוסטער פון לייוויקס טיפן פעסימיזם און טיפער מענטשלעכ־קייט האָבן מיר אויף זייט 149. ער רעדט וועגן מערדער באַסאַנאָווו, וואָס האָט „אויסגעהרגעט פיר מענטשן, אַ גאַנצע יידישע משפחה... צעהאַקט אויף שטיקער. און זע — איך טראַכט וועגן אים מיט רירעוודיקייט (געמיינט „גערירטקייט". — י. ר.), כמעט ווי מיט רחמנות. אַ בערגל מענטשלעך גוף ליגט נעבן מיר אונטער אַ גרויען צודעק. פיר מענטשן האָט ער צעהאַקט אויף שטיקער, און זע — ער אָטעמט. די פיר זענען נישטאָ, און ער — איז דאָ. ער איז פאַראַן. ער — דאָס מענטשל, וואָס הערט נישט אויף צו פרעפּלען תפילות, ער איז פאַראַן — פאַרוואָס איז ער פאַראַן? (אונטערגעשטראָכן דורך לייוויקן. — י. ר.).

„אויך ער האָט אונטערגעבורטשעט, האָב איך געהערט, וואָס צו־ליב רודינען (דעם געשמיסענעם. — י. ר.) וועט ער אַ טאָג צי צוויי נישט האָבן קיין וואָרעם געקעכץ. — אויך אים, הייסט עס, קומט וואָרעם געקעכץ. אויך אים (אונטערגעשטראָכן דורך לייוויקן. — י. ר.), דעם, וואָס האָט צעהאַקט אויף טויט פיר לעבנס.

„נו יאָ, נו יאָ. אָן וואָרעם געקעכץ איז שווער אויסצוקומען. נו יאָ. אַוודאי שווער. זייער שווער. — נאָכדעם ווי מען צעהאַקט פיר מענטשן, דאַרף מען אַוודאי האָבן וואָרעם געקעכץ. —"

„נו יאָ, נאָכדעם אַז מען צעהאַקט פיר מענטשן דאַרף מען אַוודאי האָבן וואַרעם געקעכץ" איז שוין איבעריק אין דער דאָזיקער טיף־טראַגישער און פעסימיסטישער שטעלע. עס גיט נישט צו קיין צו־גאָב־סאַטירישן טאָן צום פריער געזאָגטן. אדרבא, עס דעקט אָפּ, אַז אַט דער זאַץ איז אַ מעכאַנישער, אָן געפיל און באַטייט־דעקונג. אָט דער „צופּיל" האָט אַ סך געמינערט פון לייוויקס טרויעריקע מחשבות.

* * *

דאָס 478 זייטלדיק בוך באַשטייט פון דערינערונגען, פאַרשיי־דענע עפּיזאָדן פון לייוויקס קאַטאָרגע־איבערלעבונגען, און דאָך איז עס בעלעטריסטיק (אויב מען זאָל אַפילו אָננעמען דאָס אוממעגלעכע, אַז דאָ איז נישטאָ קיין שפּור פון בעלעטריסטישן צומיש), און טאַקע גוטע בעלעטריסטישע פראַגמענטן. אין משך פון פופציק יאָר האָט

זיך דער ווירקלעכקייט־מאַטעריאַל אָפּגעזעצט, זיך אויסגעקריסטאַליזירט און זיך פאַרוואַנדלט אין קרישטאָלן בעלעטריסטיק. דורך אָט די בעלעטריסטיק־קרישטאָלן קאָן מען אָפּט אַ סך קלאָרער דערקענען לייוויקס מהות, די מעלות און חסרונות פון דעם אופן פון זיין שרייבן, פון זיין געמיט, ווי דורך אַ סך קינסטלערישע ווערק זיינע.

צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אבערגלויבן

ווען צבועקעס זאָגט מען אָפּט: זיי פירן אַ טאָפּלטע בוכהאַלטעריע; אָבער די דאָזיקע טאָפּלטע בוכהאַלטעריע געפינען מיר ביי דער מערהייט מענטשן (אויב נישט ביי אַלע, ווי דאָס דאַכט זיך). דער צבועק איז עקלדיק נישט מיט דעם עצם פאַקט פון זיין טאָפּלטער בוכהאַלטעריע, נאָר מיט דעם, וואָס ער פירט זי באַוווסטזיניק, לויט אַ גוט־דורכגעטראַכטן פּלאַן.

מיט זיין באַוווסטזיניקן און — פאַר אים — ריווחדיקן אויסנוצן די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע, וואָס איז בכלל אַ מענטשלעכע אייגנשאַפט, טיילט זיך דער צבעוק אויס צום שלעכטן פון אַלע אַנדערע מענטשן.

די טאָפּלטע בוכהאַלטעריע פון מענטשן איז זייער צעצווייגט: דער מענטש, למשל, זעט אָפּט ביים צווייטן די אומגערעכטיקייט פון אַ האַנדלונג, וואָס ער איז באַגאַנגען און באַגייט; אַ מענטש, למשל, פאַראורטיילט שאַרף דעם אויפפיר פון אַ מענטשן, בעת ער קאָן נישט נישט וויסן, אַז אויך ער אַליין פירט זיך אַזוי אויף. אָבער דאָס דאַכט זיך אונדז נאָר, אַז ער וויס דאָס און מוז דאָס וויסן. דער צבועק וויס דאָס (און ער פירט באַוווסטזיניק זיין טאָפּלטע בוכהאַלטעריע), — אָבער די מערהייט מענטשן דאַרף דאָס וויסן, אָבער זיי ווייסן דאָס נישט...

דער מענטשלעכער זכרון איז אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ער פאַרגעסט דאָס, וואָס עס איז פאַר אים אומבאַקוועם צו געדענקען. דער טיפער פּסיכאָלאָג ניטשע זאָגט אין איינעם פון זיינע טיף־אַריינדרינגענדיקע אַפאָריזמען: „דער זכרון זאָגט מיר אַז איך האָב דאָס געטאָן;

מיין שטאָלץ אָבער זאָגט מיר, אַז איך האָב דאָס נישט געטאָן; און מיין שטאָלץ איז גובר״.

און מיר קאָנען זיין זיכער, אַז דער זכרון לאָזט זיך אין אַזעלכע פאַלן לייכט איבערצייגן דורך אונדזער שטאָלץ, און ער פאַרגעסט די נישט באַקוועמע דערמאָנונג.

דאָס געשעט אָבער ביי ניטשען, ביים דינעם אַנאַליטיקער, ביים באַוווּסטזיניקן באַאָבאַכטער איבער זיין פסיכיק. אָבער ביי מענטשן פון אַ סך אַ קלענערן קאַליבער, קומט גאָר נישט פאָר אָט דער קאַמף צווישן זכרון און דעם שטאָלץ, פאַרן אַקט פון באַקוועמען זכרון־פאַרלוסט, — דער זכרון פאַרלירט תיכף דעם אומבאַקוועמען געדענקען. די מערהייט מענטשן לעבט דאָך אין אַ צושטאַנד פון האַלב־באַוווּסטזיניקייט.

און אַפילו דאָן, ווען דער זכרון און דער באַוווּסטזיין שטויסן זיך צונויף אויף אַ וועלכער נישט איז פּאָזיציע פון טאָפּלטער בוכהאַלטעריע, געפינט דער מענטש אַ באַקוועמען אויסוועג: דער טעמפּסטער ווערט אין אַזאַ פאַל דער גרעסטער דיאַלעקטיקער און ער דערווייזט זיך אַזוי קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז ביי אים איז דאָס גאָר עפּעס אַנדערש, ווי ביים אַנדערן. און אויב דאָס לאָזט זיך שוין נישט דערווייזן מיט קיין שום סאָפּיסטישע דריידלעך, דעקרעטירט ער דיקטאַטאָריש: איך האָב געהאַט דאָס רעכט אַזוי צו האַנדלען, אָבער דער צווייטער — נישט!

די דאָזיקע זעלבסטבאַרעכטיקונג איז פאַרן דורכשניטלעכן מענטשן פונקט אַזוי נויטווענדיק, ווי דאָס אָטעמען, ווייל — צום כבוד פונעם דורכשניטלעכן מענטשן געזאָגט! — לעבן מיטן באַוווּסטזיין פון צביעות איז פאַר אים אומדערטרעגלעך. און דער פּסיכישער אַפּאַראַט איז געשאַפן געוואָרן ער זאָל דינען די באַדערפעניש פון מענטשן...

אָבער היינטיקס מאָל וויל איך ריידן וועגן איין פּאָזיציע פון מענטשנס ברייט־פאַרצווייגטער טאָפּלטער בוכהאַלטעריע: וועגן ווי־דערשפּרוך צווישן באַוווּסטזיין און אונטערבאַוווּסטזיין.

און אויך אויפן שטח פון דער דאָזיקער פּאָזיציע זענען דאָ באַוווּסטזיניקע צבועקעס און אומשולדיקע ווי קינדער. און איך רייד דאָ, נאַטירלעך, וועגן די אומשולדיקע; וואָס שייך די באַוווּסטזיניקע, זענען דאָס דעגענערירטע יחידים; די אומבאַוווּסטזיניקע צבועקעס,

— דאָס הייסט די אומשולדיקע, אין תוך גענומען, זענען דער נאָר־מאַלער טיפּ מענטש.

* * *

מען זעט אַ מאָל אויסטערלישע זאַכן: אַ מענטש גייט שבת אין שול אַריין, דאַוונט, און גלייך פון דער שול גייט ער אין געשעפט אַריין און האַנדלט, ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך אין דער וועלט. און איר האָט דאָ צו טאָן נישט מיט קיין צבועק. אַ צבועק וועט גיין אין שול אַריין, ווייל דאָס איז אים באַקוועם, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ גאָטספאַרכטיקן ייד אָבער אין דער שטיל, ביי זיך אין דער היים, וועט ער אויסרויכערן אַ פּאַפּיראָס. אָבער אַ מענטש, וואָס האַנדלט אָפן אין זיין אָפענער קראָם — איז נישט קיין צבועק: ער באַהאַלט זיך דאָך נישט אויס...

ער איז אויך נישט, נאַטירלעך, קיין גאָטספאָרטיקער מענטש, — ווען יאָ, וואָלט ער דאָך נישט מחלל שבת געווען דורך האַנדלען בפרהסיה אין הייליקן טאָג.

טאָ ווי אַזוי לאָזט זיך דערקלערן אָט די סתירה?

דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער באַוווסטזיין און דער אונטערבאַוווסטזיין אַרבעטן יעדער איינער באַזונדער — יעדערער אויף זיין אייגענעם חשבון.

באַוווסטזיניק קאָן מען זייער אָפט עפּעס באַטראַכטן פאַר אַ נאַרישקייט, אָבער דער אונטערבאַוווסטזיין גלויבט אין דעם. „גלויבן" איז דאָ אפשר נישט דאָס ריכטיקע וואָרט אויפן ריכטיקן אָרט, — בעסער איז צו זאָגן, אַז דער אינסטינקט, די געוווינהייט פון אַמאָל, פון די קינדעריאָרן, מיט איין וואָרט — דער אבערגלויבן — פאָדערן באַפרידיקט צו ווערן. און דער מענטש געפינט נישט קיין רו, כל זמן ער באַפרידיקט נישט זיין באַאומרואיקטן אונטערבאַוווסטזיין. דאָס וואָס דער באַוווסטזיין גלויבט נישט אין דעם, האָט אַ קנאַפּע באַדייטונג פאַרן אונטערבאַוווסטזיין; אַפילו דאָס, וואָס דער מענטש וועט, אין אַ מינוטו אַרום, מיט אַן אַנדערער האַנדלונג סותר זיין די ערשטע האַנדלונג, וואָס באַפרידיקט דעם אונטערבאַוווסטזיין, האָט אויך נישט פאַרן אונטערבאַוווסטזיין קיין שום באַדייטונג, אַבי דאָס זאָל דעם אונטערבאַוווסטזיין, וואָס איז נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר קאָנסערוואַטיוו, באַפרידיקן. למשל: דער אונטערבאַוווסטזיין פאָדערט צו גיין

אין שול אַריין, — אָבער דאָס, וואָס דער מענטש גייט דערנאָך אין געשעפט אַריין, גייט אים נישט אָן, ווייל די לאַנגע געוווינהייט האָט שוין דעם שבת פאַרוואַנדלט אין עפּעס געוווינטלעכס; און שטאַרק אויסגעהאַלטן איז נישט דער אונטערבאַוווסטזיין. מען קאָן אים אָפּנאַרן ווי אַ קינד... אָבער אויב דער זעלבער מענטש וועט גיין פון ראש־השנהדיקן דאַוונען אין געשעפט אַריין, שוין אָפּגערעדט אין יום־כפור, וועט דער אונטערבאַוווסטזיין אויפציטערן און רעוואָלטירן. לאָגיש, פאַרן באַוווסטזיין, איז דער חלול שבת דאָס זעלבע, ווי מחלל זיין יום־כפור, אָבער פאַרן אונטערבאַוווסטזיין האָבן קיין שום באַדייטונג נישט די לאָגיק און דער באַוווסטזיין. דער אונטערבאַוווסטזיין לעבט מיט זיינע אייגענע געזעצן. פאַרן באַוווסטזיין איז וויכטיק די לאָגיק, די אויסגעהאַלטנקייט, — אָבער דער אונטערבאַוווסטזיין באַנוגנט זיך מיט סימבאָלישער באַפרידיקונג.

יעדער איינער, וואָס האָט דורכגעמאַכט די סטאַדיע פון אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון רעליגיע, איז באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן ווידערשפרוך, מיט דער דאָזיקער טאָפּלטער בוכהאַלטעריע. עס איז לייכטער אויפצוהערן דאַוונען, ווי אויפהערן פאַסטן יום־כפור; עס איז לייכטער צו עסן אָן אַ היטל, ווי פאָרן אום שבת. און זייער קלוג טוען די, וועלכע פאַרגוואַלדיקן נישט אויף שנעל דאָס געפיל פון אונטערבאַוווסטזיין און זיי גיבן אים צייט צוגעוווינען זיך צו דער איבערקערעניש: אַנישט קאָן מען לייכט אַריינפאַלן אין אַ ניוראָזע. פּראָפ. זיגמונד פרויד איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט דער סעקסועלער סיבה פון ניוראָזעס, אַז ער האָט נישט באַמערקט זייער אַפּיקורסישע סיבה.

איך האָב אַמאָל אין אַ וואַרשעווער צייטונג געלייענט אַ טשעקאַוון פאַקט: אַ יונגער ישיבה־בחור איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. אין ברען פון פריידענקעריי האָט ער פאַרגעלייגט עמיצן אָפּצוקויפן ביי אים זיין חלק עולם הבא.

נאָך דער דאָזיקער טראַנזאַקציע, איז דער יונגער אַפּיקורס געוואָרן אַ היכאָפּאָנדריק; גענומען ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, געוואָרן גייסטיק קראַנק — און אין אַ קורצער צייט אַרום — געשטאָרבן.

דער דאָזיקער יונגער מענטש האָט אויפגעהערט צו גלויבן, זיין באַוווסטזיין האָט שאַרף געביטן דעם קורס, אָבער דער אונטערבאַ־

ווּסטזיין, וואָס איז טיפֿער פֿאַרוואָרצלט ווי דער אויבערשטער שיכט באַוווּסטזיין, איז נישט אַזוי באַוועגלעך, עס מוז פֿאַרגיין אַ סך צייט, ביז ער דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט; אָדער ער ווערט, לכל הפּחות, גלייכגילטיק צו זיין פֿריערדיקן וועג. און ביז דער אומ־גלויבן פֿון יונגן מענטשן איז געוואָרן ווייניקער פּאַסיוו און האָט אויפֿ־געהערט צו טאָן דאָס און יענץ אָדער ער פֿלעגט באַגיין קליינינקע עבירות קעגן די געוווינהייטן פֿון אונטערבאַוווּסטזיין, האָט דאָס נישט אָנגערירט טיף דעם אונטערבאַוווּסטזיין, אויף וועלכן עס ווירקט באַ־זונדער שטאַרק סימבאָליק און דער כּוח הדמיון. אָבער ווען דער ישיבה־בחור האָט אָנגערירט די טיפֿערע שיכט פֿון יידישן אונטער־באַוווּסטזיין מיטן אונטערשרייבן דעם סימבאָלישן אַקט פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון עולם הבא לטובת דעם קויפֿער, ווענמען ער האָט אַרויסגעגעבן אַ קבלה אויף זיין, דעם ישיבה־בחורס, עולם הבא־חלק, האָט דאָס טיף צערודערט זיין כּוח הדמיון, און זיין אונטערבאַוווּסטזיין איז פֿאַר־ווונדעט געוואָרן, צערודערט געוואָרן און פֿאַרלוירן די רו... פֿאַר אונ־דזער ישיבה־בחור איז נישט מעגלעך געווען אומצוקערן זיך צום אַלטן גלויבן, אָבער פֿאַר אים איז אויך נישט געווען קיין מעגלעכקייט געוואַלטזאַם אויסצוּוואָרצלען דעם אַלטן אָבערגלויבן פֿונעם אונטער־באַוווּסטזיין מיט זיינע אַלטע וואָרצלען. מיטן אונטערבאַוווּסטזיין דאַרף מען זיך נישט רייצן מיט סימבאָלישע אַקטן, וואָס איבעררײַשן דעם כּוח הדמיון, וועלכע ער נעמט ערנסט.

איך וואָלט זיך נישט געווען פֿאַררופֿן אויפֿן דאָזיקן פֿאַקט פֿון דער כראָניק פֿון דער וואַרשעווער פּרעסע, וואָס האָט ווייט נישט פֿאַר־דינט קיין צוטרוי מיט איר אינפֿאָרמאַציע פֿון סענסאַציאָנעלן כאַראַק־טער, ווען נישט דאָס, וואָס מיר אַליין איז אויסגעקומען בייצווזיין אַן ענלעכע עולם־הבא־טראַנזאַקציע.

אין אַ וואַרשעווער ביכער־געשעפֿט, אויף שוויענטאָ קזשיסקע גאַס, וואָס האָט געהערט איינעם אַ פּרו־מאַן, זענען געשטאַנען עטלע־כע יידן, פֿרומע און פֿרייע. גערעדט האָט מען וועגן גלויבן און אַפּי־קורסות. איין ייד, מיט אַ רויטלעכער באָרד, אַן עכטער טיפּ פֿון אַ גערער חסיד, האָט געטענהט, אַז אַפֿילו אַפּיקורסים האָבן ביי זיך אין האַרצן מורא פֿאַרן לעצטן יום־הדין. כּדי אָפּצושלאָגן אָט דעם אָנגריף, האָט איינער פֿון די אַפּיקורסים פֿאַרגעלייגט אין שפּאַס (ווי ער האָט מיר שפּעטער דערקלערט) צו פֿאַרקויפֿן פֿאַר צען זלאָטעס זיין חלק עולם הבא. דער גערער חסיד האָט זיך אָנגעכאַפּט אין גוטן,

ביליקן געשעפט: עולם הבא, אַפילו פון ערגסטן ייד, איז ווערט צען זלאָטעס! איז מען צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן אַ פאַרקויף־קוויטל.

דאָ האָט זיך אָבער אַריינגעמישט דער באַלעבאָס פון קראָם, אַליין אַ רעליגיעזער ייד: ער וועט נישט דערלאָזן, אַז איין ייד זאָל אויסנאַרן אין זיין קראָם ביי אַ צווייטן זיין חלק עולם הבא.

דער געלערן ייד האָט זיך גענומען קאָכן: וואָס איז דאָס פרו־מאַנס באַבעס דאגה! דער פאַרקויפער טוט עס דאָך גערנווייליק!... אָבער פרו־מאַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט אַפילו גענומען צו הילף אַ פסוק: „לפני עור אל תתן מכשול" (זאָלסט נישט אַוועקלייגן קיין שטרויכלונג פאַר אַ בלינדן). אויב אַ ייד איז בלינד און ער וויל פאַרקויפן זיין חלק עולם הבא, דאַרף מען נישט אויסנוצן זיין בלינד־קייט...

הכלל, פרו־מאַן איז אַרויס דער זיגער. אָבער נישט וועגן דעם האַנדלט זיך דאָ. בעת דער אַמפּערניש צווישן גיריקן נאָך עולם הבא און דעם רחמימדיקן פרו־מאַן (און אפשר איז ער מקנא געווען דעם געלן אַזאַ מציאה!), האָב איך געקוקט אויפן עולם־הבא־פאַרקויפער און האָב געזען אַז די גאַנצע מראה האָט זיך אים געביטן: אַ שרעק־לעך בלאַסער, מיט פיבער אין די אויגן האָט ער אָנגעשטרענגט נאָכ־געפאָלגט די אַמפּערניש, נישט אַריינמישנדיק זיך אין איר, נישט רעאַגירנדיק אויף דער שפּאַרעניש מיט אַ וויץ, ווי די סיטואַציע האָט דאָס געפאָדערט פון זיין זייט, פון אַן אַפּיקורס, וואָס האַנדלט מיט עולם הבא...

ווען פרו־מאַן האָט געזיגט, האָט דער אַפּיקורס מיט אַזאַ שנעל־קייט צעריסן דאָס פאַרקויף־קוויטל, אַז מיין אינטערעס צו זיינע איבערלעבענישן איז נאָך גרעסער געוואָרן...

דער ערשטער האָט פאַרלאָזן דאָס געשעפט דער עולם־הבא־פאַרקויפער. און איך בין אַרויס גלייך נאָך אים, און אים געבעטן אַ דערקלערונג וועגן זיין מאָדנעם האַלטן זיך.

אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכער אויפריכטיקייט, האָט ער פאַר מיר אָפנהאַרציק זיך מתוודה געווען:

— איר ווייסט, שוין העכער צוואַנציק יאָר ווי איך גלויב נישט אין יענער וועלט. נאָך מער — איך בין שוין אַוועק אַ סך ווייטער פון אומגלויבן — איך טראַכט אין גאַנצן נישט וועגן דעם. און אין שפּאַס האָב איך פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן מיין חלק עולם הבא; און אין שפּאַס האָב איך גענומען שרייבן דעם פאַרקויף־אַקט. אָבער דאָ

איז פֿאַרגעקומען אומבאַגרייפֿלעכס פֿאַר מיר: עפּעס שוין לאַנג אָפּ־געשטאָרבנס האָט זיך אויפֿגעוועקט ביים צונויפֿשטעלן דעם פֿאַרקויף־אַקט און גענומען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. עפּעס האָט מיך צערודערט, — אַריינגעפֿאַלן אין פּאַניק. און בעת דער אַמפּערניש וועגן גורל פֿון מיין טייל עולם הבא, האָב איך נישט געקאָנט האָבן קיין אָנגענעמע צייט דורך שטיין פֿון דער זייט ווי איר האָט דאָס געהאַט, — איך האָב געפֿיבערט: אויפֿגעבן דעם קאַמף האָב איך זיך געשעמט, — כ׳וואָלט געוועז אונטערגעשריבן דעם פֿאַרקויף־אַקט, ווען נישט פּרו־מאַן; כ׳וואָלט געוועז גענומען די צען זלאָטעס, אָבער כ׳האָב קלאָר געפֿילט, אַז כ׳וועל אונטערשרייבן אַן אַקט פֿון מיין גייסטיקן אומרו. איך האָב זיך גראָב אַריינגעריסן אין קעניגרייך פֿון אונטערבאַוווסטזיין. כ׳האָב אָנגערירט זיין כוח הדמיון מיט אַ סימבאָלישן אַקט.

איך ווייס נישט ווי לאַנג עס וואָלט געדויערט מיין אומרואיקייט אין פֿאַל ווען דער פֿאַרקויף־אַקט וואָלט פֿאַרענדיקט געוואָרן. מעגלעך אַז איך וואָלט גובר געווען מיין אינערלעכע פּאַניק. אָבער איך קאָן נישט פֿאַרלייקענען דעם פֿאַקט, אַז פֿון מיין האַרצן איז באַזייטיקט געוואָרן אַ שטיין, ווען פּרו־מאַן איז אַרויס דער זיגער. איך האָב מיט אַזאַ פֿאַרגעניגן, מיט אַזאַ פֿאַרלייכטערונג צעריסן דאָס קוויטל, ווי אַ מענטש וואָס כאַפּט זיך אויף פֿון אַ קאָשמאַר־חלום.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָכן דאָזיקן פֿאַל, וואָס איז פֿאַרגעקומען אין מיין קעגנוואַרט, האָב איך געלייענט אין אַ צייטונג דעם אויבן דערמאָנטן פֿאַל מיטן יונגן ישיבה־בחור און איך האָב געגלויבט אין דער ריכטיקייט פֿון דאָזיקן פֿאַקט.

מען מוז נעמען אין באַטראַכט, באַזונדערס אין אַזעלכע דינגע פֿראַגן, דעם פֿאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַן אונטערבאַוווסטזיין, וואָס לעבט מיט אַן אייגן לעבן, וואָס פֿאַרמאָגט אַ סך אַן עלטערע גע־שיכטע פֿאַר אונדזער באַוווסטזיין און נישט נאָר ער פֿאַרמאָגט זיין אייגענעם גלויבן (וואָס מיר באַצייכענען אים ווי אַן אבערגלויבן), נאָר דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך געשאַפֿן דורך אים, דעם דאָזיקן אונ־טערבאַוווסטזיין, לויט זיין געשטאַלט, לויט זיינע באַדערפֿעניש.

דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף זיך בלינד לאָזן פֿירן פֿון אים, אָבער דאָס הייסט, אַז מען דאַרף נישט פֿירן מיט אים אויף בלינד אַ מלחמה. יעדער איינער דאַרף קענען זיינע קעגנער, כדי ווי געהעריק צו קאָנען פֿירן מיט זיי דעם קאַמף.

אין „טביה דער מילכיקער" געפינען מיר פאָלגנדיקן עפּיזאָד: טביה בענקט נאָך זיין געשמדטער טאָכטער, נאָך חוהן. ער ווייסט, נאַטירלעך, נישט פאָרן צו איר. זיין יידישער באַוווּסטזיין שטעלט זיך, אַזוי צו זאָגן, אויף די הינטערשטע פיס בלויז ביים געדאַנק וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט. אָבער די בענקשאַפט דערדריקט, פאָדערט מען זאָל זי באַפרידיקן. וואָס־זשע טוט טביה? ער טוט אָן זיינע שבתדיקע בגדים (ער פאָרט דאָך צוגאַסט צו זיין באַליבטער טאָכ־טער!), ער גייט אַוועק אויפן וואָקזאַל און בעט ביי דער קאַסע אַ בילעט אין אַ נישט־עקזיסטירנדיקער שטאָט.

היות דער קאַסירער ווייס נישט פון אַזאַ שטאָט, איז פאַרפאַלן, איז טביה נישט שולדיק. גייט ער אַוועק אַ באַרואיקטער אַהיים, — ער האָט זיינס געטאָן.

מצד טביהן איז דאָס געווען אַ באַוווּסטזיניקע קאָמעדיע, אָבער נישט קיין אומזיסטע.

טביה ווייס באַוווּסטזיניק, אַז ער וועט צו זיין געשמדטער טאָכ־טער נישט פאָרן; ער רופט אָן באַוווּסטזיניק אַ נאָמען פון אַ נישט־עקזיסטירנדיקער שטאָט, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט נישט צו פאָרן צו איר. אָבער די דאָזיקע באַוווּסטזיניקע קאָמעדיע ווערט גענומען פאַר גוט געלט, ערנסט, דורכן אונטערבאַוווּסטזיין, וואָס איז ווי אַ קינד, וואָס ווייס, דאַכט זיך, אַז אַ שטעקן איז נישט קיין פערד, אָבער דאָס קינד לעבט מיטן אונטערבאַוווּסטזיין, וואָס באַפרידיקט זיך מיט סימבאָליק און מיטן כוח הדמיון. און אַזוי איז אויך דאָס אונטער־באַוווּסטזיין פון אַ דערוואַקסענעם, — דאָס וואָס טביה האָט אָנגעטאָן שבתדיקע בגדים, איז געגאַנגען צום וואָקזאַל, צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, געבעטן אַ בילעט, — איז פאַרן אונטערבאַוווּסטזיין גענוג. די דאָזיקע סימבאָלישע האַנדלונגען זענען גלייכבאַדייטנדיק פאַר אים מיט אַ סימבאָלישער נסיעה צו זיין טאָכטער. און דער פאַרלאַנג פונעם אונטערבאַוווּסטזיין ווערט דערפילט דורך דער דאָזיקער סימבאָלי־שער באַפרידיקונג.

דאָס זעלבע קאָן מען באַמערקן אויך אין רעליגיעזן אָדער ריכ־טיקער — אין אָבערגלויבערישן לעבן.

דער אונטערבאַוווּסטזיין בענקט נאָכן אויספירן די לאַנג נישט געהאַלטענע צערעמאָניעס. אויף אָן אמת צוריקקערן צום גלויבן איז נישט מעגלעך (יעדנפאַלס — זייער שווער!); עס איז נויטיק אַן אמתער גלויבן, צו זיין פּעאיק אויף אַזאַ אָנשטרענגונג איבער זיך אין

היינטצייטיקע באַדינגונגען. אָבער אויב עס איז נישטאָ קיין אמתער גלויבן, איז נאָך געבליבן זיין שאָטן אָדער זיין אור־אור־מוטער — דער אבערגלויבן (פונקט ווי די בולוואַר־ראָמאַנען פאַרבייטן קונסט דאָרטן, וווּ עס איז נישטאָ קיין אמתע קונסט אָדער דאָרט, וווּ זי האָט נישט קיין צוטריט, כדי צו באַפרידיקן די נויטיקע באַדערפעניש פון דער מענטשלעכער פּסיכיק), אַזוי באַפרידיקט אבערגלויבן דעם גלויבן אָדער דער גלויבן ווערט ווידער פאַרוואַנדלט אין אבערגלויבן, כדי צו באַפרידיקן די נויטווענדיקע באַדערפעניש פון דער זעלבער מענטשלעכער פּסיכיק און זי מוז זיין באַפרידיקט און זי קאָן זיין באַפרידיקט מיט קינדישע מיטלען.

און מיט אָט דער אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק באַנוצן זיך פאַרשידענע שווינדלער און צבועקעס. למשל: אין אַ גע־וויסער שטאָט, האָט מען דערציילט, איז עמיצער געפאַלן אויפן גע־דאַנק אויסצונוצן פּסח־צייט דעם דראַנג פון אונטערבאַוווסטזיניקן אבערגלויבן צו ווערן באַפרידיקט.

אַ גאַנץ יאָר עסט מען טריפס, חלשט מען כאָטש פּסח צו עסן נישט נאָר סתם כשר, נאָר טאָקע כשר לפּסח. און עמיצער האָט גע־נומען מאַרגאַרין (אין יענער שטאָט איז קיין כשרע מאַרגאַרין־פאַבריק נישטאָ) און אים אָפּגעשטעמפּלט מיטן שטעמפּל „כשר לפּסח". און דעם דאָזיקן מאַרגאַרין האָט מען געכאַפּט ווי מצה־וואַסער, געצאָלט אַ דרייפאַכן פּרייז.

אַלע האָבן געוווּסט אַז דאָס איז אַ שווינדל, יעדער איינער האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן לעכערלעכן „כשר לפּסח", און קיין איין באמת רעליגיעזער ייד האָט נישט געניצט דעם דאָזיקן מאַרגאַרין. אַ סך האָבן גאַנץ אָפן געזאָגט: מיר ווייסן דעם ווערט פון דאָזיקן „כשר לפּסח", אָבער מיר צאָלן טייער פאַרן פלעטל „כשר לפּסח", מיר צאָלן טייער פאַרן אָפּנאַרן אונדז. אַ פלעטל איז דאָ? עס קאָסט אונדז טייער? זאָל זיך דער שווינדלער זאָרגן פאַר יענער וועלט, — מיר זענען אין אָרדענונג.

און זיי האָבן געוווּסט וואָס זיי טוען, — זיי האָבן געצאָלט פאַר זייער אונטערבאַוווסטזיין, וואָס וועט זיך באַפרידיקן מיט דעם־אָ האָקוס־פּאָקוס.

קיין איין באמת רעליגיעזער ייד וועט זיך נישט נאַרן, אָבער פאַר די אבערגלויביקע איז דער דאָזיקער שטעמפּל געווען גענוג. דער דאָזיקער סימבאָלישער שטעמפּל, דער דאָזיקער טייערער פּרייז

זענען געווען פאַרן אונטערבאַוווסטזיין, און עס זענען נישט גערעכט יענע, וועלכע באַטראַכטן די פלינקע יידישע סוחרימלעך ווי שווינד־לערס, וואָס שינדן די הויט ביי די נאַאיווע אבערגלויביקע יידן. די פלינקע יידן האָבן כשר פאַרדינט דאָס געלט: זיי האָבן געגעבן די קויפערס זייערע דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, וואָס זיי האָבן באַ־דאַרפט: אַ געפיל פון באַפרידיקן זייער אונטערבאַוווסטזיניקן ווונטש. און פאַר באַפרידיקן אַ ווונטש דאַרף מען צאָלן...

כ'האָב אַליין געהערט ווי אַ ייד (אַ גאַנץ פיפיקער סוחר) האָט געזאָגט: איך ווייס אַז אין אונדזער שטאָט איז נישטאָ און קאָן נישט זיין קיין פסחדיקע מאַרגאַרין, אָבער וואָס גייט עס מיר אָן? עס איז דאָ אַ פלעטל „כשר לפסח"? צאָל איך טייער און זאָל דער אָפּנאַרער זיך זאָרגן: איך בין אין אָרדענונג.

ער פילט, אַז עפּעס אין אים ווערט באַפרידיקט, אַז דאָס איז דער אונטערבאַוווסטזיין, ווייס ער נישט...

און אַזעלכע אָקטן פון סימבאָלישן באַפרידיקן דעם אבערגלויבן זעען מיר אויף טריט און שריט. אומגלויביקע מענטשן גיבן אַרויס הייליקע ספרים און דערמיט באַפרידיקן זיי זייער אבערגלויבן, וואָס איז געבליבן נישט באַפרידיקט זינט עס איז פאַרשוווּנדן זייער גלויבן. אַ מענטש, וואָס אַליין האַנדלט ער אום שבת, ווייל מקריב זיין אַ טאָג לייזעכץ און איינהאַלטן זיך אַ טאָג פון רויכערן איז צו פיל פאַר זיין פאַרמאָרעטן אבערגלויבן, — אָט דער מענטש שרייט אָן אויף זיין שנור פאַר וואָס זי נייט אום שבת. אָדער ער זידלט אָפּ אַן אָרעמאַן, וואָס קומט בעטלען אום שבת אין זיין אָפּענער קראָם... ער אָדער זי נאַרן אָפּ מיט דעם און באַרואיקן זייער קינדישן און אויסגעמאָרעטן אונטערבאַוווסטזיין... ער היט פאָרט אָפּ שבת דורך אָפּזידלען עמעצן פאַר אַן עבירה...

אויף דער דאָזיקער פּסיכאָלאָגיע פון אבערגלויבן שפּעקולירן אַלע באַוווסטזיניקע זשוליקעס פון אַלע רעליגיעס אין צייטן פון אומ־גלויבן. דערביי האָבן זיי אַ געפיל (און מיט פולער רעכט!), אַז זיי זענען נישט קיין פשוטע זשוליקעס, ווייל זיי פאַלשעווען נישט נאָר לטובת זייער פערזענלעכן ריווח, נאָר לטובת ברענגען גייסטיקע (אָדער בעסער געזאָגט: פּסיכישע) הילף אויב נישט די גלויביקע, איז די אבערגלויביקע פון די אומגלויביקע...

* * *

די פסיכאָלאָגיע פון אבערגלויבן שפּילט, לויט מיין בעסטער איבערצייגונג, אַ גרויסע ראָל אין דער וועלט־געשיכטע און אין דער לעבנס־געשיכטע פון יחידים. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די דאָזיקע פּאָזיציע ביים צושטעלן אַ רעכענונג (וואָסערן עס זאָל נישט זיין) דעם מענטשן און דער מענטשהייט...

אויף שבת אַהיים

(קאַפּיטל פון אַ נישט דערשריבן בוך)

איך וואָלט קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז מען קאָן אַזוי זיך דער־פרייען מיט אַ פּיען! מיט אַ פּראָסטן פּיען, וואָס סטאַרטשעט אין וואַלד, ווי אַ וואָרצל פון אַ צעשטערטן צאָן. די דאָזיקע פרייד האָב איך איבערגעלעבט אין דער פרי, דעם 8־טן סעפּטעמבער 1939־טן יאָר, ווען איך האָב זיך געשלעפּט מיטן פייכטן, האַרבסטיקן וואַלד קיין שעדלעץ. מיטן ערשטן אַנלויף פונעם פּאַנישן אַנטלויפן אין דער נאַכט פון 6־טן אויפן 7־טן סעפּטעמבער, האָב איך „גענומען" פון זעכציק ביז זיבעציק קילאָמעטער, איצט אָבער בין איך שטאַרק אָפּ־געשטאַנען פון דער פּליטים־מאַסע, וואָס איז געיאָגט געוואָרן דורך פּאַניק.

איך זיץ אויפן פּיען, אויסגעשעפּט פיזיש און גייסטיק און כ'זע, ווי מיטן שאַסיי פאָרן דורך פורן, אָנגעלאָדענע מיט מענטשן און זאַכן, און מיר דאַכט זיך, אַז יעדע פור איז — אַ רעטונגס־שיפל, וואָס נעמט אויף שיפבריכיקע. און איך? איך בין ווי אַ זיך־טרינקענדיקער אין אַ ברעגלאָזן, וויסטן ים, אָן קראַפט זיך אָנצוכאַפּן פאַרן ראַנד פון אַ שיפל, אָן כוח צו קעמפן פאַר מיין רעטונג. מיך פּאַראַליזירט נישט אַזוי אָן אומגעהויערע פיזישע מידקייט, ווי עפּעס אַן אומבאַזיגבאַר גע־פיל פון עקל צו אַלץ און צו אַלעמען, און אין דער ערשטער ריי — צו זיך אַליין. אין דאָזיקן פּאַנישן אַנטלויפן איז דאָ אַלץ: לאָגיק, נויט־ווענדיקייט, די מעגלעכקייט פון רעטונג. אָבער איינס פעלט אים: דאָס געפיל פון זעלבסטאַכטונג. און איצט, ווען די פיזישע אויס־שעפּונג האָט באַרויקט די שטורמישע ענערגיע פון אינסטינקטיוון

געפיל פון זעלבסט־דערהאַלטונג, טרעט אַרויס אויבן־אויף דאָס געפיל פון חרפה פאַר זיך אַליין, פאַר דערנידעריקן דעם מענטשן אין זיך.

איך פיל זיך טאָפלט אומגליקלעך: אי דערפאַר, וואָס איך בין געוואָרן איינער פון דער סטאַדע, און אי דערפאַר, וואָס איך בין אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער דאָזיקער סטאַדע.

לויפן פאַרביי איינזאַמע פוסגייער, — די כוואַליע האָט זיך פאַרבייגעקייקלט בייַנאַכט פאַרן זון־אויפגאַנג. עס פאָרן פאַרביי איינצלנע פאַרשפעטיקטע פורן. און מיט אַ מאָל שטעל איך זיך בולט פאָר: איך וועל בלייבן אַליין, אַן אומבאַהאָלפענער, ווייט פון רעטנדיקן שעדלעך, וווּ — ווי אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט אין אונדזער אומוויסן — אַלץ איז נאָך אין אָרדענונג, וווּ מען וועט זיך קאָנען אַרויסרייסן פון פאַנישן שטראָם און באַוווסטזיניק ריכטן די ווייטערדיקע טריט.

די דאָזיקע בולטע פאָרשטעלונג, דער דאָזיקער קלאַפּ איבער דער פאָרשטעלונגס־קראַפט, רייסט איבער מיין פסיכישן פאַראַליזש, און אַ פרישער אָנלויף פון פאַניק, אַן אָנלויף פון חיהשער שרעק טראָגט אַוועק, ווי אַ שטורעם אַ שטרוי, דאָס געפיל פון עקל צו זיך. איך בין אין גאַנצן — איין פאַרלאַנג: ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן פאַר יעדן פרייז. איך ווער אָנגעגאָסן מיט נייער ענערגיע פון איינעם פון יענע פאַרבאָרגענע, אויף זיבן שלעסער פאַרחתמעטע קוואַלן פון לעבנסקראַפט, וואָס נאָר דער העכסטער עקסטאַז פון זעלבסטאָפּפערונג אָדער דאָס העכסטע חיהשע שרעק פאַרן לעבן זענען בכוח פאַנאַנדערצוחתמענען זיי.

איך רייס זיך אַראָפּ פון פיען, כ׳לויף אַרויס אויפן שאָסיי און הויב אָן זיך כאַפּן פאַר די איינצלנע רעטונגס־שיפלעך, וואָס באַווייזן זיך נאָך פון צייט צו צייט אינעם ברעגלאָזן ים פון פאַרצווייפלונג און פאַרוויסטונג.

די ערשטע אומגעלונגענע פרוּוון מאַכן מיך נישט מוטלאָז. פאַרקערט, — מיין ווילן צו רעטונג וואַקסט פון יעדן דורכפאַל. און פלוצלינג דערזע איך — עס שלעפט זיך קוים־קוים אַ פערדל, איינגעשפאַנט אין אַ גרויסן וואָגן, וואָס איז אָן אַ מאָס איבערגעלאָדן מיט לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר.

דאָס פערדל שלעפט זיך אַזוי לאַנגזאַם, אַז אַפילו מיט מיינע קראַפטלאָז געוואָרענע פיס קאָן איך עס נאָכגיין און פירן אונטער־

האַנדלונגען מיטן בעל־עגלה, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 25־30, אַ ביסל אַ פלעגמאַטישער, אַזוי ווי זיין פערדל.

צוערשט האָט ער איין ענטפער: — „ניין, נישטאָ קיין אָרט, דעם פערדל איז אַזוי אויך שווער״...

דערנאָך, אונטער דער ווירקונג פון מיין פאַרצווייפלטער עקשנות, פאָדערט ער, איך זאָל אים באַצאָלן פאַר צופירן מיך קיין שעדלעץ. איך לייג אים פאַר פינף זלאָטעס, — אַ גרויסן פראָצענט פון מיין פאַרמעגן, — ער איז אָבער נישט מסכים. חוץ דעם — עטלעכע פאָרער פראָטעסטירן: זיי איז שוין אַזוי אויך ענג.

איך נעם זיך אָן מיט מוט און, שטעלנדיק איין פוס אויפן אַרויס־שטאַרצנדיקן פלאָקן, נעם איך דעם צווייטן אַריבער אין וואָגן איבער דעם וואָגן־ווענטל, רוק אַריין דעם בעל־עגלה אין האַנט פינף זלאָטעס, וואָס פאַרשווינדן תיכף אין דער ברייטער, טיפער קעשענע פון זיין בעל־עגלהשער בורקע.

איך לאָד איין אין וואָגן אַריין — שוין לעגאַל — דעם צווייטן פוס, און איך רעגיסטריר אין באַוווסטזיין מיט אַ געפיל פון פאַרלייכ־טערונג, אַז איך פאָר.

אָבער ווי אַזוי!

נאָך היינט, דערמאָנענדיק זיך, ציטער איך אויף מיט גוף און נשמה. ס׳אַראַ טאָפּלטע פייניקונגען!

אין דער דאָזיקער פור האָט נישט עקזיסטירט קיין אונטערשייד צווישן זאַכן און מענטשן; סיי די ערשטע, סיי די צווייטע זענען אָנ־געוויזן געווען אויפן באַראָט פון די געזעצן פון זייער אייגענער שווער־קייט, כדי זיך ווי־נישט־איז איינצולייגן. דער ווילן פון לעבעדיקע באַשעפענישן האָט נישט געשפילט קיין שום ראָל אין דער דאָזיקער ממשלה פון אומדערבאַרעמדיקער נויטווענדיקייט. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז איין מאָל אַריינגעטאָן דעם פוס, ביים פרווון זיך אַריינ־צוקריגן אין דער פור, צווישן צוויי קאַסטנס, איז שוין נישט גע־ווען קיין שום מעגלעכקייט איינצואָרדענען אים באַקוועמער. איך האָב געפילט, אַז איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַוועגלעכער זאַך, נישט פאַרלירנדיק דערביי, צום באַדויערן, נישט דאָס געפיל פון ווייטיק, נישט דעם באַוווסטזיין. יעדער נערוו, יעדע צעל פון קערפּער האָט געדאַרשט כאָטש אַ האַריטשקע פרייע באַוועגונג, כדי אויסצוגלייכן זיך, כדי אָנצונעמען די פּאָזיציע פון אַ נאָרמאַלן מענטשן, כדי צו האָבן ביי זיך, לכל הפחות, די אייגענע גלידער, אָבער דאָס

באַוווסטזיין האָט ווייטאָקדיק רעגיסטרירט נישט נאָר דעם פאַרפייניקטן, טעמפּן ווייטיק פון די גלידער, וואָס זענען געהאָנגען איינצלווייז צווישן די קאַסטנס און די אַנדערע אומבאַלעבטע קערפּערס, נאָר אויך דאָס געפיל פון דער אומבאַלעבטקייט פון אייגענעם קערפער. שעפסן, געבונדענע און אַריינגעוואָרפענע איינס אויפן צווייטן, דריקנדיק איינס דאָס צווייטע מיט דער אייגענער שווערקייט, דאַרפן זיך פילן אַזוי, אויב זיי האָבן כאָטש איין פונק פון באַוווסטזיין, וואָס איז ענלעך צום מענטשלעכן.

און אַזוי האָב איך זיך געפילט.

עס האָט זיך געוואָלט שרייען, וויינען פון דערנידערונג און פון טאָפלטן — פיזישן און גייסטיקן — פיין, ס'האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דאָזיקן פאָרן, וואָס איז גיכער ענלעך געווען אויפן פאָרן צום שעכטהויז, — שויך בעסער באַגעגענען דעם טויט, ווי אַ לעבעדיקע פערזענלעכקייט, איידער אויסדעכען די נשמה אויף דער דאָזיקער עקלדיקער פור! אָבער דער דאָזיקער לעצטער פאַרלאַנג איז געווען נאָר איינע פון די אומבאַהאָלפענע קאָנוווּלסיעס פון מענטשנס געפיל פון זעלבסט־אַכטונג, וואָס איז געלעגן אַ צעטראָטענעס אונטער די קאָפּיטעס פונעם חיהשן, פאַניש זיך טראָגנדיקן שרעק פאַרן לעבן. יעדער איינער איז גרייט געווען נישט נאָר אויף אַזעלכע פאַסיווע דערנידערונגען, אַבי נישט צו שטעלן אין סכנה די פראָבלעמאַטישע רעטונג, וואָס איז דאַן פאַרבונדן געווען אין אונדזער געפיל מיט אַ פור, וואָס באַוועגט זיך צו מזרח־צו.

צו מזרח־צו, צו מזרח־צו, צו דער בריסקער פעסטונג! — אָט וואָס די לאַנגזאַמע באַוועגונגען פון די פערדישע קאָפּיטעס האָבן אויסגעשלאָגן פאַר מיר. און דאָס געפיל פון ווייטיק און דערנידערונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון פאַריבל אויפן פערדל, וואָס פאַרשטייט גאָר נישט, ווי ס'האָט געשיינט, מיט וואָס עס איז פאַרבונדן זיין שנעלער אָדער לאַנגזאַמער גאַנג. און די אָנוואַקסנדיקע אומגעדולד רוקט אָפּ ביסלעכווייז אין שאָטן סיי די פיין פון לעבעדיק־טויטן קערפער, סיי די פיין פונעם דערנידעריקטן זעלבסט־באַוווסטזיין. מיט אַלע חושים ממש יאָגסטו אונטער דאָס פערדל, פילסט, ווי פון די טיפענישן פונעם תהום פון דער פסיכיק קריכן אַרויס די פרע־היסטאָרישע אינסטינקטן, — אינערלעך פיר איך אויס די פאַרשיידנאַרטיקסטע מאַגישע באַוועגונגען, כדי צו צווינגען דאָס פערדל צו גיין שנעלער, אין לויף־טראָט. אָבער אַלץ אומזיסט, —

איך צעגלי בלויז ביז ווייטיק מיין פסיכיק דורך הילפלאָזע באַמיאונ־גען צו ווירקן אויפן גאַנג פונעם פערדל. גאָט מיינער, וואָס פאַראַ פיין — כ'וועל פון זינען אַראָפּ!

ביז יענעם טאָג האָב איך נישט געוווּסט, אַז דער מענטש קאָן דערגיין ביז אַזאַ אינערלעכער שפּאַנונג און — און אויסהאַלטן.

אָט דאָס איז די שוואַרצע מענטשלעכע אומדאַנקבאַרקייט! אויב איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ רעטונגס־שיפל, דאַרף איך פאַר דעם דאַנקען דעם לאַנגזאַמען גאַנג פונעם זעלבן פערדל, וועלכן איך באַטראַכט איצט כמעט ווי פאַר אַ פּערזענלעכן שונא.

נישט נאָר איך אײנער בין פאַרצווייפלט פונעם פערדלס גאַנג, אַלע אין דער פור דענערווירן זיך. באַזונדערס אָבער אַ ריזיקער מאַנסביל פון אַ יאָר 40—45, וואָס ליגט אויפן סאַמע דנאָ פון דער טיפלעכער פור, וואָס איז פון אויבן ברייט און אונטן — שמאָל.

ווי נאָר איך האָב זיך געפונען אין פור, האָב איך דערהערט זיין פלעגמאַטישן קלאָגן־זיך (ווי עס שיינט, האָט ער שוין פון לאַנג אויפגעהערט גלויבן אין דער צוועקמעסיקייט פונעם קלאָגן־זיך), נאָך פאַרן דערזען,פון וואַנעט דאָס קלאָגן־זיך קומט, ווייל ער איז איינ־געראַמט געווען אין קאַסטנס און איז באַקלעפּט געווען מיט וואַליזעס און מענטשן. ער האָט מעכאַניש גענודיעט:

„געדונגען אַ פור פאַר זיך אַליין, באַצאָלט וויפל ער האָט גע־בעטן, און איצט לאָזט ער אַריין יעדן איינעם. און פאַר וויפל? פאַר פינף זלאָטעס! אַי, מיינע פיס, מיינע קראַנקע פיס!”

ער האָט דאָס איבערגעחזרט אָן בייזקייט, בלויז ווי אַ מיטל, פּראָסט פּשוט צו דערלייכטערן זיין אַנגעווייטיקטע נשמה און זיינע קראַנקע פיס, אויף וועלכע אַלץ האָט געדריקט: וואַליזעס און מענטשן.

ביי יעדן קרעכץ זיינעם: „אַי, מיינע פיס, מיינע קראַנקע פיס”, האָב איך געשפּירט, אַז מיינע אייגענע פיס זענען אויף אַ האָר פון איבערגעבראָכן ווערן. און איך האָב אים מיטגעפילט מיט דער גאַנ־צער נשמה און מיטן גאַנצן גוף, פילנדיק דערביי, אַז די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, וועל איך האָבן אויף מיין געוויסן אַ שטיקל פון זיינע איבערגעבראָכענע קראַנקע פיס.

דער דאָזיקער מענטש, דער איינציקער, וועלכער האָט גערעדט (אַלע אויפגעקליבענע אויפן וועג, האָבן געשוויגן), האָט סוף־כל־סוף געענדערט דעם אינהאַלט פון זיין קלאָגן זיך:

„פאַר וואָס יאָגט איר נישט אָן ס'פערדל? אַזוי אַרום וועלן מיר

ביז מאָרגן אויך נישט דערפאָרן. נישט קיין פערדל, נאָר אַן אומ־גליק! גיט אַ שמיץ מיט דער בייטש, — און טאַקע מיט כוח!״

אָבער דער פלעגמאַטישער בעל־עגלה האָט אויפן דאָזיקן קלאָגן זיך אָדער גאָר נישט געענטפערט אָדער געזאָגט מיט אַ נייטראַלן טאָן:

„ס׳פערדל איז מיד... אַ רחמנות די בהמה...״

„און אויף די מענטשן איז נישט קיין שאָד? אַלע האָבן אונדז איבערגעיאָגט, געפינען זיך שוין, געוויס, אין שעדלעץ, און מיר שלעפּן זיך... די נשמה ציט ער אַרויס...״

„וויאָ! וויאָ!״

אָבער דאָס טרוקענע „וויאָ״, אָן ברענענדיקן בייטש אַלס האַנט־געלט, העלפט נישט.

און די דרייפאַכע פּיין — פון קערפּער, פונעם באַוווסטזיין און פונעם אומגעדולד — הערט גאָר נישט אויף, ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער בלינדער שנאה צום פערדל, צום בעל־עגלה, דורך דער בלינדער שנאה, וואָס איז גרייט אויפצופלאַקערן מיט אַ בונט אויפן רעטונגס־שיפל. אַ בונט פון אומבאַלעבטע מענטשן־זאַכן.

און מיט אַ מאָל — מען שטייט... וואָס איז געשען?

פאַר אונדז אַ גאַנצע ריי וועגענער, אַ מהומה, געשרייען.

דער בעל־עגלה לויפט אַרונטער פון זיין אָרט, וואָס אַלע זענען אים מקנא — אַן אָרט, וואָס ער טיילט מיט זיין געהילף, מיט זיין ברודער חיים, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 14—15.

אין עטלעכע מינוט קערט ער זיך אום מיט דער ידיעה, אַז ווייטער איז פאַרבאָטן צו פאָרן, מען דאַרף אַרומגיין שעדלעץ, וואָס איז היינט פרי שווער באָמבאַרדירט געוואָרן און שטייט אין פלאַמען. מען דאַרף אַראָפּפאָרן פונעם שאָסיי און מיט אַ זייטיקן וועג פאָרן ווייטער, אַרומגיין שעדלעץ אין אַ האַלבן בויגן.

* * *

אויך דאָ זענען מיר די לעצטע. ווען אונדזער פור פאָרט אַרויף אויפן זייטיקן וועג, זעען מיר פון דער ווייטנס, ווי די לעצטע לייכטע פור קייקלט זיך שנעל, — איבערגעפילט מיט מענטשן, — און נעמט פאַרשווינדן פון אויג. גליקלעכע! איך זע אויף דער לעצטער אָפּ־פאָרנדיקער פור חיים בזשאָזעס שטיפזון, זיינע ברילן און זיינע לאַנגע פיס.

בײַ די ערשטע טריט אויפֿן דאָזיקן וועג, האָט דאָס פערדל פֿאַרשטרייקט, פֿאַרזינקענדיק אין טרוקענעם, זיך פּליסיק־איבערשיטנדיקן זאַמד.

מיר קריכן אַראָפּ פֿון וואָגן, אָבער אויך אַ ליידיקן וואָגן איז דאָס פערדל נישט בכוח צו שלעפּן.

מיט אַ שווער האַרץ זענען מיר מסכּים מיטן בעל־עגלה, אַז מען דאַרף דעם פערדל לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָנפּאַשען זיך, אָנטרינקען זיך.

דאָס פערדל האָט קיין מאָל אין זײַן לעבן נישט געהאַט אַזאַ באַהאַנדלונג, ווי אין יענעם טאָג. אַלע האָבן געזוכט פּויערישע כאַטעס, כּדי צו באַקומען וואַסער פֿאַרן פערדל, אַלע האָבן אים געווינטשן אַ גוטן אַפּעטיט, אַלע וואָלטן עס גערן געליען אויף עטלעכע שעה זייערע כּוחות...

אין אַ שעה אַרום יאָגט מען אַרויס דאָס געצערטלט פערדל פֿון זײַן אומגעריכטן גן־עדן, מען שפּאַנט עס ווידער אײַן אין יאָך און — מען גרייט זיך צו פֿאָרן. אָבער בײַ די ערשטע טריט שוין בלײַבט עס שטיין. ווי עס שײַנט, איז דאָס נישט קיין קאַפּריז פֿון אַ בת־יחידה, — עס איז אויסגעשעפּט, דאָס דאָזיקע יידישע פערדל. דער דאָזיקער זאַמדיקער וועג איז נישט פֿאַר זײַנע כּוחות.

מרגלים לאָזן זיך אַרויס זוכן — אפֿשר געפֿינט זיך נישט ווײַט אַ בעסערער וועג און דאַן וועט מען קאָנען אַליין צופֿירן דעם וואָגן צו יענעם אָרט. אָבער, אײַ, ווײַ! — נישטאָ קיין סוף צום זאַמדיקן וועג.

און פּלוצלינג איז דער בעל־עגלה מודיע זײַן באַשלוס:

„איך פֿאָר נישט ווײַטער... איר וועט מיר די בהמה אַוועקהרגענען...״

די דאָזיקע ווערטער פֿאַלן ווי אַ טויט־אורטייל: פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון אונדזער זײַן אויפֿן דאָזיקן זײַטיקן וועג, האָבן מיר נישט געזען קיין איין מענטשן, קיין איין פֿור. מיר פֿילן זיך אין דאָזיקן זוניקן, פֿרײַ־האַרבסטיקן פּייזאַזש, ווי אין אַ מדבר. די אײנציקע האָפֿענונג איז אין דער דאָזיקער פֿור און אין דאָזיקן פערדל. און אונדז וויל מען אַריבערוואַרפֿן איבערן באָרט?!

„איך האָב באַצאָלט ביז שעדלעץ, און איר האָט קיין רעכט נישט צו לאָזן אונדז אין מיטן וועג!...

אַלע האַלטן אונטער די דאָזיקע ווערטער פונעם וווקסיקן מאַנס־ביל מיט די קראַנקע פּיס.

„אָבער דאָס פערדל קאָן מער נישט אויסהאַלטן... ס'וועט אויס־דעכען די נשמה, אַי, אַ בראָך איז מיר...״

דער פלעגמאַטישער בעל־עגלה פאַרלירט זיין רואיקייט. עס האָבן זיך צונויפגעשטויסן צוויי יאושן: איינער וויל פאָראויס, צו רע־טונג; דער צווייטער — צוריק, אַהיים.

„מירן נישט דערלויבן... איר מוזט פאָרן...״

„איך קאָן נישט... כ'על נישט פאָרן ווייטער. חיים, וואַרף אַרויס די זאַכן״.

— „וואָס ? !״

וואָס איז געוואָרן מיט די קראַנקע פּיס פונעם הויכוווקסיקן מאַן ? ! חיים ווערט אַראָפּגעוואָרפן פון פור, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָנצורירן איינע פון די וואַליזעס. דער מענטש מיט די קראַנקע פּיס איז צוגעלאָפן צו דער פור, ווי אַ פלינק קינד, און, פאַנאַנדער־נעמענדיק די הענט, צוגעדעקט מיט זיי און מיט דער ברוסט אַ גוטע העלפט פור.

„כ'על נישט לאָזן צורירן זיך צו די זאַכן. אָדער איר פאָרט ווייטער, אָדער איר בלייבט דאָ, מיט אונדז״.

אַלע גייען צו צו דער פור, היטן אָפּ זייערע זאַכן און — די פור, דעם אַלגעמיינעם אוצר, די ערבות פון רעטונג. אַפילו איך האַלט די האַנט אויף דער מאָגערער טעקע, אין וועלכער עס האָבן זיך צו־נויפגעפאָרט, — ביים איילן, נאַכטיקן אַרויסמאַרש פון וואַרשע, — אַ מאָדנער ראַמש זאַכן: אַן אייער־בעכערל, צוויי פאָר גאַטקעס, אַ שטיקל פראָסט זייף און אַ וועסטל. די לאַגע פון מיין האַנט איז אַ צווייִדייטיקע: וויל מען — בין איך גרייט אַראָפּנעמען מיין טעקע; וויל מען — בין איך גרייט באַשיצן זי פון געוואַלט. מיין לאַגע איז לייכטער: איך האָב כמעט גאָר נישט, איך בין נישט אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט דער פור. וואָס שייך דער האָפענונג צו באַוועגן זיך ווייטער, האָט זיך דאָס ברענענדיקע שעדלעך כמעט פאַרוואַנדלט אין אַש... און דער דאָזיקער אַש ווערט איצט טונקעלער, קילט זיך אָפּ און איז גרייט פאַנאַנדערגעווייעט ווערן איבער אַלע פיר זייטן פון דער וועלט...

„כ'על נישט לאָזן צורירן זיך צו די זאַכן! איך האָב באַצאָלט ביז שעדלעצ...״

„חיים, שפּאַן אויס דאָס פערדל! זאָלן זיי בלייבן דאָ״.

חיים מיטן בעל־עגלה שפּאַנען אויס דאָס פערדל, וועלכעס קערט זיך אום אין זיין גן־עדן, און מיר בלייבן היטן די פור מיט די זאַכן...

ס'איז געווען אַזוי מאָדנע. די זון האָט געוואַרעמט, די פעלדער האָבן געשמעקט מיט די לעצטע ריחות פון זומער, וואָס האָט צוגע־גנבעט ביים האַרבסט עטלעכע וואָכן... מען הערט כמעט נישט קיין רויש פון עראָפּלאַנען, מען זעט נישט קיין מענטשן, מען הערט נישט די בהלה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע וועלט... די וועלט איז אַזוי שטיל, בליענדיק, שיין... אַך, ווען נישט מיר, די דאָזיקע טונקעלע, אומרואיקע פלעקן אויפן אומענדלעכן פּאַן פון דער וועלט... אַך, אויסציען זיך אין אַ פּאַרוואַקסנדיקן פעלד־שטעג, אָפּרייסן זיך מיטן בליק פון דער דאָזיקער פור, פון די דאָזיקע מענטשן, מיט מיין דערנידערנדיקן הונגער, מיט מיין דערנידערנדיקן אומרו...

אָבער איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן אַפילו פון דער פור אונדזע־רער, — אָן איר קלאַמערט זיך דאָס רעשטל דאָרשט צום לעבן, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצופליסן פון דער אָנגעשפּאָלטענער נשמה פון ערשטן ביזן זעקסטן סעפּטעמבער און פון זעקסטן ביזן אַכטן — אין די דאָזיקע צוויי אומענדלעך־לאַנגע עפּאָכן.

דער ערד־קוגל איילט זיך מיט זיין אייביקן וועג, נישט געקוקט אויף אונדז, וועלכע דאָרשטן צו באַוועגן זיך פאָראויס צום אומבאַ־קאַנטן, נישט אויפן בעל־עגלה נעבן פערדל, וועלכער דאָרשט צו פאָרן צוריק, צו אַ פעסטן אָנהאַלט־פּונקט — אַהיים. דער ערד־קוגל איילט מיט זיין אייביקן וועג, נישט געקוקט אויף די צוויי פּיינטלעכע לאַ־גערן, אויף די היימלאָזע און אויף דעם, וועלכער דערוועגט זיך צו רייצן מיט זיי, די היימלאָזע, מיט רייד וועגן פאָרן אַהיים... די זון איז שוין ווייט נאָכמיטאָג, נאָך עטלעכע שעה, און דער טאָג וועט זיך נייגן צום אָוונט...

און דער בעל־עגלה האָט נישט אויסגעהאַלטן די מלחמה פון נערוון.

„וואָס ווילט איר פון מיר״, — האָט געגומעןריידן דער דאָזי־קער פלעגמאַטישער מענטש, וועלכער איז געוואָרן — אונטערן דרוק

פון טרויער און אומרו — באַריידעוודיק, כמעט שיין־רעדנעריש, — „איר זעט דאָך אַז דאָס פערדל איז קוים לעבעדיק, עס וועט סיי־ווי לאַנג נישט אויסהאַלטן אויפן דאָזיקן זאַמדיקן וועג. און באַלד איז שבת. כ׳וועל סיי־ווי קוים־קוים באַוויזן אַהיים אויף שבת... וואָס ווילט איר פון מיר, פון מיין פאַמיליע... לאָזט מיך פאָרן אַהיים, איך זאָל באַוויזן אָנקומען ביז דער אָוונט וועט צופאַלן".

צוערשט האָבן מיך זיינע ווערטער ווי באַטויבט: זענען נאָך דאָ אַזעלכע זאַכן ווי פאַמיליע, היים, שבת? אין גאַנצן צוויי טעג, ווי איך בין געווען אָפּגעריסן פון דער פאַמיליע, פונעם אייגענעם ווינקל, און די היימלאָזיקייט האָט זיך שוין אַזוי גרינטלעך איינגעגעסן אין מיר, אַז צוערשט איז מיר כמעט אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע ווערטער, אָבער זיינע ווערטער האָבן געפונען דעם וועג צום מעכטיקן פאַקטאָר פון כוח־הדמיון, און זיינע ווערטער האָבן זיך פלוצלינג אָפּגערופן מיט אַ מעכטיקן, קרענקלעכן עכאָ אין מיין פאַר־שטעלונגס־קראַפט, אין מיין האַרצן: אַזוי לעבעדיק איז אויפגעשטאַ־נען פאַר מיינע אויגן מיין פאַמיליע און די זינלאָזע נאַכט פון זינלאָזן אַנטלויפן, פון דערנידערנדיקן און שענדלעכן אַפילו אין זיין העכס־טער נויטווענדיקייט. און דער קראַנקער נשמה איז אַזוי נאָענט גע־וואָרן דער דאָזיקער פרעמדער בעל־עגלה, וואָס בענקט אַהיים, נאָך דער שבתדיקער היים.

און מיט אַ מאָל איז אויפגעקומען פאַר מיינע אויגן אַ קליין קליינשטעטלדיק שטיבל: דער דיל איז אויסגעוואַשן, באַשאָטן מיט געלן זאַמד, מיטן טעפּיך פון די אָרעמע; אויף דער פּליטע שטייען גרייטע שבתדיקע עסנס, די קינדערלעך אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט, בלויז די יונגע פרוי לויפט אָפּט און אומרואיק אַרויס אויף דער גאַס, פאַרן הויז: וואָס עפּעס קומט נישט דער מאַן? אין אַזאַ צייט? אין אַזאַ צייט?!...

דער דאָזיקער מענטש האָט אַ היים! אָבער אויף ווי לאַנג?

דאָס געפיל פון פיינטלעכער קנאה נעמט איינגיין און ווערט פאַר־ביטן אויף מיטגעפיל, סימפּאַטיע, אויף אַ מאָדנער גערירטקייט, — די גערירטקייט פון אַ טויט־קראַנקן פאַרן גורל פון אַ ווייטן קרוב, וואָס איז געקומען מבקר חולה זיין און קאָן זיך גאָר, חלילה, אָנשטעקן.

ווי לאַנג וועט נאָך דער דאָזיקער מענטש האָבן זיין היים?

און עס באַפאַלט מיך אַ שרעק: טאָמער פאַרשפּעטיקט ער צוליב

אונדז צום ליכט־בענטשן? און טאַמער פאַסירט עפּעס מיט אים שפּע־טער, אויפן וועג צוריק — היינטיקע צייטן.

זאָל ער פאָרן אַהיים! ווער ווייסט וויפל וואָכן אין גאַנצן עס בלייבט אים נאָך צו פייערן שבתים אין זיין שטיבל, מיט זיין פאַ־מיליע?

ווי גוט עס איז, ווען מען ווערט אין גאַנצן אויסגעפּילט מיט זאָרג פאַר יענעם — מען ווערט פריי פון דער שווערסטער משא: פון זאָרג פאַר זיך!

דער ווילדער געדאַנק, אַז עס זענען דאָ מענטשן, וועלכע טרוי־מען נאָך וועגן שבת, וועגן אַ היים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרלייכטערנדיקן, אומעטיקן יובל: עס איז נאָך דאָ אַ „צוריק", עס איז נאָך דאָ דער אייביקער אָנהאַלט־פּונקט פון פאַמיליע, פון היי־מישקייט, פון די אור־אַלטע לעבנס־פאָרמען!...

זאָל ער פאָרן!

זאָל ער נישט פאַרשפּעטיקן דעם פרייטיק־צו־נאַכטיקן עסן... ווער ווייסט, צי נישט דעם לעצטמאָליקן...

איך נעם אַראָפּ פון דער פור מיין טעקע און מיין רעגנמאַנטל.

מיין האַסטיקע, דעמאָנסטראַטיווע באַוועגונג ברעכט דעם זיג־לאָזן, עקשנותדיקן, פון אומבאַוווּסטער קנאה גענערטן ווידערשטאַנד: שווייגעוודיק, באַהערשט פון עפּעס אַ קאָלעקטיוו־טונקעלן געפיל, נעמט דער עולם שלעפּן פון וואָגן די וואַליזעס, קאַסטנס, די פּעק בעטגעוואַנט, — מען מאַכט שלום מיטן גורל.

דער איינציקער צווישן אונדז, וועלכער האָט נאָך אַ היים, זאָל זיך איילן צו איר, — ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט זי נאָך האָבן.

דאָס פערדל איז שוין איינגעשפּאַנט, די פור איז אויסגעדרייט אויף צוריק, דער בעל־עגלה מיטן ברודער חיים געזעגענען זיך פון פור אַראָפּ און פאָרן איילים אַוועק (ווי מורא האָבנדיק, מיר זאָלן נישט חרטה האָבן), — צום לעבן, צו היימישקייט...

און לאַנג־לאַנג האָב איך נאָך געטראַכט וועגן דעם פורמאַנס וועג צוריק אַהיים — באַפרייט פון טראַכטן וועגן מיין וועגלאָזן, היימ־לאָזן פאָראויס...

די טראַגעדיע פֿון געטאָ

חוה ראָזענפֿאַרב: „דער פֿויגל פֿון געטאָ“, טראַגעדיע אין דריי אַקטן. 181 זייטן, 1958, קאַנאַדע.

אינעם קורצן „אַריינפֿיר־וואָרט“ צו איר טראַגעדיע, זאָגט חוה ראָזענפֿאַרב, צווישן אַנדערן:

„ער (וויטענבערג — י. ר.) האָט מיר אויסגעזען צו זיין די פּער־פֿעקטע העלדן־פֿיגור פֿאַר אַ געטאָ־טראַגעדיע“.

זייער ריכטיק. איך וואָלט בלויז געוועזן געענדערט איין וואָרט אין אויבן געבראַכטן זאַץ: „ער האָט אויסגעזען צו זיין די פּערפֿעקטע העלדן־פֿיגור פֿאַר דער געטאָ־טראַגעדיע“.

די געטאָ איז געווען אַ קנויל טראַגעדיעס. אָבער חוה ראָזענ־פֿאַרב האָט ריכטיק באַנומען, אַז די טראַגעדיע פֿון געטאָ איז באַ־שטאַנען אינעם קאָנפֿליקט צווישן דער מאַסע און אַ מינדערהייט: די מינדערהייט האָט געוווּסט, אַז די געטאָ איז פֿאַראורטיילט צום טויט, אַז אין זאַך נאָר קאָן אפֿשר אָפּראַטעווען אַ קליינע טייל פֿיזיש און אַלעמען — גייסטיק, און דאָס איז — אַן אויפֿשטאַנד קעגן די באַ־דריקער, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט; די פּאַסיווע מערהייט האָט אָבער געגלויבט, אַז די אַקטיווע מינדערהייט וועט נישט נאָר פֿאַרשנעלערן דעם אומקום, נאָר וועט צונעמען ביי איר — ביי דער מערהייט — די האָפֿענונג וואָס עס ליגט באַהאַלטן אינעם צייט־פֿאַקטאָר. דער שונא וויל טאַקע אומברענגען די געטאָ, אָבער כל זמן דער חלף ליגט אויפֿן האַלדז (און שניידט אים נאָך נישט איבער) טאָר מען זיך נישט מיאש זיין, און דאָס פּאַסיווע פֿאַרהאַלטן זיך טראָגט אין זיך די מעגלעכקייט פֿון ראַטעווען זיך פֿונעם חלף — ער זאָל נישט תיכּף איבערשניידן דעם האַלדז.

די מינדערהייט ווייס אַז זי איז גערעכט; די מערהייט אָבער גלויבט און וויל האָפֿן אַז זי איז גערעכט. און אין דאָזיקן קאָנפֿליקט ליגט די טראַגעדיע פֿון געטאָ, די טראַגעדיע איבער אירע אַלע טראַ־געדיעס.

די דאָזיקע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט נישט נאָר אין ווילנער געטאָ, נאָר — אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פֿאַרנעם — אין אַלע געטאָס. אָבער אין ווילנער געטאָ האָט די דאָזיקע טראַגעדיע אָנגענומען קלאַסישע פֿאָרמען פֿון אַ טראַגעדיע — זי איז געוואָרן

צוגעשפיצט צום טראַגישן גורל פון אַ יחיד (וויטענבערג). ער — דער יחיד — איז נישט נאָר דער פירער פון דער מינדערהייט, נאָר ער ווערט געפּאָדערט דורכן שונא אַלס קרבן, וואָס קאָן אָפּווענדן די גזירה פון אַ באַלדיקער שחיטה און געבן דער מאַסע ווידער אַ שטיקל האָפענונג, אַז דער חלף וועט ווייטער ליגן ביים האַלדז, אָבער וועט אים נישט איבערשניידן.

וויטענבערג ווייס אַז די האָפענונג פון דער מאַסע איז בלויז אַן אילוזיע, און דאָך גיט ער נאָך דער מאַסע, ווייל ער קאָן נישט נעמען אויף זיך דעם עול פון פאַרניכטן די אילוזאָרישע האָפענונגען פון דער מאַסע, — די קללה פון דער מאַסע, פון וועלכער ער איז דאָס באַוווסטזיניקסטע טיילכעלע, איז צו שווער אַפילו פאַר זיינע העלדישע פּלייצעס. די מאַסע איז טאַקע אָביעקטיוו אומגערעכט, אָבער זי גלויבט סוביעקטיוו אַז זי איז גערעכט, און ווען מען וועט שעכטן די מענער, פרויען און קינדער, וועלן זיי שטאַרבן מיט אַ קללה אויף זייערע ליפּן פאַר דעם, וועלכער האָט זיי נישט געוואָלט אויסלייזן פון טויט צוליב זיין (לויט זיי) אילוזאָרישן פּרווו צו ראַטעווען זיי.

דער העלד ווייס אַז ער איז גערעכט, אָבער ער גיט נאָך דעם אומגערעכטן ווילן פון דער מאַסע צוליב ליבע און רחמנות, — ער וויל נישט זיין זייער מלאך המות אַפילו ווען דאָס געשעט בלויז אין זייער פאַלשער פאַרשטעלונג.

אָט די טראַגעדיע האָט געשפּענסטיקט אין אַלע געטאָס צווישן דער אַקטיווער מינדערהייט און דער פּאַסיווער מערהייט, אָבער אין ווילנע, ווי געזאָגט, איז זי פּערזאָניפיצירט געוואָרן און איז רייף געוואָרן פאַר אַ קלאַסישער טראַגעדיע.

וויטענבערגס טראַגעדיע איז אַ טאָפּלטע: אַ גייסטיקע און אַ פיזישע.

אַ גייסטיקע, ווייל ווילסנדיק, ווי געזאָגט, אַז מען דאַרף, אַז מען מוז אַרויס אין אויפשטאַנד, ווייל דאָס איז דער לעצטער מאָמענט, מוז ער (צוליב די אויבן געבראַכטע מאָטיוון) צוריקטרעטן פון זיין פּלאַן, פון זיין באַפעל, וואָס צילט צו ראַטעווען דעם כבוד פון דער גאַנצער געטאָ, פון גאַנצן פאָלק, און אפשר אויך אַ קליינע טייל פון זיין פאָלק — פיזיש; און אויב ער טרעט צוריק פון אויפשטאַנד, מוז ער זיך איבערגעבן דער געשטאַפּאָ, ווייל אַנישט גיט ער איבער

תיכף ומיד אין די הענט פון שונא די גאַנצע געטאָ — סיי די פּאַסיווע מערהייט, סיי די אַקטיווע מינדערהייט.

אויף אָט דער הימל־הויכער און תהום־טיפער טראַגעדיע האָט זיך פאַרמאָסטן די געטאָ־דיכטערין חוה ראָזענפאַרב.

צי האָט זי קינסטלעריש פאַרקערפּערט אין איר ווערק אָט די טראַגעדיע, אָט דעם גוואַלדיקן קאָנפליקט?

* * *

דער עיקרדיקער פעלער פון חוה ראָזענפאַרבס טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט זיך נישט קאָנצענטרירט אויף דער הויפּט־טעמע, — זי האָט געוואָלט צו פיל אַרומנעמען און אַריינ־נעמען.

דער פּלאַן פון דער טראַגעדיע איז אַ ברייטער און איז אין די מערסטע פּרטים זיינע גוט אויסגעפירט, אָבער דער עיקר ווערט אין אים פאַרטרונקען.

אין קורצן איז דער פּלאַן אַזאַ: 1) די שטימונג אין געטאָ, פאַרקערפּערט אין אַ סך סצענעס און דורך אַ סך פּערזאָנען; 2) דאָס בילד פון פאַרטיזאַנער־שטאַב און זיין קעגנזאַץ — יעקב געגנס' באַנדיטן־חייל (יעקב גענס — קאָמענדאַנט פון ווילנער געטאָ); 3) דער צוזאַמענשטויס צווישן דער פּאַסיווער מערהייט און דער אַקטיווער מינדערהייט.

און נישט נאָר וואָס חוה ראָזענפאַרב האָט געוואָלט אָפּשפּיגלען אין דער וויטענבערג־טראַגעדיע אָן אַ שיעור טיילן פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט, נאָר אויך וויפיל זי האָט זיך שוין אָפּגעגעבן מיט דער וויטענבערג־טראַגעדיע גופא, האָט זי זיך אויך צעשטיקלט, אָדער ריכטיקער: פאַרוואַנדלט זי אי אין אַ ליבע־טראַגעדיע, אי אין אַ פאַמיליע־טראַגעדיע (צווישן וויטענבערגן און זיין פרוי).

אַ גרויסע טראַגעדיע וואָס ווערט צעשטיקלט, מוז פאַרלירן פון איר קראַפט. נישט נאָר די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער ווערט צעשטיקלט, — אויך די דיכטערישע קראַפט פונעם מחבר ווערט צעברעקלט.

* * *

די טראַגעדיע פאַרמאָגט פון אַלץ צו פיל (אַ חוץ פונעם עיקר): זי פאַרמאָגט צו פיל סימבאָליק; צו פיל פון אַ שטייגער־פּיעסע; צו

פיל סענסאַציאָנאַליזם (איך האָב נישט קיין מער פּאַסיק וואָרט פאַר די טעאַ־געגנס־דיאַלאָגן); אַפּילו צו פיל דיכטונג.

עקיבא, דער גרייז־גרויער ייד, אין אַ סימבאָלישע געשטאַלט, אָפּט זייער אַ גוטע (למשל: זיינע דיאַלאָגן מיט משה און וויטענבערגן זענען פיין און טיף ביז גאָר), אָבער ווי אַ סך אַנדערע טיפּן און געשעענישן, ציט ער אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פונעם עיקר — פון דער שלאַכט מאָסע—וויטענבערג; סימבאָליש איז אויך די פּרוי מיט די געליימטע פיס, וועלכע נעמט גייך, ווען מען גרייט זיך צום אויפ־שטאַנד, אָבער ווען דער אויפשטאַנד ווערט אָפּגערופן, ווערט זי ווידער געליימט. נישט קיין שלעכטער סימבאָלישער עפּיזאָד, אָבער דער וויטענבערג־טראַגעדיע גיט ער ווייניק צו; סימבאָליש זענען אויך די סצענעס מיטן פאַרווונדעטן געטאָ־פויגל, אָבער נאָר דער סוף איז באמת באַפליגלט און שלאָגפערטיק, רירנדיק ביז טרערן.

די סצענעס צווישן דעם געטאָ־קאָמענדאַנט גענס און דער געטאָ־פּאָליציסטין טעאָ זענען טאַלאַנטפול געשריבן, מיט ראַפינירטן, אָפּט דעמאָנישן סאַרקאַזם, אָבער אַנשטאָט צו זיין עפּיזאָדיש, ווערט עס אויף אַ שטיק צייט דער עיקר, צו פיל־וואָרטיק. דאָס וואָלט גוט גע־ווען (אַפּילו אין אַן אויסגעברייטערטער פאָרם) אין אַ פּראָזע־ווערק וועגן געטאָ־לעבן, אָבער פאַר דער וויטענבערג־טראַגעדיע איז דאָס אַ באַלאַסט, וואָס דריקט זי אַ ביסל צו דער ערד, באַשווערט אירע פליגל.

די סצענעס מיט די געטאָ־קינדער (פאַלקע און שלומקע) זענען אָפּט פול מיט שעפערישער פאַנטאַזיע און דיכטונג־אַטמאָספער, אָבער זיי זענען בפירוש צו לאַנג, צו צעצויגן.

די שמועסן אין באָד גיבן שטאַרק איבער די אַטמאָספער פון געטאָ, מיט אַלע ניואַנסן, אין איר פילגעשטאַלטיקייט, — אין אַ דראַמע, אין וועלכער דער הויפּט־העלד וואָלט געווען די געטאָ, וואָלטן זיי געווען גאָר גוט און שעפעריש מיט אַזעלכע פולבלוטיק־לעבעדיקע און טיף־סימבאָלישע געשטאַלטן ווי צפורה, משה און עקיבא.

עדזשעס שמועס מיט וויטענבערגן אין צווייטן אַקט איז שיין און ערטערווייז אַפּילו טיף, אָבער דאָס איז אַ שיינקייט פאַר וועל־כער געטאָ־דראַמע איר ווילט, אָבער נישט פאַר דער טראַגעדיע פון געטאָ.

בלויז וויטענבערגס אימאַזשינירטער שמועס מיט עקיבאַן שטייט אויף דער הויך פון דער טראַגעדיע פון געטאָ.

דער דיאַלאָג צווישן געָנסן און וויטענבערגן איז אפשר גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער פונקט ווי אַנדערע דיאַלאָגן אין דאָזיקן ווערק, וואָס ווילן אָפּשפּיגלען שטיקלעך געטאָ־ווירקלעכקייט, ציט ער אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון דער עיקרדיקער טראַגעדיע — דעם גייס־טיקן געראַנגל צווישן וויטענבערגן און דער מאַסע, דעם טיטאַנישן געראַנגל אין וויטענבערגן גופא, צווישן דעם מענטש און דעם העלד אין אים.

ביז גאָר דערשיטערנדיק איז דער איבערגאַנג פונעם המון פון בלוטדורשטיקייט (לגבי דעם כלומרשטן שונא וויטענבערג) און זעלבסט־רחמנות, צום טאָג־טעגלעכן לעבן, צום צוגרייטן שבת (אַ געטאָ־שבת!). אָט אַזעלכע סצענעס באַווייזן אַז חוה ראָזענפאַרב איז פעאיק צו שרייבן דראַמאַטישע ווערק, אַז איר שעפערישקייט האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיטן דיכטערישן אויסברוך אין געטאָ און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער זי האָט זיך נאָך נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון שאַפן די געטאָ־טראַגעדיע.

זעלטן ווען איר טרעפט אין דער דראַמע גאָר שוואַכע, פאַר־דריסלעכע מאָמענטן. אויף איינער אַזאַ שטעלע, אַ ביז גאָר פאַר־דריסלעכער, וויל איך דאָ אָנווייזן. אויף ז״ז 108־109 קומט עדזשע צוריק אין פאַרטיזאַנער־שטאַב (פון איר קאַמף־פּאָזיציע) און זי פאַר־נעמט זיך (אין מאָמענט פון גרייטן דעם אויפשטאַנד!) מיט זוכן עפּעס אַ בלייפעדער, וואָס מען האָט איר געגעבן אַלס מתנה (מסתמא ווי־טענבערג.

דאָס איז דער שוואַכסטער מאָמענט אין דער טראַגעדיע.

* * *

ווען חוה ראָזענפאַרב וואָלט זיך געווען קאָנצענטרירט אויף דער עיקר־טעמע און וואָלט זי געווען באַאַרבעט מיט אַ מינימום ווערטער און זייטיקע עפּיזאָדן, און וואָלט געווען באַנוצט אַ קאָנדענסירטע שפּראַך (אפשר אַ ווייסן קרעפטיקן פערז) וואָלט מען אפשר געווען געהאַט אַ געטאָ־טראַגעדיע, וואָס איז ווערט אָט דעם גרויסן נאָמען און אָט דער גרויסער טעמע, ווייל חוה ראָזענפאַרב ווייזט אַרויס אין איר טראַגעדיע אַ באַדייטנדן טאַלאַנט; אַזוי אָבער ווי מיר האָבן זי פאַר זיך, איז דאָס אַ רענדל צעביטן אויף אַ סך קלענערע מטבעות.

די קלענערע מטבעות זענען פולוועדטיק, אָבער דער רענדל איז פאַר־שוווּנדן.

* * *

אַ זייטיקע באַמערקונג: חוה ראָזענפאַרב מוז נעמען אַכטונג געבן אויף איר יידישער שפּראַך. דער זאַץ־בוי איז אָפט שטאַרק פאַר־ענגלישט און דער יידיש אירער (וואָס האָט איר אַזוי גוט געדינט אין אירע לידער־ביכער) קומט פון צייט צו צייט אַרויס ממש פאַר־קריפּלט.

ווידער וועגן שיילאָקן

(אויפן ראַנד פון „דער סוחר פון ווענעציע" פאָרשטעלונגען)

מיט אַ צייט צוריק האָט דאָ געשפּילט שיילאָקן דער אַרטיסט דזשאָן אָלדען (פון לאָנדאָנער „רעפּערטאָרי שעקספּיר"־טעאַטער). ער האָט דערקלערט פאַר דער פּרעסע, אַז ער שפּילט שיילאָקן געטריי צו שעקספּירס טעקסט, אויף אַ האָר נישט אַנדערש.

דאָס איז בכלל געווען אַ ריזיקאַלישע באַמערקונג מצד אַ טעַ־אַטראַל, וועלכער וויס (יעדנפאַלס דאַרף ער וויסן), אַז די טעאַטראַלע קונסט באַשטייט אין דעם, וואָס די פּיעסע איז ביי איר כחומר ביד היוצר, — סיי דער רעזשיסער און סיי דער אַקטיאָר קאָנען זי קנעטן לויט זייער ריכטיקן אָדער פאַלשן איינזען. זאָגן אַז מען שפּילט פּונקט אַזוי ווי דער דראַמאַטורג האָט געוואָלט, הייסט מיט אַנדערע ווער־טער זאָגן, אַז מען אינטערפּרעטירט צום ריכטיקסטן דעם מחברס כוונה. און יעדער רעזשיסער און יעדער אַקטיאָר קאָן דאָס דאָזיקע לעצטע זאָגן וועגן זיין רעזשיסירן און וועגן זיין שפּילן, ווייל דעם מחברס אַ פּיעסע איז נישט קיין בלינד געסל, ווו עס איז דאָ בלויז איין אַריינגאַנג און איין אַרויסגאַנג, — אַ מחברס פּיעסע פאַרמאָגט אַ סך וועגן, דורך וועלכע מען קאָן אַריינ־ און אַרויסגיין.

דאָס איז ריכטיק פאַר יעדער פּיעסע, אָבער באַזונדערס פאַר דער ראָל פון שיילאָק. און דעריבער איז אָלדענס זאָג געווען באַזונ־

דערס לייכטזיניק, ווייל קיין שום טעאַטער־געשטאַלט איז אין משך פון אַ פּאָר יאָרהונדערטער נישט אינטערפּרעטירט געוואָרן אַזוי פאַר־שידן ווי גראָד די שיילאָק־געשטאַלט. שיילאָק איז דורך די גרעסטע אַקטיאָרן געשפּילט געוואָרן אי אַלס קאָמישע געשטאַלט, אי אַלס טראַגישע, אי אַלס נישטיק־אַנטיסעמיטישע, אי אַלס גרויס־מענטש־לעכע. און אַלע די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציעס האָבן געפונען זייער באַרעכטיקונג אין דער פּיעסעס גופא.

נאָכדעם האָבן מיר אין מעלבורן ווידער געהאַט שעקספּיר־פאָרשטעלונגען (פון דער טעאַטער־טרופּע „אָלד וויק״, מיט קעטרין העפּבערן און ראָבערט העלפּמאַן אין דער שפּיץ) און אויך שיילאָק האָט זיך ווידער באַוויזן אויף דער טעאַטער־בינע (פאַרקערפּערט דורך ראָבערט העלפּמאַן).

ראָבערט העלפּמאַן האָט נישט געזאָגט, אַז ער קנעט אויס זיין שיילאָק־געשטאַלט לויט שעקספּירס כוונות — דאָס האָט אומדירעקט געזאָגט אַ זשורנאַליסט פון „די סאַן״. רעדנדיק וועגן דעם, אַז העלפּ־מאַנס שיילאָק איז געווען צו אַנטיסעמיטיש, זאָגט ער אַז שולדיק איז נישט העלפּמאַן, נאָר שעקספּיר.

דאָס איז אָבער, ווי געזאָגט, לחלוטין נישט ריכטיק.

געוויס האָט שעקספּיר אין זיין צייט נישט געקאָנט שילדערן שיילאָקן אַזוי ווי זיין זשעני האָט אים אונטערגעזאָגט; ער האָט גע־מוזט אויסבאַהאַלטן שיילאָקס טראַגישע גרויסקייט הינטער אַ דעקאָ־ראַציע פון אַנטיסעמיטישער לעכערלעכקייט. ער האָט געמוזט צאָלן אַ שווערן צינש דער צייט און אירע ברוטאַלע פּאָראורטיילן קעגן יידן (און אפשר אויך זיינע אייגענע קליינלעכע פּאָראורטיילן, ווייל שעקס־פּיר האָט געהאַט אַ ברירה צו זיין אַ קליינער מענטש); אָבער שעק־ספּירס שעפערישער אינסטינקט האָט אַריינגעשמוגלט אין דער פאַר־האַסטער, קאַריקאַטוראַל־געצייכנטער שיילאָק־געשטאַלט אַזעלכע גרויס־מענטשלעכע טענער, אַז ער וואַקסט אַריבער די קאַריקאַטוראַלע פאָרמען, אין וועלכע ער איז אַריינגעשפּאַרט געוואָרן, און ער וואַרפט זיין גרויס־מענטשלעכן שאָטן אויף דעם גאַנצן פּוסטן און גרויזאַמען, הגם אויסערלעך־גלאַנציקן אַרום.

קיין איין רעזשיסער און קיין איין אַקטיאָר קאָן זיך נישט פאַר־טיידיקן, אויב ער שפּילט שיילאָקן העסלעך און נישטיק, אַז ער גייט מיט שעקספּירס וועג, אַז שעקספּיר האָט אים פאַרצאַמט אַלע אַנדערע וועגן, אַ חוץ דעם אַנטיסעמיטישן.

גראָד פאַרקערט: מער ווי יעדער אַנדער דראַמאַטורג האָט שעקספּיר אין שײַלאָקן ברייט אויפגעריסן פאַרשידענע וועגן פאַר דעם רעזשיסער און פאַרן אַקטיאָר, און אויב זיי גייען מיטן וועג פון אַנטי־סעמיטישן פאַרגאַווערן שײַלאָקס גרויס־טראַגישע געשטאַלט, זענען זיי דערצו נישט געצוווּנגען, — דאָס איז זייער פרייער אויסוואַל. זיי גייען מיטן אויסגעטראָטענעם באַנאַלן וועג, מיטן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד.

אַז דאָס אויבן געזאָגטע איז ריכטיק, קאָן באַוויזן ווערן נישט נאָר דורך אַ גענויעם אַנאַליז פון שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע״, נאָר אויך דורך אַ קורצן פאַרגלייכנדיקן אַנאַליז פון די צוויי שײַלאָק־געשטאַלטן, וואָס מיר האָבן געזען אין מעלבורן אין משך פון פיר יאָר — אַלדענס און העלפּמאַנס.

אַ קליינער פּרט, אָבער ער באַווײַזט אַ סך.

נאָכדעם ווי שײַלאָקס טאָכטער אַנטלויפט מיטן קריסט, רעדט שײַלאָק אָפּ מיט זיין פרײַנד טובאַל צו טרעפן זיך אין דער שול.

שעקספּיר גיט נישט קיין שום אָנווייזונגען מיט וואָס פאַר אַן אינטאָנאַציע שײַלאָק זאָגט אַרויס די ווערטער: „גיי, גיי טובאַל, מירן זיך טרעפן אין אונדזער סינאַגאָגע; גיי, גוטער טובאַל; אין אונדזער סינאַגאָגע, טובאַל״. שעקספּיר האָט געגעבן בלויז די ווערטער, ביי וועלכע דער רעזשיסער און דער אַקטיאָר קאָנען זיך אָדער קאָנען זיך נישט האַלטן; אָבער ווי אַזוי אַרויסצורעדן אָט די ווערטער מוזן זיי אַליין באַשטימען, אין הסכם מיט דעם ווי זיי ווילן ווייזן שײַלאָקן. שעקספּיר האָט זיי געגעבן נאַקעטע ווערטער, — אָנפילן זיי מיט מיין, באַדייטפולקייט, עמאָציאָנעלן אָדער סימבאָלישן אינהאַלט, דאָס מוז טאָן דער אַקטיאָר גופא. איך אונטערשטרייך — נישט נאָר ער קאָן, ער מוז דאָס טאָן, ווייל ער קאָן די ווערטער אָדער די גאַנצע סצענע אויסנלאָזן, אָבער אויב ער זאָגט זיי אַרויס, מוז ער זיי דאָך צוגעבן אַ אינטאָנאַציע, ער מוז דאָך באַשליסן פאַר זיך וואָס שײַלאָק האָט געפילט בשעת מעשה (אויב ער באַשליסט נישט, אַז ער דאַרף אָט די ווערטער לאָזן אָן אַ נשמה, ד.ה. אויפהערן אויסצושפּילן זיין ראָל).

אַלדען, געטריי צו זיין אַבסאָלוט אַנטיסעמיטישער אינטערפּרע־טאַציע פון דער שײַלאָק־געשטאַלט (ער אונטערדריקט די מעגלעכ־קייט, וואָס שעקספּיר גיט, צו אינטערפּרעטירן גרויס־מענטשלעך אָט די געשטאַלט), זינגט מאָדנע אויס די ווערטער: „אין דער סינאַגאָגע״,

„אין אונדזער סינאַגאָגע" (אַ שאָד וואָס איך קאָן נישט פּיקסירן זיין ניגון אין נאָטן). נישט נאָר עס פילט זיך נישט קיין געבראָכנקייט אין זיין שטים, ווי דאָס פּאַסט פאַר דער סיטואַציע, נאָר אין דער זינגענ־דיקער אינטאָנאַציע פון די ווערטער הערט זיך אָן אונטערטאָן פון אַ פאַרשווערונג, ווי איינער זאָגט: קום, טובאַל, אין דער סינאַגאָגע, און דאָרט, ווו עס ווערן אויסגעשמידט אַלע יידישע פאַרשווערונגען קעגן די קריסטן, וועלן מיר אויך אויסשמידן אונדזער פאַרשווערונג קעגן אַנטאָניאָן.

די, וועלכע האָבן געהערט אָט דעם אינטערפּרעטירנדיקן זינג־זאַנג פון אָלדען, וועלן פילן אַז איך איבערטרייב נישט, — איך טייטש ריכטיק אויס וואָס אָלדען האָט אַריינגעלייגט אין שעקספּירס ווערטער. איך האָב דאָס געפילט.

אויך ראָבערט העלפּמאַן האָט די דאָזיקע ווערטער נישט גע־לאָזט נאַקעט; אויך ער האָט זיי צוגעגעבן אַן אינהאַלט; אָבער ביי העלפּמאַנען זינגט זיי שיילאָק נישט אַרויס האָפּערדיק, מיט אַן אינ־טריגאַנטישן ווונק, נאָר ער זאָגט זיי אַרויס מיט אַ וויינענדיקער שטימע, מיט אַ געבראָכן האַרץ; איר דערשפּירט אין דער אינטאָ־נאַציע פון די דאָזיקע ווערטער, אַז שיילאָקס געמיט קלאַמערט זיך אין דער וויזיע וואָס די ווערטער „אין אונדזער סינאַגאָגע" רופן אַרויס ביי אים: שיילאָק, וואָס זיין היים איז אים פרעמד און פיינטלעך געוואָרן, דערפילט ביי די דאָזיקע ווערטער ווי זיין געמיט וואַרעמט זיך אָן, טייעט אָפּ: עס איז דאָ פאַר אים אַן אָרט, ווו ער פילט זיך היימיש. ביי דער אַסאָציאַציע, וואָס די ווערטער „אונדזער סינאַגאָ־גע" רופן אַרויס אין אים, ווערט ער גערירט ביז טרערן.

אינעם אופן, ווי העלפּמאַן האָט אַרויסגעזאָגט אָט די ווערטער, האָב איך דערפילט אַן עכט יידיש געפיל. אין דעם מאָמענט איז העלפּמאַן געווען אַ געניאַלער אַקטיאָר, וועלכער האָט אינטואיטיוו דערפילט ווי אַזוי ער דאַרף אַרויסרעדן די דאָזיקע ווערטער, וואָס זיי מוזן באַדייטן פאַר און וואָס זיי מוזן וועקן אין שיילאָקן.

און איצט אַ צווייטער פאַרגלייכנדיקער אַנאַליז, אָבער שוין נישט אויף אַ קלייניקייט, נאָר אויף דער אַקס פון שיילאָקס גרויס־טראַגיש־קייט. איך מיין דאָ שיילאָקס באַרימטע רעפּליקע וועגן דער גלייכקייט פונעם ייד מיטן קריסט לגבי דער וועלט פון פיזישע און פּסיכישע רעאַקציעס.

אָלדען האָט זיך באַרימט, אַז ער שפּילט שיילאָקן פּונקט ווי

שעקספיר האָט אים געשאַפן; און פאָרמעל קאָן ער זיך עדותן מיט דעם וואָס ער האָט נישט אויסגעלאָזן קיין איין וואָרט פון דער באַרימטער רעפליקע. אָבער ער האָט געטאָן איין קלייניקייט: די דאָזיקע ווערטער, וואָס גיבן צו דעם „סוחר פון ווענעציע" זיין אייביקייט־ווערט, וואָס צינדן אָן דאָס געוויסן פון יעדן הערער, וואָס קאָנען האָבן בלויז איין זין — שיילאָקס געוואַלדיקע אָנקלאַגע קעגן אַנטאָניאָס וועלט — אָט די דאָזיקע געוואַלדיקע ווערטער האָט ער אָפּגעכאַפּט שטיל, געלאַסן, ווי אַ ייד „אשר יצר": ער האָט זיי כמעט אַראָפּגעשלונגען ווי אַ ביטערע פיל, ווייל זיי קאָנען דאָך, חס ושלום, מאַכן אַ תל פון זיין גאַנצער אינטערפּרעטאַציע פון דער שיילאָק־געשטאַלט. ער האָט די דאָזיקע ווערטער אויסגעליידיקט פון זייער געוואַלדיקער עמאָציאָנעלער שפּאַנונג, פון זייער בונטאַרישער ליידנשאַפטלעכקייט, — ער האָט זיי, מיט איין וואָרט, קאַסטרירט פון זייער מעגלעכקייט, פון זייער גבורה. ער האָט זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן זיך וואָס שוואַכער פאַרבייגליטשן פאַרביי דעם צוהערערס אויער.

און ער האָט דערין געהאַט דערפאָלג. אַפילו איך, וואָס שוין העכער פיר יאָרצענדליקער ווי די דאָזיקע ווערטער לעבן אין מיר, — אַפילו איך האָב זיי קוים דערקענט...

העלפמאַן דאַקעגן האָט אין די דאָזיקע צענטראַלע ווערטער פון דער דראַמע אַריינגעלייגט קראַפט, — זיי ווערן ווי געהעריק אַרויסגעזאָגט, און שיילאָק דערשיינט פּלוצלונג פאַר אונדז נישט פאַרקליידט פאַר אַ הונט, נאָר ווי אַ פאַרפאָלגטער פּרינץ, וועלכער שטייט מיט הונדערט קעפּ העכער פונעם גאַנצן אויסערלעך־גלאַנצפולן, אָבער אינערלעך־פּוסטן און פאַרדאָרבענעם אַרום.

געוויס, עס איז נאָך געבליבן אין דער פאָרשטעלונג גענוג אַנטי־סעמיטישעס, באַזונדערס אין דער סצענע אין געריכט, וואָס דער בעסטער אַרטיסט איז הילפלאָז קעגן דעם, ווייל אָדער דאָס געהער נישט צו זיין ראָל, אָדער ער מוז זיך האַלטן מיטן מעסער, וועלכן די פּיעסע און דער רעזשיסער לייגן אים אַריין אין דער האַנט; אָבער אַפילו אין געריכט דאָמינירט אָפּט העלפמאַנס שיילאָק דעם אַרום, וואָס שפּרינגט אויף אים ווי אַ טשאַטע הינט; און מאָמענטנווייז איז אויך דאָרט העלפמאַנס שיילאָק נאָענט צום ריכטיקן, ווי אַזוי יעדער מענטש, וואָס איז נישט פאַרבלענדט פון שנאה צו יידן, מוז אים זען.

די היגע פּרעסע וואַרפט פאָר העלפמאַנס שיילאָק, אַז ער איז אַנטיסעמיטיש; אָבער אויף וויפיל אַ שיילאָק, וואָס איז געשמידט

אינעם שעקספּירישן פולן טעקסט, קאָן צעברעכן זיין אַנטיסעמיטישע ראַם, האָט העלפמאַן זי צעבראָכן אויף גוטע דריי פערטל.

* * *

ריכאַרד בער האָפמאַן, דער גרויסער יידישער דיכטער (אין דייטשער שפּראַך) האָט גענומען אַן אַלטע אַנטיסעמיטישע דראַמע וועגן אַ ייד אַ פּראָצענטניק („דער רויטער איציק") און זי איבערגעדיכטעט אין אַ מעכטיק יידיש ווערק.

עס איז שוין צייט, אַז אַ יידישער דיכטער זאָל נעמען שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע" און אָפּרייניקן פון איר גרויסן יידיש־מענטשלעכן קערן דעם שמוץ, אין וועלכן די שנאה צו יידן האָט אים געמוזט איינטונקען, כדי דער המון זאָל אים אָננעמען.

אַלץ אין דער דראַמע איז דאָך אַזוי אַלט, אַזוי נאַריש־נישטיק, אַזוי פֿאַלש, אַזוי צביעותדיק, — בלויז שיילאָקס באַרעכטיקטע שנאה צו דער שנאת חינם און שיילאָקס אומשטערבלעכע ווערטער זענען ווערט צו לעבן ווייטער.

זייט שעקספּירס צייטן האָט זיך אַלץ געביטן, און די גאַנצע דראַמע איז נודנע, נישט געקוקט אויף שעקספּירס צויבערנדיקער שפּראַך און זיינע קלוגע רייד, מיט וועלכע ער באַטיילט אַלץ און אַלעמען, אַפילו די, וועלכע זענען דאָס נישט ווערט.

פּאָרשיאַ, נישט געקוקט אויף אירע רייד וועגן רחמנות, איז מאָראַליש אַ דאַלטאָניסטקע (אין דער געריכט־סצענע) אָדער סתם אַ יונגע ציג אין דער אַנדערער טייל דראַמע; אַפילו די בעסט געשפּילטע פּאָרשיאַס רעדן קיינמאָל נישט צו קיינעם נישט, ווער עס האָט נאָר אַ האַרץ אָדער אַ קאָפּ, בפרט אַזאַ שלעכט געשפּילטע פּאָרשיאַ ווי העפּבערנס.

פון דער גאַנצער דראַמע שעקספּירס איז היינט צו טאָג אַקטועל בלויז, ווי אויבן געזאָגט, די געמיינע שנאה צו שיילאָקן און שיילאָקס באַרעכטיקטע קעגן־שנאה. און אָט דאָס דאָזיקע אַקטועלע האָט פאַרדינט אָדער אַ דיכטערישע איבעראַרבעטונג, ווי „דער רויטער איציק", אָדער, לכל הפחות, אַ רעזשיסערישע רייניקונג, וואָס זאָל באַזייטיקן פונעם ווענטלעכן דאָס נישט־ווענטלעכע. צי וואָלט מען נישט געקאָנט, למשל, אַרויסוואַרפן פון געריכט־זאַל דעם מעסער, וואָס שיילאָק שאַרפט אָן אויף זיין זויל, און לאָזן פירן שיילאָקן און אַן אויסגע־

בעסערטער פֿאַרשיאַן אַ וואָרט־געפּעכט, אין גייסט פֿון שעקספּירס באַרימטער רעפּליקע וועגן דער פיזישער און פסיכישער גלייכקייט פֿון ייד און קריסט?

כל־זמן דאָס ווערט נישט געטאָן, האָט אַ זייער שווערע אויפֿגאַבע דער שיילאָק־שפּילער, וועלכער וויל אים נישט שפּילן קריסט־לעך־אַנטיסעמיטיש־טראַדיציאָנעל, נאָר גרויס־מענטשלעך. אויב עס געלינגט אים צו לאָזן שײַנען שיילאָקן אין זײַן עכטן מאַרטירער־ליכט אַפילו בלויז אין עטלעכע סצענעס, איז עס אַ ריזן־דערגרייכונג.

ראָבערט העלפּמאַן האָט דאָס באַוויזן.

אין אַן אינטערוויו, דורכן ראַדיאָ, ביי זיי קומען אַהער, האָט העלפּמאַן געזאָגט (אויף דער פֿראַגע ווי ער קוקט אויף שיילאָקן), אַז שיילאָק איז פֿאַר אים אַ טיף־געליטענע פּערזאָן.

לויט העלפּמאַנס שפּילן שיילאָקן האָט ער באַוויזן, אַז ער האָט דאָס נישט נאָר געזאָגט, נאָר אויך געפּילט. און דעריבער האָט ער זיך ערטערווייז דערגראָבן צו דער ריכטיקער שיילאָק־געשטאַלט.

זע י. ראַפּאָפּאָרטס גרעסטערע אַרבעט וועגן שיילאָקן אין בוך „אויסגעריסענע בלעטער" — זייטן 5—43.

אַ רעוויזיע פֿון אַ רעוויזיע

פֿאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר (אומגעפֿער) גייט אָן אין דער יידישער וועלט אַ רעוויזיע פֿון זיידן מענדעלעס ווערק: זײַן סאַטירע איז צו ביטער; זי שפּריצט, כלומרשט, מיט שנאת ישראל; ער איז אַפילו, לויט גאָר שטרענגע רעוויזאָרן, אַן אַנטיסעמיט, רחמנא ליצלן...

און היות ווי ביי אונדז קומען נישט פֿאַר אויפֿן ליטעראַרישן געביט קיין גרינטלעכע רעוויזיעס, און מען באַנוצט זיך, על־פּי־רוב, מיט איבערזאָגן דאָס וואָס אַ צווייטער, אַ דריטער, צי אַ צענטער האָט געזאָגט, איז די דאָזיקע מיינונג וועגן מענדעלען שוין אַרײַנגעפֿאַלן אין דער שוסטער־גאַס, ווי מען זאָגט אין יידיש...

* * *

ווען איך בין געווען העכער פינף יאָר אין שאַנכיי, אין גלות צווישן יידן, האָב איך, איידל גערעדט, קיין צו פיל נייע יידישע ביכער נישט געהאַט און מיין הונגער נאָך דער יידישער ליטעראַטור האָב איך געמוזט שטילן מיט אַלטע יידישע ביכער, וואָס איך פלעג צו־פעליק געפינען ביי אַ דאָרטיקן יידן אָדער איך פלעג האָבן די מעג־לעכקייט צו קויפן ביי אַ יידישן מוכר ספרים, וואָס איז מיט יאָרן צוריק „אַריינגעפאַלן" מיט אַ יידישן בוך. האָב איך ערגעץ ווו גע־פונען מענדעלעס ווערק אין העברעאיש, זיי אָפּגעקויפט און גענומען לייענען.

איך בין זיך מודה: ביז דעם שאַנכייער געפינס בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין צו שטאַרקער מענדעלע־חסיד, איך האָב אים גע־האַט געלייענט, אָבער כ'האָב אים קיינמאָל נישט געלייענט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ווי דאָס איז געשען מיט פּרצן, מיט שלום עליכמען. און דאָ איז געשען אַ ווונדער: כ'האָב נישט נאָר געלייענט מענדעלען נאָך אַן איבעררייס פון העכער צוואַנציק יאָר (מינדעסטנס!), נאָר כ'האָב זיך ממש פאַרלייענט מיט זיינע ווערק, כ'האָב אין זיי דערפילט אַ מאָדנע מתיקות.

איך האָב זיך גענומען וווּנדערן, פאַרוואָס איז אַזוי גרויס דער קטרוג אויף מענדעלעס סאַטירע? (דער דאָזיקער קטרוג איז נאָך דאַן נישט געווען, אויף וויפל איך געדענק, אַזוי שטאַרק ווי היינט, אָבער די וצדקתכס צווישן דער יידישער שרייבערשאַפט האָבן שוין גע־מורמלט און פאַראורטיילט מענדעלעס ביטערקייט); פאַרוואָס שפיר איך דאָס נישט? און ס'איז מיר געקומען אין זינען גוסטאַוו לאַנדויערס אַ טייער וואָרט, וואָס איך האָב עס געלייענט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה: כדי שטאַרק ליב האָבן דאָס נייע, מוז מען פריער שטאַרק פיינט האָבן דאָס אַלטע (איך ציטיר פון זכרון).

אפשר האָט מענדעלע אַזוי שטאַרק פיינט געהאַט דאָס אַלטע יידישע לעבן, ווייל ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט דאָס אויס־געטרוימטע נייע?

נאָר די וואָס זענען געווען בלינד צו זען די שיינקייט אין מענ־דעלעס ווערק, האָבן געזען נאָר די מיאוסקייט וואָס אין זיי.

אפשר האָט מענדעלע אַזוי שטאַרק פיינט געהאַט דעם בעל־טאַקסע און דאָס קליינע מענטשעלע, ווייל ס'האָט אין אים אַזוי שטאַרק געפלאַקערט די ליבע צו ר' אברהמען, צו הערשעלען, צו שמואליק טאַנדעטניק?

ווי אַזוי קאָן מען ריידן וועגן דעם, אַז מענדעלע איז בלויז שנאה־דיקע סאַטירע, בעת ר׳ אברהם איז ביי אים אַ שטיק לויכטנדיקער „זהר״? בעת דער שבת און דער פאַרנאַכט ביים שבת־אויסגאַנג אין שמואליק טאַנדעטניקס שטיבל איז כולו קודש, אַ שטיק פּערלדיקע דיכטונג?

אפשר קומט אַרויס ביי מענדעלען אַזוי אָפּשטויסנדיק דער כאַ־פּער (וואָלף, דאַכט זיך), ווייל מענדעלעס דערשיטערנדיקע עלעגיע אויף די געכאַפּטע קינדער איז אַזוי געוואַלדיק מיטרייסנדיק מיט איר ליבע און רחמנות?

ווי אַזוי קאָן מען נישט דערשפּירן אין מענדעלעס „ווינטש־פינגערל״ די ליבע צו יידן, ווען מען לייענט די געוואַלדיקע סצענע מיט אשר מעקלער, וואָס דער אופן פון מענדעלעס שילדערן אים און די סצענע מיט אים שבת־צו־נאַכטס אונטער די שטערן וועקן אין אונדז אַזאַ מיטגעפיל צום יידישן לעבן און צום יידישן גורל, אַז דער מיטגעפיל צום יידן און צו זיין אָרעמקייט, צום יידן און צו זיין גורל פאַרפלייצן אונדז מיט מעכטיקע כוואַליעס?...

אויב עמיצער האָט געלייענט אָט די אַלע אויסגערעכנטע סצענעס (און נאָך אַנדערע, וואָס איך געדענק זיי נישט ביים שרייבן אויפן שפּרונג אָט דאָס אַרטיקל), טאָ ווי קאָן ער זיין אַ באַטייליקטער אינעם בלוט־בלבול אויף דעם זיידע מענדעלע?

* * *

אין שאַנכייער יידישן מדבר האָב איך געלייענט נישט נאָר די גרויסע ווערק מענדעלעס, ווי „ווינטשפינגערל״, „מסעות בנימין השלישי״ און „שלמה ר׳ חיימס״ (אָט דאָס בוך מענדעלעס איז אויך אַן עדות קעגן אים, אַז ער האָט בלויז פאַראַדירט דאָס יידישע לעבן?), נאָר אויך די קלענערע דערציילונגען, ווי, למשל, „שם און יפת״, „אין איין וואָגן״, „אין אַ שטורעם־צייט״ א.אַ.וו. ...

און אַפילו דאָרט, „אין אַ שטורעם־צייט״, אין דער דאָזיקער שטאַרק־סאַטירישער דערציילונג, האָב איך געפונען (נישט זוכנדיק שטאַרק, ווייל דאָס וואַרפט זיך אַליין אין די אויגן) אַזוי פיל ליבע צום יידן, צום קאָנקרעטן יידן, אַז אָט די איינע סצענע אַליין לייקנט אָפּ די גאַנצע געביידע (אָן אַ געהעריקן פונדאַמענט) וועגן מענדעלעס

שנאה צו יידן, וועגן מענדעלעס רשעותדיקן קאַריקאַטורירן דעם יידן און דאָס יידישע לעבן.

לאָמיר, אדרבא, כאַפּן אַ בליק אין דאָזיקן ווערקל:

אין מענדעלעס דערציילונג „אין אַ שטורעם־צייט" (אין העב־רעאיש „בימי הרעש") געפינט זיך איינע פון די סימבאָליש־טיפ־זיניקסטע סצענעס פון דער יידישער ליטעראַטור: עס ווערט דאָרט געשילדערט ווי מענדעלע מוכר־ספרים זיצט נעבן שלאָפנדיקן העלד פון „אין אַ שטורעם־צייט" און ווערט פאַרצערט פון רחמנות צו זיין שותף לייב מלמד מיט זיין נעבעכדיקן גוף. לייב מלמד, וואָס וויל ווערן אַ פּיאָנער מיט זיין נישט־פּיאָנערישן גוף, הערט אויף צו זיין דער יחיד לייב מלמד און ווערט אַ סימבאָל פון יידישן פאָלק אין גלות, אין זיין גאַנצער טראַגישקייט און נעבעכדיקייט.

לייב מלמד סימבאָליזירט דעם גוף פון יידנטום, זיין אומבאַ־ווּסטזיניקן חומר, אַזוי צו זאָגן, אָבער מענדעלע מוכר־ספרים, לייב מלמדס שותף אין דער טראַגיש־קאָמישער עפּאָפּייע פון „בימי הרעש", איז דער באַוווסטזיין אין דער דאָזיקער סימבאָלישער דערציילונג, וואָס סימבאָליזירט דאָס יידישע פאָלק.

דער גוף — לייב מלמד — ליגט און שלאָפט און וועקט רחמנות און שרעקט אינעם יידישן באַוווסטזיין (סימבאָליזירט דורך מענדעלע מוכר־ספרים), וואָס שוועבט הויך־הויך איבערן אייגענעם יידישן גוף און באַגרייפט די טראַגעדיע פון דאָזיקן גוף — די אייגענע יידישע טראַגעדיע.

מענדעלע (אַלס פּיאָנער פאַר ארץ־ישראל אָדער ערגעץ אַנדערש) איז קערפּערלעך נישט ווייניקער לעכערלעך און טראַגי־קאָמיש פאַר זיין שלימזלדיקן שותף לייב מלמד, אָבער אַדאַנק דעם וואָס ער, מענ־דעלע מוכר־ספרים, באַזינט (באַגרייפט) זיין לעכערלעכקייט און זיין טראַגי־קאָמישקייט, דערהויבט ער זיך איבער דעם לייב־מלמד־עלעמענט אַפילו אין זיך.

אויב עמיצער זעט אין דער דאָזיקער דערציילונג בלויז אַ פאַר־עלטערטע קליינשטעטלדיקע דערציילונג, וואָס האָט הנאה פון אַ פלאַכן אויסלאַכן מיט בייזער סאַטירע, האָט ער נאָך נישט דערגרייכט דעם באַוווסטזיין־שטאַפּל פון מענדעלע מוכר־ספרים, און ער געפינט זיך נאָך אינעם צושטאַנד (אָדער אויף דער מדרגה) פון שלאָפנדיקן לייב מלמד.

אָדער ער האָט נאָך נישט באַגריפן (באַזינט) זיין יידישע טראַגעדיע, אָדער — און דאָס איז נאָך ערגער — ער אינטערעסירט זיך נישט מיט איר, ווייל ביי אים איז אָפּגעהלשט דאָס לעבעדיקע פּינטעלע ייד.

* * *

דאָס אויבן געזאָגטע איז ריכטיק נישט נאָר פאַר „אין אַ שטורעם־צייט". אַ סך יידישע דערציילונגען, וואָס ווערן געשטעמפּלט אַלס קליינשטעטלדיקע, פאַרעלטערטע דערציילונגען, וואָס לאַכן אויס לשם סתם־אָפּלאַכעריי, שפּיגלען באמת אָפּ די טראַגעדיע פונעם יידישן גוף, באַגריפן דורך דער וואַכנדיקער יידישער נשמה.

ס'איז מאָדנע: איך קען שוין אַזוי לאַנג אונדזערע קלאַסיקער, אָבער ערשט אין שאַנכיי האָב איך מיט אַ באַנייטער קראַפט דערפילט זייער גאַנצע נאַציאָנאַל־אַקטועלע באַדייטונג. ערשט דאָרט האָב איך באַגריפן, אַז אין דער דערציילונג „אין אַ שטורעם־צייט" איז פאַרקערפּערט מער געשיכטע און געשיכט־פילאָזאָפיע פון יידישן פאָלק, ווי אין אַנדערע דיק־בענדיקע געשיכטע־ביכער וועגן אים; איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין דער דערציילונג „שם און יפת" האָבן מיר אַ ליטעראַרישן סימבאָל פון יידישן גורל פון אַ גראַנדיעזן, אוניווערסאַלן פאַרנעם.

דאָס האָב איך זיך דערוווּסט, אָבער פאַר די שאַנכייער (איר קאָנט שאַנכיי פאַרבייטן אויף אַ סך אַנדערע שטעט) יידן זענען זיי פאַרעלטערטע קליינשטעטלדיקייט...

ווייזט אויס, אַז אין צווייאיקן צוגאַנג צו מענדעלען שטעקט אַ מיספאַרשטענדעניש: איך, למשל, ווייל איינס און אַנדערע יידן ווילן עפּעס אַנדערש. איך האָב אין אויג אַ נאַציאָנאַלע טאַט, — מענדעלע מוכר־ספרימס זיצן ביים שלאָפנדיקן לייב מלמד מיטן ליכטיקן באַוווסטזיין און מיט אַ האַרץ פול רחמנות פון איין זייט, און מיטן האַרטן אמת און אורטייל אויף די ליפּן און אין בליק; און דאָס שאַנכייער פובליקום (סימבאָליש געגומען), אָט דער דאָזיקער אומבאַוווסטזיניק שלאָפנדיקער לייב מלמד, וויל עפּעס פריילעכס, נאָך מער איינשלעפערנדיקס, — עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן קיצלען אין שלאָף — די זעלבסטצופרידנקייט...

מענדעלע מוכר־ספרים פאַרשטייט זיין שותף לייב מלמד, אָבער

לייב מלמד פאַרשטייט נישט מענדעלען, וואָס גייט אויס מיט נאָגנדיקן רחמנות צו אים, זיין לייב מלמד...

לייב מלמד פילט זיך גוט אין זיין באַדנלאָזער נעבעכדיקייט, בעת ביים באַגרייפנדיקן מענדעלע ווערט דאָס האַרץ צעריסן אויף שטיקער פון רחמנות און ליבע... אפשר שטאַמט פון דעם מענדעלעס פאַרביטערטקייט?

* * *

וואָס בלייבט צו טאָן?

נישט מעסטן מענדעלען מיט די באַגריפן פון די שאַנכייער יידן (אין סימבאָלישן זין), נאָר וויסן און פאַרשטיין, אַז דער מענדעלע־עלעמענט טאָר נישט פאַרלאָזן זיין אָרט נעבן שלאָפנדיקן לייב מלמד, ביז ער וועט אים נישט אויפוועקן און וועט אים נישט אָנשטעקן מיט זיין מענדעלעשן באַוווסטזיין און רחמנות — צו זיך גופא...

מענדעלע, מיט זיין כלומרשטער קאַלטער גזלנות, מוז רייסן שטיקער פון לייב מלמד און שוועבן איבער יענעמס וויסטן גוף, ווי גאָטס גייסט האָט אַמאָל־אַמאָל געשוועבט איבערן תהו־ובוהו פון דער וועלט, ביז ער האָט דעם תוהו־ובוהו נישט דורכגעגליט מיט טעטיקן גייסט...

מענדעלעס גייסט מוז נאָך שוועבן איבער אונדזער תוהו־ובוהו, איבערן גוף פון שלימזלדיקן לייב מלמד, מעג ער אַפילו זיין אויס־געצירט ווי אַ מאָדערנער יידישער מיליאָנער, — ער מוז נאָך וואַכן איבער אים און איבער זיין זעלבסטצופרידענעם גוף און וועקן זיין איינגעשלאָפענעם גייסט...

דער אויסגעלאַכטער און דער אויסגעשייגעצטער מענדעלע האָט נאָך צו דערפילן ביי אונדז אַ גרויסע פונקציע, — עס איז נאָך דאָ וואָס צו שמייסן ביי אונדז...

און אין ליבע צו לייב מלמדס שלאָפנדיקן גוף איז ביי אים אויך נישטאָ קיין מאַנגל...

אפשר איז נאָך גאָרנישט אַזוי נאַריש צו וואַרפן דעם לאָזונג: „צוריק צו מענדעלען!!?" אָדער: „לאָמיר רעווידירן די זעלבסט־צופרידענע מענדעלע־רעוויזיע?...

איציק מאַנגער

(די נאַכטיגאַל פון דער יידישער ליריק)

יאָרנלאַנג בין איך געווען ברוגז מיט אים. דער לעצטער ברוגז אונדזערער איז נאָך נישט פאַרענדיקט, — מיר האָבן זיך אָפיציעל נישט איבערגעבעטן; אָבער אין מיין בענקשאַפט נאָך זיינע וווּנדערבאַרע, אומפאַרגעסלעכע לידער־ביכער איז דאָ אַ שפּאָר ביסל בענקשאַפט אויך נאָך אים גופא, מיט אַלע זיינע פערזענלעכע חסרונות און זיין געניאַלער דיכט־קונסט.

ווי ער, דער געקומענער פון רומעניע, האָט זיך דאָס אויסגעטיילט אויפן גרויעם פאָן פון דער יונגער׳ היפשלעך עקרדיקער יידישער ליריק אין פוילן סיי מיט זיינע לידער, סיי מיט זיין שפּרודלדיקן גייסט!

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אינעם קרייז פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, ווי אַ נאַכטיגאַל צווישן אַ טשאַטע קראָען, וואָס פלעגן אַרויספּיקן ביי זייערע קריטישע מין־ברידער גוטע רעצענזיעס, אָבער זיי פלעגן באַין אופן נישט קאָנען אַרויספּיקן ביי דער געטין פון דיכטונג כאָטש אַ ברעקעלע טאַלאַנט...

די דאָזיקע נאַכטיגאַל איז געווען פון אַ גאַנץ באַזונדערן מין — אַ פאַרביטערטע, מיט נעגל פון אַ רויבפויגל, מיט דער ביטערקייט פון אַ שלאַנג און מיט דער צערעמאָניעלאָזיקייט פון אַ בראָדיאַגע, — אָבער ווער וואָלט אים געווען פאַרביטן אויפן סאַמע פאַרהיימישטן, סאָלאָנפּעאיקן פויגל?

אָפּגעריסן פונעם קוואַל פון יידישער דיכטונג דורך אַן אומעט־נדלעכן שטח, בענק איך מער פון אַלץ נאָך מאַנגערן, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן אין דער יידישער דיכטונג פון די לעצטע יאָרצענדליקער מיט איר שפע פובליציסטישע לאָזונגען און נאַקעטן נאַטוראַליזם, מיט אַ פרישן מעלאָדישן געזאַנג און עכטע דיכטערישע וויזיעס.

ווען עס איז נישטאָ קיין בראָנפן, זאָגן שיכורים: „לאָמיר ריידן וועגן בראָנפן״. אָפּגעריסן פון דער יידישער דיכטונג, ווילט זיך מיר ריידן וועגן מאַנגערן...

* * *

ווען איז דאָס געווען? מיט צען יאָר צוריק? מיט צוועלף? אָדער מיט אַן אייביקייט צוריק?

איך בין אַריינגעקומען אינעם ליטעראַטן־פאַראיין פאַרנאַכט־צייט און באַמערקט צווישן די באַקאַנטע, שוין צו באַקאַנטע, פנימער, איין אומבאַקאַנט פנים; דאָס דאַזיקע מאָגערע, שאַרף־שפיציקע פנים, מיט שפורן פון אַסימעטרישקייט, האָט געהערט אַ הויכן, שטאַרק דאַרן, אָרעם געקליידעטן יונגנמאַן. מיט ברייטע, שאַרפקאַנטיקע באַוועגונגען האָט ער שפאַצירט איבערן גרויסן זאַל; די אַסימעטרישע אויגן זיינע האָבן יעדע מינוט אויפגעפלאַקערט מיט עפעס אַ שאַלקהאַפטיקן, פאַס־פאַרירנדיקן פייערל, און דער דאַזיקער גלאַנץ איז באַגלייט געוואָרן דורך אַן אויסגעקרימט דין שמייכעלע, וואָס פלעגט ווייזן אי צעפוילטע ציין, אי אַן אָנגעווייטאָקטע, מידע נשמה. דער דאַזיקער אומבאַקאַנ־טער האָט פאַרמאָגט סיי עפעס צוציענדיקס, סיי עפעס אָפשטויסנדיקס. און מעגלעך אַז טאָקע מער אָפשטויסנדיקס.

ווער איז ער? אַ יונגער דיכטער פון רומעניע? מאַנגער? איציק מאַנגער?

קיינער האָט נישט געקענט דעם דאַזיקן נאָמען. אין פוילן האָט ער זיך נאָך כמעט נישט געהאַט געדרוקט, זיין ביכל לידער — „שטערן אויפן דאַך" (סאַראַ מאָדנער נאָמען!), — אַרויסגעגעבן, לויט זיינע רייד, אין בוקאַרעשט, איז צו אונדז נאָך נישט געהאַט דערגאַנגען.

און אָט, אין אַ שעה אַרום, זיצן מיר שוין ביי איין טישל, און איך זאַמל ידיעות וועגן די יידישע שרייבערס אין רומעניע, וועגן די, וואָס איך קען, און וועגן די, וואָס איך קען נישט.

זיינע תשובות מאַכן נישט קיין באַזונדערן איינדרוק: ער רעדט מיט היץ, זעלבסטזיכער, מיט נישט קיין שאַבלאָנמעסיקע אויסדרוקן, — אָבער דאָס באַלויכט נישט דאָס אומבאַקאַנטע ווינקל פון דער יידישער ליטעראַטור.

עס פאַרקניפט זיך אַ שמועס וועגן זיינע ליטעראַרישע פלענער. ער ווערט אויפגעלעבט, רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן פאַרטראַכטע דראַמאַטישע ווערק. פון זיינע ווערטער איז קלאָר, אַז דער דאַזיקער יונגערמאַן איז פול מיט עקסטראַוואַגאַנטע פוטוריסטישע איינפאַלן: ער שפרינגט אויף און ווייזט אונדז אָנשוילעך, אַז אויפן געזעס מוז מען אומבאַדינגט אויפהענגען אַ לבנה, אַז דאָס וועט זיין אי שאַרפ־זיניק, אי רעוואָלוציאָנער, און בכלל וועט דאָס באַווייזן נסים, — דאָס

וועט אָפּפרישן די יידישע פּאָעזיע, דאָס וועט שאַפן די יידישע דראַמע, וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור.

דער ערשטער געדאַנק: דער דאָזיקער ענטוזיאַזם איז ווערט אַ בעסערן ציל; דער צווייטער געדאַנק: דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט פאַרשפּעטיקט מיט זיינע עקסצענטרישע פּלענער; ער האָט פאַרשפּעטיקט אַפילו פאַר אונדזער ליטעראַטור, וואָס פאַרשפּעטיקט תמיד.

און ס'איז געוואָרן אומעטיק אויף דער נשמה: פאַרוואָס זענען אַלע אָנפאַנגער, וואָס באַווייזן זיך אין אונדזער ליטעראַטור, אַזעלכע מיטלמעסיקייטן; פאַרוואָס האָבן מיר שוין אַזוי לאַנג נישט אַרויס־געצויגן דאָס גרויסע אָדער, לכל הפּחות, אַ נישקשהדיק געווינס?

אַ טיף געקרענקטער בין איך אָפּגעגאַנגען פונעם טישל מיט דער איבערגעוועקטער כראָנישער בענקשאַפט נאָך עפּעס ליטעראַ־ריש־אָפּפרישנדיקס.

עס איז פאַרביי אַ שטיקל צייט, ביז איך בין ווידער געקומען אין קאָנטאַקט מיט מאַנגערן. דאָס איז געשען אויף זיין רעפעראַט „וועגן רומענישן פאָלקסליד". אַ אינטערעסאַנטע טעמע, אַ נייער מענטש — לאָמיר הערן.

אָט די צווייטע, אומדירעקטע באַרירונג מיט מאַנגערן איז אויס־געפאַלן גאַנץ אַנדערש, ווי די ערשטע, דירעקטע באַרירונג מיט אים.

דער קורצער, האַלבשעהדיקער רעפעראַט וועגן רומענישן פאָלקסליד איז געווען פּאָעטיש פאַרביק, פול מיט אינטים־איבער־געלעבטן אינהאַלט. עס האָט קיין ספק נישט געקאָנט זיין, — דער דאָזיקער יונגערמאַן קען, פילט און האָט ליידנשאַפטלעך ליב פאָלקס־דיכטונג. איך האָב זיך געפילט ווי אויף אַ יום־טוב, אויף אַ שוואַך־באַזוכטן יום־טוב.

אָבער די הויפּט־מתנה פון דאָזיקן אָוונט האָט מיר נאָך באַ־דאַרפט אונטערגעטראָגן ווערן. נאָך דער הפסקה האָט מאַנגער אי־בערגעלייענט עטלעכע פון זיינע לידער. און מיר איז באַשערט געווען איבערצולעבן יענץ געפיל פון גליקזעליקער פאַרוווּנדערונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן אין אונדז ביי אַ פּלוצלונגדיקן צוזאַמענ־טרעף מיט עכטער, גרויסער דיכטונג.

מאַנגער האָט אָנגעהויבן צו לייענען זיינע לידער און אין ברוסט איז מיר ענג געוואָרן: דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן פון פּלוצלונגן אָפּטוקן זיך אינעם פרישן קוואַל פון דיכטונג. עס איז געווען אַזוי

ווונדערלעך מאָדנע: אינעם זאַל פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, וואָס איז אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן געוואָרן אַ קאַזאַרמע פון דיכטערישער אייגנטאָניקייט, האָט אַריינגעשוועבט די אמתע מוזע, און די גאַנצע פּאָעטישע וואַקכאַנאַליע פון די לעצטע יאָרן איז פאַרשוווּנדן, ווי אַ שלעכטער חלום ביים אויפכאַפּן זיך. עס איז שווער געווען אָפּצוגעבן זיך אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן דעם, וואָס עס איז געשען, און וואָס עס ליגט דער צויבער פון די דאָזיקע שורות, וואָס גיסן זיך פון דער בינע, — אָבער איינס איז געווען מחוץ יעדן ספק: עס האָט זיך געלאָזט הערן די עכטע שטימע פון דיכטונג, וואָס איז אַזוי לאַנג פאַרטויבט געוואָרן אין דער קאַקאָפאָניע פון אומצאָליקע „איזמען", באַזונדערס פון סאָציאַלן „איזם"; און מיר, וועלכע האָבן פאַרלוירן די אָריענטאַציע און שוין גענומען צולאָזן דעם געדאַנק, אין מינוטן פון שוואַכקייט, אַז „אפשר פאַרשטייען מיר נישט דאָס דאָזיקע נייע, אפשר איז דאָס טאַקע דיכטונג", — מיר האָבן אין איין אויגנבליק צעריסן די שטריק פון ספקות און אונדזער גייסט האָט זיך אויסגעגלייכט, אין דער פעסטער זיכערקייט, אַז לויט דער באַצויבערנדיקער עכטער שטימע דערקענען מיר איצט גוט די פאַלשע.

עס איז געשען דער אייביקער ווונדער פון דיכטונג. דאַכט זיך — איינס און דאָס זעלבע: קורצע שורות, גראַמען, מעטאַפאָרן, און דאָך עפּעס לגמרי אַנדערש, פאַרשיכורנדיק־פרישס, באַגייסטערנדיק־באַפליגלענדיקס, — עפּעס אַזוינס וואָס רייסט מיט דאָס געפיל און דעם געדאַנק אין דער הויך אין איין האַרמאָנישן שווונג.

איך ווייס נישט צי אַלע האָבן באַגריפן, אַז פאַר זיי האָט זיך אַנטפּלעקט די מוזע אין איר גאַנצער עכטקייט, — אָבער אַלע האָבן עפּעס געאַנט.

אויף מאַנגערס פּנים האָט געשיינט די זון פון דיכטונג, און איך האָב פאַרגעסן זיינע ייִנגלשע טרוימען וועגן אַ פּאַפּירענער לבנה אויף דער לינקער זייט...

מאַנגער האָט מיך באַזיגט מיטן אומבאַזיגבאַרן געווער פון דיכטונג.

איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך מיין ענטוזיאַזם, — איך בין צוגעלאָפן צו אַ דעמאָלטיקן פריינט און מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם, אַ צענומענער, אַרויסגעשטאַמלט מיין באַגייסטערונג: „איך

האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ דיכטערישע איבערלעבונג, עפּעס ווי אַן אַנטפּלעקונג".

איך האָב, שטאַמלענדיק, פּרובירט ציטירן און קאָמענטירן די נאָר וואָס געהערטע פערזן פון מאַנגערס צוויי לידער, וואָס דער דיכטער האָט רעציטירט, אָבער איך האָב געשטאַמלט...

איך האָב איבערגעלעבט דעם ערשטן שאָק פון מאַנגערס אינספּירירטער און אינספּירירנדיקער דיכטונג.

דעם ערשטן, אָבער ווייט נישט דעם לעצטן.

* * *

מאַנגערס פאָטער, — לויט דעם דיכטערס ווערטער „אַ געניאַלער קאַטאָוועס־טרייבער און אַ געניאַלער שיכור", — איז געווען אַ שניידער; דער ברודער זיינער נאָטע, איז געווען אַ שניידער; און איציק גופא, דער צוקונפטיקער דיכטער, האָט זיך אויך געגרייט צום שניידערישן פאַך. אָבער פון זיין פאָטערס וואַרשטאַט, ווו דער עלטערער ברודער נאָטע („דער דאָזיקער בראַווער שניידער־געזעל", — לויט דעם דיכטערס ווערטער) פלעגט זינגען יידישע פאָלקסלידער, האָט איציק מאַנגער אַרויסגעטראָגן בלויז אַ שטאַרקע ליבע צו דער גאָלדענער פּאַווע, דעם סימבאָל פון יידישן פאָלקסליד.

אַז דאָס פאָלקסליד איז דער ריינסטער קוואַל פון דיכטונג, האָבן געוווּסט אַ סך גרויסע דיכטער, און זיי האָבן אָן אויפהער געשעפּט פון דאָזיקן קוואַל. און אין דעם פּרט איז מאַנגער ממשיך די טראַדיציע פון אַ גאַנצער ריי גרויסע דיכטער. ער איז פאַרליבט אינעם פאָלקסליד, און ער האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע איבערזעצונגען פון פאָלקס־לידער פון פאַרשיידענע פעלקער. די דאָזיקע זאַמלונג, דערווייל נאָך זייער אַ באַשיידענע, האָט באַדאַרפט זיין, לויט מאַנגערס פּלאַן, בלויז אַן אָדערויף אויף אַ גרויסער אַנטאָלאָגיע פון דער פאָלקס־דיכטונג פון פאַרשיידענע פעלקער, עפּעס ענלעכס צו דער קלאַסישער זאַמלונג פון יאָהאַן גאָטפריד הערדער — „די שטימען פון די פעלקער אין לידער". איך האָב דאָ נישט בדעה צו פאַרגלייכן מאַנגערס קליינעם, איילִיק צוגעוואָרפענעם אַוואַנס נישט מיט הערדערס געניאַלע איבערזעצונגען, נישט מיט זיין נישט ווייניקער געניאַלן אָפּקלייב פונעם אַלוועלטלעכן אוצר פון פאָלקס־ליד. הערדערס זאַמלונג האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף דער ראָמאַנטישער דיכטונג אין דייטשלאַנד, בעת מאַנגערס זאַמלונג האָט

אַפילו נישט קיין גרויסע באַדייטונג פאַר מאַנגערס שאַפן גופא, — זי דינט בלויז ווי אַן אויסערלעכער באַווייז פון דיכטערס ליבע צום פאָלקסליד. דער אינערלעכער באַווייז פון דער דאָזיקער ליבע באַשטייט אין מאַנגערס דיכטונג. הערדער, דער געניאַלער איבערזעצער, האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע קראַפט פון זיין ליבע צום פאָלקסליד אין זיינע איבערזעצונגען; מאַנגער, דער וווּנדערבאַרער דיכטער, האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע קראַפט פון זיין ליבע צום פאָלקסליד אין זיין פּאָעזיע.

אין מאַנגערס שאַפן פילט זיך בולט די השפעה פונעם פאָלקסליד; עס האָבן געווירקט אויף אים אי די גאָלדענע פּאַווע פון די יידישע פאָלקסלידער אין זיין פאָטערס שניידער־וואַרשטאַט, אי דאָס פאָלקסליד פון זיין רומעניש געבורטסלאַנד (אַ ליד, וואָס ער האָלט פון אים אַ וועלט), אי די דייטשישע באַלאַדע, וואָס האָט, אגב אורחא, אַליין אויך געשעפּט פונעם אוצר פון פאָלקס פּאָעטישער פאַנטאַזיע.

מאַנגער איז פאַרליבט אין דער באַלאַדע, — אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער, אַ ביסל נעפּלהאַפטער דיכטערישער פאָרם, וואָס זי קאָן זיין אי פול מיט פּאַטאָס, אי איראָניש באַפאַרבט, אָבער וואָס באַזירט תמיד אויף אַ בעלעטריסטישן עלעמענט, זי דערציילט עפּעס.*)

מען קאָן נישט זאָגן, אַז מאַנגער האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג דעם עלעמענט פון באַלאַדע, — די באַלאַדע אָדער באַלאַדישע עלעמענטן קאָנט איר שוין געפינען אי ביי פּרצן, אי ביי ליעסינען, אי ביי יהואשן (כמעט ביי יעדן דיכטער קאָן מען געפינען דעם דאָזיקן עלעמענט אָדער די דאָזיקע פאָ־

---

*) ביי ריכאַרד מ. מייער געפין איך פאָלגנדע דעפיניציע פון דער באַלאַדע־פאָרם:

„די באַלאַדע, וואָלטן מיר געקאָנט דעפינירן, איז די דערציילונג פון אַ באַדייטנדער געשעעניש, וואָס דערנענטערט זיך צו דער דראַמאַטישער טעכניק און פאַרמאָגט אַ שטאַרקע לירישע שטימונגס־באַפאַרבונג".

די דאָזיקע דעפיניציע, ביי איר גאַנצער סכעמאַטישקייט, איז נישט שלעכט, אָבער זייער זעלטן איז אַ באַלאַדע אַזוי טריי דער דאָזיקער דעפיניציע. אָבער אַלע ליטעראַרישע דעפיניציעס הינקען אונטער.

רעם), — אָבער מאַנגער האָט דערהויבן דעם דאָזיקן זשאַנער אין דער יידישער ליטעראַטור ביז דער העכסטער קינסטלערישקייט. און אַחוץ דעם האָט ער געשאַפן אַ ספּעציפישן מין יידישע באַלאַדע נישט נאָר לויט איר דערציילערישן עלעמענט, ווי דאָס האָבן געטאָן פרץ און ליעסין, נאָר אויך לויטן ספּעציפישן יידישן קאָלאָריט און סטיל, ווי אויך לויט דער ספּעציפיש יידישער מעטאַפאָריק, וואָס איז אָנגע־לאָדן מיט יידישן פאָלקלאָר, מיט יידישן פאָלקסליד־עלעמענט.

זיין באַלאַדע וועגן דער אוקראַינישער שחיטה פון 1919טן יאָר (מאַנגער באַצייכנט כמעט אַלץ ווי אַ באַלאַדע, אַמאָל אַפילו דאָס, וואָס איז בפירוש נישט קיין באַלאַדע), הויבט מאַנגער אָן מיט פאָלגנדע שורות:

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
„ליגט געקוילעטע דאָס גאָלדן ציגעלע״...

דאָס איז אַ פּאַראַפראַזע פון באַקאַנטן וויגליד:

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
„ליגט אַ גאָלדן ציגעלע״.

מאַנגער האָט צוגעגעבן בלויז איין וואָרט, און סאַראַ ענדערונג! צוויי פּערזן פון אַ יידיש לייכט פאָלקסליד ווערן אָנגעלאָדן מיט דער טויזנטיאָריקער מאַרטיראָלאָגיע פון אַ גאַנץ פאָלק, זיי ווערן אָנגע־לאָדן מיט דער דינאַמיק פון אומבאַוווּסטזיניקן ים אַסאָציאַציעס: אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג פון געדאַנק, אָן דער פאַרמיטלונג פון דער אינטעלעקטועלער פעאיקייט טויכט איר אונטער אין די טיפע־נישן פונעם פאָלקס־צער, פונעם פאָלקס־גורל. איר לייענט דורך די דאָזיקע צוויי באַקאַנטע, אָבער שוין מיט אַ גאַר אַנדער זין — מיטן פילקאָלירטן זין פון סימבאָל — אָנגעפילטע שורות:

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
„ליגט געקוילעטע דאָס גאָלדן ציגעלע״

און איר בויטיקט זיך נישט אין קיין שום דערקלערונגען: די באַקאַנטע שורות מיט די באַקאַנטע בילדער גליטשן זיך אַריין אין דער נשמה פון זיך אַליין, צוזאַמען מיט זייער געענדערטן אינהאַלט, מיט זייער ביז אומענדלעכקייט פאַרגרעסערטן סימבאָלישן זין.

* * *

איינע פון די שטאַרקסטע מעלות פון מאַנגערס דיכטונג איז איר קאָלאָסאַלע סימבאָלישע אָנגעלאָדנקייט. איך האָב דאָ, נאַטירלעך, נישט אין זינען זיין קאָנווענציאָנעלע סימבאָליק, מיט וועלכער מאַנגער זינדיקט אָפט: ער מיסברויכט מיטן בלויען קאָליר, מיט דער צאָל „זיבן", בכלל מיטן סימבאָלישן אינווענטאַר פון אַלטמאָדישן ראָמאַנטיזם, ווי, למשל, „שטערן", „לבנה", „זילבערנער פויגל", „קראַנקער נאַכטיגאַל"; איך האָב דאָ אין זינען זיין געזונטע, באמת דיכטערישע סימבאָליק, — נישט די טויטע, די קאָנווענציאָנעלע, נאָר די לעבעדיקע, אַזוי צו זאָגן, די רעאַלע סימבאָליק, וואָס ווערט געבוירן אומ־מיטלבאַר אין יעדן מאָמענט, ווען דער דיכטער דערזעט דיכטעריש אַ שטיקל וועלט, אַ פּיצל לעבן.

לאָמיר נעמען, למשל, אַזאַ געדיכט מאַנגערס ווי „עקידת איציק". דער טיטל גופא איז שוין מיט אַ ריזיקן אינהאַלט: איציק — איז מאַנגערס נאָמען, אָבער „איציק" איז אויך ענלעך צום נאָמען „יצחק", אברהמס זון. דורכדעם, וואָס מאַנגער באַטיטלט זיין געדיכט „עקידת איציק" אָנשטאָט דעם געוויינלעכן „עקידת יצחק", ברייטערט מאַנגער אויס ביז אומענדלעכקייט דעם דאָזיקן היסטאָרישן באַגריף, וואָס איז געוואָרן אַ פּאָפּולערע שפּראַך־ווענדונג („מען פירט אים צו דער עקידה", „איך בין גרייט צו דער עקידה", „מען פירט דיך נישט צו דער עקידה" א.אַז.וו.). ער לייגט אַריין אין אים אַ נייעם אינהאַלט: „עקידת איציק" רופט אַרויס אין אונדזער פאָרשטעלונג די געשטאַלט פונעם דיכטער, וועמען מען פירט צו דער עקידה; דאָס היסטאָרישע ווייטע ווערט עפּעס היינטצייטיקס, נאָענטס; אָבער אויך דאָס היסטאָרישע פאַלט נישט אָפּ, עס ווערט עפּעס פּערמאַנענטס — „עקידת יצחק" האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, זי באַקומט אַ המשך אין „עקידת איציק". אַדאַנק אַ דינעם שפּראַך־סימבאָל, ווערט די היסטאָרישע איבערלעבונג פונעם עלטער־עלטער־עלטער־זיידן פאַרבונדן מיטן דיכטערס פּערזענלעכן לעבן, און דער דאָזיקער סימבאָלישער בליץ באַלייכט פאַר אונדז, דורך אַ שטאַרקן אויפפלאַם, דאָס גראַנדיעזע בילד פון דער אייביקער עקידה פון די יידישע איציקס, פון דער אייביקער עקידה פונעם מענטשלעכן „איציק" בכלל.

און ווי גראַנדיעז עס וויקלט זיך פאַנאַנדער דער דאָזיקער גע־ניאַלער טיטל פונעם געדיכט!

דעם דיכטערס זיידע, דער „באַלעגאָלע" פון סטאָפּטשעט (אגב,

מאַנגער האָט וועגן אים עטלעכע וווּנדערבאַרע געדיכטן), גייט צו צו אים און זאָגט:

„איציק, ס'איז גרייט די עקידה".
„דער זיידע פירט מיך פאַר אַ האַנט
„און מיר שפּרייזן איבער זיי אַריבער".
„די שטעט זענען קליין, די דערפער — גרויס,
„איבער שטעט און דערפער און גריבער,

דאַכט זיך — אַן אומבאַדייטנדער פּרט: קליינע שטעט, גרויסע דערפער, — אָבער מאַנגערס אינטואיציע, — אין רויש פון שאַפן, — האָט זיכער, הגם אומבאַוווּסטזיניק, זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן פּרט כדי דאָ צו פאַרשטאַרקן דעם עלעמענט פון אומרעאַלקייט, פון סימבאָלישקייט, פון חלומדיקייט.

און ווייטער. דער זיידע זאָגט:

„איציק, — געדענקסט, ס'איז געווען אַמאָל,
„צוריק מיט אַזוי־פיל יאָרן —
„ווען דער מלאך האָט זיך באַוויזן צו אונדז
„און דו ביסט ניצול געוואָרן".

דאָ ווערט דער „באַלעגאָלע" פון סטאַפּטשעט — אברהם און פאַרקערט — אברהם ווערט איציקס זיידע; און איציק — דאָס איז יצחק און — פאַרקערט. דער סימבאָל וואַקסט, נעמט אַרויף אויף זיך פלייש און בלוט.

און דער זיידע זאָגט ווייטער:

„איצט האָט ער זיך באַרעכנט, דער אַלטער גאָט,
„און ער פאָדערט ביי מיר דעם קרבן,
„הגם איך האָב שוין אַזויפיל מאָל געלעבט
„און אַזויפיל מאָל געשטאָרבן".

אַזוי רעדט דער אייביקער אברהם אין דער געשטאַלט פון אייביקן איציקס זיידע, אַננעמענדיק די פּראָפּאָרץ פון אַן אייביקן סימבאָל, — אָבער מאַנגער באַלאַנסירט דאָס דאָזיקע אַבסטראַקט־סימבאָלישע מיט צוויי וווּנדערבאַרע שורות, וואָס פירן אונדז צוריק צום קאָנקרעטן איציק:

„איציק, ס'איז גוט וואָס די מאַמע איז טויט
„און זי וועט נישט דאַרפן וויינען".

און צוריקגעקערטע צו דערווירקלעכקייט, זענען דער זיידע מיטן אייניקל ממשיך זייער פאַנטאַסטיש־רעאַלן וועג דורך די קליינע שטעט און ריזיקע דערפער...

מאַנגער איז אפשר דער איינציקער דיכטער אין דער יידישער דיכטונג, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע וויזיאָנערע קראַפט, אַזאַ גרויסע פעאיקייט צו סימבאָליזירן דאָס רעאַלע און אָנפילן מיט רעאַלקייט דאָס ,היסטאָריש־סימבאָלישע, שאַפנדיק, אַזוי אַרום, וווּנדערלעכע אייגנאַרטיקע דיכטערישע ווערק.

אויף די איבעריקע מעלות פון מאַנגערס באַלאַדע פּונקט ווי אויף אירע חסרונות (קאָנוועַנציאָנעלע סימבאָליק) איז מיר אוממעגלעך אָפּ־צושטעלן זיך געַנויער, צוליבן מאַנגל אין זיינע ביכער*).

* * *

דער עלעמענט פון גראָטעסק פאַרנעמט אין מאַנגערס שאַפן אַן אַנגעזעען אָרט.

דער עלעמענט פון גראָטעסק איז נישט פרעמד דער יידישער ליטעראַטור, — דאָס גראָטעסקע איז דאָך אַ גרונט־עלעמענט פון יידישן לעבן. די יידישע לעבנס־פעאיקייט גופא איז דאָך, אין אַ גע־וויסן זין, אַ גראָטעסק, וואָס דאָס ווערט, אגב, באַשטעטיקט דורכן יידישן הומאָר, וועלכער פאַרמאָגט אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פון גראָטעסק איידער דער הומאָר פון אַנדערע פעלקער, הגם מען קאָן זיך בכלל נישט פאָרשטעלן קיין הומאָר אָן דעם עלעמענט פון גראָ־טעסק, — כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס.

די יידישע ליטעראַטור גרויסט זיך מיט איר שלום עליכם, מיטן מייסטער פון גראָטעסק; דער באַרימטער, פריצייטיק פאַרשטאָרבע־נער דיכטער משה לייב האַלפּערן, האָט זיך פאַרליבט אינעם גראָטעסק, זיך פאַרקנסט מיט אים און אים געמאַכט כמעט פאַר זיין עיקרדיקן זשאַנער. מען וואָלט לייכט געוועָן געקאָנט אָנווייזן אויף נאָך אַ גאַנ־צער ריי יידישע שרייבער און דיכטער, וועלכע האָבן קולטיווירט אין אונדזער ליטעראַטור דעם עלעמענט פון גראָטעסק.

מאַנגער האָט נישט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור דעם עלעמענט פון גראָטעסק, אָבער ער האָט אים געגעבן אַ

---

* אָט די עסיי איז געשריבן געוואָרן אין 1942, אין שאַנכיי, אויף רוסיש. איך דרוק דאָ איבער מיין יידישע איבערזעצונג. — י. ר.

ספּעציפֿישע קינסטלערישע פֿאָרעם, ער האָט אים געגעבן אַ קינסט־לערישע שלימות.

מאַנגער האָט אויך אין דאָזיקן געביט זיך באַזירט אויף זיין ליבע צום פֿאָלקסטימלעכן און אויף זיין קענטעניש פֿון פֿאָלקסטימל־עכן שאַפֿן. זיין ביכל „חומש־לידער" וואָרצלט נישט נאָר אין תנ"ך, נאָר אויך אין יידישער פֿאָלקסטימלעכער דראַמע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּורים־שפּילן".

אין די דאָזיקע „פּורים־שפּילן" פֿלעגן די תנכישע געשטאַלטן אַרויסגעפֿירט ווערן ווי היינטצייטיקע מענטשן: זיי האָבן געהאַט תנכישע נעמען און פֿלעגן טאָן אַלץ, וואָס דער תנ"ך הייסט זיי טאָן, אָבער גלייכצייטיק זענען זיי געווען גוטע באַקאַנטע פֿון די היינטיקע מענטשן סיי לויט זייער פּסיכאָלאָגיע, סיי לויט זייער שפּראַך, סיי לויט זייער לעבנסשטייגער.

דאָס איז אַן אייגנשאַפֿט נישט בלויז פֿון די יידישע פֿאָלקס־דראַמעס, — אויך אין די מיטלאַלטערלעכע אַזוי גערופֿענע „מיס־טעריעס" פֿלעגן אויפֿטרעטן תנכישע געשטאַלטן און די פּאַטערס פֿון דער קירכע אין דאָזיקן טאָפּלטן לבוש: סיי ווי היסטאָריש־לעגענדאַרע געשטאַלטן, סיי ווי רעאַל־היינטצייטיקע פּערזאָנען, און אַט דאָס טאַקע פֿלעגט זיי מאַכן גראָטעסק. אין דעם איז געווען אַ גרויסע דאָזע הומאָר, פֿון הומאָריסטישן גראָטעסק (הגם, אפשר אומבאַוווסטזיניק, אויך פֿון שטייגערדיקער סאַטירע).

מאַנגער איז באַוווסטזיניק געגאַנגען אין די שפּורן פֿון דאָזיקן פֿאָלקסטימלעכן גראָטעסק, און עס האָבן זיך באַקומען זיינע „חומש־לידער", אַ גאַנצע ריי קינסטלערישע שעדעווערן, וואָס שפּרודלען מיט הומאָר, וואָס בלענדן מיט פֿאַרבן, וואָס רופֿן אַרויס אַנטציקונג מיט זייער קינסטלערישער באַאַרבעטונג.

נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט אָט דאָס קליינטשיקע ביכע־לע, כדי עס צו ציטירן, איז שווער צו געבן אַ באַגריף וועגן דאָזיקן שנור פּערל.

מאַנגער האָט אַריינגעזאָגט אין די אַלטע געשטאַלטן און גע־שעענישן פֿון „חומש" אַ פֿרישן שטראָם היינטצייטיקער ווירקלעכקייט און אַזוי אַרום זיי אָפּגעפֿרישט, דערנענטערט צו אונדז. ער האָט פֿון זיי אַראָפּגעבלאָזן דאָס הייליקע, לעגענדאַרע שטויב פֿון יאָרטויזנטער און אין פֿלוג זיי פֿאַרשוועכט, אָבער אַדאַנק דעם האָט ער אונדז גע־געבן אַן אויסגעצייכנטן זשאַנער פֿון גראָטעסק, ווו דאָס רעאַלע ווערט

נישט דעפּאָרמירט, כּדי עס זאָל זיך באַקומען אַ גראָטעסק, ווייל דער עלעמענט פון גראָטעסק באַקומט זיך דאָ פון דעם, וואָס די רעאַליטעט ווערט דאָ געגעבן אַזוי ווי אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. און דאָס גיט צו דער סאַטירע־שמייסעריי פון דער ווירקלעכקייט אַ ווייכן קאָלאָריט פון הומאָר, אַ גלייכגעוויכטיקייט פון דער פאָרעם, ווייל די רעאַליטעט גופא, אָט אַזוי ווי זי איז, נישט אין קיין איבערגעטריבע־נער פאָרעם, ווערט גראָטעסק, קרומשפּיגלדיק, אַדאַנק דער פאַר־פלעכטונג מיטן ווייטן, לעגענדאַרן עבר.

פּונקט ווי מאַנגער האָט נישט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטע־ראַטור די באַלאַדע, נאָר ער האָט דעם דאָזיקן זשאַנער צוגעגעבן אַ באַזונדערן קינסטלערישן גלאַנץ, אַזוי האָט ער אויך נישט אַריינ־געבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור אָט דעם געמיש פון לעגענדע און ווירקלעכקייט, — ער האָט אָבער צו דער נאַאיוויטעט פונעם „שמואל־בוך" און פונעם „צאינה וראינה" צוגעגעבן באַוווסטזיניקע סאַטירע און ציל־באַוווסטן הומאָר אין אַ ראַפינירטער גרויס־לירישער פאָרעם.

נישט אַלע האָבן זיך אָנטציקט מיט די „חומש־לידער", אָבער אַפילו דער „צאינה וראינה" האָט געהאַט שאַרפע קריטיקער פאַר זיין מישן קודש מיט חול, ד"ה דווקא פאַר דעם, וואָס איז געווען זיין צויבער, וואָס האָט אים געהאָלפן באַווירקן מיליאָנען יידישע פרויען־און קינדער־הערצער (אויך אַ סך דערוואַקסענע פאַרמאָגן קינדער־הערצער).

אין פּרעכטיקן עסיי פון י. אָפּאַטאָשו „פּרצעס וועג" געפין איך פאָלגנדע שטעלע, וואָס עס איז דאָ כּדאי צו ברענגען:

„בליץ (אַ משכּילישער תנ"ך־איבערזעצער) האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס די „צאינה וראינה" איז „אייטל מדרשים ואגדות זרות"; וואָס יצחק גייט אין בית־מדרש אַריין דאַוונען מנחה, יעקב לערנט אין דער ישיבה פון שם ועבר. בליץ זעט אין דער גאַנצער פאָלקס־ליטעראַטור „אייטל שבושים". אין „שמואל־בוך" גיט דער נביא עסן שאולן — געפּילטע פיש און הון. דוד פּלאַנט צו פאַרקויפן גליתעס כּלי־זיין, ווייל ער קען דערפאַר קריגן אַ סך געלט...

„דער משכּיל בליץ האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אָנשטאָט אָפּצו־מאָלן די אָבות, האָט דער מחבר פון „צאינה וראינה" געמאָלן זיך (און זיין סביבה — י. ר.) און טאַקע דערפאַר איז זיין ספר געוואָרן אַזוי צוגענגלעך, האָט אַן אָטעם געטאָן דורך די אָבות מיט אמתער וועלט־לעכקייט" (מיט לעבעדיקן שטייגער־לעבן — י. ר.).

די פורים־שפּילן — אין זייער טענדענץ צו פאַרהיינטיקן די אַמאָליקע געשטאַלטן — זענען געווען אַ דירעקטער המשך פונעם „שמואל־בוך" און פון דער „צאינה וראינה", און מאַנגער איז אויך זייער דירעקטער המשך לויט דעם מעטאָד, אָבער ער האָט געמאַכט אַ זיבן־מייליקן שריט פאָרויס לויט זיין קינסטלערישער שלימות און צילבאַוווסטזיניקייט.

געבן דאָס ביבלישע לעבן אינעם נאַאיוון אַספּעקט פון דער היינטצייטיקייט האָט געפּרוווט אין אונדזער היינטצייטיקער ליטע־ראַטור אויך שלום אַש אין זיין בוך „ארץ־ישראל", אָבער אים איז נישט געלונגען צו געבן אַזאַ האַרמאָנישן און גאַנצן, לויטן גייסט, ווערק, ווי דאָס איז מאַנגערס ביכל „חומש־לידער" יאָ געלונגען.

דער דערפאָלג פון דאָזיקן בוך איז געווען קאָלאָסאַל; ער האָט וויית איבערגעשטיגן דעם דערפאָלג פון זיינע צוויי ערשטע פּרעכ־טיקע לידער־זאַמלונגען: „שטערן אויפן דאַך" און „אַ לאַמטערן אין ווינט".

דער דאָזיקער דערפאָלג האָט מאַנגערן סטימולירט צו גיין ווייטער אין זיינע אייגענע שפּורן — ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ ביכל „מגילה־לידער" וועגן די פּורים־העלדן, און דערנאָך אויך אַ ראָמאַן אין פּראָזע וועגן לעבן אין גן־עדן, ווו מיר באַגעגענען די אויבער־שטע שיכטן פון תנ"ך, געשילדערטע אונטערן קוקווינקל פון דער באַנאַלסטער טאָג־טעגלעכקייט.

נישט געקוקט אויף איינצלנע גאַנץ טרעפלעכע געדיכטן, זענען די „מגילה־לידער" אַן אַפּאָקריפיש ווערק, וואָס קאָן נישט פאַרנעמען אַן אָרט זייט־ביי־זייט מיט זיין פּראָטאָטיפּ — די „חומש־לידער".

וואָס שייך דעם ראָמאַן, מוז מען אים באַטראַכטן ווי אַ פולשטענ־דיקן דורכפאַל, נישט געקוקט אויף געוויסע מעלות פון זיין פּראָזע־סטיל. אָנשטאָט דער צניעותדיקער, שעפערישער העזה ביים שיל־דערן אברהמען ווי אַ היינטצייטיקן רייכן „באַלעבאָס" אין די „חומש־לידער", האָבן מיר אין ראָמאַן אַ לייכטזיניקע חוצפה ביים שילדערן אייפערזוכט־סצענעס צוויש די מלכים שאול און דוד; אָנשטאָט דעם קינסטלערישן געפיל פאַר מאָס, דער גאַנצקייט און צוועקמעסיקייט פון די „חומש־לידער", האָבן מיר אינעם ראָמאַן אַ קינסטלערישן כאַאָס, אַ ציללאָזע צעיושעטקייט פון דער פאַנטאַזיע, וואָס ווערט

אַ ציל פֿאַר זיך אָדער וואָס דינט ווי אַ מיטל ציניש אויסצולאַכן צוליבן אויסלאַכן גופֿא (אַנשטאָט דער צילבאַוווסטער סאַטירע און הומאָר).

* * *

צווישן מאַנגערס ביכער איז דאָ איין קליין ביכעלע, וואָס פֿאַרדינט ספּעציעל דערמאָנט צו ווערן אַפֿילו אין אַזאַ אַלגעמיינעם איבערזיכט פֿון מאַנגערס שאַפֿן. דאָס דאָזיקע ביכעלע הייסט „די בריוו פֿון וועלוועלע זבאַרזשער צו מלכהלע דער שיינער". די דאָזיקע עטלעכע לידער וועגן דער ליבע פֿון יידישן טרובאַדור און וואַגאַנט צו דער יידישער שניידערין מלכהלע זענען איינע פֿון די פּרעכטיקסטע פּאָעמעס וועגן ליבע. פּונקט ווי מאַנגער האָט פּרצן נאָך געקאָנט געפֿינען אין זיין פּילסטרוניקער דיכטערישער נשמה פֿרישע טענער אויף איבערצוגעבן זיין יראת הכבוד פֿאַרן מיטאָס־ און רעליגיעזשאַפֿנדיקן נס פֿונעם בעל־שם און פֿאַר די צדיק־דערשיינונגען בכלל, האָט מאַנגער אויך געפֿונען אין זיך צניעותדיק־צאַרטע טענער אויף איבערצוגעבן דעם אייביק נייעם נס פֿון ליבע.

זאָג, מלכהלע די שיינע

„זאָג, מלכהלע די שיינע,
צי געדענקסטו נאָך דאָס ליד:
„ס'איז בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט"?
כ'האָב דיר דאָס ליד געזונגען
איידער די באַן איז אַוועק,
איידער די האַרבסטיקע ווינטן
האָבן פֿאַרוויינט דעם וועג.
די באַן איז אַוועקגעפֿאָרן
און ס'איז אַוועק די שיף.
איצט וואַרקעט נאָך מיין בענקשאַפֿט
מיט לידער און מיט בריוו.
ביי לופּו סין לופּו אין שענקל
זיץ איך ביים גלעזל וויין,
אַ פֿרומער שטערן פֿינקלט
דורך דער שויב צו מיר אַריין.

וואָלט איך געווען אַ שטערן,
וואָלט איך לאַנג נישט געטראַכט
און וואָלט מיט אַ שטילן ציטער
געפאַלן אויף דיין דאַך.
און וואָלט איך געווען אַ שניידער,
וואָלט איך געפלויגן צו דיר
און מיט מיין גאָלדענעם פינגערהוט
אָנגעקלאַפּט אין דיין טיר.
וואָלסטו אַרויסגעקומען
אין דיין לאַנגן, געשטיקטן העמד,
און די פרעמד, וואָס האָט דיך געפאַנגען,
וואָלט מער נישט געווען פרעמד.
„סקאצל קומט" — וואָלסטו געמורמלט,
מיך פאַרבעטן אין שטוב אַריין
און ס'וואָלט פאַרשמעקט אין שטיבל
מיט יונגע ניס און ווייַן.
בין איך אָבער נישט קיין שטערן
און אַפילו קיין שניידער ניט,
איז מיר בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט".

מען ווערט דערשטוינט: נאָך „שיר השירים", נאָך היינעס „בוך פון די לידער", נאָך אומצאָליקע ליבע־דיכטערס, — באַזינגען אַ געוויינלעכע ליבע פון עפּעס אַ זבאַרזשער און עפּעס אַ מלכהלע כמעט אָן אײן איינציקן דיסאָנאַנס פון באַנאַלקייט? (הגם דעם „גאָלדענעם פינגערהוט" האָט ער, למען האמת, געמעגט אַרויסלאָזן...). סאַראַ בתולהדיקע קראַפט פון איבערלעבונג און דיכטערישער פאַרוואַנד־לונג!

אָט די קראַפט ווייזט מאַנגער אַרויס כמעט ביי יעדן טריט זיינעם, און זי טאַקע מאַכט אים פאַר איינעם פון די גרעסטע דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור, אין וועלכער די דיכטונג איז היינט צו טאָג דער סאַמע אַנטוויקלטער זשאַנער און אונדזער גרעסטע האָפענונג.

אָבער די דאָזיקע האָפענונג איז נישט ווייניק באַשאָטנט. וועגן די דאָזיקע שאָטנזייטן פון דער דיכטערישער דערשיינונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מאַנגער", וועל איך דאָ נישט ריידן. עס ווילט זיך נאָר

וואַרעמען די האָפענונג, אַז מאַנגערס דיכטערישע קראַפט וועט גובר זיין אירע אינערלעכע שטערונגען, ווי זי האָט זי שוין נישט איין מאָל גובר געווען (און אַ באַווייז דערפאַר איז זיין יעדעס ביכל), און זי וועט געבן דער יידישער ליטעראַטור דאָס, וואָס זי איז באַרעכטיקט צו דערוואַרטן פון אים, משפטנדיק לויט זיין ביז איצטיקן צושטייער צו איר.

אמן!

שאַנכיי, 1942.

דאָס בעסטע ליד מאַנגערס

פאַראַן דיכטער, וואָס אַז איר לייענט זיי, קומט אין אייך אויף אַ פראַגע: וואָסער ליד זייערס איז דאָס ערגסטע?

איר ווייסט גאַנץ גוט בשעת מעשה, אַז אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָנט איר נישט געבן קיין קלאָרע, פעסטע תשובה, ווייל עס איז שווער אויסצומעסטן די חסרונות פון אַזוי פיל שלעכטע לידער און פעסטשטעלן מיטן אַקוראַט וואָסער ליד עס איז דאָס ערגסטע. נישטאָ אַזאַ וואָג און נישטאָ אַזאַ מאָס, מיט וועלכע דאָס זאָל זיך לאָזן אָפּוועגן און אויסמעסטן...

פאַראַן אָבער דיכטער, וואָס אַז איר לייענט זיי, שטעלט זיך פאַר אייך אַ פאַרקערטע פראַגע: וואָסער ליד זייערס איז דאָס בעסטע?...

אויך אויף דער פראַגע איז שווער אָדער אוממעגלעך צו געבן אַן אויסבאַלאַנסירטע תשובה, אָבער מאָראַליש איז אויף איר שוין לייכטער צו ענטפערן, ווייל די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט דאָס מאָל אין אייער ענטפער איז אַ קלענערע.

אַרויסטראָגן אויף אַ ליד דעם אורטייל אַז עס איז דאָס ערגסטע, איז, אַ חוץ אין געוויסע פאַלן, גרויזאַם, אויב דאָס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק; אָבער איבערשאַצן די געראָטנקייט פון אַ ליד און טייטלען אויף עס מיטן פינגער, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, איז נישט אַזוי פול מיט אחריות, אויב אַפילו דער אורטייל אין פּאָזיטיוון זין איז נישט אין גאַנצן ריכטיק... (העכסטנס וועט דער צעך פּאָעטן פאַריבל האָבן!...).

יעדנפאַלס אַזוי דאַכט זיך מיר...

* * *

איך האָב היינט געלייענט צוויי לידער־ביכער. ביי איינעם איז אין מיר אויפגעקומען די פראַגע וואָסער ליד אין דאָזיקן בוך איז דאָס ערגסטע; ביים צווייטן איז אין מיר אויפגעקומען די פראַגע — וואָסער ליד אין אים איז דאָס בעסטע.

די ערשטע פראַגע איז פולשטענדיק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון מיין געמיט דורך דער צווייטער.

דאָס צווייטע בוך לידער האָט געהערט מאַנגערן, וועלכן איך לייען אָפט ביז זעלבסט־פאַרגעסונג. עס איז דאָ אין זיין בוך אַזוי פיל שיינקייט, אַז ביים לייענען אים, פאַרכאַפּט איך אָפט דעם אָטעם.

שיינקייט בכלל, און אַוודאי און אַוודאי שיינקייט פון לידער, איז נישט איינטאָניק; זי איז פאַרשיידנאַרטיק און אַזוי רייך מיט ניואַנסן פון שיינקייט, אַז איר פאַלט אַריין אין אַ מיינונגס־געווירבל: דאָ דאַכט זיך איך, אַז דאָס שענסטע ליד זיינס איז „6־טער נאָוועמבער, 1940"; דאָ דאַכט זיך אייך אַז דאָס איז זיין ליד „נטעס שלאָפליד"; און דאָ דאַכט זיך אייך אַז דאָס איז דאָס ליד און דאָס איז יענץ ליד, — עס זענען דאָ אַזוי פיל קאַנדידאַטן אויפן שענסטן ליד, אַז איר ווערט צעטומלט און איר זענט נישט ביכלת ענדגילטיק אָפּצוקלייבן דאָס שענסטע ליד.

אָבער ווען עפּעס אין מיר שפּאַרט זיך איין דווקא אָפּצוקלייבן מאַנגערס שענסטע ליד, מאַך איך זיך האַרץ און איך באַשטים פאַר זיך: דאָס שענסטע, רייפסטע און טיפסטע ליד מאַנגערס איז דער סאָנעט „דער נביא און שטיין". (געזאַמלטע לידער „ליד און באַלאַדע", זייט 480).

אין די דאָזיקע 14 שורות איז אַריינגעפּרעסט אַזוי פיל רייפע קונסט, אַזוי פיל פּלאַסטישע קראַפט, אַזוי פיל עמאָציאָנעלער אויפ־ברויז, אַזאַ טיפער געדאַנק, וואָס רודערט אויף, אַז עס איז שווער צו געפינען זיינס גלייכן אַפילו ביי מאַנגערן. בלויז 14 שורות און זיי עפענען פאַר אייך אַזויפיל האָריזאָנטן!

דאָס איז דאָס שענסטע ליד מאַנגערס; נאָכמער: אַ גרויס ווערק אין אַ קליינער סאָנעט־פאָרעם.

זאָגן דאָס איז מיר נישט געווען לייכט; אָבער דאָס צו באַווייזן איז נישט דער ערך שווערער.

אָבער פּרוּוון מוז מען, ווייל כל זמן איך שרייב דאָס נישט אויף,

איז מיין געמיט פול דערמיט און דאָס גיט מיר נישט קיין רו. אָט דער דיכטערישער שקלא וטריא קרייזט אין מיין בלוט און פּאָדערט צודרינגלעך אַן ענטפער...

* * *

אין איינעם פון מיינע פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן מאַנגערן, האָב איך אַמאָל געשריבן, אַז ער פּאַרמאָגט אין זיינע לידער נישט נאָר אַ ים דיכטערישער אינספּיראַציע, נאָר אויך אַ ים קינסטלערישן קאָנען. אָט דיביידע עלעמענטן — דיכטערישע אינספּיראַציע און קינסטלערישער קאָנען — זענען האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן אין דעם אויבן דערמאָנטן סאָנעט — „נביא און שטיין“.

גלייך ווי איר הויבט אָן לייענען די ערשטע שורות פון סאָנעט:

„די בּאָרוועסע טריט פונעם נביא אין מאַרק
איילן אין פּחד. די צעשויבערטע באָרד
ציטערט, ווי ס'ציטערט אין מויל גאָטס וואָרט,
פאַר די קצבישע פויסטן וואָס זעצן אין קאַרק“,

הערט איר אויף צו פילן ווערטער, — איר דערזעט פאַר זיך אַ סטאַטוע, אַ סקולפּטור־גרופּע, — דעם איילנדיקן נביא, זיין ציטערדיקע באָרד, די נאָכלויפנדיקע קצבים, וואָס זעצן מיט זייערע פויסטן אין נביאס קאַרק.

די בהלה וואַקסט:

„פון גאַסן און געסלעך שטראָמט קינד און קייט.
זיי יאָגן, זיי האָניען דעם דולן ייד,
וואָס האָט זיך צעדונערט אין מיטן יריד:
דער קץ איז נאָענט. יידן, זייט גרייט!“

און אָט האַלטן מיר שוין ביים קלימאַקס:

„ער לויפט. ס'פליט אַ שטיין. געטראָפן. ער פאַלט
און פאַלנדיק פילט ער: דער שטיין איז אַלט
ווי ער, די נבואה און די ערד —
בלוט טראָפנס אין זאַמד. ער טאַפּט מיט די הענט,
זוכט צערטלעך דעם שטיין. ער האָט אים דערקענט,
אין יעדן גלגול איז ער אים באַשערט“.

די פּלאַסטישע אַריינפיר־פערזן, וואָס שאַפן אַ פיגורן־גרופּע ווי אויסגעהאַקט אין מאַרמאָר, לייזט זיך אויף אין אַ ליריש געפיל, אין נביאס זוכן צערטלעך דעם שטיין, וואָס איז אים אַזוי גוט באַקאַנט.

וואָס איז זיין אייביקער גורל אין אַלע גלגולים זיינע פון אייביק ביז אייביק. עס איז נישט אָפּצוטיילן זיין אייביקע מיסיע צו שרייען אין זיין „דולקייט", אַז „דער קץ איז נאָענט; יידן, זייט גרייט!", פונעם שפּיציקן שטיין, געשליידערט פון המון.

דער געדאַנק, וואָס פאַראייניקט אין אייביקער אומפאַרמיידלעכ־קייט די אייביקע נביא־אייגנשאַפט, די אייביקע ערד און דעם אייביקן שטיין, וואָס צעבלוטיקט, איז געוואַלדיק אין זיין פּשטות, אין זיין אומאָפּפרעגבאַרקייט...

דאָס דאָזיקע ליד מאַנגערס איז דאָס שטאַרקסטע און שענסטע ליד אין זיינע געזאַמלטע לידער.

אויך דאָס טיפסטע...

* * *

איך ווייס נישט וויפל אַזעלכע גרויסע לידער עס פאַרמאָגט די אַלוועלטלעכע דיכטונג, די יידישע. אָבער איך בין זיכער, אַז צו גרויס איז נישט זייער צאָל. און דאָס דאָזיקע ליד מאַנגערס וועט זיך ווי געהעריק אַריינפּאַסן מיט זיין פאָלקאָמענקייט אין זייער קליינעם קרייז, — וויפל און פון וואָסער פאַרנעם זיי זאָלן נישט זיין... עס וועט זיך פיין רעפּרעזענטירן אין דער גרעסטער און פיינסטער געזעלשאַפט, ווייל עס פאַרמאָגט דעם צויבער פון פאָלקאָמענקייט אין אַלע דימענ־זיעס, — פאָלקאָמענע פאָרעם אין איר פּשטות, טיפסטן געדאַנק אין זיין גאַנצער קלאָרקייט, צוציענדיקייט פון וואָרט אָן איבעריקע פויל־עלעמענטן...

אַ בוך מיט זיבן מעלות

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: „אַ שטוב מיט זיבן פענצטער".
פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1957. 288 זייטן.

ווי וויינט איך בין פון דער יידישער ליטעראַטור!

איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג, אָבער איצט האָב איך דערויף אַ שלאָגנדיקן באַווייז, — כמעט אַ מאַטעמאַטישן: אין 1957 איז דערשינען מאָלאָדאָווסקיס אַ באַנד דערציילונגען („אַ שטוב מיט זיבן פענצטער") און ערשט אין 1963 איז עס דערגאַנגען צו מיר...

דאָס פֿאָלקסלידל זינגט: „אַן אָרעמע מומע, פֿאַרט אַ מומע; נישט געבעטן, אַליין געקומען".

איך האָב דאָס רעכט צו פּאַראַפֿראַזירן דאָס דאָזיקע לידל: „הגם אַ פֿאַרשפּעטיקטע — פֿאַרט אַ מתנה; טאַקע אַן אומגעבעטענע, אָבער גאָר אַן אָנגעלייגטע".

יאָ, אָט די מתנה איז מיר געווען גאָר־גאָר אָנגעלייגט. איך האָב אפֿשר נישט אַזוי איבערגעציילט אירע מעלות (קאָן זיין ווייניקער פֿון זיבן און קאָן זיין מער ווי זיבן...), אָבער איך האָב זיך שוין לאַנג אַזוי נישט געפֿרייט מיט אַ בוך דערציילונגען, ווי דאָס מאָל.

פֿון דעם ביסל ביכער, וואָס איך קריג, פֿון דעם ביסל פֿונעם ביסל, וואָס איך קאָן באַוויזן צו לייענען, האָבן ביי מיר אָפּט (נישט תמיד) די ערגסטע מיינונגען די „פֿיקציע"־ביכער; איך האָב באמת געגומען גלויבן, אַז מען האָט ביי אונדז לגמרי פֿאַרגעסן ווי מען שרייבט אַ דערציילונג, אַ זייטל בעלעטריסטישע פּראָזע, — איך האָב געגומען גלויבן, אַז בעלעטריסטיק אין אונדזער ליטעראַטור איז באמת געוואָרן אַ פֿיקציע...

איז געקומען מאַלאַדאָווסקיס „שטוב מיט זיבן פֿענצטער", און אַז כ'האָב אַריינגעקוקט אין זיי, האָב איך דערפֿילט אַ וואַרעמקייט, וואָס נאָר עכטע שאַפֿונג רופֿט ביי מיר אַרויס: איך האָב דאָרט גע־פֿונען אַ סך יידישע פּראָזע, יידישע דערציילונגס־קונסט אין דער אומגעקינסטלטסטער פֿאָרם...

* * *

אין קאַדיע מאַלאַדאָווסקיס בעסערע לידער (בעסערע, נאַטיר־לעך, פֿאַר מיר, פֿאַר מיין גייסטיקן געברויך) האָב איך תמיד געפֿילט (צי כ'האָב דאָס אויסגעדריקט אין מיינע רעצענזיעס, צי נישט) איר אייגנשאַפֿט צו דיכטן שבתדיק מיט די וואָכעדיקע מיטלען. נישט נאָר זי נעמט אַ וואָכעדיקן אינהאַלט און גיט אים צו אַ שבתדיקע קונסט־פֿאָרם, נאָר זי נעמט אַ וואָכעדיקן אינהאַלט, קליידט אים אָן אין אַ וואָכעדיקער פֿאָרם און די וואָכעדיקייט פֿליוס וואָכעדיקייט שאַפֿט שבתדיקע קונסט, וואָס שענקט אייך אַ שבתדיקע שטימונג.

די גרעסטע טייל פֿון מאַלאַדאָווסקיס דערציילונגען אין דאָזיקן באַנד באַשעפֿטיקן זיך מיטן נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין אַמע־ריקע. אָבער אייניקע פֿון זיי באַשעפֿטיקן זיך מיטן אַלטן לעבנס־שטייגער אין די פּוילישע שטעטלעך, און אויף אַזאַ אופֿן, אַז עס

נעמט ביים האַרצן, — מען דערפילט ביז ווייטאָק סאַראַ סך מיר האָבן פאַרלוירן מיט זייער אונטערגאַנג. מאַלאַדאָווסקי אַגיטירט נישט פאַרן לעבנס־שטייגער אין דער אַלטער היים, אָבער די פשוטע שילדערונג רעדט ווערטער, די פשוטע דערציילונגען איבערצייגן מיט זייער קינסטלערישער איבערצייגעוודיקייט.

די שענסטע דערציילונג פון דאָזיקן מין (און אפשר פון גאַנצן בוך) איז די לעצטע דערציילונג „זרח דער קהלשער". דאָס איז אַ שטיק רירנדיקע גייסטיקע שיינקייט.

אמת, ווען רחמיאל דעם פאַרבערס הספד אויף „זרח דעם קהלשן" וואָלט געווען איינפאַכער אין דער שפּראַך, ווען ער וואָלט נישט גע־זאָגט צום טויטן ר' זרח, אַז „איר האָט אונדז באַשיינט און געאַכפּערט די געמיטלען פון פראָסטער האַרעוואַניע"; ווען ער וואָלט נישט פאַר־גליכן ר' זרחס בלעכענעם עמער, מיט וועלכן ער „האָט געשווענקט די שויבן פון בית־מדרש", מיט די גאָלדענע כלים פון שלמה המלך, „וואָס האָבן דערפרייט און געלוסטיקט דאָס פאָלק ישראל", וואָלט די דערציילונג געהאַט מיט צוויי פון אירע שוואַכסטע פונקטן ווייניקער, ווייל רחמיאל דער פאַרבער האָט נישט געקאָנט נוצן אַ שפּראַך ווי אונדזערע בראָדוויייער שפּראַך־נאָוואַטאָרן נוצן, מיט „געאַכפּערט די געמיטלען", מיט פאַרגלייכן אַ בלעכענעם עמער צו די גאָלדענע כלים פון בית־המקדש, וואָס האָבן „געלוסטיקט" דאָס פאָלק ישראל. אונ־דזערע רחמיאל די פאַרבערס האָבן גערעדט נאַרמאַלער, נאַטירלע־כער, נישט מיט קיין אויסגעקליגלטער שפּראַך. און די גאָלדענע כלים פון בית־המקדש וואָלטן זיי קיין מאָל נישט פאַרגליכן מיט אַ בלעכענעם עמער, וועלכן מען נוצט אויף אָפּצושווענקען די שויבן פון בית־המדרש. אָבער אַפילו מער מאָדערנע שפּראַך־קליאָטשע וואָלט נישט געקאָנט קאַליע מאַכן דעם געזונטן וואָרצל פון אָט דער דערציילונג, וואָס רירט טיף אונדזער האַרץ גראָד מיט דעם וואָס ווערט נישט אַרויסרופעריש אונטערגעשטראָכן, — מיט די מידות פון אונדזער פאָלקסטימלעכן אַמאָליקן לעבנס־שטייגער, — אָבער דאָס שטראַלט אַרויס פון זיך אַליין פון יעדן קנייטש פון דער דער־ציילונג, וואָס דערהויבט זיך אָפּט צו דער מדרגה פון אַ עניוותדיקער פּאָעמע, ווו יעדע געשעעניש פאַרמאָגט די טיפקייט און פילזייטיקייט פון אַ סימבאָל...

„זרח דער קהלשער" איז נישט די איינציקע דערציילונג אין

דאָזיקן בוך, וואָס דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון דיכטונג, וואָס איז פול מיט שטימונג.

נעמט די דערציילונג „די שנור". ר' שעיהס רייד צו זיין ווייב, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק אַז איר זון וועט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ משפחה אָן יחוס און אָן געלט, רירן ממש מיט זייער פשטותדיקער מענטשלעכקייט און עכטער ייִדישלעכקייט:

„וואָס איז? — זאָגט ר' שעיה מיט כעס צו זיין ווייב, וואָס גריזשעט אים פאַרן געשפּענסט צו קריגן אָרימע מחותנים, — קיין משומד איז ער נישט? דאַווענען דאַוונט ער? אַן ערלעכער ייִד איז ער? וואָס איז? דו מיינסט, אַז די תורה האָט מען געגעבן נאָר פאַר יחסנים? מען האָט געגעבן פאַר אַלע ייִדן! — האָט ער אויס־געדרופן מיט אַ געשריי, — און לאָז מיך צורו!"

און ווען ר' שעיה גייט אַרויס פון זיין הויז און זעט טייבלען, — „די שנור", — ווי זי שטייט אומזיכער אויף דער גאַס און וואַרט אויף זיין זון, זאָגט ער צו איר:

„נו, וואָס שטייסטו? דו קענסט זיך דאָך זעצן אויף דער באַנק... צוויי בענק ליידיקע אויף דעם גאַניק, נו"...

און ווען טייבל גייט אַרויף אויפן גאַניק און זעצט זיך, זאָגט ער:

„אָט אַזוי, צו וואָס דאַרפסטו וואַרטן שטייענדיק?"

דאָס איז אַזוי פשוט, אַז פשוטער קאָן שוין נישט זיין, און דאָך, ווען מאַלאַדאָווסקי דערציילט: „פאַר טייבלען זענען געווען אַזוי אומ־געריכט זיינע מילדע, פשוטע ווערטער, אַז זי האָט פאַרגעסן אַז זי וואַרט אויף ישראליקן. זי האָט נאָכגעקוקט ר' שעיהן, זיין רואיקן גאַנג, און זי האָט געפילט אַ וואַרעמען בלויען הימל איבער דער וועלט", נעמען מיר דאָס נישט אויף ווי סענטימענטאַלע מליצה, ווייל מיר דערפילן אויך דעם דאָזיקן וואַרעמען בלויען הימל איבער דער וועלט פון די דאָזיקע פשוטע ווערטער ביי דער דאָזיקער סיטואַציע.

היינט די פאָלקסטימלעכע שיינקייט פון טייבלס מאַמעס רייד צו איר, ווען זי קומט מיט איר חתן אַהיים שפּעט ביינאַכט, און די מאַמע וואַרט איר אָפּ ביי דער שוועל און זאָגט איר, ווי ישראליק, דער חתן, זאָל נישט זיין דערביי:

„ווי לאַנג וועסטו זיך אַרומשלעפּן מיט אַ גבירישן זון? האַ, טייבל? אַ ווינטער, אַ זומער, וויפל איז דער שיעור? איך האָב,

גאָט צו דאַנקען, מיט וואָס חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער, אָבער דעקן חרפּות האָב איך נישט מיט וואָס. דו הערסט, טייבל ?

„אַ מיידל, וואָס עס גייט אַראָפּ פון איר דער גלאַנץ, איז ווי אַ שוך, וואָס עס' פאַלט אַראָפּ פון איס די פּאָדעשווע. גיי אויף דעם! און קיין נייעם לעבן קאָן מען נישט קויפן, דו הערסט, טייבל ?"

פאַר מיר איז אין דער דאָזיקער סצענע דאָ שיינקייט, מענטש־לעכקייט, — שיינקייט וואָס איז געווען אין יידישן לעבן, אויסגע־דיסטילירטע שיינקייט פון דורות...

די דאָזיקע דערציילונג איז צום סוף אפשר צו סענטימענטאַל און צו מוסר־השכלדיק, — טייבל, וואָס איז געוואָרן אַ גבירטע מיט איר מאַן (נישט ר' שעיהס זון, וועמען די מאַמע פאַרטרייבט קיין אַמערי־קע), העלפט דעם פאַראָרימטן ר' שעיה; אָן סוף וואָלט זי אויך גאָר־נישט פאַרלוירן פון איר טיפער מענטשלעכקייט, ווייל פאַר אַ דערציי־לונג איז גענוג ווען זי צעשפּרייט איבערן לייענער כאָטש איין מאָל אַ וואַרעמען, בלויען הימל...

צו די דערציילונגען פון דאָזיקן באַנד, וואָס זענען אַ סך מער ווי בלויז גאַנץ פיינע שטייגער־בילדער פון דער אַלטער היים, געהער די דערציילונג „הינדע די גערטנערקע".

צו הינדען דער גערטנערקע באַציען זיך אַלע אין שטעטל מיט גרינגשעצונג צוליב איר אויסערגעוויינלעכער קאַרגשאַפט. די דאָזיקע באַציאונג ענדערט זיך אָבער ראַדיקאַל, ווי נאָר מען דערוויסט זיך, אַז זי האָט געקאַרגט צוליב אַ גרויסן ציל: לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה.

מיט וואָסערע פּשוטע און, כ'וואָלט געזאָגט, דעליקאַטע מיטלען מאָלאָדאָווסקי באַווייזט אַרויסצוברענגען די גוטע מידות פון אַמאָליקן שטייגער־לעבן, ווו דרך־ארץ פאַר גייסטיקע ענינים איז געווען די לעבנס־אַטמאָספער פון שטעטל, ווען דער פּרימאַט פון גייסט האָט געהערשט אין אַ מאָס, וואָס אונדז איז זיך שוין היינט שווער פאָרצו־שטעלן.

פאַראַן אַ טייל דערציילונגען אין דאָזיקן באַנד, וואָס זייער טעמע איז קריטיק פון נייעם שטייגער־לעבן: דאָס שילדערן די דעפאָרמאַ־ציע פון דער יידישער נשמה אין איר באַציאונג צו עלטערן, צו ענינים פון גייסט, צום גאָלדענעם קאַלב, צו נאַציאָנאַלע ווערטן.

נעמט, למשל, אַזאַ דערציילונג, ווו עס ווערט געשילדערט אַ ציוניסטיש פּאָרפּאָלק, וואָס פּרעדיקט ציוניזם, אַרבעט פּראַקטיש פאַרן

ציוניזם אָבער ווען זייערס אַן אייגן קינד וויל פאָרן קיין ישראל (נישט אויף אַ לוסטרייזע) הויבט זיך אָן אַ טראַגעדיע: וואָס טוט מען מיטן משוגענעם, וואָס נעמט עס ערנסט?

דער טאַטע איז אויפגעבראַכט אויפן זון, וואָס האָט די העזה אים צו שטעלן אַ פראַגע, אויף וועלכער ער קאָן נישט ענטפערן:

„פאַרוואָס ביסטו אַ ציוניסט, פרעגט ער מיך!... אַן איינפאַל! אַלעק באַשליסט און ער רעגיסטרירט זיך! וואָס וועט ער דאָרט ווערן אין ארץ־ישראל? אַ שטיינהאַקער? אָפּגעלעבט אַ לעבן און מאַכן דעם זון פאַר אַ שטיינהאַקער!"

אָבער וואָס איז דער סוף פון דאָזיקן פאַמיליע־קריג?

די מאַמע, די הייסע ציוניסטקע, קריגט זיך נישט מיטן זון, ווי דער טאַטע, דער הייסער ציוניסט, וואָס דער זון פרעגט אים קשיאָס אויף וועלכע ער קאָן נישט ענטפערן, אויף וועלכע עס איז נישטאָ קיין ענטפער; זי שיקט אונטער אַ שיין מיידל צום זון, ער פאַרליבט זיך אין איר און דער זון בלייבט צו דער צופרידנקייט פון די ציוניסטישע טאַטע־מאַמע, וואָס וועלן ווייטער קאָנען „טאָן" פאַרן ציוניזם, פרעדיקן חלוציזם.

די מאַמע האָט דאָס לעצטע וואָרט אין דער דערציילונג:

„נו, שלמה, דאַרף מען זיך קריגן מיט אַ קינד? דו זעסט וואָס מען קען מאַכן מיט גוטסקייט?!

„שלמה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געשוויגן".

אָט די דערציילונג „חתונה געהאַט" געהער טאַקע צו די דער־ציילונגען וועגן נייעם שטייגער־לעבן אין יידישן אַמעריקע, אָבער עס איז פון טיפערן מין דאָזיקע דערציילונגען: עס האָט אַ שייכות מיט דער חרוב־געוואָרענער עכטער יידישקייט, וואָס איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ פאַרצבי־עותטער יידישקייט, מיט וועלכער מען פאַראַדירט, אָבער מען וויל זי זאָל גאָרנישט קאָסטן, סיידן אַ פּאָר גרינגע דאָלאַרן.

צום זעלבן מין בעסערע און טיפערע דערציילונגען וואָס דעקן אָפּ פאַרפוילטע וואָרצלען פון יידישן לעבן, געהערן אויך די דערציילונ־גען, אין וועלכע עס ווערט אָפּגעדעקט אָדם נאַקעט איינע פון די גרעסטע מכות פון יידישן לעבן אין אַלע נייע עמיגראַציע־לענדער: די מכה פון ביליקער כבוד־זוכעריי און כבוד־קריגעריי (כבוד־קריגע־ריי ווערט דאָ באַנוצט אין צווייפאַכן זין: אין זין פון קריגן זיך פאַר

דעם און אין זין פון באַקומען דאָס; אגב: אויב דער זעצער וועט דאָס דאַזיקע ווערטער־פּאָרל פאַרגרייזן אויף כבוד־קריכערייַ, וועט עס אויך זיין אויפן אָרט).

עס זענען דאָ אין דאַזיקן בוך אויך אַנדערע גוט געשריבענע דערציילונגען, חנעוודיקע, אַפילו גאָר חנעוודיקע, ווי, למשל, „אַהיים אויף פּסח" און אַ סך ענלעכע, אָבער מירן זיך אויף זיי נישט אָפּ־שטעלן ספּעציעל, ווייל נישט זיי זענען די ראַזשינקעס פון דאַזיקן בוך (די ראַזשינקעס פון דאַזיקן בוך זענען די דערציילונגען, אויף וועלכע איך האָב זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אָדער די, וועגן וועלכע איך וועל נאָך שפּעטער זאָגן אַ פּאָר ווערטער).

איך וועל זיך אויך נישט אָפּשטעלן אויף אַזאַ דערציילונג ווי „ערב דער נסיעה" (זייט 169), וואָס צייכנט זיך אויס מיט פּסיכאָלאָ־גישער דינקייט, וואָס גייט צו צו איינער פון די הויפּט־טעמעס פון אונדזער ליטעראַטור (צום חורבן) פון אַ גאָר אַנדערער זייט, פון אַ דין־פּסיכאָלאָגישער, ווי איך האָב שוין באַמערקט, און זי וואַרפט זיך נישט אין די אויגן און זי וואַרפט זיך נישט אָן אויפן לייענער, אָבער אָט די ברעקלעך דינע פּסיכאָלאָגיע רעדן אַ סך צו אייך אין געוויסע מאָמענטן, ווען שטילקייט נעמט ריידן, זיי דערקלערן אַ סך, לאָזן הערן אַ סך...

און נאָך עפּעס: די לייכטסטע דערציילונגען, וואָס האָבן, דאַכט זיך, קיין וואָג נישט, פאַלן אָפּט אויפן געמיט אַזוי שווער, ווייל עפּעס ווי בהיסח הדעת רופן זיי אַרויס אויפן ראַנד פון באַוווסטזיין, אַ קאָנ־טראַנטאַציע מיטן אַנטיפּאָד פון דאַזיקן נייעם שטייגער — מיטן בילד פון אַלטן לעבנס־שטייגער.

*　*　*

אין דאַזיקן בוך, אין דער דאַזיקער יידישלעכער „שטוב מיט זיבן פענצטער" איז דאָ אויך אַ פענצטער, פון וועלכן עס גיט אַ קוק אַרויס אויף אונדז קאַדיעס שפּילעוודיקע מוזע — איר דיכטעריש געמיט. דאָס זענען פון איין זייט די פּאָר דערציילונגען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „טוליע שאָר דערציילט". זיי זענען דין, ליריש און צעוויקלען זיך פאַר אייך ווי שיינע, געמיט־פאַרכאַפּנדיקע פּסיכישע לאַנדשאַפטן, וואָס זייער שיינקייט איז שווער אויסצודריקן אין ווערטער (יעדנפאַלס

אין די ווערטער, מיט וועלכע איך דיספּאַניר), אָבער זיי דרינגען דורך איער געמיט ווי טוי. פאַראַן דאָרט אַן אַ שעיור זאַצן, וואָס גיבן זיך אַ צעעפן פאַר אייך, ווי ברייטע האָריזאָנטן, ווי סיגנאַלן פון דער וועלט פון דיכטונג, פון דער וועלט פון שעפערישער פאַנטאַזיע.

צום זעלבן מיר אָנגעלייגטע דיכטערישע געסט געהער אויך די דערציילונג „איביקער זומער" (די שוואַלב), וואָס ווערט אויסגעשפּילט מיט אַזאַ אינסטינקט־זיכערקייט, מיט אַזאַ ווירטואָזישקייט...

* * *

נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שפּראַך פון דאָזיקן בוך.

איך האָב שוין פאַרבייגייענדיק אָנגעמערקט אויף דער טאָן־פאַלשקייט פון געוויסע שטעלן אין דער פּראַכטפולער דערציילונג „זרח דער קהלשער": עס זאָל זיך וועלן, וואָלט מען געקאָנט באַ־מערקן דורך די זיבן פענצטער נאָך שפּראַך־אויסגליטשן. אָבער דאָס איז איז ביי אונדז געוואָרן אַזאַ לייכטע זאַך היינט־צו־טאָג, אַז עס ווילט זיך נישט זוכן אַ זאַך, וואָס קריכט ממש אין די הענט אָן שום אָנשטרענגונג...

איך וועל זיך מאַכן אַ יום־טוב און בעסער זוכן דאָס שיינע אויף אין דער שפּראַך פון דאָזיקן בוך.

די שפּראַך איז פאָלקסטימלעך־זאַפּטיק, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דער דערציילונג „די שנור", אין די ביישפּילן ווי טייבלס מאַמע רעדט. און אַזוי אין אָן אַ שיעור דערציילונגען.

אויך די שרייבערישע בילדערישקייט פון דער שפּראַך איז גוט. אין דער „ראשקאָוויטשער חתונה" זאָגט זיך וועגן הימלאָזן טאַטן, פאַר וועלכן עס איז נישטאָ קיין אָרט ביי זיינע צוויי טעכטער: „ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אַרויסגיין פון סאַבוועי, וועט אים באַגעגע־נען אַן עלנטער רעגן, אַ הימל, וואָס עס דאַכט זיך, אַז ער דאַרף אַליין אַ דאַך..."

ווי גוט דאָס בילד גיט איבער די געמיט־שטימונג פון אַלטן, איינזאַמען טאַטן.

און „אין אַ בראַנזווילער קרעטשמע", וואָס איז ווייט נישט פון די דריי־גראָשנדיקע דערציילונגען, זאָגט זיך: „...הערין האָט זיך

געדאַכט, אַז די יבייגאַכטיקע מילדע וואַרעמקייט נעסטיקט זיך אין די ברייטלעכע אַרבל פון בעלאַס ווייסן מאַנטל".

אָט די קוואַליטעט־בילדלעכקייט איז אַן אָפּטער גאַסט אין קאַדיעס דערציילונגען, — דאָס גיט זיי צו אַ מילדן ליריזם, אַ ווייכע, לייכטע דיכטערישע אַטמאָספער.

* * *

מיטן אַרויסגעבן אָט דאָס בוך האָט דער פאַרלאַג „מתנות" באַרעכטיקט זיין נאָמען.

עס איז אָן ספק אַ פיינע מתנה.

אין פינטל אַריין — ליטעראַטור, פּאָלעמיק און געזעלשאַפטלעכע ענינים

דער פּרעמיעס־סעזאָן

אין אונדזער ליטעראַטור געשעען מאָדנע זאַכן: וואָס ווייניקער גוטע שרייבער מיר האָבן, אַלץ מער ליטעראַרישע פּרעמיעס פאַר־טיילן מיר...

איצט, צום סוף זמן, „קריסטמעס״־צייט, האָט אונדזער סאַנטאַ קלאַוז, דער קולטור־קאָנגרעס, אויסגעטיילט אַזוי פיל פּרעמיעס, אַז נישט ווילנדיק פרעגט זיך: ווו האָט דער קולטור־קאָנגרעס גענומען אַזוי פיל שרייבערס, וואָס זענען ווערט פּרעמירט צו ווערן?...

אָבער דאָס איז, ווי עס שיינט, געוואָרן אַ געזעץ ביי אונדז, אין אונדזער מאָדערנעם לעבן: וואָס ווייניקער יידן עס דאַווענען, אַלץ מער בתי מדרשים און שולן בויט מען אויס... ווען אַ גוטער סטאַטיס־טיקער וואָלט זיך פאַרנומען מיט אויסרעכענען וויפל דאַוונערס עס קומט אויס אויף יעדן בית־מדרש, ספק איך צי עס וואָלט אויסגעקו־מען צו גאַנצער מנין אויף יעדער שול... ער וואָלט גיכער באַדאַרפט אַרבעטן מיט ברוכצאָלן, און עטלעכע שולן וואָלטן זיך געמוזט צו־זאַמענלייגן, כדי צו שאַפן אַ מנין...

היינט שטעלט זיך פאַר: אויב איין נאָבל־פּרעמיע רופט אַרויס אַזוי פיל קנאה־שנאה, אַזוי פיל קאָמפּראָמיטאַציע, טאָ וויפל קנאה־שנאה דאַרף שוין אַרויסרופן אַזאַ שפע פּרעמיעס, וואָס שיטן זיך אויף דער יידישער ליטעראַטור פונעם „שפע־האָרן״ פון „קולטור־קאָנגרעס״ און פון נאָך צענדליקער פּרעמיעלעך?

איז טאָקע „כדי בזיון וקצף״ („גענוג בזיון און ערגערניש״).

קאָן דען נאָך זיין עפּעס מיאוסערס פאַר דער פּאַראַיאָריקער פאַר־שטעלונג, ווען מען האָט עפנטלעך באַצייכנט מאַנגערס שאַפן ווי אַן אָפּגרעפּץ פון אַ שכור? קאָן דען זיין עפּעס מיאוסערס און מער שפּלדיקס, ווי ווען פאַרמיאוסן אַזאַ גרויסע דיכטונג ווי מאַנגערס?

און פאַרוואָס? ווייל די ערשטע לייוויק־פּרעמיע האָט זיך עפּעס אַרויסגעגליטשט פון די הענט פון די שטריקל־ציער און ס׳האָט זי באַקומען מאַנגער און נישט דער אויסדערוויילטער פון דער חברה מאַניפּולירער... און מאַנגער דער מענטש איז נישט קיין פּערסאָנאַ גראַטאַ ביי די שטריקל־ציער און במילא איז אויך זיין דיכטונג נישט סאַלאָן־פּעאיק און זי דאַרף ליגן ביי אַלעמען אין חרם; און אויב נישט, מעג מען זיך זידלען ווי אויף אַ פּישמאַרק.

אין אַ רעצענזיע וועגן אַ בוך פון אַ צענטראַנגיקן שרייבער טאָר זיך נישט געפינען קיין איין קרום וואָרט, אָבער אויב מאַנגער באַ־קומט די לייוויק־פּרעמיע קעגן ווילן פון די שטריקל־ציער, מעג זיין דיכטונג געשטעמפּלט ווערן ווי אַן אָפּגרעפּץ פון אַ שיכור...

נאָך אַזאַ ביישפּיל, איז שוין נישט שייך צו ריידן וועגן די קלע־נערע ביישפּילן... אויב מאַנגערס שאַפן האָט געקאָנט באַקומען אַזאַ פּסק, בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט באַקומען אַ פּרעמיע, וואָס די הינטערקוליסן באַשטימער האָבן דאָס באַשטימט פאַר אַן אַנדערן, טאָ וואָס איז שוין דאָ צו ריידן וועגן די קליינע סטינקעס?...

* * *

איז אָנגעקומען אַ „ייטאַ״־ביולעטין, פול מיט ליטעראַרישע פּרעמיעס, נישט איבערצוציילן, ווי דער זאַמד אויפן ברעג ים און ווי די שטערנס אין הימל. און אַלס צוגאָב — נאָר איין ידיעה וועגן איין פּראָטעסט קעגן די פּרעמיעס. ריכטיקער: נישט קעגן די פּרע־מיעס, נאָר קעגן דעם וואָס עס איז נישט געגעבן געוואָרן אַ פּרעמיע דעם ריכטיקן קאַנדידאַט...

דער „דיכטער מאיר שטיקער פּראָטעסטירט קעגן יידישן קול־טור־קאָנגרעס פאַר נישט געבן אַ פּרעמיע צו א. טאַבאַטשניק פאַר זיין בוך קריטיק״. (פאַרוואָס זאָלן מען אַפילו וועגן ליטעראַרישע פּרע־מיעס שרייבן מיט אַ נישט ליטעראַרישן לשון „פאַר נישט געבן אַ פּרעמיע צו א. טאַבאַטשניק״, בעת אַפילו נישט קיין פּאָעטן און נאָ־וועליסטן וואָלטן געמעגט וויסן, אַז אויף יידיש דאַרף מען זאָגן „פאַר נישט געבן אַ פּרעמיע א. טאַבאַטשניקן״...).

דאָס איז בלויז ס׳קעפּל; אין טעקסט גופא מעלדעט אונדז „ייטאַ״, איז דער פּראָטעסט אַ „שאַרפער״, און „ייטאַ״ גיט אויך איבער עפּעס געניעוערס פון פּראָטעסט־בריוו: עס איז, לויט שטיקערן, באַגאַנגען געוואָרן „אַן אומרעכט״ מיט דעם, וואָס טאַבאַטשניקס בוך איז „איג־נאָרירט געוואָרן ביים אויסטיילן פּרעמיעס פאַרן יאָר 1965 און ער (שטיקער) גיט אַ קאַפּוליער אַנצוהערעניש אין זיין בריוו וועגן „קול־טור־שטריקלעך, וואָס מען האָט געצויגן הינטער די קוליסן״.

שטיקער פילט זיך, ווייזט אויס, געצוג שטאַרק צו שרייבן אַ בריוו מיטן אויבן דערמאָנטן אינהאַלט; אָבער ביי וויפל בלייבט דער דאָזיקער בריוו נישט אָנגעשריבן און דער עיקר — נישט אָפּגע־דרוקט? אָבער דאָס געפיל פון עוולה (פאַר אַן אייגן בוך אָדער, לכל הפּחות, פאַר אַ חברס בוך) לגבי די שטריקלעך, וואָס אַמאָל ציט מען זיי דיסקרעטער און אַמאָל שוין גאַרנישט דיסקרעט, בלייבט און פאַר־שאַפט בלויז בייז בלוט און מיר דאַכט זיך, אַז „אין הצר שוה בנזק המלך״, — די פאַר הונדערט דאָלאַר וואָס די פּרעמיעס טראָגן אַריין, זענען נישט ווערט די פאַרביטערטקייט וואָס זיי טראָגן אַריין אין אונדזער ליטעראַרישן לעבן...

דער דרוק פון הונדערטער אויסגעהונגערטע שרייבערס נאָך דעם כלומרשטן כבוד, וואָס אַ פּרעמיע פאַרשאַפט, ברענגט אַריין אַזאַ דע־מאָראַליזאַציע אין אונדזער שוין אַזוי אויך געצוג דעמאָראַליזירטן ליטעראַרישן לעבן, אַז מען דאַרף דאָס בעסער ליקווידירן — זיי פאַרשאַפן בלויז בייז בלוט, ווי עס ווייזט בולט שטיקערס אָפענער בריוו און הונדערטער נישט פאַרעפנטלעכטע, אין זיך דערשטיקטע פאַריבלס...

דערשטיקטע, אָבער דאָך קומען זיי צום וואָרט אויף צענדליקער אופנים...

דאָס איז אַ רעזולטאַט נישט נאָר פון פּערזענלעכע אַמביציעס, פון יעדנס אויפריכטיקן גלויבן, אַז זיין ווערק פאַרדינט אַ פּרעמיע, נאָר דער עיקר פונעם אומגלויבן (באַרעכטיקט דורך אויגנרייסנדיקע פאַקטן, וואָס קיינער וועט נישט קאָנען אָפּלייקענען), איז אַ צעשטע־רערישע קראַפט אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס זאַמלט איר אויפ־רייס־שטאָף אין אונטערערד און זי דראָט מיט דער אומפאַרמיידלע־כער קאַטאַסטראָפע פון אַ גייסטיקער פאַרוויסטונג...

ליטעראַרישע צווישנרופן

אין ניו־יאָרקער „סביבה" נומער 8, אין קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס אַרטיקל „די נאָמענלאָזע כרובים פון דער ליטעראַטור" שרייבט זי, צווישן אַ סך אַנדערע ענינים, אויך וועגן פּרצעס „דריי מתנות". און זי שטעלט זיך אויך אָפּ אויפן מלאך, וואָס גיט אַן עצה דער פאַר־וואָגלטער נשמה זי זאָל ברענגען שיינע מתנות, וועט זי דערמיט אונטערקויפן די צדיקים און זי וועט זיך אַריינקריגן אין גן־עדן. דער מלאך זאָגט איר אַז „היינטצייטיקע צדיקים האָבן ליב מתנות". און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז אַנטציקט פון דעם רחמנות, וואָס דער מלאך, דער שומר, ווייזט אַרויס דער נשמה. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זאָגט: „...דער חן פון די „דריי מתנות", די וואַרימע היימישקייט; דאָס ביסל רחמנות וואָס נעמטביים האַרצן איז נישט אין די מתנות, נאָר אין דעם פאָרוואָרט צו זיי". ווען „דער שומר, טאַקע אַ מלאך, אָבער פאָרט אַ ייד, האָט רחמנות אויף איר (אויף דער פאַרוואָגלטער נשמה. — י. ר.) און גיט איר עצות ווי אַזוי אונטערצוקויפן די צדיקים", זעט אין דעם קאַדיע מאָלאָדאָווסקי שיער נישט דעם הויכ־פּונקט פון פּרצעס „דריי מתנות", ווייל זי זעט דערין „די באַהעפטונג פון דער פייערלעכער מסירת נפש מיט די מיטעלע שטאַפּלען פון איינפאַכן יידישן רחמנות, פון מיטלייד צום מענטשן. דאָס איז דער פאָלקלאָר וואָס די פייערלעכקייט און די איינפאַכקייט זענען געשפּאַנט צוזאַמען, און דאָס קינסטלערישע ווערק וועבט זיי איין".

זייער אַ שיינע אויסטייטשונג, אָבער דורך און דורך אַ פאַלשע.

דעם מלאכס עצה און זאָג אַז „היינטצייטיקע צדיקים האָבן ליב מתנות", האָט צו טאָן נישט מיט דער יידישער מידה פון רחמנות, נאָר מיט פּרצעס משכילישן פּעריאָד; דאָס איז אַן אָפּהילך פון פּרצעס „שטריימל", וואָס גיט אַ גרילץ אין די „דריי מתנות" ווי אַ קינסט־לערישער דיסאָנאַנס צום גאַנצן אינהאַלט פון דער דערציילונג.

דאָס אַפּאָטעאָזירן אָט־דעם אַנטי־קינסטלערישן גרילץ איז מער ענלעך אויף אַ וויץ, ווי אויף אַ ליטעראַר־קריטישער אַנטפּלעקונג.

* * *

אין זעלבן נומער „סביבה" (נומער 8) איז דאָ שמחה לעווס אַר־טיקל א"נ „ליטעראַטור ביי אַ פאָלק פון תורה".

געפינ איך אין דאָזיקן אַרטיקל אַ מאָדנע אַקסיאָמע: „אין אונ־דזערע ראָמאַנען איז דאָ ליבע, אָבער זייער ווייניק סעקס. עס שטאַמט מסתמא פון אונדזער טיפער מענטשלעכער צניעות, וואָס קען נישט פאַרטראָגן קיין אויסגעלאַסנקייט. ביי דוד בערגעלסאָן, למשל, אין „נאָך אַלעמען", איז דאָ ליבע, אָבער זייער אַ פאַרהוילענער סעקס. און נישט נאָר ביי דוד בערגעלסאָן. עס איז אונדזער נוסח".

ווען שמחה לעוו וואָלט דאָס געשריבן אין לשון נישט „עס איז אונדזער נוסח", נאָר „עס איז געווען אונדזער נוסח", וואָלט ער גע־ווען גערעכט. סיי די באַהויפּטונגען וואָלטן געווען ריכטיקע, סיי די דערקלערונג פון אָט־די דערשיינונגען וואָלט געווען ריכטיק.

אָבער אין נוסח „עס איז אונדזער נוסח" איז דאָ אַ גרויסע אומ־אויפריכטיקייט. אָדער אַ גרויסער פאַרזען.

אמת, י. באַשעוויס געהער צו דער „סביבה", אָבער צי קאָן טאַקע אָט דער וויכטיקער פאַקט (אין אונדזערע ליטעראַרישע מידות!) ענ־דערן דעם כאַראַקטער פון באַשעוויסעס ראָמאַנען ווי „דער שטן אין גאריי" און „די פאַמילע מושקאַט"? זיי זענען דאָך פאַרפּלייצט מיטן אויסגעלאַסנסטן און זינלאָזסטן סעקס. אַפילו דער סעקסישסטער ראָמאַן־מחבר פון נישט קיין תורה־פאָלק וואָלט זיך נישט געקאָנט פאַרשעמען מיט אַזאַ סעקס־שפע. און נישט נאָר זיי — אַפילו אַ מעשה וועגן אַן אומשולדיק פייגעלע מוז זיך ענדיקן מיט סעקס, — מיט „באָברען" זיך אין קאָרידאָר.

און באַשעוויס איז נישט קיין בן־יחיד אין דאָזיקן פּרט, הגם קיינער קאָן זיך נישט פאַרגלייכן צו אים. י. פּערלע דאַרף נישט אָנ־קומען צו זיינע דריי־שטערנדלעך־ראָמאַנען כדי מען זאָל אים נישט פאָרוואַרפן קיין צניעות. אויך אין זיינע קינסטלערישע ווערק האָט ער זיך מיט וואָס צו באַווייזן. אונדזער היינטיקע ליטעראַטור איז שטאַרק הינטערשטעליק לגבי די שרייבער פון די נישט־תורה־פעל־קער אין קינסטלערישקייט, אָבער מיר יאָגן זיי אָן אויפן סעקס־געביט, מיר האָבן דאָס נאָך נישט באַהערשט קינסטלעריש, אָבער אין וואול־גאַרישקייט שטייגן מיר זיי שוין אַמאָל אַריבער, ווי מיר וואָלטן וועלן אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזענע אין משך פון יאָרהונדערטער...

קומען היינט, אין 1963, און געבן אַ זאָג, אַז צניעות „איז אונ־דזער נוסח" אין ליטעראַטור, אין לעבן, דאַרף מען האָבן יידישע חוצפה.

ביי דער געלעגנהייט איז אפשר פּאַסיק צו דערציילן מיין דער־פאַרונג מיט אַן עמך־ייד.

איך טרעף אין גאַס אַ באַקאַנטן שוסטער, וואָס איז אַרויס פון דער ישיבה. ער איז שוין נישט פרום, אָבער עס איז אים געבליבן אַ טיפער דרך־ארץ פאַר אונדזער קולטור־ירושה. און ער לייענט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אויך. און ער באַציט זיך קריטיש צו איר. און ביים געבן אים פאַרריכטן מיינע שיך פלעגט ער כאַפּן אויף איין פוס אַ שמועס וועגן ליטעראַרישע ענינים.

טרעף איך אים, ווי געזאָגט, אין גאַס און ער גיט מיך אַ פרעג: „איר האָט געלייענט דאָס בוך „ר׳ עקיבא״?

ענטפער איך יידישלעך: „אָפּאַטאָשוס?״

גיט ער זיך אַ וואָרף: „ניין. עפּעס פון אַן אַנדערן. איך געדענק נישט דעם נאָמען. אָבער ווי אַזוי פאַרשוויגט מען אַזאַ סקאַנדאַל? מען נעמט איינעם פון אונדזערע גדולים און מען טונקט אים אין אין זנות. עפּעס אויף אַ בוים, מיט ליליתן. טפו!״

און מיין פאַלקסטימלעכער שוסטער אַנטלויפט... איז לאָמיר נישט איבערחזרן דאָ די לעצטע ווערטער וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר פון אויפגערעגטן בן־תורהדיקן עמך־ייד.

אָט דאָס, קאָלעגע שמחה לעוו, איז די מיינונג פונעם עמך־ייד, וואָס דענקט וועגן היינטיקן נוסח פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס באַגילדן אָט די מיינונג וועט נישט העלפן. אין אַ געזעל־שאַפט אָן דיקטאַטור מוז אַרויפשווימען אויבנאויף דער אמת, ווי די סביבה זאָל אים נישט פּיינט האָבן, אויב ער איז אַפילו נישט צום טעם איינעם פון די אויבערשטע פון שטויסל...

דער נוסח, קאָלעגע לעוו, מיט וועלכן איר שטאָלצירט, איז שוין פון לאַנג אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פון אַן אַנדער נוסח, וואָס האָט מיטן תורה־פאָלק קיין שום שייכות נישט. און אויב איר האָט ליב אָט דעם נוסח, מוזט איר באַקעמפן דעם אַנטי־נוסח, וואָס איז דאָ און ער פאַרשפּרייט זיך און ס׳וועט נישט העלפן דאָס זאָגן טויזנט מאָל: „עס איז נישט אונדזער נוסח״.

עס וואָלט אפשר כדאי געווען ברייטער און גענויער דורכריידן זיך וועגן שמחה לעווס עסיי, אָבער היינטיקס מאָל האָב איך געוואָלט מאַכן בלויז „ליטעראַרישע צווישנרופן״.

* * *

אויב ריידן וועגן אַ ספּעציעלן נוסח פון אונדזער ליטעראַטור, איז דאָס אַ נוסח פון גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע.

ביי די נישט תורה־פעלקער זענען דאָ באַקאַנטע שרייבער און אומבאַקאַנטע, באַרימטע און נישט באַרימטע, אָבער ביים תורה־פאָלק זענען קיין נישט־באַקאַנטע, קיין נישט־באַרימטע שרייבער גאָר־נישטאָ.

ביי אונדז ווערט שוין יעדער שרייבער געבוירן אַ גוט־באַקאַנ־טער.

עס דערמאָנט זיך אַ גוט באַקאַנטער אַנעקדאָט וועגן אַ מאָלער, וואָס האָט אונטערגעשריבן זיינס אַ בילד „אַ לייב".

האָט אים אַ גוטער פריינד געפרעגט: דאָס איז אַ לייב? איך דערקען דאָך גאָרנישט...

האָט אים דער מאָלער געענטפערט: טאַקע דערפאַר שרייב איך גלייך אונטער וואָס איך מאָל אויס, ווייל שפּעטער וועל איך אַליין אויך נישט וויסן וואָס איך האָב אָנגעמאָלט...

עס איז דאָך לאָגיש: צו וואָס דאַרף מען אַ גוט־באַקאַנטן שריי־בער טיטולירן „דער גוט־באַקאַנטער שרייבער"? אויב ער איז גוט־באַקאַנט, ווייס דאָך יעדער איינער ווער דאָס איז? איז אָבער דער ענטפער: דער „גוט־באַקאַנטער" האָט כסדר מורא, אַז אויב ער וועט נישט אונטערשרייבן זיין טיטל, וועט ער אַליין נישט וויסן אַז ער איז גוט־באַקאַנט...

און כדי ער גופא זאָל נישט פאַרגעסן ווער ער איז, גייט ער תמיד אַרום מיטן טיטל פאָראויס...

און ס'איז מסתמא נישטאָ אַ ליטעראַטור ווו די זעלבסט־רעקלאַמע זאָל זיין אַזוי פאַרשפּרייט ווי ביי אונדז.

אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל דער יידישער שרייבער איז אַזוי עלנט אין זיין גייסטיקער איינזאַמקייט, אַז ער מוז כסדר, מיט קינסט־לעכע מיטלען, שטאַרקן זיין מאָראַל, ער מוז זיך כסדר געבן איינ־שפּריצונגען... און אין דער דאָזיקער אַטמאָספער האָט זיך אַנטוויקלט אַ רעקלאַמע־מאָדע, וואָס איז נישט נאָר אומאַנשטענדיק, נאָר אויך לעכערלעך.

און לעכערלעכקייט הרגעט אַוועק...

ווער וועט נישט לאַכן פון אַן אונטערשריפט „אַ לייב" אונטער

אַ באַשעפעניש, וואָס קיינער דערקענט נישט צו וועלכן מין חיה עס געהער...

* * *

איך דערמאָן זיך אַ פאַל: איך האָב געלייענט אַ בוך פון אַ דיכטער, וואָס איז געווען פול מיט פרעטענציעזע שטותים. האָב איך געשריבן וואָס איך האָב געטראַכט. אָבער איין זשורנאַל האָט גע־האַלטן, אַז דאָס בוך איז אַזוי נאַריש, אַז עס איז אַ שאָד אָפּצוגעבן פּלאַץ פאַר אים (איך מיין אַז די סיבה איז געווען אַן אַנדערע: מען האָט פּשוט מורא אָנצוהויבן זיך מיט דיכטער, מען וויל קיינעם נישט צעדראַפּען דעם מורינו, — אי, די ליטעראַטור? איז קיינער נישט מחויב זיך צערייסן די קאַפּאָטע פאַר איר...); אַ צווייטער זשורנאַל האָט שוין געהאַט באַשטעלט אַ רעצענזיע...

ווען די רעצענזיע איז געווען געדרוקט, האָב איך געטראַכט: דער רעצענזיע־שרייבער און די רעדאַקטאָרן האָבן וואַרשיינלעך שטאַרק מורא געהאַט נישט צו גילטן פאַר נאַראָנים — האָבן זיי געקוקט אויף דער נאַקעטקייט און געלויבט דעם קעניגס קליידער...

מאַכט זיך אַ מעשה און איך זיץ אין אַ קליינעם קרייז באַקאַנטע. און די באַלעבאָסטע, אַן אינטעליגענטע, זעלבשטענדיק־דענקענדיקע פרוי, וואָס האָט געלייענט די רעצענזיע, מיט די ציטאַטן, וואָס האָבן באַדאַרפט באַרעכטיקן די הונדערט־שטאָקיקע שבחים, גיט אַ זאָג צו מיר:

„איר האָט געלייענט די רעצענזיע?"

זאָג איך אַז יאָ.

פרעגט זי מיך מיט פאָרוואורף:

„ווי שעמט מען זיך נישט צו דרוקן אַזאַ רעצענזיע? עס שלאָגט דאָך צו דער גאַל!...

איך האָב איר געמוזט מודה זיין אַז זי איז גערעכט און כ'האָב נישט געפונען קיין איין פאַרטיידיקונגס־וואָרט נישט פאַרן רעצענזענט, נישט פאַר די רעדאַקטאָרן, נישט פאַרן דיכטער, נישט פאַר דער לי־טעראַטור ווי אַ גאַנצע...

אויב די פרוי וועט לייענען אָט די נאָטיצן, וועט זי האָבן אַ פאַר־לערן ענטפער אויף איר פאַראַכטנדיקער פראַגע פון אַמאָל, ווי כ'האָב איר דאַן געגעבן: אַזעלכע רעצענזיעס וועגן אַזעלכע ביכער ווערן

געדרוקט אין אַ סביבה, ווו איין האַנט וואַשט די צווייטע פון איין זייט (דו זאָג אויף מיר אַז איך בין גרויס און איך וועל זאָגן אויף דיר אַז דו ביסט גרויס און מירן ביידע לעבן מיט דער אילוזיע אַז מירן אָפּגענאַרט און באַזיגט די וועלט...) און פון דער צווייטער זייט לעבט מען אין שרעק טאָמער פאַלט מען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען און פאַרשטייען זיך נישט אויף דער נייער קונסט, וואָס אַ 22־חדשימדיק קינד קאָן זי שאַפן בהיסח הדעת, דורך אַ פּאָר צופעליקע שמירן...

אין אַזאַ אַטמאָספער קריגט מען אויך פּרייזן פאַר אַזאַ שאַפן...

און די אינטעליגענטע לייענער פילן פאַראַכטונג צו אַזאַ ליטעראַטור און הערן זי אין גאַנצן אויף צו לייענען.

צי דערפילט אונדזער קריטיק איר אויפגאַבע

אין יובל־נומער (50) פון „היימיש" שטעלט י. פרידלאַנד (לאָס־אַנדזשעלעס) די פראַגע: „דערפילט די קריטיק איר אויפגאַבע?"

די דאָזיקע פראַגע, וואָס י. פרידלאַנד שטעלט זי ביי אַ קאָנקרעטן קליינעם פּרט, ווערט געפרעגט זייער אָפט אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם דורך פאַרשידענע פרעגער, ביי די פאַרשידנסטע געלעגנהייטן, און אַלע קומען צום זעלבן אויספיר: די קריטיק דערפילט נישט איר אויפגאַבע.

איך וועל זיין דער לעצטער אָפּצופרעגן אַט דעם אורטייל איבער אונדזער קריטיק; אָבער די עיקר־פראַגע איז נישט: „צי דערפילט די קריטיק איר אויפגאַבע?", ווייל אַלע זענען אין פאָראויס מסכים אַז נישט; די עיקרדיקע פראַגע איז: „וועמעס שולד איז עס, וואָס זי דערפילט נישט איר אויפגאַבע?" די עיקרדיקע פראַגע איז, צי זי קען נישט דערפילן איר אויפגאַבע אָדער זי קאָן נישט. מיט אַנדערע ווערטער: צי ליגט די שולד אין איר, ווייל זי איז נישט צוגעפּאַסט פאַר איר אויפגאַבע, אָדער די שולד ליגט אין אַנדערע, ווייל מען לאָזט איר נישט דערפילן איר אויפגאַבע.

* * *

ליטעראַטור, אויב זי וויל זיין גוטע ליטעראַטור, איז נישט קיין לייכטער פאַך. זי פאָדערט אַ סך אַרבעט, זי מוז זיין אַ „פול־טיים־דזשאָב". אָבער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס זאָל באמת דערפילן איר אויפגאַבע, איז דער שווערסטער ליטעראַרישער זשאַנער, אויב זי וויל אחריותדיק דערפילן איר אויפגאַבע.

אַ בוך דיכטונג, למשל, אויב מען וויל עס אָפּשאַצן מיט אַ ריינעם געוויסן, אויב מען וויל אַרויסטראָגן אַן אורטייל וועגן זיין ווערט אָדער ווערטלאָזיקייט, מוז געלייענט ווערן אָן אַ שיעור מאָל. איך רעד שוין נישט וועגן דער צוגרייטונג, וואָס אַ ליטעראַטור־קריטיקער דאַרף האָבן פאַר זיין פאַך: ער מוז כסדר לייענען און שטודירן, כדי זיין אינטעלעקטועלער האָריזאָנט זאָל נישט פאַרשמעלערט ווערן, כדי זיינע איינדרוקן און מיינונגען זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט רייך אַסאָציאירט ווערן, — ווייל אויב מען איז נישט צוגעגרייט, קאָן מען לייענען אַ בוך דיכטונג הונדערט מאָל און נישט האָבן קיין מעגלעכקייט אויסצוטייטשן ווי געהעריק די עמאָציעס און שטימונגען, וואָס עס רופט אַרויס.

צי גיט אָבער די יידישע ליטעראַטור אַ מעגלעכקייט איר קריטיקער (ווי אויך אירע שרייבער) געוויסנהאַפט זיך צוצוגרייטן פאַר זייער אויפגאַבע? צווישן די אַלע זאַכן, וואָס אַ קריטיקער (אַ שרייבער בכלל) דאַרף האָבן פאַר זיין שלימותדיקער אַרבעט, איז נישט די אומוויכטיקסטע — פרייע צייט צו קאָנען רואיק לייענען און דענקען; אין רואיקער קאָנטעמפּלאַציע רייפן די איינדרוקן צו געדאַנקען, ווי זוימען ווערן גרייט צום וואַקסן אונטער דער שטילקייט פון ווינטערדיקן שניי־צודעק.

צי קאָן אָבער דער קריטיקער רואיק לייענען צען מאָל אַ בוך דיכטונג, אויב ער וויל נישט, אַז זיין פאַמיליע זאָל ליידן נויט?

ער טוט דאָס אַ מאָל, — אָבער קיין רואיקייט האָט ער נישט דערביי, און מיט קיין ניסים קאָן אַ ליטעראַטור נישט געבויט ווערן.

דאָס אויבן געזאָגטע איז אָבער אַן אָביעקטיווער שטער פאַרן געוויסנהאַפטן, ליידנשאַפטלעכן קריטיקער, וואָס באַזייטיקט אים, אָט דעם שטער, מיט דער הילף פון גרויסע מאַטעריעלע קרבנות, כדי צו קאָנען באַפרידיקן זיין ליידנשאַפט, פונקט ווי דער ראָמאַניסט אָדער פּאָעט ברענגען אָפּטמאָל קרבנות, כדי צו קאָנען באַפרידיקן זייער שעפערישע ליידנשאַפט. אין דאָזיקן שטער, וואָס קאָן באַ־

זייטיקט ווערן נאָר דורך פּערזענלעכע קרבנות, איז דירעקט קיינער נישט שולדיק — די יידישע ליטעראַטור איז צו אָרעם כדי צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַרן נאָרמאַלן פונקציאָנירן פון דער ליטעראַטור בכלל, במילא אויך פאַר איר קריטיק־צווייג. און מיט אַן אָביעקטיווער סיבה מאַכט מען סוף־כל־סוף שלום: מען געפינט זיך פאַר אַ סטיכישער קראַפט און מען מוז רעזיגנירן; מען געפינט זיך אויפן פראָנט אַן אַמוניציע און מען קאָן נישט שיסן...

אַ סך ערגער אָבער און פיינלעכער זענען די סוביעקטיווע שטע־רונגען וואָס די קריטיק טרעפט אָן אויף איר אַזוי אויך שווערן וועג: דער אחריותדיקער קרטיקער זעט, אַז ווען מען לויבט אין הימל אַריין מיט פוסטע פראַזעס אַ נישטיק בוך, רעאַגירט דערויף קיינער נישט, ווייל קיינעם אַרט עס נישט, און ער ווייס, אַז דאָס איז נישט פון נאַ־טירלעכער גוטסקייט אָדער פון נישט־וויסן, — עס איז דאָ אַן אויס־רעכענונג דערביי: ווער עס לויבט יענעם מיט אַזאַ לייכטזיניקער גרייטקייט (צוליב וועלכע סיבות דאָס זאָל נישט זיין), איז ער פּאָ־טענציעל אויך זיינער אַ לויב־זינגער. אַזאַ „גוטער" קריטיקער קאָן צונויף קומען יעדן איינעם; פּרוווט אָבער אַ קריטיקער זאָגן זיין אויפ־ריכטיקע נעגאַטיווע מיינונג וועגן אַ בוך, איז, ערשטנס, דאָס שווער אָפּצודרוקן, און צווייטנס, אויב זיין אַרטיקל רייסט שוין דורך דעם „קאָרדאָן סאַניטער", גיבן זיך אַ שאָט פּראָטעסטן: איינער געפינט איין, אַז „אַראָפּרייסן" (אַי, דער ליטעראַרישער זשאַרגאָן!) אַ בוך איז נישט עטיש (בפרט, ווען דאָס אַראָפּגעריסענע בוך געהער אַן איינ־פלוסרייכן שרייבער אין דער צייטונגס־וועלט, אַ מענטשן, וואָס קאָן צונויף קומען ביים אַריינשטעלן אַ פוס אין דער שמאַלץ־גרוב...); אַ צווייטער געפינט איין, אַז די אַרגומענטן און ציטאַטן זענען טאַקע ריכטיקע, אָבער פונדעסטוועגן טאָר מען אַזוי שאַרף נישט קריטיקירן בכלל, בפרט אַ שרייבער מיט אַ „רעפּוטאַציע", — פּע, אַנווייזן עפנטלעך אויף יענעמס פעלערן איז ווי עפנטלעך אָנווייזן, להבדיל, אויף יענעמס אַ פיזישן מום, — און עס ווערט אַ טומל, אַ בהלה, מען מאַכט אַ דרוק אויף דעם זשורנאַל, ווו דאָס אַרטיקל האָט זיך דורכ־געגליטשט (עס טרעפט זיך אַ מאָל אַן אומגליק...), מען שרייבט בריוו אין דער פּרעסע (די פּאָר שרייבער, וואָס זענען פּאָזיטיוו געשטימט צו דער קריטיק, שרייבן אויך, נאָר פּריוואַטע בריוו — דאָס איז גע־זינטער; מאַלע וואָס עס מאַכט זיך — די וועלט איז קיילעכדיק און

דאָס רעדעלע דרייט זיך, און אויב יענער קאָן טאַקע אַזוי נישט שרייבן, איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז ער וועט ווערן ביי יידן אַ גדול, אַ רע־דאַקטאָר, — איז בעסער צו האָבן איין פריינד איידער הונדערט שונאים...).

און די אמתע סיבה פון גאַנצן טומל? נישט, חס ושלום, אַ אָן פניותדיקע גוטסקייט, מיטלייד מיטן קריטיקירטנס עגמת נפש (פון דעם האָט מען, אדרבא, אין דער שטיל הנאה), נאָר די שרעק פאַר דער העזה: אַזאַ מענטש, וואָס דערוועגט זיך אַזוי צו קריטיקירן, איז געפערלעך: היינט שרייבט ער וועגן יענעם, און מאָרגן וועט ער שרייבן וועגן מיר; היינט דרוקט מען וועגן יענעם, און מאָרגן וועט מען דרוקן וועגן מיר. ניין, עס איז בעסער זען פאַרמיידן אַ קראַנק־הייט, איידער שפּעטער זי דאַרפן היילן. איז פּראָפילאַקטיש גוט צו טעראָריזירן דעם זשורנאַל, וואָס האָט זיך דערוועגט אָדער האָט פאַר־זען: אי עס איז שיין פאַר לייטן, וואָס מען נעמט זיך אָן יענעמס קריוודע, אי דאָס קאָן פאַרשפּאָרן מען זאָל זיך דאַרפן אָננעמען פאַר זיך...

ווען דער פאַרשטאָרבענער י. נ. שטיינבערג איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ וויזיט, האָבן אים די גדולי הליטעראַטור געמאַכט דעם ערשטן אָוונט פאָרוווּרפן, פאַרוואָס ער דרוקט אין זיינע „פרייע שריפטן" י. ראַפּאָפּאָרטס נעגאַטיווע אַרטיק־לען וועגן שלום אַשן (י. נ. שטיינבערג דערציילט דאָס אין זיין בוך „מיט איין פוס אין אַמעריקע"). האָט ער מיר דערנאָך געשריבן קיין וואַרשע, אַז בעת זיין זיין אין טשיקאַגאָ, האָט ער אויסגעדריקט זיין שטוינען דערויף פאַר אַ גרופּע דאָרטיקע שרייבער און קולטור־טוער, האָט אים אַ יידישער דענקער דערויף געענטפערט:

— „איר מיינט, אַז זיי נעמען זיך אָן פאַר שלום אַשן? זיי האָבן מורא, אַז אויב איר דרוקט ראַפּאָפּאָרטס אַרטיקלען וועגן אַשן, קאָנט איר נאָך אַ מאָל דרוקן ראַפּאָפּאָרטס אַרטיקלען אויך וועגן זיי..."

און דאָס איז געווען און געבליבן אמת צי עס האַנדלט זיך וועגן נעגאַטיווער קריטיק וועגן אַן אַשן, צי עס האַנדלט זיך וועגן נעגאַ־טיווער קריטיק וועגן וועמען עס זאָל נישט זיין. דער שרייבערישער קהל וויל נישט פאַרטראָגן קיין נעגאַטיווע קריטיק, ווייל דאָס קאָן ווערן אַנשטעקנדיק.

אויסקאָרניעיען מיטן וואָרצל! — דאָס איז ביי אונדז נישט נאָר אַ טענדענץ, נאָר כמעט ווי אַ געזעץ.

* * *

ווי אַזוי עס קאָן געדייען אין אַזאַ אַטמאָספער אַ קריטיק, וואָס דערפילט איר אויפגאַבע, ד.ה., וואָס איז געוויסנהאַפט, אָביעקטיוו און אומאָפּהענגיק, הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין.

און אַלע ווייסן דאָס און פאַרשטייען דאָס; מען שעמט זיך שוין נישט צו שרייבן (און דרוקן!) בריוו אין רעדאַקציע (פול מיט ליגנס און זלזולים!) פאַרוואָס מען האָט געדרוקט אַ נעגאַטיווע רעצענזיע קעגן דעם בריוו־שרייבער, און די יידישע שרייבער־וועלט נעמט עס גלייכגילטיק אויף; און דעריבער זענען נישט אויפריכטיק אַלע קלאָג־געריייען וועגן אונדזער קריטיק, וואָס דערפילט נישט איר אויפגאַבע.

מען וויל דאָך גאָרנישט זי זאָל דערפילן איר אויפגאַבע; מען ציטערט פאַר דעם ווי פאַר פייער. אויב מען רעדט דאָך וועגן דער קריטיקס אויפגאַבע, מיינט מען מיט דעם אָן אויפגאַבע, וואָס איז נישט די אויפגאַבע פון דער קריטיק, נאָר די אויפגאַבע פון גוט־ברודערישער קלייזל־פּראָפּאַגאַנדע, פון גוט־ברודערישער פּלייצע־קלאַפּעריי.

און מיר האָבן זיך נישט וואָס צו לייגן פייגעלעך אין בוזעם: אויב אונדזער גאַנצע ליטעראַטור איז קראַנק, איז אונדזער קריטיק טויט־קראַנק. און איך זע נישט פאַר איר קיין תרופה.

נישט עס זענען דאָ אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר איר פונקציאָנירן און אַנטוויקלען זיך, און נישט קיין סוביעקטיווע.

און עס איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז אַ גרויסן טייל אין דער קראַנקהייט פון אונדזער ליטעראַטור האָט טאַקע די פאַרקריפּלונג פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק.

נאַטור־פאָרשער זאָגן, אַז ווען מען פאַרניכטעט אין אַ געוויסער געגנט די פויגל, נעמט הערשן אַ פעסט פון אינזעקטן, וואָס פאַרדאַרבן די פרוכט פון די סעדער. די נאַטור פאַרלירט די גלייכגעוויכט און דאָס איז זיך נוקם.

אונדזער ליטעראַטור האָט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט, ווייל די ליטעראַטור־קריטיק קאָן נישט ווי געהעריק פונקציאָנירן, און דאָס איז זיך נוקם...

קריטיק קאָן דערפילן איר אויפגאַבע נאָר אין אַן אַטמאָספער פון

מאַקסימאַלע פאָדערונגען. ביי אונדז הערשט אָבער אַן אַטמאָספער פון מינימאַליסטישע פאָדערונגען. ביי אונדז איז גענוג אָנצושרייבן עטלעכע פאַיאַצישע גראַם־שטראַם־פּערזן און פאָדערן חוצפּהדיק דעם טיטל „דיכטער", און אַלע גיבן זיך אונטער אָן שום ווידערשטאַנד. מיט „אַלע" מיין איך טאַקע אַלע, ווייל נישטאָ ביי אונדז קיין שריי־בער און דיכטער, וואָס זאָל נישט זיין קיין קריטיקער.

אוראַלט און היפּער־מאָדערן

(צו ש. י. עגנונס באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע)

מיר, יידן, האָבן נישט קיין מזל צו דער וועלט, — אַפילו ווען זי טוט אָן אירע שבתדיקע בגדים און זי וויל ווייזן אַ לייטישן פּנים.

דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זיין לייטישער ווי דער וועלטס נאָבעל־פונדאַציע, וואָס טוט זיך אויס איין מאָל אַ יאָר פון אַלדאָס קליינלעכע, פון אַלדאָס וואָכעדיקע, פון אַלדאָס ערדישע און זי פאַר־נעמט זיך רק מיט רוחניות, מיט שיינקייט, — מיט איין וואָרט — מיט הימל־זאַכן.

איז אָבער די צרה, וואָס דאָס פּאָליטיקאַנישע יאָגט אָן אַפילו די נאָבעל־פונדאַציע.

עס דערגייט אַזוי ווייט, אַז זי טיילט אויס פּרעמיעס אַפילו אַזעלכע בלוטיקע אַנטיסעמיטן, ווי מיכאַיל שאָלאָכאָוו, וועלכער האָט אַקטיוו געהעצט קעגן אַ פּאַספּאַרטלאָזן „בראָדיאַגע", אַ קאָסמאָפּאָליט אָן אַ פאָטערלאַנד, ווי דאָס איז ד"ר זשיוואַגאָס שעפער. ער האָט אַזוי פיל געהעצט קעגן דעם גרויסן דיכטער באָריס פּאַסטערנאַק, אַז יענער האָט קוים אַ לעבעדיקער זיך אָפּגעזאָגט פון דער נאָבעל־פּרעמיע. און הגם די נאָבעל־פונדאַציע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, ווי „פרייוויליק" פּאַסטערנאַק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּרעמיע, און אַז שאָלאָכאָוו איז געווען דער גרעסטער גורם דערצו, דאָך האָט די נאָבעל־פונדאַציע נישט אויסגעוואָרט אַפילו דאָס אבלות־יאָר, און האָט שאָלאָכאָוון, דעם אַנטיסעמיטישן צערבער, באַלוינט מיט אַ נאָבעל־פּרעמיע...

עס איז גראָד מסתמא אָנגעלאָפֿן די ריי פֿון דער סאָוויעטישער גרויסמאַכט באַלוינט צו ווערן, פֿאַרגיטיקט צו ווערן פֿאַר איר עגמת־נפש מיט אַ יאָר פֿריער פֿון אַ זשידאָווסקן באַריס פּאַסטערנאַק...

* * *

ווי מען זעט פֿון דער נאַר־וואָס דערציילטער געשיכטע, איז שוין היינט נישט אַזאַ גרויסער כבוד צו באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע... אָבער דאָס מאָל וועלן מיר ריידן וועגן אַן אַנדער אַספּעקט פֿון דער נאָבעל־פּרעמיע.

אויב די נאָבעל־פֿונדאַציע באַלוינט מיט אירע פּרעמיעס אויך גרויסע שרייבערס, יחידי סגולה, האָבן יידן, די יידישע ליטעראַטור אין יידיש און העברעאיש, געהאַט פֿון לאַנג דאָס רעכט אויף נאָבעל־פּרעמיעס.

די גרעסטע און שטאַרקסטע קאַנדידאַטן זענען געווען: שלום עליכם, פֿאַר זיינע גרויסע אוניווערסאַלע ביכער „טביה דער מילכי־קער", „פֿונעם יאַריד", „מאָטל פּייסי דעם חזנס" און אַ פּאָר בענדער געקליבענע דערציילונגען ווי „טויזנט און איין נאַכט", „מיטן עטאַפּ" און אַנדערע. ביאַליק, פֿאַר זיין באַנד געניאַלע לידער און פּאָעמעס; איציק מאַנגער פֿאַר זיין איינציקאַרטיקער ליריק; אברהם סוצקעווער פֿאַר זיין „געהיימשטאָט", „גייסטיקע ערד", „די פֿעסטונג", „מדבר סיני".

יידן האָבן איבערגענוג שרייבערס, וואָס זענען באַרעכטיקט גע־ווען אויף נאָבעל־פּרעמיעס; אָבער האָבן שרייבערס אַליין איז נאָך גאַנץ אָפֿט נישט גענוג, — מען דאַרף נאָך האָבן צו זיי, צו די שריי־בערס, אויך פּליצעס, פּאָליטישן „פּול", ווי די ענגלענדער זאָגן...

אָבער מען טאָר זיך קיין מאָל נישט מיאש זיין: צי עס האָבן אויסגעפּעלט „פּאָליטישע" קאַנדידאַטן אויף „ליטעראַרישע נאָבעל־פּרעמיעס", צי דאָס געוויסן האָט גענומען ריידן צו די קריסטלעכע רחמנות־געפֿילן, — אַ פֿאַקט איז, מיר האָבן זיך סוף־כל־סוף דער־וואַרט: די לעצטע נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור האָבן באַקומען: ש. י. עגנון — פֿאַר זיין פּראָזע און נעללי זאַקס — פֿאַר אַ באַנד לידער.

דאָס הייסט — צו האַלבע פּרעמיע אין געלט, אָבער צו גאַנצע — אין פּרעסטיזש.

איז וועגן דער דיכטערין נעללא זאַקס וועלן מיר נישט ריידן,

— איך קען נישט איר ווערק. אָבער וועגן עגנונען ווילט זיך אויף דער הייסער מינוט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, הגם ער פאַרדינט אַ סך מער ווי אַ פּאָר...

* * *

אין אַ געוויסן זין איז עגנון גאָר אַ פּאַסיקער קאַנדידאַט פאַר אַ „יידישער" נאָבעל־פּרעמיע. ער איז אַ שרייבער, וואָס סימבאָלי־זירט ווירדיק דאָס יידישע פאָלק: ער איז אַ שרייבער וואָס איז אי אוראַלט און אי היפּער־מאָדערן.

דער סטיל פון זיין שרייבן און דער אינהאַלט פון אַ סך פון זיינע ביכער זענען אוראַלט, ווי יידישע פאָלקס־מעשיות, ווי יידישע מוסר־ספרים; אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערציילונגען (אַנדערע זע־נען די לעצטע יאָרן איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש אין דער „גאָל־דענער קייט"), וואָס זענען היפּער־מאָדערן, אין עכטן, גוטן קאַפקאַ־סטיל.

צום ערשטן מאָל האָב איך געלייענט עגנונס אַ גרעסערע דער־ציילונג „והיה העקוב למישור" אין 1924. ווי שיין, אָריגינעל, ממש זיס און תמימותדיק עס איז געווען דער סטיל, דער סיפּור־המעשה. איך געדענק שוין נישט, נאַטירלעך, דעם אינהאַלט, אָבער די אַט־מאָספער, וואָס האָט מיך ביים לייענען אַרומגענומען, די שטימונג פיל איך אין זיך נאָך היינט; סאַראַ קראַפט עס פאַרמאָגט זיין פשוטער, פאָקסטימלעכער אַרט דערציילן. מעג ער ריידן וועגן נישט וויכטיקע ענינים, נעמט אָן זיין דערציילן אַ טאָן פון העכסטער וויכטיקייט, ווי דאָס איז ביי אַלע גרויסע דערציילערס.

מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָב איך אָפּגעדרוקט אין דער „יידישע פּאָסט" (מעלבורן) עגנונס אַ דערציילונג אין צוויי גרויסע המשכים, איבערגעזעצט דורך חיים גורט, איז אויך די זעלבע זאַך: דער פשוטער סטיל פון אָט דער מעשה שרויפּט זיך אַריין אין אייער געמיט מיט אַזאַ אָנשטעקנדיקער קראַפט, אַז די פשוטסטע פּרטים פון דער דאָזיקער דערציילונג קומען אייך פאָר באַדייטנדיק, ביז גאָר וויכטיק און איר הערט זיי אין זיך אַ לאַנגע, לאַנגע צייט ווי אַ פאַר־כאַפּנדיקן ניגון.

עגנון פאַרמאָגט אַ גרויסע דערציילערישע באַגאַבונג: ער באַמיט זיך גאָרנישט צו פלעפן דעם לייענער מיט „וויכטיקע" רייד, מיט „וויכטיקע" זאַכן, — דאָס אומוויכטיקסטע קומט ביי אים אַרויס

וויכטיק, באַדייטנדיק. דאָס איז דער כוח פון עכטן טאַלאַנט, פון אַ דערציילערישן טאַלאַנט, פון קונסט. אַלץ וואָס ער שרייבט איז ווי אַרומגענומען מיט אַן אַטמאָספער פון באַטייטעוודיקייט, מיט אַ מין בשורה־טאָן. און ווען איר ענדיקט זיינע אַ דערציילונג (צי פון אור־אַלטן, צי פון היפער־מאָדערנעם אינהאַלט) האָט איר אַ געפיל, אַז מען האָט אייך נאָר וואָס משתף געווען צו אַ סוד, צו אַ וויכטיקן סוד פון דער יצירה.

* * *

מיר באַגריסן ש. י. עגנונען מיט זיין נאָבעל־פרעמיע, הגם זי איז שוין נישט דאָס, וואָס אין די צייטן, ווען מען האָט אויף איר געלייגט גרויסע האָפענונגען, ווי אויף אַ קולטור־מיסיע, ווען זי האָט אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט דאָס גייסטיקע ליכט פון ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָר, דאָס אינערלעכע ליכט פון זיין פאָלק, — אָבער דאָס איז שוין נישט עגנונס שולד: ער איז אַ גרויסער שרייבער מיט אַ בשורה פאַר דער וועלט פון גייסט פון יידנטום, פון פאָלק, וואָס האָט אַ בשורה פאַר דער מענטשהייט, זינגט דעם „לא תרצח!“ אָן; די בשורה באַשטייט אין אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט כאָטש אַ שטיקל פון דער יידישער נשמה, נישט אַזוי פון אירע גייסטיקע אוצרות, ווי פון איר געמיט־אוצר.

זאָל אים זיין מיסיע וואָס בעסער געלינגען אין אַ וועלט, וואָס האָט פאַרשטאָפּטע אויערן פאַר דער יידישער בשורה, פאַרן יידישן ניגון, וואָס זינגט אַרויס פון עגנונס יעדער שורה מיט געוואַלטיקער תמימות.

אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש

יעדער איינער, וואָס האָט מיט קאָפּ און האַרץ געלייענט חייקע גראָסמאַנס בוך „אנשי המחתרת“, מוז פילן דעם גרעסטן דרך־ארץ נישט נאָר צו חייקע גראָסמאַן, נאָר אויך צו דער באַוועגונג, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן, און צו די חברים אירע, מיט וועלכע זי האָט געטיילט די פינצטערע נאַכט פון דער נאַצישער הערשאַפט און די הערלעכע שיין פון זייער קאַמף קעגן נאַציזם.

דער אויסדרוק „דרך־ארץ״ איז אפשר צו שוואַך פאַר דעם, וואָס איך האָב געפילט בעתן לייענען איר בוך און בעתן הערן אירע אַרויס־טרעטונגען אין מעלבורן, — עס פּאַסט זיך גיכער דער אויסדרוק „פאַרערונג״.

און דאָס איז טאַקע וואָס איך פיל פאַר חייקע גראָסמאַן.

אָבער עס איז דאָ אַ זאַך אין מיין וועלט, פאַר וועלכער איך פיל נאָך מער פאַרערונג ווי אַפילו פאַר דער אונטערגרונט־קעמפּערין חייקע גראָסמאַן, און דאָס איז פאַרערונג פאַרן אמת.

איך וויל זיין, ווי תמיד, אָפנהאַרציק: מיט איר קומען קיין מעל־בורן, האָט חייקע גראָסמאַן אַרויסגערופן ביי מיר אַן אינערלעכן קאָנ־פליקט, וואָס אַזאַ האָב איך שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט: אַ קאָנ־פליקט צווישן מיין פאַרערונג צו איר פערזענלעך און מיין ווידערווילן צו איר פּאָליטישער איינשטעלונג, ד.ה. צו דער פּאָליטישער איינ־שטעלונג וואָס עס פאַרטרעט די פּאַרטיי צו וועלכער זי געהערט — די מפ״ם.

איך קום איר אַ גרויסן דאַנק און יישר כוח פאַר איר בוך און פאַר די מעשים, פון וועלכע דאָס בוך איז מסתמא, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער שטאַרקייט, בלויז אַ בלאַסער אָפּשיין. אָבער איך בין אויך שולדיק אַ חוב מיין איבערצייגונג, אַז דער גרעסטער אומגליק פאַר דער וועלט און באַזונדערס פאַר אונדז, יידן, איז דער ראַטנ־פאַרבאַנד, וואָס שטייט, מיט זיין נאַציסטישן „סאָציאַליזם״ און נאַ־ציסטישן שאָוויניזם, אויף אַלע אונדזערע וועגן ווי אַ מלאך המות מיט אַ הונדערטשניידיקער שווערד און נישט נאָר ער פאַרשפּאַרט פאַר אונדז אַלע וועגן צו אונדזערע קליינע און אָרעמע גן־עדנס, נאָר ער טרייבט אונדז דירעקט אין אַלע גיהנומס, וואָס די וועלט האָט פאַר אונדז געשאַפן און ער, דער ראַטנפאַרבאַנד, פאַרמערט נאָך זייער צאָל און טראַכט נאָך צו צוגאָב־פּייניקונגען אין אונדזער דאַנטעשן גיהנום.

ווען איך האָב אָנגעטראָפן אין חייקע גראָסמאַנס בוך די פאָלגנ־דיקע ווערטער:

„די לערע פון מאַרקסן האָט געפּסקנט אין יענער צייט: קודם־כל און פריער פאַר אַלץ — דער ראַטנפאַרבאַנד. אין אים מוז מען גלויבן. (מיין קורסיוו. — י. ר.), אים דאַרף מען שטיצן, אַרום אים דאַרף מען פאַראייניקן די אַרבעטער פון דער וועלט אין קאַמף קעגן

פּאַשיזם. און בורוכובס לערע האָט אָנגעזאָגט: קעמפן מיטן נאַציזם און מיט יעדער קאָלאַבאָראַציע מיט אים דורך אַ יידישער מאַסן־מלחמה מיט אים (מיין קורסיוו. — י. ר.). אָט אַזוי האָבן מיר זיך באַהעפט מיט אַלטע לערעס אין זייערע נייע אמתן". („אנשי המחתרת", זייט 138), האָב איך געהאַט דעם ערשטן שאַרפן וויכוח מיט איר:

די געשעענישן, וועגן וועלכע חייקע גראָסמאַן דערציילט און רעדט צוקומענדיק צו דעם 140־טן זייטל פון איר בוך, זענען נאָך נאָענט געווען צו די קרוב צוויי יאָר פון ראַטנפאַרבאַנדס קאָלאַבאָרירן מיטן פאַשיזם, אָבער זי דערמאָנט דאָס אַפילו נישט, נישט צום גוטן (דאָס קאָן מען אויך) און נישט צום שלעכטן, ווייל לויט מאַרקסן איז אַ בפירושער אויסגעפּלפּולטער דין צו גלויבן אין ראַטנפאַרבאַנד. און אויב מען גלויבט איז דאָך נישט שייך, מעג מען זען וויפל שלעכטס און שענדלעכס ראַטנפאַרבאַנד טוט (וואָס קאָן שוין זיין ערגער און שענדלעכער ווי שליסן מיט היטלערן אַ מלחמה־ און רויב־אָפּמאַך, אַן אָפּמאַך וואָס טראָגט די הויפּט־שולד פאַר דער בלוטיקסטער און נידערטרעכטיקסטער מלחמה אין דער געשיכטע?, מוז מען גלויבן, אַז דאָס איז גוט, און נישט האָבן קיין טענות, ווי דער פרומער ייד טאָר קיין טענות נישט האָבן צו גאָט פאַרוואָס ער האָט געשוויגן און נישט געראַטעוועט קיין יידישע עופהלעך וואָס זענען צעריסן געוואָרן דורך אָנגערייצטע הינט אין די אויגן פון זייערע עלטערן...

חייקע גראָסמאַן האָט טענות (און גערעכטע טענות) וואָס ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן נישט גענומען קיין שריט קעגן דער פאַר־טיליקונג פון יידן, אָבער עס פאַלט איר גאָר נישט איין צו האָבן די זעלבע טענות צום ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אויך נישט געטאָן קיין קלאַפּ מיט אַ פינגער אין אַ פינגער פאַר יידן — ראַטנפאַרבאַנד מעג אַלץ טאָן און אַלץ נישט טאָן. וואָס ער טוט איז גוט און וואָס ער טוט נישט איז גוט... צו אים האָט מען נישט קיין טענות. מען מעג האָבן טענות צו ענגלאַנד און אַמעריקע, וואָס האָבן נישט געמאָלדן היטלערן, אַז אויב ער שטעלט נישט אָפּ די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק, וועלן זיי פאַרניכטן אַלע דייטשן וואָס געפינען זיך אין זייערע גרעניצן און אויך זייערע קריגס־געפאַנגענע; אָבער האָבן טענות צו רוסלאַנד וואָס זי האָט נישט געדראָט היטלערן מיט פאַרניכטן די פאַר מיליאָן דייטשן אירע — דאָס איז אומדענקבאַר. ווער וועט גיין זאָגן אַ דעה דעם צדיק הדור — דעם ראַטנפאַרבאַנד?... ווי האָט

געזאָגט יענער וואָס מען האָט אים אויסגערעדט פאַר נישט פאַסטן תשעה באב? „אַז איך פאַסט נישט יום־כיפּור, ווילט איר איך זאָל פאַסטן תשעה באב?" אויב רוסלאַנד מעג מאַכן מלחמה־אָפּמאַכן מיט היטלערן און מען זאָל נישט האָבן קיין טענות צו איר, זאָל מען האָבן טענות צו איר פאַרוואָס זי האָט נישט געדראָט היטלערן מיט אויס־מאָרדן זיינע דייטשן אָדער פאַר נישט באָמבאַרדירן טרעבלינקע?

דאָס איז שווער צו פאַרשטיין, ווען מען לייענט חייקע גראָסמאַנס בוך. עס איז פול מיט ליבע צו יידן, צו די אומגעבראַכטע יידן און צו די לעבנגעבליבענע, אָבער ווי עס קומט צו ראַטנפאַרבאַנד — איז זי אַן אַנדער מענטש, — ווי צוויי פערזאָנען וואָלטן געלעבט אין איר נשמה.

איך קאָן גאָר נישט באַגרייפן ווי אַזוי חייקע גראָסמאַן קאָן גע־הערן צו אַ פאַרטיי ווי מפ"ם, וואָס וויל זיך חברן מיט רוסלאַנד, וואָס פאַרשווייגט מיט אַזאַ ציניזם און מיט אַזאַ האַרצלאָזיקייט דעם אומקום פון די יידן, וואָס דאָס פאַרשווייגן יידישע ליידן איז ביי איר אַ כלל, פון וועלכן זי טרעט נישט אָפּ. (און זי האָט איבערגענומען היטלערס ראָל פון ענדגילטיקן לייזן די יידנפראַגע).

איך געדענק (איך קאָן נישט פאַרגעסן) וואָס יחיאל גראַנאַטשטיין דערציילט אין זיין בוך זכרונות „איך האָב געוואָלט לעבן". ער האָט זיך אַנגעליטן פון היטלערן און פון היטלעראָווצעס פון אַנדערע פעל־קער (אויך פון די רויטע רוסישע פּאַרטיזאַנער) און אַט איז די מלחמה געענדיקט. אַ רוסישער גענעראַל מאַכט אַ פּאַראַד פאַר זעלנער און פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן היטלערן; יחיאל גראַנאַט־שטיין שטייט אין פּאַראַד און וואַרט אויף דער מינוט ווען די יידישע קרבנות וועלן כאָטש דערמאָנט ווערן אין נצחון־פּאַראַד. און דער גענעראַל רעכנט אויס אַלע פעלקער, וואָס האָבן געקעמפט און גע־ליטן, אָבער איין פאָלק ווערט נישט דערמאָנט — דאָס יידישע, וואָס האָט געקעמפט ווי אַלע און געליטן מער ווי אַלע. אַ חרם אַפילו אויף דערמאָנען אים! דאָס האָט מען נישט פאַרגעסן אַפילו אין רויש פון נצחון...

זייט דאַן האָט שוין רוסלאַנד באַוויזן נאָך גרעסערע חזירייען און אכזריותן לגבי אירע יידן, לגבי אַלע יידן אין דער וועלט, לגבי דער יידישער מלוכה, אָבער מפ"ם איז נאָך אַלץ טריי מאַרקסעס „דין", אַז אין ראַטנפאַרבאַנד מוז מען גלויבן, און חייקע גראָסמאַן איז נאָך

אַלץ טריי דעם מפ״ם, אַפילו שוין נאָך מרדכי אורנס דערנידערנדי־קער פאַרשטעלונג ווי אַזוי ער גלויבט אין ראַטנפאַרבאַנד, שוין נאָך זיין שענדלעכן אַנטי־יידישן, אַרכי־אַנטיסעמיטישן פּראָגער פּראָצעס און אויך נאָך דעם ווי דער פירער פון מפ״ם לויפט אַרום איבער אײראָפּע און מאָביליזירט גוטהאַרציקע מענטשן זיי זאָלן אים העלפן אויסוויינען ביי די תּלינים פון מאָסקווער פּראָג אַ רעהאַביליטאַציע.

ווי אַזוי אַ פירער פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וואָס ווערט באַשולדיקט דורך קאָמוניסטן אין אַלע טויט־זינד וואָס מען קאָן נאָר געפינען אין קאָמוניסטישן קאַטעכיזם און אין כרושטשאָווס שנאה צו יידן און דער יידישער מלוכה, — ווי אַזוי אַ מפ״ם־פירער דערני־דעריקט זיך דורך בעטן רחמים זיינע אויספאָרשונגס־ריכטער זיי זאָלן אים אַ קניפּ טאָן אין בעקל און זאָגן אַז ער איז אַן אויסנאַם־ייד, אַן אָרנטלעכער, נישט קיין שפּיאָן, נישט קיין ציוניסטישער אימפּעריאַ־ליסט א.אַז.וו., איז נישט צו באַגרייפן מיט אַ נאָרמאַלן מענטשלעכן מוח; און ווי אַזוי אַזאַ שטאָלצע יידישע טאָכטער ווי חייקע גראָסמאַן קאָן זיין אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיי מיט אַזאַ פירער, איז אויך נישט צו באַגרייפן.

אַ קנעכט, וואָס וויל נישט באַפרייט ווערן, ווייל ער זאָגט: „איך האָב ליב מיין האַר״, דאַרף מען, לויט אַן אוראַלטן יידישן חומש־דין צוזגבערן אַן אויער צום אושאַק פון אַ טיר און ער זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן אַ קנעכט.

אָבער אַזאַ קנעכט ווי מרדכי אורן, וואָס פאַלט צו די פיס פון זיינע פייניקער און שענדער, ווען ער איז שוין אויף דער פריי, און בעט זיך זיי זאָלן אים אַ קניפּ טאָן אין בעקל, האָט גאָר נישט אַזוי פיל אויערן וויפל מען וואָלט אים באַדאַרפט צוזגבערן. ער האָט נישט סתּם ליב דעם האַר, נאָר ער בעט זיך ביי אים מאַזאָכיסטיש, ער זאָל אים אויסשמייסן. זייער רעהאַביליטאַציע איז דאָך אַ שענ־דונג. ער פאַרמאָגט נישט קיין געפיל פון זעלבסטחשיבות. ער איז אַ קנעכט פון קנעכט.

און ער פירט דאָס דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און פּאָליטישער פרייהייט!

נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן מיט יאַשטשערקעס!

ווו איז חייקע גראָסמאַנס רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט, איר יידישער שטאָלץ, מיט וועלכע עס איז אָנגעלאָדן יעדעס בלעטל פון

איר בלוט־טריפנדיקן בוך! ווי איז גאָר מעגלעך אַזאַ צעצווייטקייט פון אַ פּערזענלעכקייט?!

איך בין זיכער, אַז די פיר גרעסטע פּסיכאָלאָגן פון אונדזער יאָרהונדערט, די פיר גרעסטע אויספאָרשער פון טונקעלן קאָנטינענט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, — וויליאַם דזשעימס, זיגמונד פרויד, אַלפרעד אַדלער און קאַרל יונג, — וואָלטן אַפילו מיט געמיינזאַמע כוחות נישט געווען בכוח צו לייזן די רעטעניש פון די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע: איינע פאַר אַלע באַוועגונגען און איינע פאַרן קאָמוניזם; איינע פאַרן פּשוטן מענטשן און איינע פאַרן פירער פון זייער פּאַרטיי.

דאָס איז די גרעסטע רעטעניש, וואָס אויב מען לייזט זי נישט, איז די גאַנצע וויסנשאַפט פון סאָציאָלאָגיע און געשיכטע אַ פּוסטער קלאַנג.

אַ שטיקל פון דער דאָזיקער גרויסער, אימהדיקער רעטעניש איז פאַר מיר אויך חייקע גראָסמאַן.

ווי אַזוי קאָן זי פאַראורטיילן די בלינדקייט פון די יידנראַטלער, וועלכע האָבן ביזן לעצטן מאָמענט געלייגט האָפענונגען אויף „גוטע" דייטשן און גלייכצייטיק צוזען אַלץ וואָס רוסלאַנד טוט אָפּ מיט יידן און מיט ישראל און דאָך „מוז זי גלויבן אין רוסלאַנד", און זי גלויבט, ווייל אַנישט וואָלט זי נישט געקאָנט זיין אין מפּ"ם און זי וואָלט נישט געקאָנט אָננעמען די פירערשאַפט פון אַ מרדכי אורן.

אָט האָט רוסלאַנד דערהרגעט מיט איר וועטאָ די ענגליש־אַמע־ריקאַנער רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט, — הגם, חס ושלום, נישט אָפן, — דעם סירישן ברוטאַלן מאָרד איבער צוויי יידישע אַרבעטער; און געטאָן האָט זי דאָס בלויז דערפאַר, כדי אויסצונעמען אין די אויגן פון די אַראַבער און וויזן סאַראַ פריינט זיי זענען. אָט דאָס איז די „סאָציאַליסטישע" אויסערן־פּאָליטיק אויף וועלכער מען האָט געַ־וואַרט! זי איז אַ צווילינג־שוועסטער פון דער „סאָציאַליסטישער" אינערן־פּאָליטיק. ביידע זענען געבויט אויף אומרעכט און מאָרד! איז וואָס וועט טאָן דערצו מפּ"ם און מרדכי אורן און חייקע גראָס־מאַן?... וואָסער קאָנסעקווענצן וועלן זיי ציען פון דאָזיקן קנויל „סאָציאַליסטישע" ליגנס, בלבוליסטיק, מאָרד און אונטערשטיצונג פון מאָרד?

* * *

עס קומט אין מיר פאַר אַ ויתרוצצו — צווישן מיין פאַרערונג צו חייקע גראָסמאַן דער געטאָ־קעמפערין, און צווישן ווידערווילן צו חייקע גראָסמאַנס פּאָליטישער אַנגעהעריקייט; עס קומט אין מיר פאַר אַ ויתרוצצו צווישן מיין געפיל צו חייקע גראָסמאַנס רעפּעראַט אין היגן טאָון האָל און צווישן מיין ווידערווילן צו חייקע גראָסמאַנס חברן זיך מיט די אָנהענגער פון מפּ״ם, — עס איז אַ תהום צווישן די ביידע חייקע גראָסמאַנס און אַט דעם תהום קאָן איך נישט אַריבערשפּרייזן — ער איז צו ברייט פאַר מיר און צו געפערלעך פאַר אונדז...

ווען איך האָב געזען חייקע גראָסמאַן אין דער געזעלשאַפט פון די וואָס ווילן קיין פּראָטעסט־וואָרט נישט אַרויסברענגען פון זייערע מיילער קעגן דער רוסישער יידן־פּאָליטיק, הגם זיי זענען ברייט צע־עפנט פאַר די נעגערס, פאַר אַ שפּאַנישן קאָמוניסט, פאַר אַ קאָמוניס־טישן שפּיאָן וואָס ווערט אַ מאָל געכאַפּט און נאָך זעלטענער אומגע־בראַכט — ווען אין האָב דאָס געזען, האָב איך שיער נישט געשריגן פון מאָראַלישע קאָנוולסיעס...

איך שטיי דאָ ווידער פאַר דער גרעסטער רעטעניש אין דער מענטשלעכער געשיכטע און בין הילפלאָז זי צו לייזן...

איך קאָן בלויז זאָגן, אַז דאָס איז אַזוי זינלאָז און רעוואָלטירנדיק, אַז איך האָב פאַר דעם קיין ווערטער נישט, איך קאָן בלויז פאַרזינקען אין שטילשווייגעניש...

מה נאמר ומה נדבר ?...

אַ טשעקאַווסקע ליד...

מיר איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו שרייבן וועגן י. גלאַטשטיינס לידער, — כ'האָב שוין געשריבן וועגן אַ טייל פון זיי באַגייסטערטע אָדעס און וועגן אַ טייל פון זיי — פּונקט דעם היפּוך, וועגן יעדן מין לידער זיינע ווי ס'איז זיי געקומען, ווייל גלאַטשטיין פאַרמאָגט געגנוג פון ביידע מינים און אויב מען וויל זיין גערעכט צו זיין שאַפן, מוז מען אים — כמעט אין איין אָטעם — אי בענטשן, אי — להבדיל — שעלטן.

איר קאָנט ביי גלאַטשטיינען געפינען אי זעלטענע אַנטיקלעך, אי סופּער־מאָדערנעם פּסלת...

ווי שטייט אין חומש: געשטרייפטע, געשפרענקלטע און גע־פלעקטע...

איצט איז אין מאַי־יוני־נומער די „צוקונפט" דערשינען גלאַט־שטיינס אַ קליינע פּאָעמע א"נ „אויטאָביאָגראַפיע פון אַן אינטעלעקט", וואָס מען מוז אויף איר ציען די אויפמערקזאַמקייט (פון וועמען? פרעגט מיך בחרם!...).

מען קלאָגט זיך אין אונדזערע פּאָעטישע קרייזן (און זיי זענען, אָט די קרייזן, אַזוי צאָלרייך, אַז עס איז ממש אי אַ וווּנדער, אי אַ שרעק, — עס נעמט זיך אַ מאָל דוכטן, אַז יעדער ייד איז אַ דיכטער, — (יעדנפאַלס אַ לידער־שרייבער...).

אמת, מען קאָן טרייסטן די דיכטער, אַז אויך פּראָזע לייענט מען נישט ביי אונדז (מען בראַקירט נישט עפּעס, נאָר אַלץ!), אָבער דאָך מוז מען צוגעבן, אַז אויב די דערשיינונג פון נישט לייענען בכלל איז אַ נעגאַטיווע און זי דאַרף פאַראורטיילט ווערן, מוז מען דאָס נישט לייענען מאָדערנע דיכטונג ביי אונדז דערמוטיקט ווערן, ווייל די דיכטער ביי אונדז דערלויבן זיך שוין צו פיל, — אויב עס זענען נאָך דאָ אַ צענדליק דיכטונג־לייענער, מוז זיך זיי נעמען דוכטן אַז מען נעמט זיי אויף זיכער, אַז מען מאַכט חוזק פון זיי.

וואָס קאָן טראַכטן אַ לייענער, וואָס נעמט לייענען די אויבן דער־מאָנטע פּאָעמע פון אַזאַ „באַנאָמענטן" דיכטער ווי י. גלאַטשטיין?

איינס פון דאָס ביידע: אָדער ער מוז טראַכטן, אַז דאָס איז נישט קיין דיכטונג, נאָר אַ קבלה־ספר און — ס'איז נישט פאַר אים; אָדער ער מוז זיין זיכער, אַז מען מאַכט פון אים פּענדזשע — אויף פּראָסט יידיש: מען מאַכט אים אויס אַן אויער.

אָט דאָס ליד האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד — נישט צום גוטן (ווי עס טרעפט ביי אים), נאָר צום שלעכטן (ווי עס טרעפט אויך ביי אים).

מיר, יידן, האָבן זייער אַן אָפּגעשטאַנענע ליטעראַטור. דער סאַמע גאַנגבאַרסטער מין בעלעטריסטיק ביי אונדז באַשטייט נאָך אַלץ פון קליינע דערציילונגען, ווו מען באַשרייבט שטיקלעך־ברעקלעך פון שטעטל — אַ שטיקל חתונה, למשל, אָדער עפּעס ענלעכס.

היות עס איז זייער שווער פאַר אַ דורכשניטלעכן שרייבער צו

זאָגן עפּעס אַ ניי וואָרט אין אינהאַלט אָדער אין סטיל פֿון אַזעלכע אַלטגעבאַקענע טעמעס, קייט מען איבער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דאָס אַלטע. און דער רעזולטאַט ? אַן אַלט־געבאַקענע ליטעראַטור.

דאָס איז אָבער אין דער בעלעטריסטיק; אין דער דיכטונג איז נאָך אַ סך ערגער. אויב אין דער בעלעטריסטיק האַלט מען נאָך ביי אונדז ביים אייער־אייער־נעכטן, האַלט מען שוין ביי אונדז אין דער פּאָעזיע ביים איבער־איבער־מאָרגן.

מאַרטין בובער האָט אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנק אין זיינע „דריי רעדעס וועגן יידנטום", אַז די יידישע נאַטור נויגט זיך צו עקסטרע־מען: איז אַ ייד גוט, איז ער סופּער־גוט; אויב אַ ייד איז שלעכט, איז ער סופּער־שלעכט. די נייע דיכטונג אונדזערע שיינט צו באַ־שטעטיקן בובערס מיינונג.

היות די נייע פּאָעזיע אין דער וועלט באַשטייט מערסטנטיילס אין אָנגעהויפּטער זינלאָזיקייט און פּוסטקייט, אין אויגן־פאַרבלענדע־ניש, הערשט אין אונדזער נייער דיכטונג סופּער־זינלאָזיקייט אָדער סופּער־פּוסטקייט... איך האָב נאָך אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן אָנגעוויזן אויף דער זינלאָזיקייט פֿון דבורה פּאָגעלס זינלאָזע סופּער־מאָדערנע לידער (זע וועגן דבורה פּאָגעלס לידער אין מיינע ביכער „מהות פֿון דיכטונג", זייט 275, און „טראָפּנס גלויבן", זייט 36); ווי אויך אויף י. גלאַטשטיינס סופּער־מאָדערנע לידער (זע וועגן אים אין מיין בוך „אויסגעריסענע בלעטער", זייט 97 און ווייטער, „יעקב גלאַט־שטיינס דיכטערישער וועג").

אויפֿן געביט פֿון אומזין אין דער מאָדערנער דיכטונג האָט מען ביי אונדז דעריאָגט און איבערגעיאָגט די עקסטרעמסטע נייע...

אַ מוסטער פֿון דעם איז גלאַטשטיינס ליד אין אויבן דערמאָנטן נומער „צוקונפט" אונטערן נאָמען „אויטאָביאָגראַפיע פֿון אַן אינטע־לעקט".

אַ פֿאָלק מיט אַזעלכע שאַרפע קעפּ, וואָס האָבן זיך דערטראַכט צו דעם, אַז די „צוויי בריסט" אין „שיר השירים" זענען גאָר משה און אהרן, וואָלטן אויך געוווען געקאָנט אויסדרשענען עפּעס אַ זינלאָזן „זין" פֿון דער דאָזיקער פּאָעמע. אָבער ס'איז נישט מיין דרך אויס־צופּשטלען עפּעס מיטן גראָבן פינגער.

און לאָמיר לייענען פּשט אַן פּשטלעך.

דער טאַטע פונעם עופּהלע יעקב גלאַטשטיין האָט נישט געוווּסט, אַז זיין זון אין וויגל „גלויבט שוין נישט אין גאָט". אַזוי זאָגט ער.

און ער זאָגט אונדז אויך אויס דעם סוד, אַז ער איז געווען „אַ טראַכטעריש קינד אין וויגל".

אַלץ אויף דער וועלט ווערט געגעבן מיט אַ מאָס און אַ וואָג און ס'ווערט געפירט אַ שטרענגער חשבון פונעם אינווענטאַר, — דאָס וואָס ער האָט געטראַכט צו פיל אַלס עופּהלע, אַ געוויקלטער, גייט אויפן חשבון פון היינט, ווען ער וואָלט טאַקע באַדאַרפט טראַכטן און ער טראַכט נישט אַמאָל...

יעקב גלאַטשטיין ווערט נישט מיד אָנצווייזן זיינע לייענערס (אויב זיי דערגייען ביז די דאָזיקע שטעלן), אַז דער „מח מיינער (ד.ה. זיינער — י. ר.) האָט זיך שוין (אין די וויקעלעך. — י. ר.) געבריהט מיט פּראָבלעמען", אָבער אַלץ נאָך פאַרן נעמען גיין, — היינט בריהט ער זיך מיט די פּוסטע פערזן פון זיין אינטעלעקט־אויטאָ־ביאָגראַפיע...

און נישט נאָר מיט פּראָבלעמען האָט ער זיך אַלס עופּהלע גע־בריהט, — אויך

„מיט סעקס און וויסן,
מיט היץ האָב איך די קליידער
פון מיין שטומער דינסט געריסן".

און ער אַנטפּלעקט אונדז נאָך אַ סוד, — ער זאָגט:

„בעת מיין טאַטע איז געווען פאַרנומען מיט גאָט,
האָב איך בגנבה (אַלץ נאָך אין וויגל. — י. ר.) געלייענט
אי שוועדע, אי פאַרבאָטענע ביכער,
כ'האָב געשלונגען, כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן.
כ'האָב זיך געוואָרפן
פון דעקאַרטן — צו „מזל סרטון".
כ'האָב זיך געשטאָפּט מיט סעקס און וויסן".

איז נישט קיין וווּנדער וואָס אַזאַ זעלטענער „אָקאָז" האָט נאָך פאַרן אָנהויבן ריידן „גענומען בריִיען". צי ער מיינט מיט דעם זיין „אינטעלעקט־אויטאָביאָגראַפיע" אָדער עפּעס אַנדערש, ווייס איך נישט. אָבער אַ טראַכט טאָן וועגן דעם לוינט זיך זייער און זייער, —

דיקטער זאָגן אַרויס אין זייערע פיבער־פאַנטאַזיעס גרויסע אמתן, פון די טיפסטע שיכטן...

איין זאַך פיל איך אויך גלייך מיטן דיקטער. ווען ער זאָגט: „מיך שרעקט די ביאָגראַפיע פון מיין אינטעלעקט", זאָג איך שטיל: „מיך אויך".

איך שרעק זיך נישט פאַרן דיקטער, נאָר פאַר דער דיקטונג אונדזערער, פאַר אונדזערע לעצטע לייענער...

וואָס זיי וועלן זאָגן און טאָן, וועלן זיי זיין גערעכט...

* * *

עס איז אַ שאָד וואָס אונדזער קריטיקער וויליאַם נאַטאַנסאָן איז שוין אַן „עליו השלום". ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען וויפל פוד פילאָזאָפיע ער וואָלט אָנגעהאָנגען אויף יעדן איבערגעבערענטן שטרוי פון דער דאָזיקער פּאָעמע...

וואָלט דאָס געווען אַ פּאַסיקע טעמע פאַר זיין מעטאָד אין קריטיק!... דורך דער פּריזמע פון פילאָזאָפיע, קבלה און מיסטיק צום „זין" פון יעדן קוואַטש...

אָבער ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס וועט זיך געפינען אַ צווייטער מעטאָד אין אונדזער דערפינדערישער שבח־קריטיק און מ'עט אַריינלייגן אין דער דאָזיקער פּאָעמע צען פוד ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז קיינער זאָל זיך נישט מרחם זיין אויף אַזאַ סתרי־תורהדיקער שטיקל דיקטונג...

מען מוז זי רעהאַביליטירן...

בלינדע ענטוזיאַסטן

זיי האָבן אויגן און זעען נישט;
זיי האָבן אויערן און הערן נישט...

(תהלים)

מיר זענען געזעסן אין אַ קליינעם קרייז און גערעדט וועגן קאָמוניזם און קאָמוניסטן. אַ טייל האָט זיי פאַראורטיילט, און אַ טייל — פאַרטיידיקט. די וואָס האָבן פאַראורטיילט, האָבן געשעפּט פונעם

גרויסן, ממש אומאויסשעפלעכן אַרסענאַל נעגאַטיווע, שענדלעכע און פֿאַרברעכערישע דערשיינונגען, מיט וועלכע עס איז פֿול דער סטאַלין־רעזשים און די קאָמוניסטישע טעטיקייט אין אַלע לענדער; די וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט, האָבן אַלץ מער און מער פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פֿיס און האָבן זיך געמוזט אָנכאַפּן אין דורכגעפֿוילטע אַר־גומענטן. איז נישט קיין וווּנדער וואָס זיי פֿלעגן געניזוקט ווערן...

צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, איז איינער אַן ענטוזיאַסט אַרויס מיט אַן אומגעריכטן, ממש קינדישן אַרגומענט, וואָס אין זיין הילפֿ־לאָזיקייט האָט ער אים אויסגעזען צו זיין אייזנשטאַרק, נישט אָפּצו־פֿרעגן:

— ווען איר זעט די מאָסקווער מלוכה־ביבליאָטעק, ווי שיין זי איז, ווי קולטורעל איינגעאָרדנט, סאַראַ סך ביכער זי האָט, וואָלט איר געווען געזען, אַז נישט אַלץ אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז שלעכט. אַפֿילו ראַפּאָפּאָרט אַליין, — האָט ער צוגעגעבן און אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט נצחון, — וואָלט געווען געמוזט מודה זיין, אַז אַזאַ ביבליאָטעק איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ.

ווי קינדיש דער אַרגומענט גופֿא איז נישט געווען, האָט ער אָבער פֿאַר מיר באַלויכטן, ממש ווי מיט אַ בליק, די גאַנצע טראַגיק, וואָס באַהאַלט זיך אויס הינטערן דאָזיקן אַרגומענט. אָט דער אומבאַהאָלפֿע־נער אַרגומענט איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל פֿון דעם גאַנצן סטאַלין־קולט, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ טייל פֿון דער וועלט (און אויך אַ טייל פֿון אונדזער יידישער וועלט) און וואָס דאָס קאָן קאָסטן דער וועלט אָדער איר רעשט ביסל פֿרייהייט אָדער אַ דריטע בלוט־באָד.

אָט דער אַרגומענט, ווען מען דעקט אָפּ זיין טראַגישן וואָרצל, קאָן דינען אַלס שליסל, וואָס שליסט אויף פֿאַר אונדז טיילווייז דעם סוד, פֿאַרוואָס די קאָמוניסטישע ליגן־געביידע קאָן זיך האַלטן אַזוי לאַנג אויך אין די לענדער מחוצן אייזערנעם פֿאַרהאַנג.

די אַלע פֿאַרפֿירטע סטאַלין־ענטוזיאַסטן (אַ חוץ די פֿערוווערזע באַוווּסטזיניקע פֿאַרפֿירער) זעען נאָר דעם פֿאַסאַד (צי דאָס איז דער ווייסער־ים־קאַנאַל, צי דאָס איז די סטאַלין־קאָנסטיטוציע, צי די מאָס־קווער ביבליאָטעק) פֿונעם קאָמוניזם און פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, אָבער נישט וואָס הינטער אים; זיי זעען די פֿיל־רעקלאַמירטע און גרעל־דעקאָרירטע שאָל, אָבער נישט דעם דורכגעפֿוילטן, דורכגעוווּרימטן, גיפֿטיקן קערן, וואָס די שאָל דעקט צו.

דער מענטש האָט בכלל זייער שוואַכע פעאיקייטן נישט צו לאָזן זיך פאַרבלענדן דורך אַ שיינעם פּאַסאַד, בפרט ווען דער דאָזיקער פּאַסאַד ווערט שטאַרק און כסדר רעקלאַמירט; אָבער אַ פּאַסאַד, וואָס אויף אים איז אָנגעשטעלט דער רעפלעקטאָר פון הייליקייט, איז שוין גאָר פעאיק גרינטלעך בלינד צו מאַכן

וויפל האָבן געזען די סתירה צווישן דער קריסטלעכער ליבע און די שייטער־הויפנס פון דער אינקוויזיציע? קאָן דען זיין אַ גרע־סערע סתירה? און דאָך זענען מענטשן געשטאַרקט געוואָרן אין זייער גלויבן, אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז אַ רעליגיע פון ליבע, גראָד ביים קוקן אויף די אינקוויזיציע־שייטערס. פונקט ווי די באַ־ריכטן פון די מאָסקווער פּראָצעסן שטאַרקן דעם גלויבן פון די קאָ־מוניסטן, אַז דער סטאַלין־רעזשים איז אַ רעזשים פון דער העכסטער דעמאָקראַטיע; און פונקט ווי סטאַלינס מלחמה אין קאָרעע שטאַרקט זייער גלויבן, אַז סטאַלין איז דער אַפּאָסטאָל פון שלום.

דער זעלביקער יונגערמאַן, וואָס אַנטציקט זיך אַזוי מיט דער שיינער מאָסקווער ביבליאָטעק, אַז ער איז סטאַלינען אַזש גרייט מוחל צו זיין, אין איר נאָמען, אַ העלפט פון זיינע פאַרברעכנס, וואָלט גע־ווען זיין טיף עמפּערט (איך בין זיכער דעריין!), ווען אַ נאַצי־אָנהענ־גער וואָלט געוווען געמאָנט ביי אים אַנטציקונג פאַר היטלער־דייטש־לאַנד אין נאָמען פון די פּרעכטיקע אויטאָסטראַדעס, וואָס היטלער האָט געבויט, — ווייל דער היטלער־פּאַסאַד איז פאַר אים נישט באַ־שטראַלט מיט הייליקייט, ווי דער סטאַלין־פּאַסאַד.

אָבער פאַר די נאַצי־נאָכלויפער זענען די אויטאָסטראַדעס יאָ געווען באַלויכטן מיטן ליכט פון הייליקייט און גלויבן.

זיי זענען ביידע בלינד פון גלויבן, — דער גרעל־באַלויכטענער פּאַסאַד היפּנאָטיזירט זיי, און זייער פאַרשטאַנד — אויף וויפל זיי האָבן אים — הערט אויף צו אַרבעטן אויפן אָפּשניט פון זייער גלויבן.

ווי אימהדיק עס איז די דאָזיקע פעאיקייט פון מענטשן צו אַנט־ציקן זיך מיט די פיינע בענקלעך און פּאָליצעס פון אַ ביבליאָטעק, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז דער זין פון אַ ביבליאָטעק ליגט נישט אין דער געביידע, נישט אין די בענקלעך און נישט אין די שיינע פּאָ־ליצעס, נאָר אין איר דינען דעם פרייען גייסט, אין איר געבן אַ מעג־לעכקייט דעם בוך זיך אויסצולעבן, צו ווירקן, אין געבן אַ מעגלעכ־קייט דעם מענטשן פריי און אַלזייטיק צו פאָרשן.

מען פאַדערט אַנטציקונג פאַרן פאַסאַד פון דער מאָסקווער ביב־ליאָטעק, ביי וועלכער מען האָט אויסגעשניטן די נשמה, ווייל מען האָט פון איר באַזייטיקט דאָס פרייע וואָרט, און מען האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט קאַזיאָנער פּראָפּאַגאַנדע, און מען לאָזט נישט צירקולירן פריי דאָס בוך, וואָס איז נישט נושא־חן ביי דער סטאַלין־צענזור, סיידן אין אַן „אויסרעדאַגירטער" פאָרם...

די מאָסקווער ביבליאָטעק איז געוואָרן דער היפּוך פון דעם וואָס אַ ביבליאָטעק דאַרף זיין, אָבער דער בלינדער ענטוזיאַסט זעט דאָס נישט; ער זעט נאָר דעם שיינעם פאַסאַד און איז היפּנאָטיזירט, פאַר־בלענדט...

געשעט דען אָבער אַזוי בלויז מיט דער מאָסקווער ביבליאָטעק?

די זעלבע בלינדע, צו פאַרצווייפלונג טרייבנדיקע באַגייסטערונג (זי טרייבט צו פאַרצווייפלונג די זעעוודיקע, וואָס דער פאַסאַד פאַר־בלענדט זיי נישט און זיי דרינגען דורך צום תוך) ווירקט אויף אַלע אַנדערע געביטן פון דער רוסישער ליבע־לעגענדע. איר קאָנט זיי זען אומעטום, ווו מען באַגייסטערט זיך מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

וויפל עקלהאַפטע אַנטציקונג עס קומט אויס אויסצושטיין אין שייכות מיט די רוסישע קאַנאַלן, וואָס פאַרבינדן ימען און טייכן, און אין שייכות מיט דעם וווקס פון דער רוסישער אינדוסטריע.

ביים בליק אויף אַן אַמעריקאַנער ריזן־פאַבריק זעען די בלינדע ענטוזיאַסטן עקספּלואַטאַציע; אָבער ביי דער רוסישער פאַבריק באַ־מערקן זיי נישט אַפילו די שקלאַפן־אַרבעט. זיי זעען נאָר דעם שיי־נעם קאַנאַל, וואָס פורימט איבער דעם בראשיתדיקן אויסזען פון דער וועלט, אָבער זיי זעען נישט, אַז אויף זיין גאַנצער לענג איז דער דעק פון קאַנאַל אויסגעלייגט מיט די ביינער פון די שקלאַפן־אַרבעטער; זיי זעען נישט, אַז דאָס וואַסער האָט נאָך היינט אַ רויטלעכן אָפּגלאַנץ נישט פונעם זונפאַרגאַנג, נאָר פונעם בלוט פון די שקלאַפן, וואָס האָט אים אָנגעפילט, נאָך פריער פאַרן וואַסער.

יאָ, פאַראַן קליינקייטן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף גרויסע זאַכן, ווייל אַ דאַנק זייער נישט־קאָמפּליצירטן כאַראַקטער זעסטו בולט דעם פּרינציפּ וואָס באַהערשט זיי און וואָס איז אויך גילטיק פאַר די קאָמ־פּליצירטסטע דערשיינונגען.

דעם אומזין פון דער באַגייסטערונג מיט דער מאָסקווער ביב־

ליאָטעק איז בולט, אָבער די אַנדערע, מער קאָמפּליצירטע אַנטציקונ־גען זענען נישט ווייניקער זינלאָז.

אַזאַ איז די באַגייסטערונג מיטן ראַטנפאַרבאַנדישן „סאָציאַליזם״:
„דאָרט הערשט סאָציאַליזם!״ „מען בויט דאָרט סאָציאַליזם!״

די באַזייטיקונג פון פּריוואַט־אייגנטום, וואָס האָט באַדאַרפט זיין בלויז אַ מיטל פאַר איינפירן סאָציאַליזם, וואָס האָט באַדאַרפט אָפּ־שאַפן די הערשאַפט פון איין מענטש איבערן צווייטן, פון איין קלאַס איבערן צווייטן, כדי צו באַפרייען דעם מענטשן פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שקלאַפעריי; די ווירטשאַפטלעכע ענדערונגען, וואָס האָבן געזאָלט געבן דעם מענטשן גייסטיקע פרייהייט, וואָס האָבן געזאָלט באַשענקען דעם מענטש מיט מענטשלעכער ווירדע, — אָט די עקאָ־נאָמישע מיטלען זענען געוואָרן אַן אָפּגאָט, אַ פעטיש, הגם זיי האָבן אַפילו נישט דערגרייכט זייער ענגן עקאָנאָמישן ציל.

דער פאַסאַד פון דער נאָמינעלער אָפּשאַפונג פון אייגנטום איז באַלויכטן מיט דער הייליקייט פון דורותדיקן קאַמף פאַר אָט דעם אויסערלעכן מיטל צום ציל פון סאָציאַליזם, און דער רעזולטאַט איז — מאַסן־פאַרבלענדונג!

וואָס האָט מען אָבער פון דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום, אויב מען האָט דערביי אָפּגעטויט אַלע האָפענונגען, וואָס דער מענטש האָט מיט דעם פאַרבונדן? די כלומרשטע פאַרווירקלעכונג פון סאָצ־יאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד איז דאָך באמת דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל, פאַרן אידעאַל פון דער פולער דעמאָקראַטיע (אויך דער עקאָנאָמישער), — אַ גרעסערער קלאַפּ ווי היטלערס אָנ־גריף אויף דער דעמאָקראַטיע; ווייל היטלער האָט אָפּגעטאָן זיינע מעשים תעתועים אונטערן לאָזונג פון קאַמף קעגן דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, און במילא האָט מען זיך צו די דאָזיקע אידעאַלן נאָך מער צוגעבונדן, מען האָט אַרויסגעקוקט אויף זיי ווי אויף רעטער; סטאַלין טוט אָבער זיינע מעשים תעתועים מיטן נאָמען פון דעמאָ־קראַטיע און סאָציאַליזם אויף די ליפּן, און די דאָזיקע באַגריפן ווערן פאַרהאַסט ביי מיליאָנען, מען פאַרשילט די דאָזיקע אידעאַלן, וועלכע האָבן געבוירן אַזאַ פאַרזעעניש, ווי דעם סטאַלין־רעזשים.

אָבער די בלינדע ענטוזיאַסטן זעען נישט די שענדונג פון און נישט די געפאַר פאַרן סאָציאַליזם, — זיי זעען בלויז דעם פאַסאַד, דאָס אויסגעהוילטע וואָרט. און אָט די וואָרט־פאַרווירקלעכונג פון אַ

אידעאַל גיט שוין אַ הכשר צו פאַרניכטן אַלע אינהאַלטן פון דאָזיקן אידעאַל, — אַלע אינהאַלטן, וואָס האָבן לעבעדיק געקנאָספּט אין דאָזיקן וואָרט.

פון אַ לעבעדיקן וואָרט־סימבאָל איז „סאָציאַליזם" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויטן וואָרט־געטש, פאַר וועמען מען איז גרייט מקריב צו זיין אין פאַרבלענדעטן ענטוזיאַזם, דעם גאַנצן לעבעדיק־קנאָספּענ־דיקן אינהאַלט פון סאָציאַליזם.

און צי דען איז אַנדערש מיט דער יידן־פראַגע אין ראַטנפאַר־באַנד?

נישטאָ אין ראַטנפאַרבאַנד קיין אַנטיסעמיטיזם, — שרייען די בלינדע ענטוזיאַסטן. אָט שרייבט אין „דזשואיש העראַלד" פון 12־טן דעצעמבער, 1953, אַלעקס אַנדערס:

„אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַנטיסעמיטיזם אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט באַשטראָפט דורכן געזעץ". און דאָס איז פאַר אים און פאַר אַ סך אַנדערע גענוג. אָט דער פּאַסאַד פון אַ געזעץ מאַכט זיי בלינד פאַר די פאַקטן, ווייל אָט דאָס געזעץ קעגן אַנטיסעמיטיזם איז אַזוי לאַנג רעקלאַמירט געוואָרן.

צי דען איז דאָס אָבער דאָס איינציקע געזעץ וואָס ווערט נישט דורכגעפירט אין לעבן?

לויט דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע האָט יעדער בירגער דאָס רעכט זיך צו באַנוצן פריי מיט אַלע דרוקערייען און מיט פּאַפּיר אין ראַטנ־פאַרבאַנד. נו, קאָן דאָרט יעדער איינער דרוקן וואָס ער וויל?...

מען האָט ביים יידישן פאָלק צוגענומען דאָס רעכט נאַציאָנאַל צו אָטעמען; מען האָט דערשטיקט זיין שפּראַך, זיין נאַציאָנאַלן קולטור־אויסדרוק, מען האָט פאַרניכטעט זיינע שרייבער (וועלכע האָבן זיך אַזוי לאַנג געבוקט צום געטש!), מען העצט פון סאָוויעטישן פּראָג קעגן יידישן פאָלק, קעגן זיין נאַציאָנאַלער באַוועגונג, דעם ציוניזם, — אָבער די בלינדע זעען דאָס נישט, זיי גלאָצן מיט די פאַרבלענ־דעטע אויגן אויפן געזעץ, וואָס באַשטראָפט פאַר אַנטיסעמיטיזם.

אַז אין רוסלאַנד, ווו אַלץ איז פאַרמלוכהשט, איז אַנטיסעמיטיזם אויך פאַרמלוכהשט און קיינער טאָר זיך מיט אים נישט באַנוצן אינ־דיווידועל, אָן דער דערלויבעניש פון דער מלוכה — דאָס איז אויפן פּאַסאַד־שילדל נישט אָנגעשריבן און די ענטוזיאַסטן זעען דאָס נישט.

עס ווערט אומהיימלעך, ממש אימהדיק, ווען מען דערפילט די

קראַפט פון דער טויטער פּראָפּאַגאַנדע־פּראַזע איבערן לעבעדיקן אינ־האַלט פון לעבן, איבער די לעבעדיקע פֿאַקטן. די הונדערטער עדות און די טויזנטער פֿאַקטן וועלן דאָ נישט העלפן — אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, זיי האָבן דאָס אַליין געלייענט אַמאָל אין דער „פּראַוודאַ״...

די דאָזיקע בלינדע ענטוזיאַסטן האָבן פֿאַר די אויגן די שיינע בענקלעך און די שיינע איינבענד פון דער מאָסקווער ביבליאָטעק, און זיי זענען נישט פעאיק צו זען די געשענדעטע נשמה פון דער ביב־ליאָטעק, וואָס ווערט צענזורירט, פּרעפּאַרירט און קאַסטרירט.

און דאָס זעלבע אויפן געביט פון „שלום״, און פון וואָס דען נישט ?

„זיי האָבן אויגן און זעען נישט; זיי האָבן אויערן און הערן נישט״...

ראַבאָטן ווילן באַהערשן די וועלט.

ווי צו דער וועלט ווען זיי וועלן דאָס דערגרייכן.

ווי אומענדלעך רייך אין גייסט און אין פרייהייט די וועלט וועט דאַן אויסזען אין די אויגן פון די, וועלכע זענען מיט איר היינט נישט צופרידן.

ערשט דאַן וועט מען קענען אָפּשאַצן די דערגרייכונגען פון דער אומפּולקאָמענער דעמאָקראַטיע, וואָס אַזוי פיל בלינדע ענטוזיאַסטן זענען זי גרייט מקריב צו זיין פֿאַר אַ רעזשים, וואָס הינטער זיין שיי־נעם וואָרט־פֿאַסאַד לויערט אַ גייסטלאָזער און פֿאַרשקלאַפנדיקער קאָשמאַר.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם
נישט נאָר אין דער ליטעראַטור...

דער „סאָציאַליסטישער רעאַליזם״, וואָס הערשט אין דער סאָ־וויעטישער ליטעראַטור, איז אַ שם דבר. אַז מען וויל איידל זאָגן אויף אַ זאַך, אַז זי הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס, זאָגט מען — „דאָס איז „סאָציאַליסטישער רעאַליזם״.

סאָציאַליסטישער רעאַליזם איז נישט נאָר אַ זאַך פון ליטעראַ־טור, נאָר אויך פון פּאָליטיק.

למשל: לענין האָט אין דער ערשטער סאָוויעטישער קאָנסטי־טוציע גרויסמוטיק דעקלאַרירט, אַז יעדעס פאָלק, וואָס דער צאַריזם האָט מיט געוואַלט עס איינגעגלידערט אין דער רוסישער אימפּעריע, האָט דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

האָט גרוזיע דאָס אָנגענומען פאַר גוט געלט און פּרובירט פאָלגן לענינס עצה, האָט די סאָוויעטישע מאַכט זי אַזוי צעמזיקט, אַז זי וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן.

איר געדענקט די מעשה מיטן צאַרישן גובערנאַטאָר?

ער האָט אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג, אַז יעדער אונטערטאַן קאָן קומען און זאָגן אים וואָס יעדער איינער טראַכט וועגן אים און וועגן אַלץ, אַפּילו וועגן קיסר.

אָבער צום סוף פון דער מעלדונג האָט ער צוגעגעבן: „פּרובירט נאָר!"

אָבער מיינט נישט, אַז דאָס איז צאַרישער אימפּעריאַליזם, אַדאָפּ־טירט דורך דעם סאָוויעטישן סאָציאַליזם, — דאָס איז „סאָציאַליס־טישער רעאַליזם" אין פּאָליטיק... די וואָס האַלטן אַז דאָס איז גע־וויינלעכער סאָציאַליסטישער אימפּעריאַליזם זענען זיך טועה...

די טעאָריע דערפון איז אַזאַ:

ווען די רוסישע צאַרן וואָלטן נישט געווען פאַרכאַפּט אַלץ, וואָס איז שלעכט געלעגן, וואָלטן די נישט פאַרכאַפּטע לענדער געווען אַרייַנגעפאַלן אין די לאַפּעס פון קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם און ס'וואָלט זיי נישט באַשערט געווען דער גליק צו זיין היינט אַ טייל פון סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. אַ דאַנק די קלעפּיקע צאַרישע הענט זענען זיי דאָס היינט יאָ. מען קאָן דעריבער אַפּילו זאָגן, אַז דער צאַרישער אימפּעריאַליזם איז געווען אַ פּראָגרעסיווער, כמעט אַ סאָציאַליסטיש־רעאַליזמדיקער...

נישט קיין שלעכטער פּלפּול, האַ?

* * *

אויב דער רוסישער סאָציאַליזם קאָן זיך נאָך מער קאָמפּראָמי־טירן, ווי ער האָט זיך שוין טויזנט מאָל קאָמפּראָמיטירט, האָט ער דאָס געטאָן ביי בינע.

פון אַלע בינעס טענות צו דער וועלט, איז די גערעכטסטע טענה אירע, וואָס די צאַרן האָבן ביי איר צוגערויבט 500 אָדער 600 טויזנט

קוואַדראַט־מייל פון איר טעריטאָריע און ווילן דאָס נישט צוריק־געבן...

ביי גרוזיע און ביי הונדערטער אַנדערע גרוזיעס זענען די באָל־שעוויקעס געווען גערעכט מיט זייער פּאָליטישן סאָציאַליסטישן רעאַ־ליזם: זאָלן זיי צונעמען ביי די דאָזיקע, דורך די צאַרן באַרויבטע פעלקער, זייער איינציקע טרייסט, וואָס אַ דאַנק דעם צאַרישן אימ־פּעריאַליזם האָבן זיי זוכה געווען צו געניסן היינט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם? אָבער כינע, געוואַלד געשריגן, איז דאָך שוין 17 יאָר אַליין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, טאָ וואָס האַלט אָפּ רוסלאַנד פון אומ־קערן כינע כינעזיש ערד?

אמת, כינע וואַרפט פאַר רוסלאַנד, אַז זי איז נישט אַזוי כשר סאָציאַליסטיש, אָבער זי איז דאָך גערעכט, — ווער הייסט איר זיך האַלטן אין צאַרישן אימפּעריאַליזם?

ס'איז אויך אמת, אַז כינע אַליין איז נישט גאַנץ כשר, — וואָס איז מיט טיבעט? אויב די אימפּעריאַליסטישע כינעזישע אימפּעראַ־טאָרן האָבן אַמאָל צוגעלקחנט טיבעט, איז דאַרפן די כינעזישע סטאַ־לינס נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון קייזערלעכן כינע און אויך צולקחנען טיבעט?

מען קאָן זיך שווערן, אַז ווען רוסלאַנד גיט אָפּ כינע צוריק אַ האַלבן מיליאָן קוואַדראַט־מייל פון איר אַמאָליקער טעריטאָריע, נעמט הערשן שלום צווישןביידע לענדער פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, לכל הפּחות אויף צען יאָר. און אַ חיי שעה גייט אויך נישט צופּוס!...

* * *

אויב עס איז נאָך עפּעס נויטיק געווען ענדגילטיק צו דיסקרע־דיטירן מאָראַליש די ביידע סאָציאַליסטיש־רעאַליסטישע גרויסמאַכטן, איז קיין בעסער־ער מיטל נישט געווען ווי די אימפּעריאַליסטישע קריגעריי וועגן אַ שטיק ערד צווישן דעם רבין און דעם תלמיד...

ווען מען זאָל נאָך צולייגן — „פאַר גוד מעזשור" — צו דער עטישער וואָגשאָל רוסלאַנדס אויפפיר אין מיטעלן מזרח, מעג מען זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד טרעט צו צו יום־טובן איר 50־יאָריקן רעוואָלוציע־יובל אַ באַנקראָטירטע ביזן לי'צ'טן פאָדעם.

אויב עס זענען נאָך היינט דאָ, ערב דעם קלאָגעדיקן יובל־יום־טוב, מענטשן, וואָס טאַנצן נאָך ווי די דערוו'ישן אַרום דער מאָדערנער

עבודה זרה, זענען זיי מאָראַליש פונקט אַזוי פיל ווערט, ווי די עבודה זרה גופא.

זיי זענען פונקט אַזוי אָדם נאַקעט אין זייער שאַנדע, ווי די באַנקראָטירטע עבודה זרה...

דער פּאָליטישער סאָציאַליסטישער רעאַליזם...

ווער וועט אים רעהאַביליטירן פון זיין רעהאַביליטאַציע?

עס געשעען נאָך ניסים מיטן יידישן פאָלק, — מרדכי אָרען איז רעהאַביליטירט געוואָרן!

זיין לאַנגיאָריקע מי איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, — דער פלעק אויף זיין רעפּוטאַציע אין סטאַלינס פּראָג, וואָס האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין רו טאָג ווי נאַכט, איז באַזייטיקט געוואָרן: דער תליון האָט רחמנות געהאַט אויף אים פאַר זיין איבערמענטשלעכער (גיכער אונטערמענטשלעכער) טרייקייט צו זיין רויטן קלייד און צו זיין שמוציקער האַק, און אים באַפרייט פון אַלע זינד: „טיטאָיזם", „שפּיאָנאַזש פאַר ענגלאַנד"... צי אויך פונעם פלעק „ציוניזם" און „ציוניסטישן אימפּעריאַליזם" ווייס מען נאָך נישט, — אַזאַ פלעק איז שווער צו באַזייטיקן...

* * *

אין אָרענס בוך „דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט", לויפן פּאַראַלעל צוויי שטראָמען: אַ שטראָם צאָרן קעגן זיינע אויספאָר־שונגס־ריכטער און אַ שטראָם יראת הכבוד פאַרן רעזשים, וואָס האָט געשאַפן די אויספאָרשונגס־ריכטער און וועמען זיי דינען...

אָט דעם בוקן זיך צום תליון קאָנט איר אפילו נישט אָנרופן „מאַזאָכיזם", ווייל דאָס איז עפּעס מער, אַ סך העסלעכער, דערדריקנ־דיקער...

און אין אָרענס אָפּלייגן דאָס שרייבן דעם צווייטן טייל פון „דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט" (ווי מען האָט געשריבן אין דער פּרעסע — ביז נאָך דער געגאַרטער רעהאַביליטאַציע) איז דאָ, האָב

איך מורא, עפּעס רעוואָלטירנדיקס פאַר מיין געפּיל: וואָס איז ער דערמיט אויסן געווען: צי האָט זיין געפיל פון „באַפלעקט״ זיין אים געשטערט אויפצודעקן אַלץ, אַלץ, אָדער פאַרקערט: ער האָט געוואָרט מיטן צווייטן באַנד, כדי צו קאָנען פירן רעהאַביליטאַציע־אונטערהאַנדלונגען פון אַ פּאָזיציע פון שטאַרקייט, כדי צו האָבן מיט וואָס צו באַלוינען פאַר דער רעהאַביליטאַציע?...

אָנשטאָט צו טראָגן די פון קיינעם נישט געגלויבטע באַשולדי־קונגען קעגן אים ווי אַ מאַרטירער־מעדאַל אויף דער ברוסט, האָט זיך אָרען דערמיט געשעמט און געבעטלט ביים תליון דעם מעדאַל אַראָפּצורייסן אין זיין תליונישן חסד...

איך זיין קנעכטישער געפאַלנקייט האָט אָרען נישט געפילט, אַז די געגאַרטע רעהאַביליטאַציע פון אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים אויפן סלאַנסקי־פּראָצעס, קאָן אים נישט רעהאַביליטירן פון דער אויסגעוויינטער חרפּהדיקער רעהאַביליטאַציע, וואָס גיט צו ממשות־דיקייט די נידערטרעכטיקסטע שקרים קעגן אים: זי קאָן אים אויך נישט ריינוואַשן פון פאַלש עדות־זאָגן קעגן סלאַנסקין.

קיינער וואָלט נישט געטאָרט וואַרפן אַ שטיין אין אָרענען פאַר זיין געצוווּנגענעם עדות־זאָגן קעגן סלאַנסקין און סלאַנסקיס חברים, ווען ער, דער באַפרייטער אָרען, וואָלט נישט רעהאַביליטירט פון דער פאַרדינטער פאַראַכטונג די יעניקע, וועלכע האָבן אים געצוווּנגען צו זיין שענדלעכער טאַט; אָבער איצט? אויב ער האָט געקאָנט בעטלען ביי די פאַרברעכער רעהאַביליטאַציע, פּונקט ווי זיי, די פאַרדינער פון אייביקער פאַראַכטונג, וואָלטן געהאַט דאָס מאָראַלישע רעכט צו רע־האַביליטירן זייערע קרבנות, עפּנט ער ברייט די טיר פאַר קריטיק קעגן זיין שוואַכקייט, פאַר זיין נישט זיין קיין העלד, פאַר זיין מאָ־ראַלישן קאַפּיטולירן לגבי מאָראַלישע אונטערוועלטניקעס.

ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס פאַלש עדות־זאָגן קעגן סלאַנסקין ליגט ווייניקער אויף אָרענס געוויסן, ווי די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן אים מצד סטאַלינס תליינים. די אמתע פאַרברעכנס זיינע קעגן סלאַנסקין און זיין אייגענער נשמה קאָן ער רואיקער פאַרטראָגן, ווי די פאַרברעכנס, וואָס דער קאָמינטערן האָט פאַבריצירט קעגן אים. יעדער מענטש וויל קודם כל אויסזען אָנשטענדיק אין די אויגן פון זיין קרייז, אָדער פון קרייז, צו וועלכן ער וויל געהערן...

ווער וועט אָרענען רעהאַביליטירן פון זיין שענדלעך־אויסגע־

בעטלטער רעהאַביליטאַציע? ווער וועט אים רעהאַביליטירן פאַר זיין רעהאַביליטאַציע דורך בעטלען אַ הכשר· די אונטערוועלטניקעס פון פראַג?

נישטאָ אַזאַ קראַפט וואָס זאָל דאָס קאָנען באַווייזן!...

ווען אָרען איז באַפרייט געוואָרן פון דער פראָגער תפיסה, האָבן אים זיינע חברים אין ישראל אויפגענומען מיט טריאומף, ווי אַ זיגער, ווי אַ העלד; איצט, ווען ער איז רעהאַביליטירט געוואָרן דורך די פראָגער מערדער און עלילת־דמניקעס, וועט ער מסתמא ווידער באַ־קומען אַ העלד־ און זיגער־אויפנאַמע.

אין זייער דאָזיקן טריאומפירן וועלן זיי אַרויסווייזן זייער מאָ־ראַלישן דאַלטאָניזם, פונקט ווי זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן ביים ערשטן מאָל טריומפירן, ווען עס האָט גיכער געפּאַסט פאַר זיי, ווי פאַר זייער העלד, צו זיצן שטיל און מאַכן אַ ראַיעלן חשבון הנפש...

שהחינו!

אַז מען געפינט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" עפּעס ליטעראַריש רעכטס, מעג מען מאַכן אַ שהחינו!; אויב, נאַטירלעך, מען איז אַ ליטעראַרישער נאַשער אָדער „פּען".

און צי איר וועט דאָס גלויבן אָדער נישט — עס איז געשען אַזאַ זאַך! אין די ערשטע צוויי נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד" פון יאָר 1962, האָב איך געפונען די ערשטע צוויי המשכים פון עליע שעכטמאַנס ראָמאַן „ערב" און ער איז אַזוי צוציענדיק, אַז ער האָט מיך געצוואונגען צו זינדיקן: איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און כ'האָב געלייענט בפירוש צו שפּעט אין דער נאַכט ביז איך האָב נישט געענדיקט אַלץ וואָס איז געדרוקט פון אים...

איך בין אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין ראָמאַן (און נישט אַזוי אין ראָמאַן, ווי אין אופן ווי ער איז געשריבן), אַז ווען איך בין אין בעסערע באַציאונגען מיט כרושטשאָוון, וואָלט איך אים טעלע־גראַפירט ער זאָל, אויפן משך פון דער צייט, וואָס „ערב" וועט זיך דרוקן אין המשכים, דערלויבן דעם זשורנאַל אַרויסגיין יעדע וואָך

אָנשטאָט יעדע דריי חדשים. און היות עס איז נישט שיין צו בעטן אַזאַ גרויסע טובה בעת ער האָט שוין אַזוי אויך געטאָן אַ חסד מיטן יידישן פאָלק, וואָס ער האָט בכלל דערלויבט דערשיינען אַ „סאָוועטיש היימלאַנד" אויף יידיש, וואָלט איך פאַר זיין צווייטן חסד קאָמפּענסירט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז נאָכן פאַרענדיקן מיטן „ערב", זאָל ער דעם „סאָוועטיש היימלאַנד" לאָזן דערשיינען איין מאָל אַ יאָר, כדי אָפּצונעמען זיך דעם היזק...

אָבער גיי מאַך, אַז איך בין זיכער אַז מיין טעלעגראַמע וועט דאָ גאָרנישט העלפן, און אויף קיין הילף מצד דעם „קאָונסיל צו באַקעמפן" א.אַ.וו. קאָן איך אויך נישט האָפן: כדי מיר אָפּצוטאָן אויף טערקיש וועלן זיי אדרבא בעטן מען זאָל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרוואַנדלען אין אַ האַלב־יאָרניק... זיי קאָנען בכלל וואַרטן לענגער אויף אַ יידישער צייטשריפט, בפרט אויב זי פאַרשאַפט פאַרגעניגן ראַפּאָפּאָרטן...

הכלל: מען וועט זיך מוזן אָננעמען מיט געדולד און זען וואָס עס וועט זיין ווייטער, צי די אויפגעוועקטע האָפענונגען וועלן מקוים ווערן...

* * *

קודם כל דאָס לשון! אויב עס זאָל זיין אמת (אָבער ווי אַזוי קאָן דאָס זיין אמת, אויב זיי זאָגן דאָס?), אַז די רוסישע יידן זענען דורך און דורך אַסימילירט, אַז מען וויל נישט ריידן קיין יידיש, איז ממש אַ נס גדול וואָס אַ שרייבער, געבוירן אין 1908, שרייבט אַזאַ יידיש אין די 60־קער יאָרן! דאָס לשון זיינס שפּרודלט מיט טיפער פאָלקסטימלעכקייט, מען זעט זיינע וואָרצלען, וואָס ציען זיך טיף אין פאָלקישער געזונטקייט. מען זאָל באַזייטיקן דעם אויסלייג פון די העברעאיזמען, איז עליע שעכטמאַנס שפּראַך אַזוי יידיש־קערנדיק, אַזוי פאָלקסטימלעך־באַחנט, אַז הלואי וואָלטן אונדזערע שרייבער אומעטום געשריבן אַזוי.

אָבער נישט נאָר דאָס לשון געפעלט מיר — אויך דער אַרט שרייבן, וואָס פאַרמאָגט אינטואיטיווו שריפטשטעלערישן אַריינבליק. דאָס איז אַ זאַך וואָס איז שווער צו דעפינירן, אָבער דאָס איז אַזאַ מין זאַפטיקער חיות, אָדער חיותדיקע זאַפטיקייט, וואָס גיט צו טעם און אַראָמאַט יעדן ליטעראַרישן ווערק, פון אַ נאָטיץ וועגן אַ שטאָטישער שרפה ביז אַ ראָמאַן, — דאָס איז דער קאָנטיקסטער סימן

פונעם מיסטעריעזן װאָרט „טאַלאַנט", װאָס דאָס איז שולדיק אין דעם אויב דער לייענער קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון אַ לעקטור, דאָס איז שטאַרקער פאַר אַ דאָקטאָרס פאַראָרדענונג, אַפילו פאַר אַ פּאָליטישן מוקצה מחמת מיאוס...

הײַנט װאָס איז װערט דאָס, װאָס זײַנע מענטשן לעבן, װאָס אַרום זיי איז אַטמאָספער פון לעבן, װאָס מיר נעמען זיך איבער מיט זייער גורל, מיט זייער לעבנספּיר ?... װיפל לעבעדיקע מענטשן געפינען מיר הײַנט אין אונדזער פּראָזע ?

אָט איז דאָרט דאָ אַ יצחק באַיאַר. פאָרט ער אין װעג און יאָגט זיך אַהיים כדי נישט מחלל שבת זײַן. ער פירט אויף דער פור אַ הײַנטצײַטיקן, אַ מוזיקאַנט; זאָגט ער צו יצחק באַיאַר: „אפשר װאָלטן מיר אָפּגעשטעלט דאָס פערדל, אַראָפּגעקראָכן פון װאָגן און זיך געשטעלט אין מיטן פעלד מקבל שבת זײַן... איך װעל זיך שטעלן פאַרן עמוד, דאָס הייסט קעגן דער פאַרגײענדיקער זון, אַרויס־נעמען דעם פידל און װעל אַ שפּיל טאָן אַ לכו־נרננה, אַז זינט, רב יצחק, די װעלט איז באַשאַפן געװאָרן, האָט נאָך קיינער...

„טרײַב נישט, עקיבא, קיין ליצנות, — שלאָגט אים מיטאַמאָל איבער דער ייד, — איך קאָן נישט לעבן אָן קיין שבת. איין טאָג אין דער װאָך מוז איך האָבן אַ נשמה יתירה... די אַלטע נשמה װערט מיר פאַר דער װאָך אויסגעטריקנט און איבערגעבערענט. דו האָסט שוין ביי מיר גענוג צוגענומען... לאָז מיר איבער כאָטש דאָס שטיקל שבת".

איר זעט שוין אין דאָזיקן זאַץ דעם גאַנצן אינעװייניק פונעם דאָזיקן ייד און װיפל מאָל מיר זאָלן אים נישט טרעפן אין די דאָזיקע צוויי המשכים, דערקענען מיר זײַן עכטקייט און זײַן עיקר מהות סיי אין דאָזיקן זאַץ, סיי אין זײַנע שפּעטערדיקע מעשים. דאָס איז נישט געשריבן, נאָר געשאַפן. דאָס איז געשריבן נישט מיט טויטן טינט, נאָר מיט לעבעדיקן שריפטשטעלערישן בלוט...

און ליטעראַטור איז אַזאַ איידעלע מאַטעריע, אַז דאָ איז שװער אָפּצונאַרן. עס כאַפּט אויף, װי אויף אַ מין ראַדאַר, יעדע פאַלשע באַװעגונג, יעדן פאַלשן קלאַנג. װען מיר לייענען, למשל, איבער אַזאַ זאַץ: „די װערטער ביי זײַנװולען שאָרכן און רוישן, װי ביי פּאַפּירענע צענערלעך", װײַזט איך גלײַך דער ליטעראַרישער ראַדאַר, אַז דאָס איז נישט קיין קינסטלערישער פאַרגלײַך, נאָר אַ קינסטלע־

כער, אַן אויסגעמחטער, אַ פּראָלעטאַריש־אַנטי־בורזשואַזער, אַן אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער, הגם דאָס ווערט געשריבן וועגן ערב דער רעוואָלוציע, פון די יאָרן פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

אין דעם פּרט איז דאָס בוך ענלעך צייטנווייז צו נסתרס „די משפּחה מאַשבער" — דער מחבר שרייבט פון דער פאַר־רעוואָלוציע־עפּאָכע, און ער שרייבט ערלעך, פעלשט נישט גראָב די מענטשן, די געפילן, אָבער ער גליטשט זיך אויס אויף קלייניקייטן...

* * *

פאַראַן אַ פעלער אין ראָמאַן, וואָס איך וואָלט עס באַצייכנט מיטן אויסדרוק „אַ צו געדיכטע מעלאָדראַמע" — דער ראָמאַן הויבט זיך אָן, ווי אַ געדיכטע מעלאָדראַמע ענדיקט זיך. אָבער אויב דאָס איז אַפילו אַ קאָנסטרוקציע־פעלער, לויט מיין געשמאַק, שאַדט דאָס נישט דעם ראָמאַן צו זיין קינסטלעריש אין זיינע רוב פּרטים. נאָכמער, אַ סך שטעלן גיבן אַן אָטעם אויף אונדז מיטן טיפן ערנסט פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע: נישט נאָר רב יצחק באַיאַר האָט אַ נשמה יתירה און ער האָט זי ליב און וועט זיך מיט איר נישט שיידן, — אויך עליע שעכטמאַנס ראָמאַן און זיינע געשעענישן פאַרמאָגן אַ נשמה יתירה, וואָס שוועבט איבער אים, וואָס אָטעמט אין אים און גיט אים צו באַדייטנפולקייט שוין באַלד אין אָנהויב...

אָט נעמט דניאלן. ער האָט צוויי טראַגעדיעס: זיין אומגליקלעכע, נישט באַפרידיקטע ליבע און זיין נישט דערפילטער דראַנג צו שאַפן גרויסע בילדער. ער איז אָפּטמאַל שלעכט געשילדערט. ווען ער רופט כסדר זיין פריינט „עקיבא־פריינט" אָדער „עקיבא־חבר", — קלינגט עס אַזוי קינסטלעך, אַפילו פאַלש פאַר יעדן וואָס האָט אַ גוטן אויער פאַרן ריטם פון דעם שפּראַך; אָבער ווי ער וואַקסט אויס, ווען ער זאָגט צו עקיבאַן, אַז עס איז נישט אַזוי שרעקלעך צו שטאַרבן ווי אַוועקצוגיין פון דער וועלט „מיט ליידיקע הענט", ד.ה. נישט האָבנדיק געשאַפן עפּעס גרויסעס, וואָס באַפרידיקט די בענקשאַפט פון דער נשמה יתירה. דניאל רעדט מיט זיין „עקיבא־פריינט" וועגן זיין, דניאלס, טאַטן, יצחק באַיאַר, וועלכער שטייט ביי אַ קראַנקן זונס בעט, האַלט דעם זונס האַנט און איז „מקבל שבת מיט זיין זינגעוודיקן האַרציקן קול".

— „עקיבא־פריינט, פאַרמאַך די אויגן און הער זיך צו, הער זיך צו, וויפל טרויער און וויפל גלויבן אין אָט דעם קול".

זאָגט אים עקיבא: „וועגן דיין טאָטן דאַרפסטו מיר נישט דער־ציילן... פאַרוואָס האָסטו אים קיינמאָל נישט געמאָלט?"

ענטפערט דניאל:

— „נישט פאַר מיינע כוחות... דאָ דאַרף מען מאָלן נישט דעם טאַטן, נאָר אַ גאַנצן דור"...

אַ מענטש וואָס פאַרשטייט די טיפע טראַגעדיע פון פאַרגיין מיט ליידיקע הענט (דער טראָפּ קומט אויף „ליידיקע הענט", נישט אויפן „פאַרגיין") און דעם טיפן סוד פון דאַרפן מאָלן נישט יצחק באָיאַר, נאָר אַ גאַנצן דור, און אָט די טיפע אַריינבליקן ווערן געזאָגט אַזוי אַז עס שווימט אויף פאַר אונדזערע אויגן דאָס גרעסטע יידישע בילד, געמאָלט פון איזראַעלסן — „אַ רבי", וואָס אַז איר קוקט אויף אים זעט איר בפירוש די מיסטעריעזע פאַרקערפּערונג פון אַ גאַנץ נשמה־יתירהדיק פאָלק, — ווען איר לייענט אַפילו בלויז אָט די פּאָר פראַג־מענטן הויבט איר אָן צו ציטערן איבערן גורל פון דאָזיקן ווערק, וואָס האָט שוין אין זיין אָנהויב שפּורן פון גרויסער ליטעראַרישער יצירה...

* * *

עס איז שווער אַפילו זיך פאָרצושטעלן ווי דאָס ווערק וועט אויסזען ווייטער, ווען עס וועט אַריבערטרעטן די צייט־גרעניץ, וואָס איז אַזוי געפערלעך פאַר ליטעראַטור אין יענער זאָנע. מען הויבט שוין אָן צו ציטערן פאַרן גורל פון דאָזיקן ווערק, ווי מען ציטערט פאַרן גורל פון אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס הויבט דיר אָן צו ווערן נאָענט. יאָ, עס איז דאָ פאַר וואָס צו ציטערן, — שוין דאָס דאָזיקע ציטערן גופא איז אַ גוטער באַווייז, אַז עס איז דאָ פאַר וואָס צו ציטערן...

* * *

איך וויל דאָס אילוסטרירן מיט אַ פּאָר ביישפּילן:

1) איינער פון די העלדן זאָגט: „מיט דער פאַרגאַנגענהייט קאָנען מיר מער נישט לעבן... ווידער און אָבער אַמאָל דאָס אַלטע לידל: אַמאָל איז געווען אַ מלך... מיר דאַרפן האָבן אַ מאָרגן... אמת, דער מאָרגן איז פול מיט נעפּל, די צוקונפט איז אַ שוואַרצער וואַלד, פול אויף שריט און טריט מיט געפאַרן; ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּנים דער מאָרגן וועט האָבן"...

אָט די פּאָר ווערטער לאָזן אַרויס שטראַלן אין פאַרשידענע ריכ־

טונגען: דאָס קאָנען זאָגן סיי די ציוניסטן, סיי די גלות־נאַציאָנאַ־ליסטן, סיי די רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען, וואָס שטייען אויפן נאַ־ציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. ווי וועט זיך דאָס געשטאַלטיקן אין ראָמאַן, וואָס וועט אָט־אָט אַריינוואַקסן אין דער צייט פון דער יידסעקציע?

אַ ראָמאַן, וואָס וואָלט ערלעך געשילדערט אָט די פּראָבלעם, אָט דעם אינערלעכן קאַמף מיט דער שרייב־קראַפט פון עליע שעכטמאַן, איז אַ גרויס געווינס פאַר אונדזער ליטעראַטור. צי קאָן זיך אָבער דאָרט אין איצטיקן קלימאַט אַזאַ ראָמאַן נאַטירלעך אַנטוויקלען?

און אָט דער גרויסער פּראָגרעסיווער וואַרפט אַ פינצטערן שאָטן אויפן דאָזיקן ראָמאַן־עמבריאָ: צי וועט דאָס קינד זיך נאָרמאַל אַנט־וויקלען? צי וועט געבוירן ווערן אַ קריפּל?

דאָס איז אויפן נאַציאָנאַלן פלאַך.

און אויפן סאָציאַלן?

2) אָט איז אַ שטיקל פון אַ שמועס צווישן די צוויי חברים:

„ווען מען וואָלט צונויפגעלייגט — זאָגט עקיבא, — אַלע לו־טשינעס פון רוסלאַנד צוזאַמען, וואָלט געוואָרן אַזאַ שייטער, אַז ס'וואָלט פאַרברענט געוואָרן דאָס שטרויענע רוסלאַנד אין איינעם מיטן צאַריזם...

„עקיבא־פריינט, — ענטפערט דניאל, — כ'האָב מורא פאַר אַזאַ שרפה. אַ מעסער שאַרפט זיך אָן אַ מעסער".

צי וועט מען אין די ווייטערדיקע טיילן אויך קאָנען ווי געהעריק אַרויסברענגען אָט די געדאַנקען און שטימונגען?... פונעם ענטפער — צי יאָ, צי נישט — אויף אָט־דער פראַגע, הענגט אָפּ די גע־שטאַלט און דער ווערט פונעם ראָמאַן.

3) צו רב יצחק באָיאַר רייסן זיך אַריין פרייטיק־צו־נאַכטס זשאַנדאַרן מיט אַ בלבול. זאָגט דניאל: „ווי אַזוי רייסן זיך עס אַריין באַדערנאַכט אין אַ פרידלעכער שטוב צוויי היטער פון דער „אָרדענונג" מיט אַזאַ רציחה, חוצפה און אומפאַרשעמטער הפקרות?... און וואָס וועט עס געבן, אַז ער וועט זיי שווין יאָ וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין? זיי מעגן דאָך אַלץ... זיי זענען דאָך די פאַרשטייער פון געזעץ... ער, דניאל, האָט דאָך קיין שום רעכט נישט. זיי, די מערדער, האָבן געזעצלעכע תלינים, געזעצלעכע תפיסות, פאַרשי־קונגס־ערטער"...

און דניאל נעמט פלוצלונג פאַרשטיין, אַז דער זשאַנדאַר וויל

דניאלס ברודער „זאָל זיך מודה זיין נאָר אין אַ פּאָר קלייניקייטן. דאָס איבעריקע וועט ער שוין „דאַרטן" אַלץ אונטערשרייבן".

ווי איר זעט — דער אַמאָל, וועגן וועלכן שעכטמאַן שרייבט אַזוי גוט, ווינקט זיך גאַנץ אָפט דורך מיטן היינט, וועגן וועלכן דער ראָמאַן וועט דאַרפן דערציילן שפּעטער. און ווען עס קומט אַרויס אַ רעשט — דעם אַמאָל, צי דעם היינט — איז קלאָר פאַר יעדן, וואָס וויל זען... אָבער וואָס זאָל „דאָרט" טאָן אַ שרייבער, וואָס זעט אַפילו קלאָר?

דער ראָמאַן זאָגט צו אַ סך, אָבער וואָס און וויפל פון די צוזאָגן וועט ער קאָנען מקיים זיין?...

יאָ, דער ראָמאַן רופט אַרויס עסטעטישע אַנטציקונג, אָבער אויך אינטעלעקטועלע זאָרגן. אָבער פון דעם ווי די זאָרגן וועלן געלייזט ווערן איז אָפּהענגיק אויך דער עסטעטישער סך־הכל: יעדעס קינסט־לעריש ווערק מוז באַפרידיקן אַ סך מער ווי בלויז דעם עסטעטישן חוש; נאָכמער, ווען עס באַפרידיקט נישט דעם גאַנצן מענטשן, ווערט זיין עסטעטישער חוש אויך נישט באַפרידיקט...

* * *

איך האָב נישט בדעה צו שרייבן אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן פראַגמענט פון ווערק, — איך וועל מיט אַן אָפּגערונדיקטער אָפּשאַ־צונג וואַרטן ווען עס וועט זיין פאַרטיק אין גאַנצן...

דאָס דאַרף מען באַגריסן

יעקב ריפטין, איינער פון די פירער פון מפ"ם אין ישראל, איז עולה־רגל געווען, מיט אַ שטיקל צייט צוריק, קיין רוסלאַנד.

געשטאַרקט אין גייסט, ווי אַלע עולה־רגלניקעס, האָט ריפטין נישט נאָר אָפּגעגעבן אַ הללויה־באַריכט פון רוסלאַנד, וועגן די דאָר־טיקע יידן, נאָר ער האָט גענומען פאָדערן (מיט דער תקיפות פון אַ פירער), זיין פאַרטיי זאָל אָפּשטעלן די פּראָטעסטן קעגן סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם.

געבוי זיינע אַרגומענטן ווייס איך נישט. אָבער איך קאָן זיך

פאָרשטעלן אַז זיין שאַרפסטער אַרגומענט איז געווען אַ קאָנסטיטו־ציאָנעלער: ווי קאָן זיין אין רוסלאַנד אַנטיסעמיטיזם אַז די סטאַלין־קאָנסטיטוציע אַליין האָט אים, דעם אַנטיסעמיטיזם, פאַראורטיילט, דערקלערט פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן ?...

אָבער מפ״ם האָט דאָס מאָל נישט געוואָלט פאָלגן. זי איז גע־בליבן טריי אַ פריערדיקן באַשלוס פון אַ מפ״ם־צוזאַמענפאָר יאָ צו פּראָטעסטירן קעגן סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם.

אַפילו מאיר יערי, דער הויפּט־פירער פון מפ״ם, דער עקסטרעם־לינקער, איז לעצטנס אַרויס אין דער אָוונט־צייטונג „מעריב״ (22טער נאָוועמבער 1963) און דערקלערט עפנטלעך אין אַן אינטערוויו (איך ציטיר לויט דעם „ייד. קעמפער״ פון 6־טן דעצעמבער 1963):

„מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן. מיר נעמען נישט אויף יעדע אָנווייזונג, וואָס עס באַשליסט דאָרט עפּעס אַ קאָמיסיע... מיר גרע־נעצן זיך אָפּ, מיט אַ סך האַרבקייט, הגם מיט אונדזער אייגענער שפּראַך, פון רוסלאַנדס באַציאונג צו דער יידישער מינדערהייט אין איר לאַנד; פּונקט ווי איר פּאָליטיק, וואָס שייך דער באַוואָפענונג פון מיטעלן מזרח, געפעלט אונדז נישט״. (זייער פאָרזיכטיק און שוואַך אויסגעדריקט! — י. ר.).

מאיר יערי, — זאָגט מ. ראגיל, — „וואָרנט קעגן העצן אויף רוסלאַנד, — אָבער זיינע טענות צו איר רוקט ער אַרויס גאַנץ שאַרף, כאָטש מיט עטלעכע חדשים צוריק וואָלט ער אַזוינס אפשר נישט געטאָן.

„די ענינים, — האָט יערי ווייטער געזאָגט, — אין באַציאונג צו יידן, זינט לעניננען, האָבן זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט אַנט־וויקלט צום גוטן — נאָר צום שלעכטן; הגם אויך לענין און מאַרקס זענען געווען פאַר יידישער אַסימילאַציע. דאָס איז ריכטיק. פאַראַן אַן אַנטוישונג. אָבער מיך האַלט אָפּ פון פאַרזינקען אין יאוש מיין גלויבן אינעם יידישן פאָלק. די יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, כאָטש זיי ריידן רוסיש, חלומען אין עברית... אויך זיי ווילן זיין נאָרמאַל, בענ־קען — און זענען דורשטיק נאָך זייער שורש — און זייער וואָרצל איז אין זייער היסטאָריש פאָטערלאַנד״...

דאָס הייסט — „עס דרייט זיך פאָרט״. מפ״ם האָט געמאַכט אַ קליינעם טריט פון אָפּגרונט אַוועק. מען רעדט נאָך פאָרזיכטיק, האַל־בע דיבורים, אָבער אַ ווענדונג צום גוטן איז דאָס...

און חיים שורער, רעדאַקטאָר פון „דבר", שרייבט וועגן דעם (לויט מ. ראגיל) אין דער זעלבער נאָטיץ: „מיט דער נייער שטעלונג פון מפ"ם האָט זיך עפּעס געענדערט. פון איצט אָן קענען מיר זאָגן מיטן פולן און מיטן גאַנצן האַרץ, אַז די גאַנצע ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַראייניקט אין איר מאָנען ביי סאָוויעט־רוסלאַנד... און ס'איז גוט, אַז די דאָרטיקע מאַכט און אירע היגע פאַרשטייער זאָלן זיך נישט מאַכן קיין אילוזיע, אַז ס'איז פאַראַן צווישן אונדז אַזאַ חשובער טייל ווי די מפ"ם, וואָס איז מכלומרשט „כשר" און זי שליסט זיך נישט אָן צום פּראָטעסט און דער פאָדערונג פון אונדז אַלע פאַר אונדזערע באַעוולטע ברידער דאָרט".

„חיים שורער, — זאָגט ראגיל, — איראָניזירט דערביי אויפן חשבון פון ריפטינען, וואָס בעת עס קומט צו יידישער רעליגיע איז ער גלייכגילטיק (ווי דער „באַרימטער" מרדכי אורן. — י. ר.) — אָבער ווען עכטע רוסן מאַכן אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, באַטייליקט ער זיך אין איר. שורער דערציילט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט די רוסישע מיסיע איינגעאָרדנט אַ מעסע אין איר ירושלימער קירכע און דאָרט אָפּגעריכט תפילות און (רעליגיעזע) צערעמאָניעס. האָט זיך אין זיי אויך באַטייליקט דער אַטעאיסט ריפטין, — און שורער פרעגט:

„צי וואָלט ער אויך געגאַנגען, ווי דער פאָרזיצער פון דער אינערן־קאָמיסיע, צו אַן אַנדער רעליגיעזער צערעמאָניע — כאָטש די פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע גייען נישט אַהין? אָבער די פאַרבינדונגען פון די סאָוויעטן מיט דער קריסטלעכער רעליגיע „פאַרשטייט" ער; ערשט ווען ס'איז נוגע יידן געדענקט ער, אַז ס'איז בכלל דאָרט פאַראַן אַן אַנטי־רעליגיעזער קאַמף"...

איך קאָן פאַרזיכערן שורערן, אַז אויב עס גייט אים אַזוי ריפטין זאָל קומען אויך צו אַ יידישער רעליגיעזער צערעמאָניע, האָט ער דערויף איין ברירה: דינגען אַ פּאָר רויטע רוסן וואָס זאָלן גיין אין שול אַריין, — וועט זיך ריפטין דאָן במילא שוין נאָכשלעפּן נאָך די רויטע רוסן...

אָן מה־יפית יידן קאָן זיך קיין שום יידישער ישוב נישט באַגיין. אַפילו דער ישראלדיקער. אַ צו לאַנגע געוווינהייט...

* * *

ווי אויבן געזאָגט, וועט מפ״ם נישט אַזוי שנעל זיך אָפּגעוווינען פון זייער רוסלאַנדס רויטע ברוסט; אָבער אַ שטיקל ענדערונג, ווי מיר זעען, איז פאָרגעקומען.

און איך באַגריס דאָס.

איך וויל האָפן אַז די ענדערונג וועט וואָס שנעלער דערגרייכן אויך מעלבורן מיט לופט־פּאָסט...

דער נביא פון העצערישער קאָעקזיסטענץ...

סאַראַ אידיליע!

אַ ווייס טייבעלע, דער סימבאָל פון שלום, האָט זיך אין דער הויפּטשטאָט פון מלחמה־העצער, אין קאַירא, צוגעטוליעט צום סימ־באָל פון געוואַלט און מאָרד, צום סימבאָל פון מלחמה — צו כרוש־טשאָוון.

עס וואָלט געווען אַ סך פּאַסיקער אַ רויב־פויגל זאָל זיך צוטו־ליען צום דאָזיקן בלוטיקן מענטשן, סטאַלינס אַדיוטאַנט, יורש און נאָכפאָלגער...

און אפשר איז דאָס טאַקע געווען אַ מאַסקירטער רויב־פויגל?...

* * *

זינט לענין, דער רויטער צאַר, האָט איבערגענומען דעם טראָן פון ווייסן, איז די וועלט פאַרפלייצט געוואָרן אי מיט מער בלוט, אי מיט מער צביעות, ווי ווען נישט איז...

ווי געאָרעמט עס גייען ביי די רויטע צאַרן די קאָעקזיסטענץ־פראַזע מיט הפקרדיקער מלחמה־העצע! אויפן דאָזיקן געביט, אָבער נאָר אויפן דאָזיקן, הערשט ביי זיי אַן אמתע קאָעקזיסטענץ.

מיטן טייבעלע, דעם סימבאָל פון שלום, אויף זיין אַקסל, און מיט דער פראַזע פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ אויף די ליפּן, ווי אַ מעלאָדיע פון אַן אָנגעדרייטער גאַסן־קאַטאַרינקע, האָט ער גלייך גע־נומען שיטן מיט מלחמה־העצע קעגן ישראל.

טאָמער איז אין מיטעלן מזרח דאָ נאָך ווייניק האַס און מלחמה־העצע, האָט דער אַפּאָסטאָל פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ געבראַכט

קיין קאַירא במתנה טאַנקערס מיט העצערישן ברען־שטאָף. ער האָט געבראַכט כישוף קיין מצרים!

אומעטום ווו עס איז פאַרזייט און ס'וואַקסט שנאה צווישן פעל־קער, באַמיסטיקט ער אויף זיין חשבון די פעלדער, זיי זאָלן אַרויס־געבן בשפע דעם גיפטיקן שטאָף, מיט וועלכן עס דערנערט זיך זיין פינצטערע אימפעריע.

איז אַ סכסוך ערגעץ־ווו מיט אינדאָנעזיע, איז ער דאָרט גלייך דאָ מיט געווער און מיט מלחמה־ברענשטאָף; איז דאָס אין ציפּערן, איז ער גלייך דאָ דאָרטן מיט זיין קוש פון טויט; איז דאָס אין מיטעלן מזרח, איז ער גלייך דאָ דאָרטן, כדי צוצוקלייבן זיך נענטער צו זיין אויסדערוויילטן קרבן, דעם פאָלק ישראל.

אָט די אויפגאַבע האָט ער איבערגענומען בירושה פון זיין זיידן כמעלניצקי און פון זיין שותף און לערער — היטלער.

וואָס ער האָט געזאָגט געגנוי מיטן ווייסן טויבעלע אויף זיין אַקסל, ווייס מען נאָך נישט: מען ווייס נאָר אַז ער האָט צוגעזאָגט נאַסערן געווער, אַ סך געווער און ער האָט אים געגעבן זיין ברכה פאַר באַקעמפן דעם ירדן־וואַסער־פּראָיעקט...

מער ווייס מען נאָך נישט, אָבער דאָס וואָס גאָלדע מאיר האָט אָנגעפרעגט ביים סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין ישראל וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דעם, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, ווי ערנסט דאָס איז...

ישראל, מיט איר פיזישער קליינקייט און שוואַכקייט לגבי אַזאַ פיזישן ריז (און גייסטיקן קריפּל) ווי ראַטנפאַרבאַנד, מוז אַרומגיין דעליקאַט אַרום דאָזיקן וועלט־אומגליק און זי פאַרשווייגט גאָר אַ סך זאַכן, וואָס דער ריז דערלויבט זיך לגבי איר: און אויב גאָלדע מאיר קאָן דאָס שוין נישט דורכלאָזן און זי רעאַגירט דיפּלאָמאַטיש, איז דער בעסטער באַווייז ווי שטאַרק מען האָט איר אָנגעטראָפן אויפן קראַנקן פוס...

* * *

אַזאַ גראָבן געמיש פון קאָעקזיסטענץ־גאַוועך מיטן דיקן שוים פון מלחמה־העצע אויף די ליפּן — איז שווער צו פאַרטראָגן.

איז ווען וועט די געפאַנצערטע פויסט פון מערב, — די אייג־ציקע פויסט, וואָס קאָן אַרויסרופן דרך־ארץ ביים מאַכט־פאַרשיכורטן סאַטראַפּ פון מזרח, — ווען וועט זי אַ קלאַפּ טאָן אין טיש און אָנרופן אויפן קול מיטן ריכטיקן נאָמען וואָס די פּראָלעטאַרישע מלוכה דער־

לויבט זיך? ווען וועט זי אַראָפּרייסן די מאַסקע פון שלום־טריפּנדיקן פראַנקענשטיין?

ווייל סוף־כל־סוף זאָל זיך דער מערב נישט איינריידן אַז מען מיינט נאָר די שוואַכע און די קליינע, וואָס ווען דעם ריז, מיטן אומ־באַגרענעצטן אַפּעטיט, סטייען אויף איין צאָן: די קליינע זענען נאָר ווי אַ פאָרשפּייזע, וואָס דאַרף צורייצן דעם אַפּעטיט. אין לעצטן סך־הכל מיינט ער די גרויסע פיש פאַר דער אמתער סעודה...

און זאָלן זיי נישט מיינען, ווי אסתר המלכה, אַז דאָס מיינט מען בלויז די שוצלאָזע יידן, אַז זיי, די גרויסע, וועלן זיך אַרויסדרייען.

מרדכי האָט געוואָרנט נישט נאָר אסתרן, — ער האָט געוואָרנט און וואָרנט כסדר אויך זיי, די גרויסע, אַז אויב זיי וועלן שווייגן אין דער דאָזיקער צייט...

וועלן זיי זיך טאַקע לאָזן אָפּנאַרן פון כרושטשאָוון און זיינע סאַטעליטן, ווי נאַסער און די איבעריקע?

גאָלדע מאיר קאָן נאָר העפלעך אָנפרעגן ביים סאָוויעטישן אַמ־באַסאַדאָר וואָס דאָס באַדייט, — אָבער דעם אמתן קלאַפּ אין טיש קאָן דערלאַנגען נאָר אַמעריקע מיט אירע פאַרבינדעטע... און זיי דאַרפן וויסן וואָס דאָס באַדייט...

צי וועלן זיי אים געבן, אָט דעם אויפוואַכנדיקן קלאַפּ, כל זמן עס איז נאָך נישט שפּעט? אָדער וועלן זיי זיך טאַקע לאָזן פאַר־טשאַדען די לעצטע רעשטלעך מאַרך און געוויסן, וואָס אַרבעטן נאָך ביי זיי, מיט דעם שלאָף־געטראַנק פון פּראָזעאָלאָגישער קאָ־עקזיסטענץ?...

די טראַגעדיע פון יידישן שרייבער

ווען עס שטאַרבט אַ יידישער שרייבער, דערפיל איך שאַרף די טראַגעדיע פון יידישן שרייבער בכלל.

נישט דערפאַר, ווייל די טראַגעדיע פון יידישן שרייבער באַ־שטייט אין זיין טויט, — דער טויט אונטערשטרייכט נאָר מיט זיין סך־הכלדיקן שטריך די טראַגעדיע פון יידישן שרייבערס לעבן.

דער טויט איז תמיד טראַגיש, — ער פאַרניכטעט תמיד עפּעס

איינציקאַרטיקס — לכל הפּחות פּאַרן פאַרשטאַרבענעם. דער טויט איז תמיד טראַגיש, ווייל תמיד פּריצייטיק.

אָבער באַזונדערס טראַגיש איז דער פּריצייטיקער טויט פון אַ שעפערישן מענטשן, ווען דער טויט רייסט אַראָפּ פון לעבנס־בוים נישט קיין אויסגערייפטע פּרוכט.

אָבער פון אַ גאָר ספּעציפישער טראַגיק איז דער טויט פון אַ יידישן שרייבער: דער טראַגיזם ליגט נישט אין זיינע פאַרשניטענע, נישט־אויסגערייפטע ווערק, ווי אין זיינע נישט־אויסגעלעבטע רייפע ווערק.

איך האָב געלייענט אין דער ביאָגראַפיע פון חנה סענעש, וועלכע איז אומגעקומען צו 23 יאָר: פאַרן אַוועקגיין אין איר לעצטער שליחות, האָט זי איבערגעשריבן אַלע אירע העברעאישע לידער אין אַ דין העפטל און דאָס העפטל באַטיטלט: „ללא שפה״ (אָן אַ שפּראַך).

חנה סענעש, די פּאָטענציעל־גרויסע דיכטערין, האָט, ווי יעדער דיכטער, געוואָלט צונויפנעמען אין שייער איר דיכטערישן שניט, ווי קליין ער זאָל נישט זיין.

זי האָט צונויפגענומען אירע לידער אין איין אָרט און דערפילט, אַז דאָס איז דיכטונג אָן אַ שפּראַך, — שטומע דיכטונג. זי האָט שוין געשריבן העברעאיש, אָבער זי האָט געפילט, אַז די אוממיטלבאַרע שפּראַך פון איר געמיט איז נאָך אַלץ די מוטער־שפּראַך — אונגאַריש. זי האָט דערשפּירט די שטומקייט פון אירע געדיכטן. און זי האָט ווי געוואָלט מלמד־זכות־זיין אויף אירע איינפאַלע לידער: פאַרגעסט נישט, אַז זיי זענען שטום, באַגרייפט זייער שטומען אויסדרוק!

קאָן דען אין פלוג זיין אַ גרעסערע טראַגעדיע ווי חנה סענעשעס? אומגעקומען, ווען איר דיכטערישע נשמה האָט זיך ערשט געפונען אין ערשטן צוויט! און געמוזט קומען צום אויסדרוק אָן אַ שפּראַך!

און דאָך איז איר טויט נישט אַזוי דערדריקנדיק־טראַגיש — פאַר אונדזער אוממיטלבאַרן געפיל — ווי דער טויט פון זעכציקיאָריקן מנחם באָריישא, וועלכער האָט שוין געגעבן רייפע ווערק, און אפשר זיינע רייפסטע.

סענעשעס האַלב־שטומע געזאַנגען זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך צענדליקער טויזנטער אירע מיטקעמפער, מיטגייער, מיטבויער, — זיי פאַרשטייען אירע האַלב־שטומע טענער, ווייל זי האָט געזונגען

דאָס, וואָס אויך זיי האָבן מיטגעלעבט און איבערגעלעבט, — זי איז איינע פון זיי, זי איז די האַלב־שטומע צונג פון זייערע דיכטעריש־שטומע נשמות. איר דיכטונג האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שוואַך בוימל פון אַ נייער ווירקלעכקייט, פון אַ נייער קנאָספּנדיקער סביבה, אָבער דאָס בוימל האַלט אין וואַקסן, און צוזאַמען מיט אים וואַקסט־מיט, וועט מיטוואַקסן אויך חנה סענעשעס דיכטונג, ווי אַ שוואַכער שניט אין אַ לעבעדיקן בוימל ווערט מיטן בוימלס וווּקס טיפער און טיפער, קאָנטיקער און אָנזעעוודיקער: ער וואַקסט אַריין אַלץ אין אַ גרע־סערער אויסוואַקסנדיקער ווירקלעכקייט, ער וואַקסט־מיט מיט אַ ווירקלעכקייט. און ווי מיר זאָלן נישט באַדויערן דעם אומקום פון חנה סענעש, — קיין אויסזיכטלאָזע טראַגיק איז נישטאָ אין איר טויט: דאָס טייערסטע אין איר יחידיש לעבן, איר נשמה־ציטער, איז נישט אומגעקומען, — פאַרקערט, ער איז גוט פאַראַנקערט: זי האָט געזונגען פאַרן כלל און דער כלל וועט נישט לאָזן פאַרשטויבט ווערן איר דיכטונג, ווי אָרים עס זאָל נישט האָבן געווען איר אויסדרוק־מעגלעכקייט.

אָבער באַריישאַ?

נישט נאָר די היטלער־קאַטאַסטראָפע איז שולדיק אין זיין שריי־בערשער טראַגעדיע, — אויך פאַר דער קאַטאַסטראָפע האָט ער גע־נומען איבערלעבן זיין אייגענעם טויט. נאָך אין 1912, אין זיין ליד „אין אַ פּוילישן דאָרף", ווו ער באַשרייבט די אַסימילירטע יידישע קור־געסט, שרייט ער אויס:

„...ווי גרויס איז מיין פאַרלאַנג —
כ'וויל הערן דאָ אַ יידיש וואָרט,
אַ האַלבע מלוכה פאַר אַ וואָרט!"

און אַ בוים ענטפערט אים דערויף:

„דיין העזה, פרעמדער, איז אומזיסט —
ס'איז ייִדישקייט שוין לאַנג דאָ וויסט".

געוויס, עס איז נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי שפּעטער (און אַוודאי נישט אַזוי פאַרצווייפלט ווי איצט!). זיין „זאַוול רימער" האָט אין אָנהויב פון די 20־קער יאָרן נאָך געהאַט אַ סך לייענער, און גוטע לייענער. צענדליקער טויזנטער האָבן דאָס בוך געלייענט און טויזנטער האָבן מיטגעלעבט מיטן העלד זיין גאַנץ לעבן, — מען האָט

זיך געלייגט שלאָפֿן מיט „זאַוול רימער" און מען איז אויפֿגעשטאַנען מיט אים, ווי אַמאָל מיט אברהם מאַפּוס העלדן, ווי דערנאָך מיט מענדעלעס, שלום עליכמס און פּרצעס.

און דאָס זעלבע מיט סעגאַלאָוויטשן. שוין אין איינער פֿון זיינע יוגנט־פּאָעמעס, אין זיין פּרעכטיקן „קאַזשמיעזש", באַקלאָגט ער זיך אויף דעם, וואָס די העלדין, די חסידישע טאָכטער, הייסט „וואַנדאַ", און זי רעדט קיין יידיש נישט. אָבער זיין פּאָעמע איז נאָך, פֿונדעסט־וועגן, געלייענט געוואָרן און טאַקע דעקלאַמירט געוואָרן דורך מאַסן לייענער.

אָבער באָריישאס „גייער" איז שוין דערגאַנגען צו ווייניקע. דאָס איז שוין געווען זיין גורל נאָך פֿאַר דער קאַטאַסטראָפֿע, שוין אָפּגע־רעדט נאָך איר, הגם עס זענען פֿאַרבליבן אַזוי פֿיל יידן (לויט דער סטאַטיסטיק). און סעגאַלאָוויטשעס חורבן־פּאָעמעס „דאָרט" האָבן שוין געציילטע לייענער.

ווען אַ יידישער דיכטער פֿאַרענדיקט אַ דיכטעריש ווערק און ער כאַפּט זיך אויף פֿונעם רויש פֿון דער פֿאַרשיכורנדיקער אינספּי־ראַציע, לאָזט ער נישט איין מאָל אַראָפּ דעם קאָפּ אויפֿן לעצטן בלאַט פֿון מאַנוסקריפּט אין גליווערנדיקער פֿאַרצווייפֿלונג: פֿאַר וועמען האָט ער געבראַכט אויף דער וועלט זיין ווערק? נישטאָ ווער עס זאָל אויפֿכאַפּן זיין געזאַנג, נישטאָ שוין באַלד ווער עס זאָל אים טראָגן ווייטער, ווער עס זאָל פֿאַרווירקלעכן די באַשטימונג פֿון דיכטונג: באַווירקן מענטש, זיך איבערגיסן אין זייערע נשמות, פֿאַרוואַנדלען זייערע געמיטער און דורך זיי פֿאַרוואַנדלט ווערן פֿון ביכער אין לע־בעדיקע מענטשן, אין שטיקער לעבן, אין שטיקער טעטיק לעבן.

באָריישא האָט אָנגעהאָנגען זיין דיכטערישן גורל אין אַ ריזיקן בוים, אָבער מיט איינדאַרנדיקע וואָרצלען. און נאָך ביים לעבן האָט ער געזען און געפֿילט ווי דער מעכטיקער שטאַם פֿאַרצערט די זאַפֿטן פֿון אַמאָל, נישט באַקומענדיק קיין נייע. און אָט די טראַגעדיע פֿון זיין לעבן, ווערט באַזונדערס בולט ביים אונטערפֿירנדיקן סך־הכל־שטריך פֿון זיין טויט.

און דאָס איז די טראַגעדיע פֿון יידישן שרייבער בכלל.

חנה סענעשעס שוואַך געזאַנג ווערט אויפֿגעכאַפּט פֿון דורשטיקע אויערן און דורשטיקע נשמות, און אין זייערע מעכטיקע כאָר־שטימעס קאָן איר געזאַנג וואַקסן, זיך איינוועבנדיק אינעם געזאַנג פֿון אַ סביבה:

פון אַ וואַקסנדיק פאָלק; אָבער באַריישאַס מעכטיקער געזאַנג פון ערשטן טייל פון „זאַוול רימער" און פון אומצאָליקע קאַפּיטלען פון „גייער" טרעפן אויף טויבע אויערן און פאַרשטאָפּטע הערצער, — ווער וועט זיי אויסלייזן ? !

זאָל ער האָבן ריכטיק נביאות געזאָגט אין 1912, אין זיין זאָרג פאַר יידיש לשון, פאַר יידיש לעבן:

„ס'איז יידישקייט שוין לאַנג דאָ וויסט".

דער טויט פון אַ יידישן שרייבער שטרייכט אונטער די טראַ־געדיע פון זיין לעבן.

זשאַן זשאַק רוסאָ און די טאָטאַליטאַרע מלוכה

מיר שטייען אין רעכטן מיטן פון זשאַן זשאַק רוסאָ־יאָר.

דער אָנדענק פון דאָזיקן גרויסן שרייבער און מאַסן־פּראָדוצירער פון אידייען איז מיט אַזוי פיל פעדים פאַרבונדן מיט דער מאָדערנער וועלט, אַז זיין 250־טער געבוירן־יאָר איז טאַקע באמת ווערט צו ווערן אַ רוסאָ־יאָר.

אָבער עס איז דאָ אַ געביט אין אונדזער היינטיקער וועלט, וואָס איז אומהיימלעך פאַרבונדן מיט רוסאָס השפּעה, און דאָס ווערט זייער זעלטן דערמאָנט.

דאָס איז רוסאָס גרויסע שייכות צום גרעסטן אומגליק פון אונ־דזער צייט — צו דער טאָטאַלער מלוכה.

רוסאָס נאָמען איז געוואָרן, אין טאָג־טעגלעכן געברויך, אַזוי פאַרקניפּט און געבונדן מיט אַלדאָס נייע און פרישע אין לעבן פון אייראָפּע, אויף דער שוועל פון דער נייער עפּאָכע פון ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַז דער געדאַנק וועגן רוסאָס פאַרבונדנ־קייט מיט אָט דעם פינצטערן אַספּעקט פון אונדזער היינטצייטיקייט זעט אונדז אויס אין ערשטן מאָמענט ווי ווילד און פרעמד; אָבער איר קאָנט נישט קעמפן מיט אַ באַוויז־מאַטעריאַל, וואָס באַשטייט פון ציטאַטן פון רוסאָס ווערק, פון רוסאָס מיינונגען.

* * *

אין מיטן 1939 האָב איך פון בוענאָס איירעסער „ראַציאָנאַליס־טישער געזעלשאַפט״ באַקומען אַ דיקן בוך אין ענגליש, פון דייטשישן אַנאַרכיסט, — וואָס האָט געאַרבעט אין וויטשעפּעל צווישן יידן, — רודאָלף ראָקער. וועגן מחבר האָב איך אַ סך געוווּסט שוין פון לאַנג. ערשטנס, פון זיינע אַנדערע ביכער, און צווייטנס, אין 1923 בין איך אין בערלין געווען דער איבערזעצער פון אַ זאַמלבוך אין יידיש, ווו רודאָלף ראָקער און זיין פרוי (אַ יידישקע) האָבן געהאַט (ווי אויסנאַ־מען) אַרטיקלען, געשריבן אָריגינעל אין יידיש.

דער נאָמען פון זיין יענעם ענגלישן בוך איז געווען „נאַציאָנאַ־ליזם און קולטור״.

איך האָב גענומען לייענען דאָס בוך, אָבער ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז דאָס בוך געבליבן ליגן אויף מיין שרייבטיש נישט דערלייענט, אין מיטן דעם קאַפּיטל וועגן רוסאָ.

ערשט אין 1961 האָב איך דאָס זעלבע בוך באַקומען צוגעשיקט פון בוענאָס איירעס אין מעלבורן, אין אַ יידישער איבערזעצונג פון י. בירנבוים.

איז קודם כל האָב איך זיך גענומען לייענען דעם קאַפּיטל, ביי וועלכן די מלחמה האָט מיך איבערגעריסן אין מיטן און דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט מיר געוויזן די זייטן פון רוסאָן, וואָס פּאָפּולערע און אַפילו נישט פּאָפּולערע ביכער וועגן אים, וואָס איך האָב אַמאָל גע־לייענט, וויזן דאָס נישט.

עס איז בכלל זעלטן אַ מחבר זאָל געבן אַ בילד פון אַן אַמאָליקן באַרימטן שרייבער, געזען מיט היינטצייטיקע אויגן. געוויינלעך רע־פּראָדוצירט מען אַן אָנגענומענע קלישע־פאָטאָגראַפיע. על־פּי־רוב איז זי נישט געפעלשט, אָבער איינזייטיק, קלישעאַרטיק און פלאַך. סוף־כל־סוף קאָן מען דאָך אַ מענטשן זען „אַן פאַס״, פון פּראָפיל, אונטער פאַרשידענעם ליכט, — אַ מענטש איז דאָך נישט איינטאָניק, נאָר פילסטרוניק; נאָך מער — אידייען וואַקסן, אַנטוויקלען זיך און פאַרוואַנדלען זיך אַ מאָל אין זייער קעגנזאַץ, ווען גייסטלאָז אָנגע־ווענדט אין לעבן.

און דאָס איז געשען מיט רוסאָס געוויסע אידייען און רודאָלף ראָקער גיט פון אים אַ נייע פאָטאָגראַפיע, געזען פון אַ נייעם ווינקל, אונטער אַ ניי היינטצייטיק ליכט.

איך וויל דאָ קורץ איבערגעבן וועגן אָט דעם נייעם פּנים רוסאָס, ווי רודאָלף ראָקער האָט מיר אים געוויזן און געלערנט צו זען.

אין דעם טייל אַרטיקל בין איך נאָר אַ שליח, וואָס פאַרשפּרייט ווייטער אַ געדאַנק, וואָס ער האָט איבערגענומען פון אַנדערע. אַ געדאַנק, צוזאַמען מיט אַ לערע אָדער וואָרענונג: מען טאָר נישט איבערחזרן אַלט־אָנגענומענע מיינונגען ביז מען קאָנטראָלירט זיי נישט אַליין אין ליכט פון פאַקטן. און פאַקטן אַליין באַקומען אַ ניי פּנים ווען מען באַטראַכט זיי אין אַן אַנדער ליכט, אָדער בעסער געזאָגט, — אין אַ היינטצייטיק ליכט.

רודאָלף ראָקערס בוך איז אַ רייך בוך; און דאָס קאַפּיטל וועגן רוסאָ איז אַ סך רייכער ווי מיין קורצער באַריכט וועגן אים זייט זיינעם. אָבער פאַר מיר איז ער געוווען אין רוסאָ־יאָר דער אַנטפּלעקנדיקסטער און דער וויכטיקסטער.

* * *

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט אין ראָקערס בוך באַקונינס מיינונג, אַז רוסאָ איז „דער אמתער באַשאַפער פון דער מאָדערנער רעאַקציע", איז דאָס פאַר מיר געוווען אַן אמתער שאָק: רוסאָ — איינער פון די שטורעם־פייגל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? — רוסאָ — דער צעטרייסלער פון דער אַבסאָלוטער קעניגלעכער מאַכט אין פראַנקרייך?

אָבער ווען מען לייענט דורך ווי געהעריק ראָקערס קאַפּיטל וועגן רוסאָן, קאָן מען אַנדערש נישט טראַכטן ווי באַקונין. אדרבא, מען מוז זיך וווּנדערן וואָס ער האָט אַזוי שאַרף דערזען די קומענדיקע פאַרגיפטעטע פרוכט פון דער טאָטאַליטאַרער מלוכה, וואָס רוסאָ האָט פאַרזייט איר זאַמען.

* * *

ווי באַקאַנט איז רוסאָ דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער אידייע פון „סאָציאַלן קאָנטראַקט", וואָס ליגט אין יסוד פון דער מלוכה.

רוסאָ, דער פאָנען־טרעגער „פון דער מאָדערנער אידייע פון דער דעמאָקראַטישער מלוכה", האָט אין זיין „סאָציאַלן קאָנטראַקט" אַקעגנגעשטעלט די סוּווערעניטעט פון פאָלק קעגן דער סוּווערעניטעט פון קעניג". אָבער די כלומרשט טראַנסצעדענטאַלע טיראַניע פון אַבסאָלוטן קעניג האָט ער פאַרביטן אויף אַ מיסטיש־אויסגעטראַכ־

טער טיראַניע פון פאָלק. דער געטלעכער ווילן פון אַבסאָלוטן קעניג איז אײַנוועסטירט געוואָרן אין אַ כמעט געטלעכן ווילן פון אַבסאָלוטן מלוכה־אַפּאַראַט. פונקט ווי קיינער האָט פריער נישט געטאָרט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם ווילן פון אַבסאָלוטן הערשער, אַזוי האָט לויט רוסאָן קיינער נישט געטאָרט זיך אַנטקעגשטעלן דעם ווילן פון דער אַבסאָלוטער מלוכה, וואָס דריקט אויס אין איר אַבסאָלוטקייט דעם כלומרשט רעאַל־הייליקן כלל־ווילן פון פאָלק. רוסאָ, האַלט ראָקער, האָט פאַרגעטלעכט די מלוכה.

ראָקער ברענגט, צווישן אַנדערע, זייער אַ באַרעדעוודיקן בײַשפּיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס רוסאָ איז געווען איר נביא. „די יאַקאָבינער, — זאָגט ער, — האָבן געדראָט מיט טויט־שטראָף קעגן די ערשטע פּרווון פון די פראַנצויזישע אַרבעטער זיך צו גרופּירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען”, ווײַל „די נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ קאָן נישט פאַרטראָגן קיין מלוכה אין אַ מלוכה”, ווײַל מיט די דאָזיקע פאַראײנען ווערט געשטערט דער ריינער אויסדרוק פון אַלגעמײנעם ווילן. היינט פאַראײגענען זיך דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און דער פאַשיזם אין דײַטשלאַנד און איטאַליע די זעלבע לערע און זיי שאַפן אָפּ אַלע פאַר זיי אומבאַקוועמע באַזונדערע פאַראײנען, און די, וועלכע זיי לאָזן יאָ איבער, פאַרוואַנדלען זיי אין אָרגאַנען פון דער מלוכה”.

און ראָקער זאָגט ווייטער: „אַזוי איז פון דער אידייע פונעם כלל־ווילן (וואָס ליגט בײַ די, וואָס שטייען בײַ דער מאַכט, ווײַל זיי האָבן זי פאַרכאַפּט — י. ר.) אויפגעקומען אַ נײַע טיראַניע, וואָס אירע קייטן זענען געווען אויף אַזוי פיל דויערהאַפטיקער, אויף וויפל מ׳האָט זיי באַפּוצט מיט פליטערגאָלד פון אַן אײַנגעבילדעטער פרייהייט. דער רוסאָאישער פרייהייט... רוסאָ איז געוואָרן דער באַשאַפער פון אַ נײַעם געץ, פאַר וועלכן דער מענטש האָט מיט דער זעלביקער התלהבות מקריב געווען זײַן פרייהייט און לעבן ווי ער האָט דאָס געטאָן פאַר די געפאַלענע געטער פון די פאַרגאַנגענע צײַטן. כלפי דער אומבאַגרענעצטער מאַכטפולקאָמענקייט פון אַן אויסגעטראַכטן כלל־ווילן איז יעדנס זעלבשטענדיקער דענקען געוואָרן אַ פאַרברעכן”.

מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אין דער הײַנטצײַטיקער פּראַקטיק און אין די הײַנטצײַטיקע לאָזונגען פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות, כדי צו זען ווי ריכטיק עס זענען די דעפיניציעס פון רודאָלף ראָקער.

די אַרבעטער אין רוסלאַנד, למשל, טאָרן נישט שטרייקן, ווייל דער כלל־ווילן פון פּראָלעטאַריאַט וויל דאָס נישט; נאָך מער — דער פּראָלעטאַריאַט פירט דאָך אָן מיט דער מלוכה, אין וועלכער ער האָט קיין שום דעה נישט.

אַז ראקער טייטשט פּרעציז אויס רוסאָס געדאַנקען, וואָס האָבן געהאָלפן צעשטערן די אַלטע און האָבן געהאָלפן בויען די נייע טי־ראַניע, איז קלאָר פון די ציטאַטן פון רוסאָס „סאָציאַלן קאָנטראַקט״, וואָס ראקער ברענגט אין זיין בוך.

„כדי דער סאָציאַלער קאָנטראַקט זאָל נישט זיין קיין פּוסטע פּאַרעס, אַנטהאַלט ער שטילשווייגנדיק די נאָכקומענדיקע פּאַרפּליכ־טונג: יעדער וואָס זאָגט זיך אָפּ צו זיין געהאָרכזאַם דעם אַלגעמיינעם ווילן, דאַרף פון דער גאַנצער קערפּערשאַפט דערצו געצוווּנגען ווערן: דאָס האָט נישט קיין אַנדערן באַדייט ווי נאָר דאָס, אַז מ׳וועט אים צווינגען צו זיין פריי״. **(רוסאָ: „סאָציאַלער קאָנטראַקט״. ערשט בוך, זיבעטער קאַפּיטל).**

און רוסאָ זאָגט אויך („סאָציאַלער קאָנטראַקט״, צווייט בוך, פינפט קאַפּיטל): „דער בירגער פון דער מלוכה איז... נישט קיין שופט וועגן דער סכנה, צו וועלכער ער דאַרף זיך אויסשטעלן אויפן פאַר־לאַנג פון געזעץ; און ווען דער פירשט (די מלוכה) זאָגט אים: „דיין טויט איז נויטיק פאַר דער מלוכה, מוז ער שטאַרבן, מחמת נאָר אויפן סמך פון אָט דעם תנאי האָט ער ביז אַהער געלעבט אין זיכערקייט און זיין לעבן איז שוין נישט בלויז אויסשליסלעך אַ ווילטאַט פון דער נאַטור, נאָר... אַ באַוויליקטע מתנה פון דער מלוכה״.

פון רוסאָס שטאַנדפּונקט איז די דעמאָקראַטישסטע מלוכה היט־לער־דייטשלאַנד אָדער סטאַלין־רוסלאַנד, ווי זיי רופן זיך טאַקע אָן.

אין זיין „סאָציאַלן קאָנטראַקט״, צווייט בוך, פערט קאַפּיטל, זאָגט רוסאָ נאָך אַ „חכמה״, איינע פון די גרעסטע פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות: „דורכן סאָציאַלן קאָנטראַקט גיט יעדער אַוועק נאָר יענעם טייל פון זיין מאַכט, פון זיין פאַרמעג און פון זיין פרייהייט, וועלכע די עדה דאַרף האָבן; אָבער מ׳מוז אויך צוגעבן, אַז נאָר דער ראש פון דער מלוכה אַליין דאַרף באַשטימען די נויטיקייט פונעם טייל, וועלכע מ׳דאַרף אַוועקגעבן״.

און אַז דער ראש (ווי אַ היטלער אָדער אַ סטאַלין) זאָגט, אַז ער דאַרף אַוועקגעבן די גאַנצע פרייהייט און זיין גאַנצן געוויסן — דאַרף

ער אויספירן אַפילו באַפעלן פון צוגרייטן מאָסקווער פּראָצעסן אָדער פּאַרגאַזן אַ מיליאָן קינדער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען ראַקערס ביישפּילן וואָס ער ברענגט אין זיין רוסאָ־אַרטיקל וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועלכער האָט גע־ירשנט דעם טראָן פון פראַנקרייכס זון־קעניג און במילא אויך זיין אַבסאָלוטע מאַכט.

„דאָס דענקען, — האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט, — איז דער הויפּט־שונא פון די מושלים״. און דעריבער האָט ער מיט דער שאַרפסטער קאָנסעקווענץ אויך געזאָגט: „די דרוקמאַשין איז אַן אַרסענאַל; זי טאָר נישט ווערן צוגענגלעך פאַרן כלל. ביכער דאַרפן געדרוקט ווערן נאָר פון אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע געניסן פון דער רעגירונגס צוטרוי״.

רוסאָס אידייען פונעם כלל־ווילן, וואָס ליגט ביי אַ יחיד און ווערט אויסגעטייטשט דורך אַ יחיד אָדער אַ קליקע, איז נישט פאַרווירקלעכט און פאַרפולקאָמט געוואָרן מיט אַ מאָל — עס האָט גענומען צייט ביז זי האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין איר גאַנצער „פּראַכט״.

צוערשט האָבן זיין לערע איבערגענומען די יאַקאָבינער, וועלכע האָבן געקעפּט דעם קעניג, אָבער נישט זיין הערשאַפט פון גאָטס גנאָד, וואָס זיי האָבן זי איבערגעניצעוועט אין אַ הערשאַפט פון פאָלקס גנאָד („כלל־ווילן״: דערנאָך האָט דאָס איבערגענומען נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט פאַראייניקט ביידע צוזאַמען: דעם כלל־ווילן מיטן געטלעכן ווילן פון געקרוינטן סוווערען; און ביסלעכווייז איז עס דערגאַנגען ביז שלימות; ביז ווירטואָזישקייט אין דריטן רייך און אין דער מאַרק־סיסטישער מלוכה, וואָס נישט אומזיסט איז איינער פון אירע אור־הייליקע מאַרקס אָפּגאָט, העגעל, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די פּריי־סישע מלוכה איז דער פּראָטאָטיפּ פון שלימותדיקסטער און שכלדיק־סטער הערשאַפט. און היות מאַרקס האָט העגעלס לערע וואָס איז געשטאַנען אויפן קאָפּ (געווען געשלאָגן אויפן קאָפּ!) געשטעלט אויף די פיס, טרעט זי מיט די פיס אַלץ וואָס איז באמת גערעכט און שכלדיק...

די פּוענטע פון ראַקערס קאַפּיטל וועגן רוסאָ איז באַזונדערס דערשיטערנדיק: נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט זיך געלערנט ווי צו זיין אַ טיראַן ביי רוסאָן, ווי אַ באַגייסטערטער אַנהענגער פון „סאָציאַלן קאָנטראַקט״, האָט אַ מאָל געזאָגט: „אייער רוסאָ איז אַ משוגענער און ער האָט אונדז צוגעפירט צום דאָזיקן צושטאַנד... די צוקונפט

וועט ווייזן, אויב עס וואָלט פאַר דער מנוחה פון דער וועלט נישט געווען בעסער, ווען נישט רוסאָ און נישט איך וואָלטן געלעבט״.

*   *   *

עס איז היינט אַ רוסאָ־יאָר. און דער גרויסער שרייבער, ראָמאַנטיקער און אידייען־שאַפער רוסאָ איז ווערט מען זאָל אים ווידמען אַ יאָר אויפמערקזאַמקייט, אָבער דאָס דאָזיקע יאָר דאַרף נישט געווידמעט זיין דעם איבערחזרן די אויסגעדראָשענע, אָפּגעריבענע מטבעות וועגן דאָזיקן אַפּאָסטאָל פון פרייהייט, וועגן דאָזיקן צעשטערער פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע; מען דאַרף אויך פּאָפּולאַריזירן די נייע אָפּשאַצונגען פון רוסאָ, ווי ראַקערס, למשל, וואָס האָבן אַריינגעבליקט טיפער אין די לאָזונגען זיינע, וואָס האָבן היסטאָריש טאַקע געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים באַזייטיקן די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי אויך פאַרזייט די גיפטיקסטע פרוכט, וואָס האָבן זיך אָנגענומען און פאַרסמען אונדזער לעבן...

זשאַבאָטינסקי אין מיין לעבן

אין שייכות מיט דער אַקציע דאָ־הי פאַרן זשאַבאָטינסקי־מאָנומענט אין תל־אביב, וויל איך דערציילן אין קורצע ווערטער וועגן עטלעכע קליינע מאָמענטן פון מיין לעבן, אין וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל. דאָס וואָס איך דערצייל זענען פערזענלעכע זשאַבאָטינסקי־איבערלעבונגען, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות נישט מיטן פּאָליטישן פּראָ־זשאַבאָטינסקי און נישט מיטן פּאָליטישן אַנטי־זשאַבאָטינסקי.

אייניקע פּרטים פון דעם וואָס איך וועל דאָ דערציילן, האָב איך שוין מסתמא ביי געוויסע געלעגנהייטן דאָ און דאָרט דערמאָנט, צי אין עסייען, צי אין רעפעראַטן, אָבער איך האַלט דעם זשאַבאָטינסקי־אַפּיל פאַר אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צונויפצונעמען אָט די קליינינקע פּרטים בחברותא...

*   *   *

איך האַלט זיך פאַר אַן אָרגאַנישן ציוניסט, ווייל קיין שום פּאָ־ליטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט מיך נישט געמאַכט פאַר אַזאַ. איך בין אַריינגעוואָקסן אויפן אָרגאַנישסטן אופן אין ציוניזם דורך לייענען קלמן שולמאַנס „מלחמת היהודים עם הרומאים״, ביים לערנען תנ״ך, אין בית־מדרש צו „איכה״, מיט איין וואָרט — דער גאַנצער שטראָם פון מיין גייסטיקן לעבן האָט מיך געטראָגן נאַטירלעכערהייט צום ציוניזם. און דעריבער אפשר בין איך אַ גאַנץ לעבן געווען אַ שלעכ־טער פּאַרטיי־ציוניסט, ווייל איך קאָן כורך ביחד זיין אחד העמען מיט זשאַבאָטינסקין, און דעריבער אפשר קאָן איך נישט פאַרדייען קיין ברעקל אוסישקינס ציוניזם אָדער פון מפּמישן שניט; איך קאָן נישט אַראָפּשלינגען קיין ברעקל „זייאַניזם״ און „איזראַעל״־התפעלות.

איך בין אַן אָרגאַנישער ציוניסט, און אַן אָרגאַניזם איז נישט קיין פּאָליטישער סייף, וואָס איר קאָנט אין אים אַריינפּאַקן אַלץ, — אַן אָרגאַניזם מוז אויסשפּייען אַלץ, וואָס ער קאָן נישט אָרגאַניש פאַרדייען.

* * *

איך געדענק: איך זיץ, אַ יונגער יינגל, אין וואָרט־צימער פון אונדזער דענטיסט. איך בין איינער אַליין, ד.ה. דער נאָענטסטער קאַנ־דידאַט פאַרן שרעקלעכן דענטיסטן־שטול וועל איך שוין זיין. זוך איך נערוועז אויפן אָנגעוואָרפענעם טישל עפּעס צו לייענען. געפין איך אַ קליינע רוסישע בראָשור פון איינעם זשאַבאָטינסקי. איך נעם לייענען און פאַרגעס דעם אַרום: דער סטיל, די בילדער, די דינאַ־מישקייט פון די געדאַנקען, — ווי אַ רייסיקער שטראָם זאָל דיך פאַרכאַפּן און טראָגן ווו ער פליסט, — ביסט זיין געפאַנגענער.

און איך געדענק נאָך היינט, נאָך אַ זעכציק אָדער עטלעכע זעכציק יאָר, דעם לעצטן זאַץ פון דער רוסישער בראָשור: „טאַק זאַסוטשים רוקאַוואַ — אי זאַ ראַבאָטו״. („טאָ לאָמיר פאַרקאַשערן די אַרבל און — זיך נעמען צו דער אַרבעט״).

איך געדענק נישט מיין אַריינגיין אין קאַבינעט פון ציינדאָקטאָר, — איך געדענק נאָר ווי איך טראָג זיך ווי אַ ווינט אַהיים און אין מיר זינגט — און טרייבט מיך אונטער — דער דינאַמישער סוף פּסוק: „טאַק זאַסוטשים רוקאַוואַ — אי זאַ ראַבאָטו!״

איך פיל אַז איך האָב היינט געלייענט אַ מאָדנע סאָרט בראָשור — יעדעס וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט, מיט ענערגיע, די

ווערטער ליגן נישט טויט אויף די זייטלעך — זיי באַוועגן זיך, זיי באַוועגן דעם לייענער; ווען איך האָב געלייענט די ווערטער „טאָ לאָמיר פאַרקאַשערן די אַרבל — און זיך נעמען צו דער אַרבעט", האָט זיך פאַרוואָלט טאַקע פאַרקאַשערן די אַרבל, די עלנבויגנס זענען געוואָרן אומרואיק...

און אָט דער אַרט שרייבן האָט געווירקט אויף טויזנטער פון אַ גאַנצן דור נאָך שטאַרקער ווי אויף מיר, דעם קאָנטעמפּלאַטיוון טיפּ...

* * *

איך האָב באַקומען אַ מתנה אַ בוך „פעליעטאָנען" (אין רוסיש) פון זשאַבאָטינסקי. דעם מחברס נאָמען האָב איך גוט געדענקט פון ציינדאָקטאָרס וואַרט-צימער. איך האָב עס גענומען לייענען און שוין נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן. נישט קיין לייענען — אַן איבערלעבונג! דער פעליעטאָן „די פיר זין פון דער הגדה" האָט פאַרכישופט מיט זיין שיינקייט, און אַזוי אַ סך אַנדערע. די ברוטאַלע לאָגיק פון די געדאַנקען, די לירישע אינטערמעצאָס, דער אומגעוויינלעכער סטיל, וואָס באַצווינגט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז אייגנאַרטיק, איינציקאַרטיק, — אַלץ אין דאָזיקן בוך האָט פאַרכאַפּט, סטימולירט, היפּנאָטיזירט. יאָ, היפּנאָטיזירט איז דאָס ריכטיקע וואָרט. ס'איז ווי אַ נייער מין ליטעראַטור, ווי אַ נייע פרוכט, מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן טעם און אַראָמאַט.

זשאַבאָטינסקיס פעליעטאָנען זענען געווען אַ יוגנט-איבערלע-בונג, וואָס מען קאָן זי נישט פאַרגעסן אַפילו אויף דער עלטער. אין געביט פון ליטעראַטור איז מיר צוגעקומען נאָך אַ צויבערער, נאָך אַ באַגייסטערער אויף אַ גאַנץ לעבן. זשאַבאָטינסקי האָט מיך נאָך אַ סך מאָל ליטעראַריש באַגייסטערט (און איך האַלט, אַז איינער פון די גרעסטע קרבנות, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן פאַרן ציוניזם, איז גע-ווען זיין אָפּט-פאַרנאַכלעסיקטער ליטעראַרישער טאַלאַנט). עס איז נאָך געווען די איבערלעבונג פון „שמשון הגיבור" (אין רוסישן אָרי-גינאַל הייסט עס „שמשון דער נזיר". אָבער פאָלקסטימלעכער און נענטער צום אמתן זיין איז — „שמשון הגיבור", ווי דאָס פאָלק רופט אים עד-היום), פון אויסטערליש-שיינעם בוך „פינף", פון אַ סך איינצלנע אַרטיקלען, — אָבער די דערינערונג פון ערשטן מאָל

לייענען די „פעליעטאָנען" איז מיט קיין שום ליטעראַרישער איבער־לעבונג נישט צו פאַרגלייכן, דאָס איז איינמאָליק...

* * *

און דאַן איז נאָך דאָ אַן אומפאַרגעסלעכע דערינערונג. איך גיי אַריין אין אונדזער דערבייאיק קרעמל עפּעס קויפן פאַרן שטוב. אויפן טובאַנק ליגט אַ פּאַק מאַקולאַטור.

איך נעם פון געוווינהייט זוכן אין גרויסן פּאַק. די קרעמערקע שרייט: וואָס זוכסטו? ס'איז דאָ גאָרנישטאָ! אָבער אָט האָב איך שוין דערווישט עטלעכע ביכלעך, וואָס זענען ראוי געראַטעוועט צו ווערן פון איינוויקלען הערינג און ליכט. איך באַצאָל פאַר די אומ־געריכטע מציאות. איך כאַפּ זיך שנעל אַריין אין שטוב. איין בראָשור איז — ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוווסט — אַ יקר־המציאות: דאָס איז זשאַבאָטינסקיס אַ רויע איבערזעצונג פון ביאַליקס „בעיר ההריגה" („די שחיטה־שטאָט"), איידער זשאַבאָטינסקי האָט זי איבערגעאַרבעט אין געגראַמטע פערזן פאַר זיין רוסישער זאַמלונג פון ביאַליקס „לידער און פּאָעמעס". דאָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן (אויף וויפל איך גע־דענק נאָך הײַנט אַ האַלבן יאָרהונדערט) אין אָדעס. צו דער רויער איבערזעצונג איז צוגעגעבן געוועזן זשאַבאָטינסקיס אַ פאָרוואָרט־ליד, אין וועלכן ער פאַרענטפערט זיך פאַר דער רויקייט פון דער איבער־זעצונג, ווייל „דער שטורעם איז נאָענט (געמיינט דעם דרוואָרטן פּאָגראָם אין אָדעס) און כ'וועל נישט באַוויזן אָפּצושלייפן ביז ער (דער שטורעם) וועט אויסברעכן".

דאָס איז געווען אַן אויסגאַבע פון זעלבסטשוץ־קאָמיטעט, און ביאַליקס פּאָעמע אויף רוסיש האָט באַדאַרפט דינען אַלס סטימול פאַר דער רוסיש־ריידנדיקער יוגנט צו שאַפן זעלבסטשוצן.

און זשאַבאָטינסקיס ווערסיפיצירטער פאָרוואָרט האָט אויך גאַנץ גוט געדינט אָט דעם צוועק.

די דאָזיקע פערזן, וואָס האָבן באַדאַרפט און טאַקע געשאַפן גע־שיכטע, האָב איך לאַנגע יאָרן געדענקט. איצט געדענק איך זיי אויך שטיקלעכווייז אין רוסיש אַפילו. אָט, למשל, איז זשאַבאָטינסקיס ווענדונג צו ביאַליקן: „מיין עלטערער ברודער לויטן גייסט, דו כישופמאַכער און הערשער פון יענעם מוזיקאַלישן לשון, וואָס מיין אור־אור־זיידע האָט געהאַלטן פאַר זיינעם און מיין אייניקל וועט אים ווידער האַלטן פאַר אַן אייגענעם. זייט מיר מוחל די גרויסע חסרונות

פון אַן אײליקער און צעטומלטער אַרבעט. מען װעט שױן נישט באַ־
װײזן... ביזן טערמין; די דונערן דערנענטערן זיך, דער שטורעם איז
נישט װײט".

און דאַן איז געקומען אַ גרויסע שטיק מיט אַ פּאַרגלײך צװישן
איצטיקן שטורעם און פרעהס אַמאָליקן נאָכיאָגן די ייִדן מיט רייט־
װעגענער, און געענדיקט האָט זיך דער פאָרװאָרט מיט אַ באַשרייבונג,
װי זשאַבאָטינסקי גייט אַרום אין אַ שטאָט, װוּ עס איז פאָרגעקומען
אַ פּאָגראָם, און צװישן פּאָגראָם־ברוכװאַרג, צװישן שטיקלעך גלאָז
און פעדערן געפינט ער אַ שטיקל פּאַרמעט פון אַ צעריסענער ספר־
תורה. ער הייבט עס אויף און לייענט איבער צװיי װערטער: „בארץ
נכריה" (אין אַ פרעמד לאַנד). „אין די דאָזיקע צװיי װערטער איז
דערציילט די געשיכטע פון פּאָגראָם".

די געפונענע בראָשורן (ייִדישע שפּריכװערטער און ענלעכע זאַכן)
האָב איך אין יאָרן אַרום אָװעקגעשיקט צום „ייװאָ" אין װילנע; זשאַ־
באָטינסקיס רויע איבערזעצונג פון ביאַליקס „בעיר ההריגה" מיט זיין
פאָרװאָרט־ליד האָב איך געלאָזט ביי זיך. די אָװעקגעשיקטע בראָשורן
אין „ייװאָ" זענען פאַרברענט געװאָרן אין װילנע, זשאַבאָטינסקיס
בראָשור — אין װאַרשע. אויב עס איז דאָ אַזאַ עקזעמפּלאַר אינעם
זשאַבאָטינסקי־אַרכיװ, דאַרף ער פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין זשאַ־
באָטינסקי־מוזעאום, װאָס װערט איצט געבויט אין תל־אביב.

* * *

און נאָך אַן אומפאַרגעסלעכן מאָמענט האָט זשאַבאָטינסקי אַריינ־
געשריבן אין מיין לעבן.

דאָס איז געװען אומגעפער אין 1910. אין גרויסן טעאַטער אויף
אַנגערס גאַס אין ביאַליסטאָק, האָט זשאַבאָטינסקי געהאַלטן אַ רעפע־
ראַט. דעם נאָמען פון רעפעראַט געדענק איך נישט, אָבער זיין איינ־
דרוק — װי עס װאָלט נעכטן פאָרגעקומען.

דער זאַל און די גאַלעריעס זענען געװען פול. איך, אַ 16־15־
יאָריק ייִנגל, בין געשטאַנען ביי דער סאַמע באַריערע פון דער גאַ־
לעריע, און אַ געדיכטע מאַסע מענטשן האָבן געדריקט אויף מיין
ברוסט, װאָס איז געװען אָנגעשפּאַרט אויף דער באַריערע, איך זאָל
קאָנען נישט נאָר הערן, נאָר אויך זען. איך האָב נישט געפילט דעם
דרוק. איך האָב גאָרנישט געפילט און געזען אַ חוץ דעם לעקטאָר.

אין זאַל האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָס איז כמעט נישט באַטירלעך ביי אַזאַ ריזיקן עולם.

מיר איז אויסגעקומען צו הערן זשאַבאָטינסקין ריידן אין בערלין אין די 20־קער יאָרן. די, וואָס האָבן אים געהערט נאָר דאָרט, האָבן קיין פאָרשטעלונג נישט וואָס פאַר אַ רעדנער זשאַבאָטינסקי איז געװען. איך האָב אַמאָל ביי עמיצן געלייענט, ווי זשאַבאָטינסקי פלעגט אויסשטודירן זיינע אַ לעקציע פאַרן שפּיגל. יעדעס וואָרט און יעדער זשעסט פלעגן געמאַכט ווערן אָט ווי אַן אַרטיסט לערנט אויס זיין ראָלע און שטודירט זי איין. אָבער די ווירקונג זיינע איז אויך געווען ווי די קרעאַציע פון אַ גרויסן אַרטיסט.

ווען זשאַבאָטינסקי פלעגט זיך אויף אַ פּאָר רגעס אָפּשטעלן, פלעגט אַ שטילער זיפץ דורכגיין איבערן זאַל, און מען האָט געוווּסט, אַז דער עולם באַפרייט דעם איינגעהאַלטענעם אָטעם. ווען זשאַבאָטינסקי האָט מיט זשעסטן געוויזן ביים שילדערן די דערוואַכונג פון יידישן פאָלק, ווי אַ האָן גיט אַ קריי און זאָגט אָן דאָס אויפגיין פון דער זון, די דערוואַכונג פון לעבן, האָט ער היפּנאָטיזירט אַלעמען צו גלויבן, אַז דער האָן רופט אַרויס די זון, אַז ער וועקט אויף מיט זיין געשריי די וועלט פון איר נאַכטיקן שלאָף. איך זע דאָס נאָך היינט, איך הער זיין געשריי, זיין זשעסט מיט דער האַנט, — דאָס איז אומפאַרגעסלעך.

יאָ, זיין אָראַטאָרישע ווירקונג איז נישט געווען קלענער ווי זיין שריפטשטעלערישע.

* * *

בלויז איין מאָל האָב איך פאַרלאָזן מיין פּאָליטישע נייטראַלקייט לגבי זשאַבאָטינסקין. דאָס איז געווען אין בערלין, נאָך זיין אָפּמאַך מיט פּעטלורען, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער יידישער וועלט.

איך האָב דאַן געהערט אין בערלין זיינעם אַ רעפעראַט, אין וועלכן זשאַבאָטינסקי האָט פאַרטיידיקט זיין אָפּמאַך.

ער האָט מיך נישט איבערצייגט. און כ׳האָב דאַן צום ערשטן מאָל געשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן זשאַבאָטינסקין (געדרוקט אין ביאַליסטאָקער „דאָס נייע לעבן”). איך האָב געשריבן (ווי איך געדענק נאָך פערציק יאָר), אַז די גאַנצע פאַרערונג צו זשאַבאָטינסקין

וועט אונדז נישט אָפּהאַלטן שאַרף צו רעאַגירן אויף זיינעם אַן אָפּמאַך מיט אַ פּעטלורע איבערן קאָפּ פון גאַנצן יידישן פאָלק.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זשאַבאָטינסקין, וואָס אויף יענעם אָוונט, ווען עמיצער פון זאַל האָט אים געמאַכט אַ צווישנרוף, איז ער געבליבן רואיק אַ מינוט און דאַן, ווען דער גאַנצער עולם אין זאַל איז געווען אין גאַנצן אויפמערקזאַמקייט צוליב דער מינוט שווייגן, האָט ער געלאָסן געזאָגט (אומגעפער): „צי דען וועט זיך נישט געפינען אין זאַל אַ פריינד, וואָס וועט אים (ד.ה. דעם צווישנרופלער) אַננעמען ביים קאָלנער און אַרויסוואַרפן?"...

עס האָט זיך אַזאַ נישט געפונען...

* * *

סוף 1922 אָדער אָנהויב 1923 האָט זשאַבאָטינסקי געמאַכט אַ לעקציע־טור איבער מזרח־אייראָפּע. אין בערלין, פאַרן אָפּפאָרן קיין מזרח־אייראָפּע, האָט ער געהאַלטן רעפעראַטן. איינעם פון זיי, לויט מיין מיינונג דעם כאַראַקטעריסטישסטן און וויכטיקסטן פאַר זשאַבאָטינסקיס דעמאָלטיקן קאַמף, האָב איך באַאַרבעט, לויט נאָטיצן און פון זכרון, אין אַ גרויסן, כמעט וואָרטלעכן באַריכט.

איך האָב דאַן מיטגעאַרבעט פון בערלין אויך אין דער ריגער טעגלעכער צייטונג „דאָס פאָלק"; האָב איך דאָס דאַן אַהין צוגעשיקט.

דער באַלעבאָס פון דער צייטונג, ת. עדות, אַ שרייבער אין רוסיש און יידיש, האָט מיין באַריכט פון זשאַבאָטינסקיס רעדע אַ לאַנגע צייט נישט געדרוקט.

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס מיין באַריכט דער־שיינט נישט, אָבער כ'האָב דאָס אין גיכן פאַרגעסן.

אין אַ צייט אַרום האָב איך געפונען אין „דאָס פאָלק" מיין באַריכט אין צוויי המשכים אויף צוויי גאַנצע זייטן.

פון דער צייטונג האָב איך אויך געזען אַז דאָס איז צונויפגעפאַלן מיט זשאַבאָטינסקיס קומען קיין ריגע.

אויף מיין אָנפרעגן זיך וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט מיין פאַרלעגענעם באַריכט, האָט מיר עדות דערציילט זיין שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן זשאַבאָטינסקין: ער האָט בכיוון אָפּגעוואַרט מיטן דרוקן מיין באַריכט ביז זשאַבאָטינסקיס קומען קיין ריגע. און פון צייטונגס־שטאַנדפונקט איז זיין טריק געווען אַ דערפאָלג. אַ טאָג

פאַר זשאַבאָטינסקיס קומען קיין ריגע האָט ער אָפּגעדרוקט די ער־שטע טייל רעפעראַט און אין דער פרי פון טאָג, ווען זשאַבאָטינסקי האָט באַדאַרפט אין אָוונט האַלטן זיין רעפעראַט, האָט ער אָפּגעדרוקט די צווייטע טייל פון באַריכט. די שטאָט איז געגאַנגען כּאַדאָראָם.

ווען מען האָט זשאַבאָטינסקין געבראַכט אין האָטעל אַריין די ציטונג, האָט מיר עדות געשריבן, האָט ער איבערגעלייענט דעם באַ־ריכט און געזאָגט אין פאַרלעגנהייט צו די מקורבים: „דאָ איז דאָך דאָ אַלץ וואָס איך דאַרף ריידן אין אָוונט, — וואָס וועל איך זאָגן דעם עולם?"

* * *

אַ ווייטערדיקע זשאַבאָטינסקי־איבערלעבונג האָב איך געהאַט סוף 1939 (אָדער אָנהויב 1940 ?) אין ווילנע...

אין דער קיך פאַר שרייבער־פּליטים (אויף סאַדאָווע 9) בין איך יענעמס טאָג געווען אַ דיזשורנער, וואָס האָט דערלאַנגט דעם עסן צו די טישן. הער איך, פאַרבייגייענדיק, אַז אין היגן בלעטל איז דאָ אַ קורצע ידיעה, אַז דער פאַשיסט זשאַבאָטינסקי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. ס'האָט מיך אַ שניט געטאָן אין האַרצן: די יידישע פּאַ־כאַלקעס פון היטלערס שותפים, די אמתע סאָציאַל־פאַשיסטן, קאָנען זיך אַזוי פשוט אַ שרייב טאָן „דער פאַשיסט זשאַבאָטינסקי" און מען קאָן זיי אַפילו נישט ענטפערן. און כ'האָב גלייך אויפן אָרט אַ נדר געטאָן: אויב איך וועל זיך אַרויסרייסן פון זייערע לאַפּעס (דאָס איז דאַן געווען אַזוי אומוואַרשיינלעך!), וועל איך אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן זשאַבאָטינסקין נישט נאָר ווי אַ ליטעראַט, נאָר ווי אַ פּאָליטישע פערזענלעכקייט.

ווען דאָס אומוואַרשיינלעכע איז אין אַ יאָר אַרום געוואָרן ווירק־לעכקייט, ווען איך בין געקומען קיין שאַנכיי, האָב איך כמעט פון די ערשטע אַרטיקלען אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן זשאַבאָטינסקין, וואָס איז אין יידיש געדרוקט געווען אין צוויי המשכים אין בוענאָס איירע־סער „דער שפּיגל", און דערנאָך אין מיין אייגענער איבערזעצונג אין רוסיש אין שאַנכייער „נאַשאַ זשיזן" („אונדזער לעבן"), און דערנאָך אין „זייאָניסט" אין מעלבורן אויף ענגליש, אין ערווין פרענקעלס איבערזעצונג.

* * *

דאָס זענען עטלעכע פֿאַלן פֿון אַ סך מער, אין וועלכע זשאַבאָ־טינסקי האָט געווירקט אין מיין לעבן און עס באַווירקט. אמת, נישט פּאָליטיש, נאָר ליטעראַריש און ריין־מענטשלעך.

וואָרום וואָסער מיינונג מען זאָל נישט האָבן וועגן זשאַבאָטינסקיס פּאָליטישער טעטיקייט, זענען צוויי זאַכן מחוץ פֿון יעדן ספק: ער איז געווען אַ גרויסער, אייגנאַרטיקער שרייבער און אַ גרויסע פּער־זענלעכקייט.

מען האָט געקאָנט נישט מסכים זיין מיט זשאַבאָטינסקיס געוויסע שריט אין זיין לאַנגן וועג פֿון קאַמף, אָבער דער גאַנצער וועג זיינער האָט פֿאַרמאָגט גרויסקייט.

אָן אַ שיעור עסייען זיינע וועלן פֿאַרבלייבן אין קולטור־אוצר פֿון אונדזער פֿאָלק נישט נאָר אַ דאַנק זייערע ליטעראַרישע קוואַליטעטן, נאָר אויך אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געווען מער ווי ליטעראַטור — זיי זענען געווען מעשים פֿון גרויסן פּערזענלעכן מוט, פֿון טיפֿער איינזעעניש אין געשיכטלעכן גאַנג פֿון פֿאָלק.

אויף יעדן פֿעלערדיקן טריט זיינעם, האָט זיין גאַנג בכלל אַרויס־געשלאָגן אויף אונדזער שטייניקן באָדן אָן אַ שיעור פֿונקען פֿון נביאישן איינזען און פּאַראויסזען, פֿון נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן רייסן זיך און שטויסן צו טאַט.

טשערניאַקאָוום זעלבסטמאָרד

אין „אונדזער געדאַנק" פֿון אַפּריל 1966, ווערט קריטיקירט איזי לייבלערס אויסטייטש פֿון אַדאַם טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד.

„איזי לייבלער, — זאָגט „אונדזער געדאַנק", — מאַכט פֿון טשערניאַקאָוון אַ העלד, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן, כדי „אויפצווועקן די עפֿנטלעכע מיינונג אין דער אויסערלעכער וועלט צום גורל פֿון זיין פֿאָלק"; דאָס איז, לויט „אונדזער געדאַנק", נישט ריכ־טיק. „נישטאָ קיין פֿאַלשערע מיינונג וועגן דעם פֿאַל טשערניאַקאָוו, ווי די וואָס מר. לייבלער וויל אים צושרייבן".

לויט „אונדזער געדאַנק" איז טשערניאַקאָוו באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד נישט אַלס פּראָטעסט קעגן די דייטשן, כדי אַרויסצורופֿן אַן

עפנטלעכן שטורעם.... „מיט זיין זעלבסטמאָרד האָט ער געוואָלט אויס־קויפן (און ער האָט זיי טאַקע אויסגעקויפט) זיינע זינד פון איבער־געבן די יידן אין די דייטשע הענט, ער האָט געגלויבט די דייטשן אַז זיי וועלן שיקן די יידן אויף אַרבעט, אָבער ווען ער האָט זיך איבער־צייגט אַז די יידן ווערן געשיקט צו פאַרניכטונג, האָט טשערניאַקאָוו פאַרשטאַנען זיינע זינד און.... ער האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן".

און „אונדזער געדאַנק" גיט צו: „ער האָט דערמיט צוגענומען ביי יעדן איינעם פון אונדז... די מאָראַלישע רעכט צו מאַכן אים פאַר־וואורפן, אָבער מאַכן פון אים אַ העלד, ווי דאָס וויל טאָן מר. איזי לייב־לער, איז פאַלש דורך און דורך".

„אונדזער געדאַנק" איז גערעכט מיט דעם, וואָס ער לאָזט נישט מאַכן טשערניאַקאָוון פאַר אַ העלד, אָבער ער איז נישט גערעכט מיט דעם, וואָס ער האַלט, אַז טשערניאַקאָוו האָט דורך זיין זעלבסטמאָרד אויסגעקויפט זיינע זינד און „קיינער קאָן אים נישט מאַכן קיין פאַר־וואורפן".

איך האַלט, אַז זיין גרעסטע זינד איז טשערניאַקאָוו באַגאַנגען גראָד מיט זיין שטומען זעלבסטמאָרד.

דאָס צושטעלן די דייטשן די צאָל געפאָדערטע יידן קאָן מען אים נאָך מוחל זיין, ווייל אפשר האָט ער טאַקע געגלויבט, אַז מען שיקט זיי אויף אַרבעט. אָבער ווען ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, האָט ער שוין אויף זיכער געוווּסט וווּהין און אויף וואָס די דייטשן שיקן די צוגעשטעלטע יידן, און אויב אַזוי איז זיין שווייגעוודיקער זעלבסטמאָרד נישט קיין אויסקויף פון זיינע זינד, נאָר ערשט אַ פאַר־טויזנטפאַכונג פון זיינע זינד.

זיין חוב איז געווען צו דערקלערן די יידן פון וואַרשע און דורך דעם פון גאַנץ פוילן (און אפשר פון גאַנץ אייראָפּע, פון דער גאַנצער וועלט) צוליב וואָס ער באַגייט זעלבסטמאָרד, און אַזוי אַרום אפשר צואיילן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס.

דאָס פאַרשווייגן די סיבה פון זיין באַגיין זעלבסטמאָרד, דאָס לאָזן די יידן זיך אָנשטויסן וועגן דער ריכטיקער סיבה פון זיין זעלבסט־מאָרד, איז אַן ענין וואָס די יידישע געשיכטע וועט אים קיין מאָל נישט מוחל זיין.

אויב ער איז שוין יאָ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב זיין טעות,

איז זיין חוב געווען צו דערציילן די יידן דעם פולן אמת, כדי זיי זאָלן וויסן וואָס עס דערוואַרט זיי און זיי זאָלן נישט אַנטקעגנשטעלן דעם רוף צום אויפשטאַנד מצד דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג — די פאַלשע האָפענונג, אַז דורך פאָלגן די דייטשישע פאַראָרדענונגען איז נאָך דאָ אַ שאַנס צו ראַטעווען זיך, די פרויען און די קינדער...

און אויב ער האָט דאָס נישט געטאָן (ס׳איז אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס!), האָט ער נישט נאָר נישט צוגענומען ביי די לעבן־געבליבענע דאָס רעכט צו מאַכן אים פאָרווורפן, נאָר ער האָט זיי דערמיט ערשט געגעבן דאָס רעכט און די פליכט צו מאַכן אים פאָרווורפן, אַז ער האָט נישט דערפילט זיין פליכט לגבי די וואַרשעווער יידן (און במילא לגבי אַלע יידן פון פוילן און פון דער וועלט), וועמעס געצוווּנגענער שליח־ציבור ער איז געווען...

שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך

דרום־אַפריקע האָט היינט אַ שם פון רעאַקציאָנערסטן לאַנד אין דער וועלט. און איך גיי זיך נישט אָננעמען פאַר איר. עס איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן וואָס זי האָט אָפּגעטאָן און זי טוט אָפּ מיט איר אַפּאַרטהייד־פּאָליטיק, מיט אירע דיסקרימינאַטאָרישע געזעצן קעגן שוואַרצע און פּאָליטיש נישט־כשרע ווייסע, כדי צו באַרעכטיקן דעם שווערסטן מאָראַלישן אורטייל קעגן איר.

אָבער אַ רעאַקציאָנערע מלוכה איז אויך באַרעכטיקט צו אַן אָביעקטיוון אורטייל. און איך וויל זיין אָביעקטיוו אַפילו צו דרום־אַפריקע.

אין דרום־אַפריקע איז די וואָך געשטאַנען פאַר אַ געריכט דער אַזוי־גערופענער „שוואַרצער פּימפּערנעל”, נעלסאָן מאַנדעלאַ. האָט ער געזאָגט (און זיין שטים איז נישט דערשטיקט געוואָרן אין די ווענט פון געריכט, זי איז דערגאַנגען צו דער וועלט, אין לאַנד און אין אויסלאַנד):

„איך האַלט נישט אַז מאָראַליש אָדער געזעצלעך בין איך מחויב

צו פאָלגן געזעצן, אָנגענומענע דורך אַ פּאַרלאַמענט, אין וועלכן איך האָב נישט קיין פאָרשטייער.

„אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס, ווי דער דאָזיקער, אין וועלכן עס שטויסן זיך צונויף די אַספּיראַציעס פון די אַפריקאַנער פעלקער און פון די ווייסע, קאָנען די געריכטן אין לאַנד, ווי זיי ווערן איצט צונויפ־געשטעלט, נישט זיין אָביעקטיוו און גערעכט...

„עס איז נישט אַנשטענדיק אָנצוטרויען ווייסע געריכט־פאַלן, אין וועלכע עס האַנדלט זיך וועגן זייער צונעמען ביי אַפריקאַנער די עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט".

מאַנדעלאַ האָט אויך גערעדט וועגן דער „גראָטעסקער סיסטעם פון גערעכטיקייט" און וועגן דעם „קאַלכאויוון פון ווייסער הער־שאַפט".

עס זענען דאָ שטאַרקע קלאַנגען, אַז אין אויגוסט 1952, בעת סטאַלינס משפט־צדק איבער די יידישע שרייבער, האָט פּרץ מאַרקיש געהאַלטן אַ מוטיקע רעדע, פון דעם מין רעדעס ווי מאַנדעלאַ האָט זי געהאַלטן אין אַ געריכט אין דרום־אַפריקע. און מען קאָן זיך פאָר־שטעלן, קענענדיק מאַרקישעס טעמפּעראַמענט און זיין רעדנער־טאַלאַנט, אַז ער האָט אַזאַ רעדע טאַקע געהאַלטן. נו, איז זיין רעדע דערגאַנגען צו אונדז? אָבער מאַנדעלאַס רעדע איז צו אונדז יאָ דערגאַנגען!

אי מען האָט זי געלאָזט האַלטן און אי מען האָט זי געלאָזט הערן און פאַרעפנטלעכן.

דאָס באַווייזט אויך וויפל די נידעריקסטע דרום־אַפריקאַנער יוסטיץ שטייט פאָרט העכער פאַר דער סאָוויעטישער.

איך וויל נישט באַרעכטיקן מיט דעם די דרום־אַפריקאַנער יוסטיץ; איך וויל פאַראורטיילן מיט דעם די סאָוויעטישע.

ווער האָט זיך דאָס אַ מאָל געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין אַ לאַנד, וואָס רופט זיך „סאָציאַליסטיש", וואָס ווערט באַטראַכט פון מיליאָנען אין דער וועלט ווי דער שפּיץ פון פּראָגרעס, זאָל די יוסטיץ־ווילקיר זיין אַ סך גרעסער און געמיינער ווי די יוסטיץ אין אַ לאַנד, ווו עס הערשט אָפן די נאַקעטסטע אומגערעכטיקייט, די נאַקעטסטע געוואַלט?

אָט דאָס האָב איך געוואָלט באַווייזן מיטן פאַל מאַנדעלאַ; און כ'האָב דאָס באַוויזן...

אין נאָמען פון הויכע פּרינציפּן...

אין שאַנכײַ, אין גאָר אַ שלעכטער צײַט, האָב איך זיך געוווּנדט צו אַ ייִדן מיט אַ גאָר גוטן נאָמען (ער האָט געהייסן כּאַראָש, וואָס אויף רוסיש הייסט עס — „אַ גוטער", „ער איז גוט"), ער זאָל מיר געבן אין זײַנע גרויסע געשעפטן עפּעס אַן אַרבעט...

אין „בריוו אין רעדאַקציע", אין רעדעס ביי פּאַסיקע געלעגנ־הייטן, האָט ער אויסגעדריקט אַ סך ענטוזיאַזם פאַר מײַנע אַרטיקלען און ביכער אין דער רוסישער שפּראַך (קיין ייִדיש האָט ער נישט געלייענט און נישט גערעדט), האָב איך גערעכנט, אַז זײַן ענטוזיאַזם וועט סטייען אויך אויף צו געבן מיר אַ שטיקל שטעלע...

זײַן ענטפער אָבער איז געווען אַן אויסטערלישער:

— איך זאָל אײַך געבן אַ שטעלע אין איינעם פון מײַנע גע־שעפטן? איך זאָל אײַך אָפּרייסן פון שרײַבטיש?! איר דאַרפט זיצן בײַם שרײַבטיש און שאַפן. איך וועל קיין מאָל נישט פועלן בײַ זיך אָפּצורייסן אײַך פון שרײַבטיש, — דאָס וואָלט געווען זײַן אַ פאַר־ברעכן פון מײַן זײַט!...

— טאָ גיט מיר אַ מעגלעכקייט אי צו זיצן בײַם שרײַבטיש און אַרבעטן, און אי צו קאָנען לעבן מיט מײַן פאַמיליע פון מײַן שרײַבן...

דערויף האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען, ווייל....

דאָ דאַרף איך דערציילן איינס פון די כאַראַקטעריסטישע אייגנ־שאַפטן פון אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי ס'איז געווען מר. כּאַראָש.

אַ חוץ דעם וואָס ער האָט געליטן אויף ענטוזיאַזם פאַר ליטע־ראַטור, האָט ער אויך געליטן אויף אַ מאָדנעם פאַל פון טויבקייט: אַז איר פלעגט זאָגן אין דריטן צימער אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט באַדאַרפט הערן, פלעגט ער דאָס גלייך דערהערן... אַז איר פלעגט אָבער זאָגן צו אים גלייך אין אויער אַרײַן אַ זאַך, וואָס ער האָט יאָ באַדאַרפט הערן, פלעגט דאָס אײַך קיין מאָל נישט געלינגען... יעדנ־פאַלס פלעגט ער זאָגן אַז ער הערט נישט...

און איר האָט אים געמעגט ערלעך גלויבן: ער האָט מיט זײַנע טויבע אויערן גוט געהערט גייסטיקע געשרייען, אָבער נישט קיין געשרייען וועגן נידעריקע מאַטעריעלע זאַכן...

דערויף איז ער באמת געווען טויב...

פאַראַן אַ סך אַזעלכע דערהויבענע נשמות: זיי הערן נאָר די שטים פון דערהויבענע געפילן, נישט פון די נידעריקע ערדישע פאַרלאַנגען...

מר. כאַראַש איז נישט געווען קיין צופעליקער יחיד, — ער איז אַ מיטגליד פון אַ צאַלרייכן שטאַם, וואָס מאַכן פול די וועלט...

דיכטונג איז דעם מענטשנס אַ פּסיכישע נויטווענדיקייט

נחמן בלומענטאַלס אַרטיקל „לידער און מעלאָדיעס אין די געטאָס און לאַגערן" („יידישע פאָסט" פון 15־טן מאַי 1964) איז נאָך אַ באַווייז (אויב עמיצער נויטיקט זיך נאָך אין אַ צוגאָב־באַווייז), אַז דיכטונג איז אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט פאַרן מענטשן, כמעט אַ ביאָלאָגישע אָדער פּסיכישע נויטווענדיקייט פאַר אים.

דאַכט זיך, אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז נישט געווען קיין מער נישט־צוגעפּאַסט אָרט פאַר שאַפן לידער און פאַר זינגען, ווי די לאַגערן און געטאָס, און דאָך — וויפל דיכטער עס האָבן זיך דאָרט פאַנאַנדערגעבליט, וויפל מענטשן עס האָבן זיך דאָרט געריסן צו דיכטונג. נישט אַלע האָבן דערגרייכט צום ציל, אָבער אָן אַ שיעור האָבן זיך געריסן צו אים. אין יענעם יאָמער־טאָל האָבן זיי דעם אוצר פון דיכטונג געהיט ווי דאָס טייערסטע פאַרמעגן זייערס.

פאַר די לעצטע 15־17 יאָר האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט אַ סך מאָל צו אילוסטרירן מיין דאָזיקע טעזע אין מיינע אַרטיקלען, אָבער יעדעס מאָל כאַפּ איך זיך צו צו דער קלענסטער געלעגנהייט זיך אומצוקערן צום דאָזיקן וויכטיקן פונקט פון מענטשלעכן שאַפן, צו זיין גייסטיקן אויסלעבן זיך.

„ס׳איז באמת צו שטוינען, — זאָגט נחמן בלומענטאַל, — וויפל לידער ס׳זענען אַנטשטאַנען אין דער צייט פון אומקום און אויפשטאַנד. אומעטום, ווו ס׳האָבן זיך געפונען יידן, זענען אַנטשטאַנען לידער.. ביז צום טויטן־לאַגער, ביז צו דער קרעמאַטאָריע ממש האָט דאָס ליד באַגלייט דעם יידן".

פאַר דעם, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעם פון דיכטונג, מיט דער דערשיינונג „דיכטונג“, ווי אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָב־לעם, ווי אַ ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיקייט פאַרן מענטשן, איז דאָס נישט קיין איבעראַשונג, — מען האָט דאָס געקאָנט דער־וואַרטן.

„ס׳איז אַ פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם, — זאָגט ווייטער בלומענטאַל, — אויסצוטייטשן דאָס דאָזיקע לעכצן נאָך לידער, דאָס זינגען אין באַהעלטעניש, טיילמאָל שטיל, דער שונא זאָל נישט הערן“.

יאָ, דאָס אַלץ באַווייזט דראַסטיש, אַז דיכטונג איז נישט קיין צוטראַכטעניש פון לידיקגייערס, נישט קיין לוקסוס־אַרטיקל. וואָלט דאָס געווען אַ לוקסוס־באַשעפטיקונג, וואָלט מען אין די לאַגערן נישט געשאַפן קיין לידער, — ווו־ווו, דאָרט איז אַוודאי נישט געווען קיין אָרט פאַר לוקסוס־אַרטיקלען, — נאָר פאַר נויטווענדיקייטן.

דיכטונג קומט דאַן, ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ „ממעמקים“־שטימונג, ווען מען רופט צו גאָט. און דיכטונג איז אַ מין תּפילה, אַ מין רופן צו גאָט פון ממעמקים, פון דער טיפסטער נשמה־נויט.

דער מענטש האָט אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש אויסצודריקן אין ווערטער, אין תּפילות ווי אין לידער (און אָפט איז שווער אונטערצו־שיידן צווישן אַ תּפילה און אַ ליד), זיין פרייד און זיין טרויער. ווען דער מענטש זינגט אויס זיין פרייד — פאַרשטאַרקט ער זי, מאַכט ער זי פאַר זיין געפיל אומשטערבלעך; און דאָס זעלבע איז אויך מיטן אויסזינגען זיין טרויער. דאָס געבן אַן אויסדרוק זיין פרייד און זיין טרויער, גיט זיי צו אַ זין, וואָס שטייגט איבער זייער מאָמענטאַלן זין — און דאָס מאַכט גרעסער זיין פרייד און מאַכט קלענער — דורך געבן אים אַ זין — זיין טרויער.

איך האָב אַ מאָל איינעם פון מיינע עסייען וועגן דיכטונג אָנגע־רופן „דיכטונג ווי אַ ווילן צו אומשטערבלעכקייט“. אָט די אומצאָליקע לידער פון די געטאָס און פון די לאַגערן, ווו מענטשן האָבן געלעבט אונטערן שאָטן פון כּסדרדיקן טויט, באַווייזן ווי ריכטיק עס איז גע־ווען יענע דעפיניציע פון דיכטונג. און דאָס באַווייזט אויך ווי טיף מענטשלעך די קרבנות זענען געבליבן ביז זייער לעצטן אָטעם. זיי האָבן געוואָלט זיך אַרויסראַטעווען פון דער אַלמעכטיקייט פון טויט, וואָס האָט געלויערט אויף זיי יעדע מינוט פון זייער לעבן, און מיט

דער הילף פון דיכטונג איז דאָס זיי געלונגען, — זיי האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט פון טויט אין אומשטערבלעכקייט אַריין נישט מליצהדיק גערעדט, נאָר אין זייער לעבעדיקסטן געפיל, געבנדיק אַ דיכטערישן אויסדרוק זייער ווילן צו אומשטערבלעכקייט.

אָט דער גרויסער ענין פון דיכטונג ווי אַ ווילן צו אומשטערב־לעכקייט איז צום שטאַרקסטן אויסגעדריקט געוואָרן אין ספר „איוב", ווען איוב זאָגט:

„הלואי ווערן נאָר אויפגעשריבן מיינע ווערטער! הלואי ווערן זיי אין אַ בוך פאַרצייכנט!... מיט אַן אייזערנער פען און בליי אויף אייביק אין פעלדז איינגעקריצט!"

אָט דאָס געפיל האָבן אויך געהאַט די יידן אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערן, — אויף דער שוועל פון די קרעמאַטאָריעס, — זייערע לידן זאָלן איינגעקריצט ווערן אויף אייביק אין פעלדז, וואָס קרישלט זיך נישט...

אָט דער איוב־געפיל איז ביי זיי און ביי איובן געווען דער זעל־בער — זייער פּיין זאָל דערגיין צום לעצטן מענטשן אין זייער ליד, אין זייער דיכטערישן אויסדרוק...

אָט דאָס איז די לייזונג פון פּסיכאָלאָגישן פּראָבלעם — פונעם דיכטן און זינגען אין די געטאָס און אין די לאַגערן...

אַ האַלבער אמת — איז אַ גאַנצער ליגן...

אויב איר דאַרפט נאָך האָבן באַווייזן אַז אַ האַלבער אמת איז אַ גאַנצער ליגן, — איז נאָט אייך: לעצטנס, צוליבן ווערק פון נאַציזם אין אַזוי פיל לענדער, איז ער ווידער געוואָרן צאַפּלדיק אַקטועל. און זייער אַ סך זשורנאַליסטן פאַרנעמען זיך מיט אים, — מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, איצטיקייט און צוקונפט.

די הויפּט־מחותנים אויף דער דאָזיקער טרויעריקער חתונה זענען, נאַטירלעך, די קאָמוניסטן. זיי האָבן אָן אַ שיעור טענות פאַר־וואָס מען האָט די נאַציס אַזוי שוואַך באַשטראָפט, פאַרוואָס מען האָט געשוויגן וועגן זייערע פאַרברעכנס, ווען זיי האָבן זיך מיט דעם פאַר־

נומען 24 שעה אין מעת־לעת, אויף דער גאַנצער פּאַרע, א.אַז.וו., א.אַז.וו.

וועלכער אַנשטענדיקער מענטש וועט פּועלן ביי זיך צו זאָגן אַז זיי זענען נישט גערעכט, אַז זייערע טענות זענען נישט אמת און באַ־רעכטיקט?

אָבער דער אומגליק איז, וואָס זייערע טענות זענען אַ האַלבער אמת, און במילא — אַ גאַנצער ליגן!

זיי האָבן טענות צו די דעמאָקראַטיעס, אַפילו צו די אומגליק־לעכסטע פון די אומגליקלעכע — צו די יידן אין די געטאָס, — אויך זיי זענען באַגאַנגען דעם פאַרברעכן פון וויניק קעמפן קעגן היטלע־ריזם... און די קאָמוניסטן — אויך די יידישע, נאַטירלעך, קאָנען זיי דאָס נישט מוחל זיין...

אָבער זיי לאָזן קיין וואָרט נישט פאַלן וועגן דעם, וואָס זיי, די קאָמוניסטן, האָבן געטאָן און נישט געטאָן אין יענער צייט, און וואָס זיי טוען און טוען נישט אויך היינט.

מיר האָט אַ מאָל געשריבן משה גראָסמאַן, אַליין אַ געוועזענער קאָמוניסט (ביז זיינע זיבן יאָר אין ראַטנפאַרבאַנד — פון זיין קומען קיין ביאַליסטאָק אונטער די באָלשעוויקעס, ביז זיין צוריקקומען פון ראַטנפאַרבאַנד קיין מערב־אייראָפּע), אַז ווען ער איז געקומען פון וואַרשעווער געטאָ קיין ביאַליסטאָק און געוואָלט מאַכן אַ קלישע פון מיטגעבראַכטן געלן מגן־דוד פאַר דער דאָרטיקער יידישער קאָמו־ניסטישער צייטונג, באַגלייט מיט אַ געהעריקן אַרטיקל, האָט מען אים נישט נאָר נישט דערלויבט צו טאָן אַזאַ זאַך — קריטיקירן דעם שותף! — נאָר דער רעדאַקטאָר, אַ יידיש־רוסישער אויסדרעסירטער באָלשעוויק, האָט אים געוואָרנט אַז ער שטעלט זיך אויס אויף סכנות, — די נאַציס טאָר מען נישט קריטיקירן...

לויט קיטשקאָן — דעם רעפּרעזענטאַנט פון קאָמוניסטיש־נאַצישן כוליגאַניזם — האָבן די יידן געלעקט דעם נאַצי־שטיוול — טאָ ווי באַצייכנט מען שוין דאָס, וואָס עס האָט געטאָן די באָלשעוויס־טישע וועלט־מאַכט? זי האָט געקושט היטלערס שמוציקע פּיס און זיך באַלעקט מיט חניפה־גאַווער פאַר דער נאַצישער אידעאָלאָגיע...

אָבער ווער וועט פאַרוואַרפן די קאָמוניסטן אַזאַ פאַרברעכן? זיי טוען דאָס אַלץ לשם מצווה — וועלטבאַפרייאונג! און דאָס גיט זיי אַ הכשר אין פאָראויס אויף אַלע חזירייען...

ווער עס האָט סטאַלינען אין האַרצן, האָט געוואָרפן און וואַרפט שמוץ אויף די אומגליקלעכע יידנראַטלער, וואָס כדי זיך אויסצוקויפן פון זייער שמוציקער אַרבעט, צו וועלכער זיי זענען געצוווּנגען גע־וואָרן דורך אַ טעראָר, פון וועלכן די וועלט האָט נאָך קיין מאָל פון אַזאַ נישט געוווּסט, האָבן זיי באַדאַרפט זיין סופּער־העלדן, מאָראַלישע טיטאַנען; אָבער וויפל אַזעלכע זענען דאָ אין דער גאַנצער מענטש־לעכער געשיכטע? די „הייליקע" באָלשעוויקעס גייט עס אָבער נישט אָן. אַפילו דער אומפאַרגלייכלעכער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס דריי־פערטל פון זיין רום האָבן זיי שוין, אין זייער באַרימטן געשיכטע־שרייבן, קאָנפיסקירט פאַר זיך, קאָן דאָס יידישע פאָלק נישט ראַטעווען מאָראַליש — יעדער יידנראַטלער, אויף דער פאַרלאָזנסטער פּאָזיציע, האָט געמוזט זיין אַ מאָראַלישער טיטאַן, אַנישט איז — קיטשקאָ עליכם, יידן!

אָבער ווער פון די קאָמוניסטן, אַפילו פון די יידישע, האָט גע־פונען מוט ביי זיך פאַרצוואַרפן דעם קרעמל זיין מיטאַרבעט מיט היטלערן, זיין ריינוואַשן אים פון דער שולד פאַר אָנהויבן די מלחמה? מיר האָבן אַ גרויסן אינערלעכן פּראָצעס מיט די יידנראַטלער, אַ פּראָצעס אַ ווייטאָקדיקן, אַ פאַרוויקלטן, אַ פּראָצעס, וואָס סיי די באַ־שולדיקער און סיי די פאַרטיידיקער האָבן אַ סך וואָס צו זאָגן, — אָבער צום ווייניקסטן האָבן רעכט אונדז פאַרצוואַרפן פאַר דעם די קאָמוניסטן, וואָס זענען געקראָכן פאַר די נאַציס אויף די בייכער...

ווער נאָך ווי די קאָמוניסטן וואַרפן פאַר די דעמאָקראַטיעס זייער שווייגן, ווען די היטלער־חיות האָבן געפּראַוועט טאָג־ווי־נאַכט בלוט־אָרגיעס, און ווער נאָך ווי די קאָמוניסטן האָבן פאַרשוויגן די נאַצישע מעשים? ווער נאָך ווי די קאָמוניסטן האָבן פאַרשוויגן כסדר דעם מאָרד איבער אַ גאַנץ פאָלק?

ווער נאָך ווי די קאָמוניסטן האָבן געשטעמפּלט דאָס נישט באַ־שטראָפן ווי געהעריק הונדערטער טויזנטער מאַסן־מערדער, און ווער נאָך ווי די קאָמוניסטן זענען שולדיק אין דאָזיקן חטא?

ווער האָט דער ערשטער אַמנעסטירט „אָגולנע" די קליינע נאַציס, וואָס זיי זענען געווען די ווילקע אויספירער פון די פּלענער פון די גרויסע נאַציס?

אָט גראָד איצט, ביים פּראָצעס איבער 22 אוישוויץ־בעסטיעס, האָט איינער פון די 22, קאַדיוק, דערקלערט מיט גרויס באַדויער, אַז

ער האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער וואָס ער איז פון מזרח־דייטשלאַנד אַנטלאָפן קיין מערב־דייטשלאַנד; פאַרוואָס? ווייל אין רוסלאַנד איז ער פאַר זיינע מעשים טובים פאַרמשפט געוואָרן צום טויט; די שטראָף איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר תפיסה (טויט־שטראָף גיבן זיי דאָרט מיט אַ לייכטן האַרץ נאָר פאַר האַנדלען מיט מחזורים און מצות), אָבער געזעסן איז ער בלויז 9 יאָר און איז אַמנעסטירט גע־וואָרן, און אין מזרח־דייטשלאַנד האָט מען אים שוין נישט געטשע־פּעט. ערשט אין מערב־דייטשלאַנד ווערט ער ווידער געמשפּט פאַר אַלטע זינד...

אמת, קיין גרויס בייז וועט קאַדיוקן אויך אין מערב־דייטשלאַנד נישט געשען, אָבער צו וואָס האָט אים געטויגט דער גאַנצער קלאָפּאָט?

און צענער טויזנטער, פּונקט אַזעלכע פאַרברעכער ווי קאַדיוק, זענען געוועזן קליגער פאַר אים: זיי זאָגן אַז זיי זענען רויט און ביי אַזאַ פאַרב טיילט זיך שוין נישט אויס זייער אויסגעווייקט זיין אין יידיש בלוט... וואָס רויטער — אַלץ „אומשולדיקער“...

זינט 1933, ווען די נאַצישע וואַקכאַנאַליע האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת, האָט נאָך רוסלאַנד קיין איין וואָרט נישט געזאָגט קעגן דעם גענאָסיד פון די נאַציס אויפן יידישן פאָלק. מען רעדט שוין נישט וועגן פּראָטעסטן, אָבער מען האָט דאָס כמעט ווי נישט דער־מאָנט. אמת, רוסלאַנד האָט פּראָטעסטירט, און שטאַרק פּראָטעסטירט איין מאָל, אָבער נאָר קעגן דעם חורבן, וואָס די אַליאירטע האָבן אָנ־געמאַכט אין דרעזדען, ווו מען האָט אין איין נאַכט געטויט פון דער לופט מיט באָמבעס איבער הונדערט טויזנט דייטשישע אוממענטשן. דאָ ערשט האָט זיך אָנגעצונדן דער רוסישער פּאָליטישער רחמנות, — עס קאָנען נאָך דעם קרעמל אַמאָל פאַרפעלן נאַצי־שותפים ביי דער דריטער וועלט־מלחמה...

אַ דיקן בוך קאָן מען אָנפילן מיטן באָלשעוויסטישן שווייגן און פאַרשווייגן; מיט דער באָלשעוויסטישער סליחה ומחילה פאַר מאָרדן אומשולדיקע מיליאָנען; מיטן רוסישן קאָלאַבאָרירן מיט די נאַציס. אָבער גוטע קאָמוניסטן — אויך יידישע — איגנאָרירן דאָס, — זיי האַלטן אַז קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס האָבן בלויז די יידן, וועלכע קיטשקאָ פאָרטרעטירט אין זיינע „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון“, נוסח מאָדערנעם קרעמל; אַז פאַרשוויגן האָט נאָר דער פויפּסט פּיוס דער 12־טער; אַז קיין יידישע פאַרטיזאַנער זענען נישט געוועזן אויף

אַ רפואה, ווייל אַלע יידן זענען געזעסן אין טאַשקענט אויף די פעטע קעסט פון באַלשעוויסטישן, גאַסט־פריינדלעכן ראַטנפאַרבאַנד; אַז דערמאָנען ווענן מיליאָן יידישע פּראָנט־געהרגעטע איז שאָוויניזם, נאַציאָנאַליזם, אַנטי־פּראָלעטאַריש. און דאָס האַלטן אַזוי נישט נאָר גויישע קאָמוניסטן, נאָר אוודאי און אוודאי אויך יידישע; און אַ סך מאָל זענען די יידישע נאָך גרעסערע אָנהענגער פון שווייגן און פאַר־שוויגן, — מען טאָר נישט זיין בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטיש...

יאָ, נישט אַלץ, וואָס די קאָמוניסטן זאָגן איז פאַלש, נישט אמת, — דער פויפּסט און די אַליאירטע האָבן טאַקע פאַרשוויגן אַזאַ קליי־ניקייט ווי אויסמאָרדן אַ זעקס מיליאָן אומגלויביקע; אָבער דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת; דער צווייטער האַלבער אמת איז, אַז דער פויפּסט פון מאָסקווע האָט נישט נאָר אויך פאַרשוויגן דעם מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן, נאָר ער האָט נאָך צוגעגעבן צום דאָזיקן עווערעסט פון פאַרפיניקטע זיין אייגענעם באַרג יידן־קרבנות, — און ער האָט נאָך אַלץ נישט גענוג...; עס איז טאַקע אמת, אַז די מערבֿ־דעמאָ־קראַטיעס האָבן שענדלעך ווייניק באַשטראָפט פאַר הימלשרייענדיקע פאַרברעכנס די דייטשן, אָבער די מזרח־אויטאָקראַטיעס האָבן נאָך ווייניקער געטאָן אויפן דאָזיקן געביט, זיי לאָזן אַרומלויפן אומבאַ־שטראָפט זייערע נאַציס — די אוקראַינישע, ווייסרוסישע, גרויס־רוסישע, פוילישע, ליטווישע, לעטישע, אונגאַרישע, סלאָוואַקישע, קראָאַטישע און ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען?

אַ מעשה מיט אַ מוסר־השכל

מען ווערט אַ מאָל מיד צו שרייבן וואָך־וועכנטלעך וועגן פּאָלי־טישע געשעענישן אין דער ערד וועלט, וועגן געשעענישן אין דער יידישער וועלט, — איז גוט אין אַזאַ פאַל זיך אויסצושליסן פון דער וועלט און זיך אָפּגעבן מיט קונסט לשם קונסט.

אָט האָט זיך מיר דערמאָנט אַ פאָלקס־מעשהלע אָדער אפשר ריכטיקער — אַ פאָלקס־אַנעקדאָט, וואָס זיין טיפער אַלמענטשלעכער מוסר־השכל שטראַלט אַרויס פון אים, ווי שטראַלן פון אַ גוט־געשלי־פענעם בריליאַנט.

איז לאָמיר זיך פאַרנעמען מיט אים און הנאה האָבן פון אַ שטיקל פאַלקס־שאַפונג, וואָס עס קוועלט פון דעם מיט חכמה, מיט מענטש־קענטשאַפט, מיט שיינקייט, וואָס יעדע זאַך, וואָס איז שלימותדיק, פאַרמאָגט עס, מעג עס זיין ווי מיאוס אין גרונט גענומען.

* * *

ס'איז אין אַ שטעטל אַ מאָל געווען אַ ייד וואָס האָט געטראָגן אויף זיך צוויי קרוינען — די קרוין פון אַן אָרימאַן מיט אַ פלאָמבע, וואָס אַלע אָרימעלייט פון שטעטל זענען לגבי אים געווען שטיקלעך נגידים, און די קרוין פון אַן עם־הארץ מיט אַ פלאָמבע.

איז דאָך אָבער די וועלט אַ גלגל החוזר, האָט זיך דאָס רעדעלע איבערגעדרייט און דער קבצן אין זיבן פאָלעס האָט אָנגעהויבן ווערן אַ נגיד, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער עושר.

דאָס שטעטל, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט אָרומגעקוקט אויף אים, האָט אָנגעהויבן דרך־ארץ האָבן פאַרן נייעם, אומגעריכטן גביר: אַז עס גייט אים דורך טיר און דורך טויער — מסתמא איז ער דאָך אַ חכם. איז פריער איינער, דערנאָך אַ צווייטער אַריינגעגאַנגען צו אים פרעגן אַן עצה אין מסחר, ווי צו פאַרדינען אַ גראָשן.

צוערשט איז מען אַריין צו אים בגנבה — מען האָט זיך גע־שעמט פאַר מענטשן, פאַר זיך אַליין; און דעם נייעם גביר גופא איז דאָס אויך געווען „פשיקרע״ — מען קומט צו אים פרעגן עצות? ווי קומט ער דערצו!?...

אָבער ביסלעכוויז האָבן זיך די שטעטלשע יידן צוגעוווינט צו פרעגן און ער האָט זיך צוגעוווינט צו געבן עצות.

און מען האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו גיין צו אים (שוין נישט בגנבה, נאָר אין מיטן העלן טאָג אַפילו), אַז איין מאָל, אין אַ רעגנ־דיקן אָוונט, ווען אַ באַלעבאָסטע האָט געשיקט דאָס דינסטמיידל פרעגן ביים רב אַ שאלה, איז זי אויפן וועג צום רב אַריין צום נעטערן נייעם גביר און אים געפרעגט די שאלה; אויב אַ גאַנץ שטעטל, האָט זי געטראַכט, גייט צו אים נאָך עצות, וועט ער אַ שאלה אויף אַ פופיק אויך קאָנען פסקענען...

צוערשט איז דער נייער גביר געפלעפט געוואָרן: ווי קומט ער, דער עם־הארץ מיט אַ פלאָמבע, צו פסקענען שאלות? אָבער אַז דער ערשטער דינסטס אַ באַקאַנטע איז אויך אַריינגעקומען מיט אַ שאלה,

און עס האָבן געגומען קומען מיט שאלות אַ דריטע, אַ פערטע און אַ צענטע דינסט, האָט ער געגומען טראַכטן אַנדערש: אַ גאַנץ שטעטל איז נישט משוגע! אויב אַלע קומען צו אים מיט שאלות, מסתמא ווייס מען אַז ער איז אַ בן־תורה און ער קאָן פסקענען שאלות נישט ערגער פאַרן רב, דעם אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס...

און אין איינעם אַ טאָג, ווען אַ דינסט איז פון זיין שטוב אַרויס מיט אַ געפּסקנטער שאלה, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב: „זע נאָר, ציפּע־דבורה, כ'האָב גאָרנישט געוווּסט אַז איך בין אַ תלמיד־חכם אויך"...

* * *

אויב די וועלט איז אַ גלגל החוזר, אַ רעדעלע וואָס דרייט זיך, דרייט זיך עס נישט נאָר אין איין ריכטונג, נאָר אַהער און אַהין...

און דאָס רעדעלע, וואָס האָט זיך אַ מאָל געגומען דרייען פאַרן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס אויף אַהין, האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען פאַר אים אויף צוריק: די גבירישאַפט זיינע האָט געגומען אויס־רינען און ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין אַמאָליקן שטאַנד פון אַן אָרימאַן מיט אַ דיפּלאָם...

יידן האָבן אויפגעהערט קומען צו אים נאָך סוחרישע עצות און דינסטמיידלעך האָבן אויפגעהערט קומען צו אים ער זאָל פסקענען שאלות...

און איין מאָל, זיצנדיק אַזוי פאַראומערט פון זיין איינזאַמקייט, פון פאַרלירן די אומגעריכטע גדולה פון צוויי גאַנץ אַנדערע קרוינען ווי אַמאָל — די קרוין פון חכמה און די קרוין פון תורה, האָט ער מיט גרויס פאַרביטערונג אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב ציפּע־דבורה:

— הערסט, ציפּע־דבורה, איך זיץ און טראַכט און טראַכט און קאָן דאָס נישט באַנעמען: מילא, דאָס געלט האָב איך פאַרלוירן, האָט מען אויפגעהערט קומען צו מיר נאָך סוחרישע עצות; אָבער די תורה האָב איך דאָך נישט פאַרלוירן, טאָ פאַרוואָס האָט מען אויפ־געהערט קומען צו מיר איך זאָל פסקענען שאלות?...

* * *

איך ווייס נישט צי ציפּע־דבורה האָט איר מאַן געקאָנט געבן אויף זיין קשיא דעם ריכטיקן תירוץ...

אָבער הגם מיר, די מעשה־צוהערער, קאָנען אים יאָ געבן דעם ריכטיקן תירוץ, איז אָבער געשמאַקער צו שמייכלען מיט די אויגן און גאָרנישט ענטפערן, ווייל דעם שטומען קלוגן ענטפער פון דעם מעשהלע וועט קיינער נישט איבערשטייגן...

נאָר דאָס קלוגע בלינצלען מיט די אויגן קאָן איבערגעבן דעם גאַנצן זאַלץ און פעפער, וואָס ליגט אין דער שאלת תם פון אַ מענטשן, וואָס לעבט זיך איין מיט אַן איינרעדעניש און נעמט דאָס שוין אַן ווי אַ גוטע מטבע...

„פאָלקס־ראָמאַנען"

אינעם ראש־השנה־נומער פון פועלי־ציוניסטישן „יידישער קעמפער" (ניו־יאָרק, 16־טער סעפּטעמבער, 1960) געפינט זיך מלך ראַוויטשעס אַן אַרטיקל, אַ קאַפּיטל פון זיין „מעשה־בוך פון מיין לעבן" (אגב: זייער אַ שיינער נאָמען פאַר אַן אויטאָביאָגראַפיע). רעדט זיך דאָרט וועגן יהושע פערלע, וועלכער האָט „געשריבן פאָלקס־ראָמאַנען מיט אַ סענסאַציאָנעלן אינהאַלט, ראָמאַנען, וואָס האָבן זיך געצויגן יאָרן אין די טעגלעכע צייטונגען, און אָט די ראָמאַנען האָט ער אונטערגעשריבן מיט דריי שטערנדלעך ***".

וואָס הייסט אָבער „פאָלקס־ראָמאַנען"? וואָסער דעקונג ליגט הינטערן דאָזיקן נאָמען? וואָס וויל ער אונדז זאָגן, אַנטפּלעקן? ווייל סוף־כל־סוף וויל דאָך — און דאַרף דאָך — יעדעס וואָרט, יעדער באַגריף עפּעס זאָגן, אַנטפּלעקן.

זאָגט מען „פאָלקס־לידער", ווייסט מען וואָס עס מיינט: לידער, געשאַפן דורך אַנאָנימע מחברים, ספּאָנטאַנע פאַרשטייער פון אַ מענטשן־קאָלעקטיוו, פון אַ פאָלק, און דאָס גאַנצע פאָלק זינגט זיי, ווייל זיי דריקן אויס דעם פאָלקס ליידן און פריידן אין אַ פאָלקס־נוסח; זאָגט מען „פאָלקס־מעשיות", ווייס מען אויך וואָס עס מיינט: מעשיות, געוועבט און דערציילט דורך אַנאָנימע מעשהלעך־דערציילער אין אַ פאָלקס־נוסח, וואָס דריקן אויס דעם פאָלקס געמיט, זיינע גלויבונגען, זיינע פאַנטאַזיעס און האָפענונגען; „פאָלקס־ווערטלעך",

„פאָלקס־עפּאָס", האָבן אויך אַ קאָנקרעטן אינהאַלט; אָבער וואָס מיינט „פאָלקס־ראָמאַנען"? דאָס, וואָס י. פּערלע האָט זיך געשעמט אונטערצושרייבן זיינע „פאָלקס־ראָמאַנען" מיט זיין נאָמען, מאַכט זיי נאָך נישט פאַר אַנאָנים — אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי האָבן אַן אינדיווידועלן טאַטן; און זאָגן אַז זנות־ראָמאַנען זענען אין יידישן פאָלקס־גייסט, קאָן מען, דאַכט זיך, אויך נישט, — וואָס־וואָס, זנות איז נאָך אַפילו היינט נישט טיפּיש פאַרן יידישן פאָלקס־גייסט און פאָלקס־מענטש. אמת, אונדזער לעבן איז אין זין פון צניעות שוין נישט דאָס, וואָס געווען. סיי אין אונדזער לעבן, סיי אין אונדזער ליטעראַטור איז דאָ אַ סך זנות, אָבער זנות איז נאָך אַלץ נישט קיין סימן מובהק פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט, און זנות־ראָמאַנען קאָנען נישט אָנגערופן ווערן „פאָלקס־ראָמאַנען", סיידן ווערטער הערן אויף צו האָבן אַן אינהאַלט, אַ זין. דאָס וואָרט־פּאָרל „פאָלקס־ראָמאַנען" באַקומט אַ זין ערשט דאַן, ווען מען נעמט באַגריפן, אַז אָט די ווערטער ווערן באַנוצט נישט כדי עפּעס אָפּצודעקן, נאָר כדי עפּעס צוצודעקן. היות פּערלעס דריי־שטערנדלעך־ראָמאַנען זענען באַרימט געווען ווי זנות־ראָמאַנען, ווי שונד־ראָמאַנען, האָט ראַוויטש, — פון פּיעטעט צו זיין פריינד, — די באַקאַנטע קלאָרע באַצייכענונגען פאַרביטן אויף אַזאַ נעפּלהאַפטער באַצייכענונג ווי „פאָלקס־ראָמאַנען".

אגב, איז דאָס אין גייסט פון דער צייט, וואָס אויב זי דאַרף עפּעס אויסבאַהאַלטן, באַהאַלט זי עס אויס הינטער אַ „פאָלקס"־שירמע. אַ „דעמאָקראַטיע" וואָס איז אַ דיקטאַטור, ווערט אַ „פאָלקס־דעמאָקראַטיע"; אַ פאַרטיי־געריכט וואָס נעמט נקמה פון פאַרטיי־קעגנער, ווערט אַ „פאָלקס־טריבונאַל"; פאַרקויפטע שרייבער און אַרטיסטן ווערן „פאָלקס־שרייבער", „פאָלקס־אַרטיסטן"; און שונד־ראָמאַנען פון אַ פריינד ווערן „פאָלקס־ראָמאַנען"...

צי וואָלט אָבער נישט בעסער געווען אין גאַנצן צו פאַרשווייגן אָט דעם פּרט פון פּערלעס ביאָגראַפיע (דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון „מעשה־בוך פון מיין לעבן" וואָלט גאָרנישט פאַרלוירן אָן דעם), איידער פּרוּוון מאַכן דעם לעזער צום נאַר מיט זינלאָזע פראַזן ווי „פאָלקס־ראָמאַנען"?...

דאַן ווען מען וויל נישט אָדער מען קאָן נישט אָדער מען דאַרף נישט זאָגן דעם אמת, איז דאָס בעסטע גאָרנישט צו זאָגן...

נאָכוואָרט

דאָס סאַמע שווערסטע פאַר אַ שרייבער איז דאָס אַרויסגעבן אַ בוך פון צוואַנציק דרוק־בויגן, פאַר וועלכן עס געפינען זיך אין מחברס שופלאָד אַ גוזמא מאַטעריאַלן, — מען ווייס נישט וואָס פריער אַריינצוגעבן.

עס איז אַ שאָד אַזוי פיל מאַטעריאַלן איבערצולאָזן אויף אַ מיטאָגלאַגישן שפּעטער (אויף משיחס צייטן ? !) און וואָס לאָזט מען מחוץ די צוואַנציק דרוק־בויגן ? וואָס פאַרדינט פאָדערהאַנט ? וואָס איז בילכער אַריינגענומען צו ווערן אין די גליקלעכע צוואַנציק בויגן ?

ווי איר זאָלט נישט וועלן זיין באַרעכנט, אָנפּניותדיק גערעכט, אָביעקטיוו צום מאַטעריאַל, דאַכט זיך אייך יעדע רגע, אַז איר זענט נישט גערעכט, נישט אָביעקטיוו, איר האָט פּניות ביים אויסוויילן דעם מזלדיקן מאַטעריאַל.

מעגט איר הונדערט מאָל וועגן און מעסטן, זענט איר אַפילו ביי דער הונדערטסטער רעוויזיע אומבאַפרידיקט. איר זענט קיין מאָל נישט יוצא מיט אייער אויסוואַל, ווי איר זאָלט באַגיין אַ פערזענלעכע עוולה. איר זענט הילפלאָז יוצא צו זיין, ווי איר זאָלט זיך נישט לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט...

דאָס בוך „ריזן און קאַרליקעס אונטער איין דאַך" איז אַ קינד פון אַ קאָלעקטיוון אָנשטרענג.

דער סאָלידער פונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן דורך איין פערזאָן, אַ מין למד־וואָווניק פון סידנעי, אַ ייד וואָס קהלט זיך נישט, וואָס האָט זיך אַליין באַשטייערט מיט אַ באַדייטנדיקער סומע — ה. טאַנדאָווסקי.

אויף זיין סאָלידן פונדאַמענט האָט אַ גרופּע מעלבורנער ענטוזיאַסטן פאַרן יידישן בוך ווייטער געבויט אונטערן באַשיידענעם נאָמען : „י. ראַפּאַפּאָרט בוך־קאָמיטעט".

מיין האַרציקן דאַנק דעם פונדאַמענט־לייגער און די אויספאַרטיקער פון בנין.

י. ראַפּאַפּאָרט

נאָוועמבער, 1968.

ביכער פון זעלבן מחבר

1) ערשטער שניט נאָכן שטורעם, 444 זייטן;

2) טראָפּנס גלויבן, 278 זייטן;

3) העלדן און קרבנות פון דער איבערגאַנגס־צייט, 298 זייטן;

4) אויסגעריסענע בלעטער, 415 זייטן;

5) תנ"ך־אימפּראָוויזאַציעס, 260 זייטן;

6) פייערלעך אין נעפּל, 422 זייטן;

7) זוימען אין ווינט, 500 זייטן;

8) מהות פון דיכטונג, 321 זייטן;

9) פראַגמענטן פון אַ לעבן, 370 זייטן.